ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# בבא בתרא

בלשון הקודש
ואידיש

**222**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת בבא בתרא

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי,
הנמצאות במסכת בבא בתרא

עם פירוש רש״י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש״א, הרי״ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש״ס, וציוני המקראות בתנ״ך, והגהות הב״ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
**נעתק על ידי ה״ר יוסף מאיר יעב״ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

פירוש

בבנין. שהיה גובהו מאה לאמה כדתנן במס' מדות: בשנים. בית האחרון ת"י שנים ובית שני ת"ך שנה:

# מסכת בבא בתרא

(דף ג) (מגי ב) **א** גדול יהיה כבוד הבית הזה האחרון מן הראשון רב ושמואל ואמרי לה רבי אלעזר ור' יוחנן ח"א בבנין וח"א (ע"ב) בשנים ואיתא להא ואיתא להא:

**ב** הורדוס עבדא דבית חשמונאי הוה נתן עיניו באותה תינוקת יומא חד שמע [ההוא גברא] בת קלא דהות קאמרה כל עבדא דמריד השתא מצלח קם קטלינהו לכולהו מרוותיה ושיירה לאותה תינוקת כד חזת ההיא תינוקת דקא בעי למנסבה סליקא לה לאיגרא [ורמא קלא] ואמרה כל מאן דאתי ואמר מרבית חשמונאי קאתינא עבדא הוא דלא אשתייר מינייהו אלא ההיא ינוקתא וההיא ינוקתא (תפול ותימות השתא) נפלה [מאגרא לארעא] (לה ומתה) טמנה בדובשא שבע שנים א"ד בא עליה וא"ד לא בא עליה מ"ד בא עליה [הא דטמנה] ליתיביה ליצריה למ"ד לא בא עליה ל"ל למעבד הכי

## פרק ראשון

**א** גדול. אין פסוק שטייט עס וועט זיין גרויס דער כבוד פון דעם בית המקדש איז דער לעצטער. מער פון דעם כבוד וואס עס איז געווען ביי דעם ערשטין בית המקדש. מיט וואס וועט זיין דער כבוד מער: רב אונ שמואל קריגען. אנדערע זאגין רבי אלעזר אונ רבי יוחנן קריגען. איינער זאגט דער כבוד איז וייל דער לעצטער בית המקדש איז געווען העכער גיבאהט וויא דער ערשטער בית המקדש. דער ערשטער בית המקדש איז געווען הויך הונדערט איילין. אונ דער אנדערער בית המקדש איז געווען הויך דרייסיג איילין. אונ איינער זאגט דער כבוד איז וייל דער לעצטער בית המקדש איז געשטאנען מער יאהרין וויא דר ערשטער בית המקדש. דער ערשטער בית המקדש איז געשטאנען פיר הונדערט מיט צעהן יאהר. אונ דער אנדערער בית המקדש איז געשטאנען פיר הונדערט מיט צוואנציג יאהר. אונ די אלע זאבען איז אמת. דער לעצטער בית המקדש איז געוען העכער וויא דער ערשטער אונ ער איז געשטאנען לייגגער וויא דער ערשטער:

**ב** הורדוס איז געווען אקנעכט ביי דיא חשמונאים. האט ער גיגעבין זיינע אויגען אויף אמיידיל פון דיא חשמונאים ער זאל זיא נעמען פאר אווייב. איין טאג האט הורדוס גיהערט אקול פון הימעל וואס זאגט דער קנעכט וואס וועט זיך איצט בעפרייען פון זיין בעל בחשמונאים. גאר דיא מיידיל האט ער גילאזט לעבין. וויא דיא מיידיל האט גיזעהן אז הורדוס גאנץ הויך אונ האט געזאגט ווער עס וועט קומען זאגין איך בין גיבארין פון דיא משפחה חשמונאים. איז ליגען. נאר ער איז אקנעכט פון דיא חשמונאים. ווארום פון דיא משפחה איז נים מער געבליבען גאר דיא מיידיל. ודאס האט זיא גזאגט אויף זיך). אונ די מיידיל וועט באלד אראפ פאלען אונ גיהרגת ווערין. אונ זיא איז טאקי אראפ גיפאלען פון בוידים אויף די ערד. אונ איז גיהרגת גיווארין. האט הורדוס בעהאלטען דאס מיידיל אין האניק זיבען יאהר. אנדערע זאגין ער האט מיט איר מזנה געווען נאך איר טויט. אונ אנדערע זאגין ער האט מיט איר נים מזנה גוועזן נאך איר טוט. די וו - זאגין ער הט מיט איר מזנה גוועזן נאך איר טוט. דריבר הט ער זי בעהאלטען אין האניק זיא זאל זיין פריש ווי אלעבעדיגע ער זאל שטילען זיין יצר הרע אונ תאוה. וואס ער האט צוא איר גיהאט. אונ דיא וואס זאגין ער האט מיט איר נים מזנה גיוועזן נאך

הכי כי היכי דניפוק ליה שם דנכיב בת מלכא אמר מאן דריש (דברים כ) מקרב אחיך תשים עליך מלך רבנן קם קטלינהו לכולהו רבנן שייריה לבבא בן בוטא למיסב עצה מיניה (דף ו) אהדר ליה כלילא דיאלי ונקרינהו לעיניה יומא חד אתא ויתיב קמיה א"ל הזי מר האי עבדא בישא מאי עבד (קם קטלינהו לכולהו רבנן וקטלינהו לכולהו מרוותיה) א"ל מאי איעבד ליה א"ל נלטייה מר א"ל כתיב (קהלת י) גם במדעך מלך אל תקלל א"ל האי לאו מלך הוא א"ל לא יהא אלא עשיר דכתיב (שם) ובחדרי משכבך אל תקלל עשיר [לא יהא אלא נשיא וכתיב ונשיא בעמך לא תאור] א"ל (והכתיב (שמות כג) ונשיא בעמך לא תאור) בעושה מעשה עמך [והאי לאו עושה מעשה עמך] א"ל מסתפינא איכא איניש דשמע מלתא ואזיל ומודע ליה א"ל השתא מיהא ליכא איניש גבן א"ל (קהלת י) כי עוף השמים יוליך את הקול . א"ל אנא הוא אי הוה ידענא דצניעיתון כולי האי לא הוה קטילנא לכו השתא מאי תקנתיה דההוא גברא א"ל הוא

אהדר ליה כלילא דיאלי. הקיפו מתגמיץ ילה והוא שרץ שקורין הריצו"ן ונעלו קוצין כמחטין ועשה לו עטרה מעורו סביב עיניו : הגהה מיסת אלא

---

נאך איר טויט . צוא וואס האט ער זיא געהאלטען אין האניק . ער האט געוואלט עס זאל ארויס גיין אויף אים אנאמען אז ער האט גענומען א טאכטער פון א מלך פאר א ווייב . ווארום דיא חשמונאים זענען געוועזן מלכים . דער נאך האט הורדוס גזאגט ווער דרשת דעם פסוק מקרב אחיך תשים עליך מלך . דוא זאלסט נעמען אויף דיר א מלך נאר פון דיינע ברידער . נאר פון יודין . דאס דרשנן נאר דיא רבנן . דריבער ווילען זייא ניט איך זאל זיין א מלך : איז ער געגאנגען אונ האט געהרגת אלע רבנן . נאר דעם תנא בבא בן בוטי האט ער געלאזין לעבין . ער זאל האבען ביי וועמען צוא פרעגין א עצה : אונ ער האט גענומען דיא פעל פון א שרץ וואס הייסט יאלי : וואס דיא האר זיינע שטעכין וויא נאדלען . אונ ער האט געמאכט דיא פעל קיילעכדיג אזו דיא אקרוין . אונ האט אן געטאהן דיא פעל צוא בבא בן בוטי אויף דיא אויגען . האבען דיא האר אים אויס געשטאכען דיא אויגען איז ער בלינד געווארין . א מאהל איז הורדוס געקומען אונ האט זיך געזעצט געגען בבא בן בוטא . ואונ ער האט זיך ניט געגעבין צוא דער קענען אז ער איז הורדוס . אונ ער האט גזאגט צוא בבא בן בוטא זאל דער רבי זעהן דער שלעכטער קנעכט הורדוס וואס ער האט אלץ געטאהן . ער האט געהרגת אלע רבנן . אונ ער האט געהרגת זיינע בעלי בתים . האט בבא בן בוטי גזאגט צוא הורדוס וואס זאל איך אים טאהן . האט הורדוס גזאגט צו בבא בן בוטי שעלט אים . האט בבא בן בוטי גזאגט עס שטייט אין פסוק אפילו אין דיינע געדאנקען זאלסטו ניט פלוכין א מלך . האט הורדוס גזאגט צוא בבא הורדוס איז דאך ניט קיין מלך מעגסטו דאך אים פלוכין . האט בבא גזאגט איז ער ניט קיין מלך אבער א רייכער מענטש איז ער דאך . אונ עס שטייט אין פסוק אין דיא צימערין וואו דוא שלאפסט וואס דארט איז קיינער ניטא פון דעסטוועגין זאלסטו ניט פלוכין דעם רייכין . אונ ווען ער וואלט קיין רייכער אויך ניט געוועזן . ער איז נאר אזוי א גרויסער מאן . טאר מען אים אויך ניט פלוכין . ווארום עס שטייט אין פסוק ונשיא בעמך לא תאור . א גרויסען מאן פון דיין פאלק זאלסטו ניט פלוכין . האט הורדוס גזאגט צוא בבא ווען טאר מען אים ניט פלוכין אז ער טוהט וויא דיין פאלק טוהט . ער איז פרום . אבער הורדוס האט דאך ניט געטאהן וויא דיין פאלק טוהט . מעגסטו דאך אים פלוכין . האט בבא גזאגט איך האב מורא אים צוא פלוכין . טאמער וועט א מענטש הערין ווי איך פלוך אים וועט מען אים גיין זאגין . האט הורדוס גזאגט צוא בבא אבער איצט איז דאך קיינער נישטא נעבין אונז . פלוך אים איצט . האט בבא בן בוטי גזאגט עס שטייט אין פסוק דיא פייגלען פון הימעל פירען דעם קול פון מענטשין . האט הורדוס גזאגט צוא בבא בן בוטי איך בין הורדוס . ווען איך וואלט וויסען אז איר זענט אזוי פרום וואלט איך אייך ניט געהרגת . איצט וואס איז מיין תקנה . מיט וואס זאל איך מכפר זיין דיא עבירה . האט בבא בן בוטי גזאגט צו הורדוס

דלגת . סכינו לגד ולאן שומע : ככני מחלל את מקדשי וגו'. כיסיה דקרא מחמד עיניכם : מכהסינא מלכותא . כספים היו למלכי רומיים : מתמלכין . נימלין רבים : אי זייק עלך ספרך כאן . אם נתגאה ככלי מלחמתך שהרגת את בן אדוניך . ספר יוחסין שלך בידים כוה ידעתו שאת עבד : לא רכא ולא בר רכא . לא מלך ולא בן מלך : קלניא מתעביד . נעשה

הוא כבה אורו של עולם ילך ויעסיק באורו של עולם הוא כבה אורו של עולם רבנן דכתיב (משלי ו) כי נר מצוה ותורה אור ילך ויעסוק באורו של עולם בהמ"ק דכתיב (ישעיה ב) ונהרו אליו כל הגוים א"ד הכי אמר ליה הוא סמא עינו של עולם (רבנן) דכתיב (במדבר טו) ואם מעיני העדה ילך ויעסוק בעינו של עולם (ב"ה) דכתיב (יחזקאל כד) הנני מחלל את מקדשי גאון עוזכם מחמד עיניכם א"ל מכהסינא ממלכותא א"ל שדר שליחא ליזיל שתא באורחא וליעכב שתא וליהדר שתא אדהכי והכי סתרת ליה ובנית ליה עבד הכי שלחו ליה אם לא סתרת אל הסתור אם סתרת אל תבנה אם סתרת ובנית עבדא בישא בתר דעבדין מתמלכין אם זייך עלך ספרך כאן לא רכא ולא בר רכא הורדוס עבדא קלניא מתעבד ומנא לן דהאי רכא לישנא דמלכותא הוא דכתיב (שמואל ב ג) ואנכי היום רך ומשוח מלך . אבע"א מהכא (בראשית מא) ויקראו

---

הורדוס דוא האסט פאר לאשין דיא ליכטיגקייט פון דער וועלט : זאלסטו איך באהען דיא ליכטיגקייט פון דער וועלט . ער האט פאר לאשין דיא ליכטיגקייט פון דער וועלט . דאס מיינט מען דיא רבנן וואס ער האט גיהרגת . דיא רבנן זענען דיא ליכטיגקייט פון דער וועלט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיא מצוה איז גלייך צו אליכט . אונ דיא תורה איז דיא ליכטיגקייט . זאל ער גיין אויף באהען דיא ליכטיגקייט פון דער וועלט . דאס מיינט מען דעם בית המקדש . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ונהרו אליו כל הגוים . אלע פעלקער וועלין לייכטען אז זייא וועלין גיין צום בית המקדש . ווייל דיא ליכטיגקייט פון בית המקדש וועט שיינען אויף זייא . אנדערע זאגן אזוי האט בבא בן בוטי גזאגט צוא הורדוס . דוא האסט בלינד גימאכט דיא אויגען פון דער וועלט . דאס זענען דיא רבנן וואס דוא האסט גיהרגת . דיא רבנן זענען גיוועזן דיא אויגען פון דער וועלט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אויב עס וועט פאר הוילין ווערין פון דיא אויגען פון דער עדה : זאלסטו אויך באהען דעם בית המקדש וואס ער איז דיא אויג פון דער וועלט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל פראסט מאכען מיין הייליגקייט וואס דאס איז אייערע גרויסע שטארקייט דיא גלוסטיגקייט פון אייערע אויגען . האט הורדוס גזאגט איך האב מורא פאר דעם מלך פון רוים צוא באהען דעם בית המקדש . האט בבא בן בוטי גזאגט צוא הורדוס שיק אשליח צום מלך פון רוים פרעגין אויב דוא זאלסט באהען דעם בית המקדש . אאיאהר וועט דער שליח גיין אין וועג ביז ער וועט קומען אין רוים . אאיאהר וועט דער שליח זיין אין רוים . אאיאהר וועט דער שליח גיין אין וועג פון רוים ביז אהיים . אין דיא דריי יאהר וועסטו קענען צוא וואַרפען דעם אלטין בית המקדש אונ אויף באהען אנייעם בית המקדש . האט הורדוס אזוי גיטאהן . אונ האט געשיקט אשליח אין רוים . האט דער מלך פון רוים געשיקט צו הורדוס . אויב דוא האסט נאך ניט צוא ווארפען דעם אלטין בית המקדש . זאלסטו ניט צוא וואַרפען . אונ אויב דוא האסט שוין צוא ווארפען . זאלסטו ניט באהען קיין נייעם בית המקדש . אונ אויב דוא האסט שוין צוא ווארפען דעם אלטין בית המקדש . אונ האסט שוין אויף גיבאהט אנייעם בית המקדש . דיא שלעכטע קנעכט דער נאך ווען זייא האבען שוין גיטאהן פרעגין זייא אויב זייא זאלין טאהן . אויב דיינע גיוועהר איז אויף דיר . וואס דוא האסט גיהרגת דיינע בעלי בתים אבער דיין ספר פון יחוס איז דא פאר שריבען ווער דוא ביסט . לא רכא ולא בר רכא . דוא ביסט ניט אמלך . אונ ניט אזוהן פון אמלך . נאר דער קנעכט הורדוס האט זיך אליין פריי גימאכט . פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז רכא איז דער טייטש אמלך . ווארום עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גזאגט ואנכי היום רך ומשוח מלך . איך בין היינט גיזאלבט גיווארין פאר אמלך . אונ אז ב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין פון דעם פסוק ויקראו לפניו אברך . דיא מצרים האבען

גערופין

ויקראו לפניו אברך . אמרו מי שלא ראה בנין הורדוס לא ראה בנין נאה מימיו במאי בנייה אמר רבה באבני שישא ומרמרא א״ד באבני כוחלא שישא ומרמרא אפיק שפה ועייל שפה כי היכי דלקבל סידא סבר למישעייה בדהבא אמרי ליה רבנן שבקיה דהכי שפיר טפי דמחזי כי אדוותא דימא :

בן חורין מאליו : באבני . שיש ירוק שקורין כ״ש :
ומרמרא . שיש לבן : כוחלא . שיש צבוע כעין כחול :
אדוותא דימא . גלי הים שהם נעים ונדים ושוקעין מהגבהה כראייתן :
נענש דניאל . לקמן מפרש עונשו : מלכי ישפר עלך . עצתי תיטב בעיניך : במחן עניין . ברחמים עניים : הן תהוה ארכא לשלותך . יהא ארוך לשלותך : כלא מטא . כל פורענות החלום בא עליו : לקצת ירחין תרי עשר . ובשביל עצתו של דניאל הלא לו

ג ובבא בן בוטא היכי משיא ליה עצה להורדוס והאמר רב יהודה אמר רב ואיתימא רבי יהושע ב״ל מפני מה נענש דניאל מפני שהשיא עצה לנ״נ דכתיב (דניאל ד) להן מלכא מלכי ישפר עליך וחטאך בצדקה פרוק [ועויתך בכחן ענין הן תהוה ארכא לשלותך וגו ] וכתיב (שם) ולקצת ירחין תרי עשר . אי בעית אימא שאני עבדא דאיחייב במצות ואבע״א שאני בהמ״ק דלא סגי בלא מלכא ומנ״ל דאיענש אילימא משום דכתיב (אסתר ד) ותקרא אסתר להתך ואמר רב התך זה דניאל הא ניחא למ״ד שחתכוהו מגדולתו אלא למ״ד שכל דברי מלכות

---

גערופען פאר יוסף יונגער קעניג . מען האט געזאגט ווער עס האט ניט געזעהן דעם בית המקדש וואס הורדוס האט געבאהט . האט ער אויף זיין לעבען ניט געזעהן קיין שיינע געבאיי . מיט וואס האט ער געבאהט דעם בית המקדש . רבה זאגט מיט גרינע מירמעל שטיין אונ מיט ווייסע מירמעל שטיין . אנדערע זאגען ער האט געבאהט מיט דריי ערליא שטיינער . בלאהע מירמעל שטיין . אונ גרינע מירמעל שטיין . אונ ווייסע מירמעל שטיין . איין שורה שטיינער זענען געווען ארויס אונ איין שורה אריין . דיא וואפנע זאל זיך האלטען . הורדוס האט געוואלט בעקלעבען דיא ווענט מיט גאלד . האבען דיא רבנן צוא אים געזאגט זאל אזוי זיין . אזוי איז שענער . עס זעהט אויס וויא דיא וואלין פון ים וואס אייגער איז ארויף אונ אייגער אראפ אונ דם בלענדט דיא אויגען . אזוי דיא פערשידענע קאלארין פון דיא שטיינער בלענדין אויך דיא אויגען :

ג ובבא . פרעגט דיא גמרא וויא אזוי האט געמעגט בבא בן בוטא געבין אעצה צוא הורדוס מיט וואס ער זאל מכפר זיין זיינע עבירות . רב יהודה האט דאך געזאגט פון רבס וועגן . אנדערע זאגין רבי יהושע בן לוי האט געזאגט פאר וואס איז דניאל געשטראפט געווארין . וויל ער האט געגעבין אעצה צוא נבוכדנצר וואס ער זאל טאהן עס זאל אויף אים ניט מקוים ווערין דער חלום . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דניאל האט געזאגט צוא נבוכדנצר . מלך מיין עצה זאל דיר געפעלין . דיינע זינד זאלסטו אים לייזין מיט צדקה . דיין פאר קריכונג זאלסטו אויס לייזין מיט דיא טובות וואס דו וועסט טאהן צו ארעמע לייט . וועט זיין אדערלייגערונג צוא דיין פרידען : אונ עס שטייט זיין פרידען איז דער לייגערט געווארין ביז צוועלף חדשים . ענפערט דיא גמרא אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין נבוכדנצר איז געווען אעכו״ם האט מען אים ניט גידארפט געבין אעצה . אבער הורדוס איז געווען אקנעכט וואס ער איז געווען פאר באטין צוא טאהן אלע מצות וואס אאשה דארף טאהן . איהם האט מען יא געמעגט געבין אעצה . אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין וויל דער בית המקדש מוז געבאהט ווערין דורך אמלך דריבער איז דאך דיא עצה ניט געווען הורדוס זאל האבין אטובה . נאר דיא יודין זאלין האבין אטובה . דריבער האט מען געמעגט געבין צוא הורדוס דיא עצה ער זאל באהען דעם בית המקדש . אבער דיא עצה וואס מען האט געגעבין צוא נבוכדנצר איז געווען נבוכדנצרס טיבה . דריבער האט מען אים ניט געטארט געבין דיא עצה . פון וואנען ווייסן מיר אז דניאל איז געשטראפט געווארין . זאלין מיר זאגין וויל עס שטייט אין פסוק אסתר האט גירופין איהר בדינער התך . אונ רב האט געזאגט התך איז דניאל . דאס איז רעכט נאך דעם וואס זאגט פאר וואס האט מען אים גירופין התך וויל צה מיט צה ווערין פארטאהשט איז גלייך וויא ער

וואלט

מלכות נחתבין על פיו מאי איבא למימר שהשליכוהו לגוב אריות: (דף ג ע"ב) ובבא בן בוטא היכי אסביה עצה להורדוס למסתריה לבהמ"ק והאמר רב חסדא לא לסתור אינ"ש בי כנישתא עד דבני בי כנישתא אחריתי אבע"א שאני מלכותא דלא הדרא ביה דאמר שמואל אי אמר מלכותא עקרנא טורא עקר ולא הדר ביה (אבע"א תיוהא חזי ביה):

י"ב חודש: תיובה. ביקוש שהיה מזומן ליפול: ולא אשתעי בהדיה. כפי שהפסיק בין העניים הצריכים ולא קולם כשמע: רשות דשורה ארבנן. הטיל יציאת חומת העיר על החכמים כמו [על] שאר בני העיר: חול שטות מועט, ממעשיהם של צדיקים: מגין על הים.

(דף ז ע"ב) **דההוא** חסידא דהוה רגיל דקא משתעי אליהו בהדיה בנה בית שער ולא אשתעי בהדיה:

**ר' יהודה** נשיאה רמא דשורא ארבנן א"ל רשב"ל רבנן לא צריכי נטירותא דכתיב (תהלים קלט) אספרם מחול ירבון (מאי אספרם כחול ירבון אי נימא צדיקים) [אספרם לכאן אילימא לצדיקים דנפישי מחלא) השתא בכולהו ישראל כתיב בהו (בראשית כב) כחול אשר על שפת הים צדיקים דאית בהו נפישי מחלא אלא אלו מעשיהם של צדיקים שאספרם מחול ירבון וק"ו ומה חול שמועט מגין על הים מעשיהם של צדיקים

---

וואלט גיהייסן חתך. חתך איז טייטש אפ געשניטען. מען האט אים אפ געשניטען פון זיין גרויסקייט. דאס איז גיוועזן זיין שטראף. אבער נאך דעם וואס זאגט דריבער האט מען איהם גירופן התך ווייל אלע קעניגליכע זאכען זענען אפ געשניטען גיווארין דורך אים. דאס מיינט מען אין דיא גאנצע קעניגרייך איז קיין זאך ניט גיטאהן גיווארין אן דניאלס עצה. מיט וואס איז דניאל גישטראפט גיווארין. ענטפערט דיא גמרא זיין שטראף איז גיוועזן וואס מען האט אים אריין גיווארפין אין גרוב צוא דיא לייבין. פרעגט דיא גמרא וויא אזוי האט בבא בן בוטא גיגעבין אעצה צו הורדוס ער זאל צווארפין דעם בית המקדש. רב חסדא האט דאך גיזאגט אמענטש טאר ניט צוא ווארפין אשוהל. ביז ער וועט האבין אויף גיבאהט איין אנדער שוהל. ענטפערט דיא גמרא אמלך איז אנדערש. ער מעג צו ווארפען אידער ער באהט; ווייל ער וועט ניט חרטה האבען. ער וועט געוויס אויף באהען. ווארום שמואל האט גיזאגט אויב אמלך זאגט איך וועל אויס רייסען בערג. וועט ער זיא געווים אויס רייסען אונ וועט ניט חרטה האבען; אבער ביי אפראסטען מענטש האבען מיר מורא טאמער נאך דעם צוא ווארפען וועט ער חרטה האבען אונ וועט ניט אויף באהען קיין נייע שוהל. אנדערע זאגין ווייל אין בית המקדש איז גיוועזן פיל שפאלטען אין דיא ווענט אונ מען האט מורא גיהאט טאמער וועט אליין איין פאלען. דריבער האט מען אים גימענט צוא צווארפען באלד:

**ד' ההוא**. עס איז אמאהל גיוועזן אחסיד וואס ער איז גיוואוהנט גיוועזן אליהו הנביא זאל מיט אים שמועסין. האט דער חסיד גיבאהט פאר דעם טויער פון זיין הויף אשטיבול. דער היטער פון זיין הויף זאל דארט זיצען. האט אליהו שוין ניט גיוואלט שמועסין מיט דעם חסיד. ווייל דיא ארעמע לייט וועלין ניט קענען אריין קומען אין הויף ווייל דער היטער וועט זייא ניט אריין לאזין. אונ אז זייא וועלין שטיין אין גאס וועט מען ניט הערין אין שטוב זייער גיבעט:

**ה' רבי יהודה נשיאה** האט ארויף גיווארפין אויף דיא רבנן זייא זאלין אויך געבין צוא שטייער גלייך מיט אלע בעלי בתים פון שטאט מען זאל מאכין אמאהער ארום די שטאט. האט רבי שמעון בן לקיש גיזאגט צוא רבי יהודה דיא רבנן דארפין ניט קיין היטונג. ווארום עס שטייט אין פסוק איך וועל זייא ציילין וועלין זייא זיין מער וויא זאמד. ווען מען וועט מען ציילין איך זאל זאגין מען וועט ציילין דיא צדיקים. אונ זייא וועלין זיין מער וויא זאמד. מאראך ביי אלע יודין שטייט זייא וועלין זיין אזוי וויא דיא זאמד וואס געבין דעם ברעג ים. וועלין דיא צדיקים פון דיא יודין זיין מער וויא דיא זאמד וויא אזוי קען דאס זיין. נאר דאס מיינט מען דיא גוטע מעשים פון דיא צדיקים אז מען וועט זייא ציילין וועלין זייא זיין מער וויא דיא זאמד פון ים. איז

דאך

צדיקים שהם מרובים עאכ"ו, כי אתא לקמיה דרבי יוחנן א"ל אמאי לא תימא ליה מהאי קרא (שיר ח) אני חומה ושדי כמגדלות אני חומה זו תורה ושדי כמגדלות (דף ח) אלו תלמידי חכמים והוא סבר לה כדדרש רבא אני חומה זו כ״סת ישראל ושדי כמגדלות אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות (רב הונא) [רב נחמן] בריה דרב חסדא שדא כרגא ארבנן א"ל ר"נ בר יצחק עברת אדאורייתא אדנביאים אדכתובים. אדאורייתא דכתיב (דברים לג) אף חובב עמים כל קדושיו בידך אמר משה לפני הקב"ה רבש"ע אפילו בשעה שאתה מחבב העכו"ם יהיו כל קדושיו בידך. והם תכו לרגלך תני רב יוסף אלו ת"ח שמכתתין את רגליהם מעיר לעיר וממדינה למדינה ללמוד תורה. ישא מדברותיך לישא וליתן בדבריו של מקום. אדנביאים דכתיב (הושע ח) גם כי יתנו בגוים עתה אקבצם ויחלו מעט ממשא מלך שרים אמר (רבא) [עולא] פסוק זה בלשון ארמית נאמר אם כלם יתנו בגוים עתה אקבצם ואם מעט מהם ויחלו ממשא מלך ושרים. אדכתובים דכתיב (עזרא ז)

מנדה

והוא לו חומה כדכתיב אשר שמתי חול גבול לים: אלו ת"ח. שאמא אין צריכין חומה: זו כנסת ישראל. בכולן שוין לענין חומה וגודרין עלמי מליסטים בעכו"ם: שאתה מחבב העכו"ס. ומראה להם פנים להמשילם על בניך: כל קדושיו. של ישראל בידך הם לשומרם: בלשון ארמי נאמר. יתנו תרגום של ישנו כמו ובנהם ותנימן: אם כולם. וכן מנהם יהיו שונים ועוסקים בתורה כשיגלו באומות: עתה אקבלם. בקרוב אקבלם: ויחלו מעט ממשא. וגומר

---

דאך אקל והומר. מאדאך די זאמד וואס זייא זענען ווייניגער וויא די גוטע מעשים פון די צדיקים. פון רעסטווענין בעשיצען זייא אויף דעם ים אזוי וויא עם וואלט געווען אמאהער ארום ים. די גוטע מעשים פון די צדיקים וואס זייא זענען מער וויא די זאמד בעשיצען זייא געוויס אויף די צדיקים אזוי וויא עס וואלט געווען אמאהער ארום זייא. אז ריש לקיש איז גיקומען פאר רבי יוחנן. האט רבי יוחנן גיזאגט צוא ריש לקיש פאר וואס האסטו ניט גיזאגט צוא רבי יהודה פון דעם פסוק. איך בין אמאהער אונ מיינע בריסט זענען וויא די טורעמס. איך בין אמאהער דאס זאגט די תורה. אונ מיינע בריסט זענען וויא די טורעמס דאס מיינט מען די תלמידי חכמים. זעהן מיר אז די תורה איז וויא אמאהער צוא היטען די תלמידי חכמים. אונ ריש לקיש האט געדרשת דעם פסוק אזוי וויא רבא האט גידרשת. איך בין אמאהער דאס מיינט מען די יודין זייא זענען ארום גיצאמט אזוי וויא מיט אמאהער זייא זאלין זיך ניט צוא מישען מיט די פעלקער. אונ מיינע בריסט זענען וויא די טורעמס דאס מיינט מען די שוהלען וואס מען דאווינט אין זייא אונ די בתי מדרשים וואס מען לערינט אין זייא תורה. רב נחמן בריה דרב חסדא האט ארויף גיווארפין פאדאטקעס אויף די רבנן. האט רב נחמן בר יצחק גיזאגט צוא רב נחמן בריה דרב חסדא דוא האסט עובר גיוועזן אויף דער תורה אונ אויף די נביאים אונ אויף כתובים. אויף דער תורה האסטו עובר גיוועזן ווארום עס שטייט אין דער תורה אף חובב עמים כל קדושיו בידך. משה האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם. אף חובב עמים. אפילו ווען דוא האסט ליב די פעלקער אונ דוא מאכסט זייא גיוועלטיגען אויף די יודין. אבער די היליגע צדיקים פון די יודין זאלין זיין אין דיין האנט ניט אין זייער האנט. והם תכו לרגליך. אונ זיי ווערין צו שטויסין פון דיינעטוועגין. רב יוסף האט גילערנט דאס מיינט מען די תלמידי חכמים וואס זייא צו שטויסין זייערע פיס אונ גייען פון איין שטאט צו די אנדערע אונ פון איין מדינה צוא די אנדערע זייא זאלין לערנען תורה. ישא מדברותיך. זייא זאלין זיך בשעפטיגען מיט ביינע רייד. מיט די רייד פון די תורה. זעהן מיר אז די צדיקים זענען ניט אין די האנט פון די פעלקער זייא זאלין דארפין געבין פאדאטקעס צוא די פעלקער. אויף די רייד פון די נביאים האט ער עובר גיוועזן. ווארום עס שטייט אין פסוק גם כי יתנו בגוים עתה אקבצם ויחלו מעט ממשא מלך שרים. עולא זאגט דער גאנצער פסוק איז גיזאגט גיווארין אויף לשון ארמית. ניט אויף לשון קודש. אם כלם יתנו בגוים. אויב אלע יודין וואס זענען צווישען די פעלקער ווערין לערנען. עתה אקבצם. וועל איך זייא שוין פאר זאמלען. ואם מעט מהם. אונ אויב

אביסול

מנדה בלו והלך לא שליט למרמא עליהם ואמר רב יהודה מנדה זו מנת המלך בלו זה כסף גולגלתא והלך זה ארנונא:

(דף ח) ז רבי פתח אוצרות בשני בצורת ואמר יכנסו בעלי מקרא בעלי משנה בעלי תלמוד [בעלי הלכה] בעלי אגדה אבל עמי הארץ אל יכנסו דחק יונתן בן עמרם ונכנס א"ל רבי פרנסני א"ל קרית א"ל לאו א"ל שנית א"ל לאו א"ל א"כ במה אפרנסך א"ל פרנסני ככלב פרנסני כעורב פרנסיה לאחר שיצא יתיב רבי וקא מצטער אמר אוי לי שנתתי פתי לעם הארץ אמר לפניו ר"ש בר רבי שמא יונתן בן עמרם תלמידך הוא שאינו רוצה ליהנות בכבוד תורה [מימיו] בדקו אחריו ומצאו אמר רבי יכנסו הכל רבי לטעמיה דאמר רבי אין פורענות באה לעולם אלא בשביל עמי הארץ כי ההוא דמי כלילא דשדי אטבריא אתו לקמיה דרבי ואמרו ליה ליתבו רבנן בהדן אמר להו לא אמרו ליה ערוקינן א"ל

פירוש

ואף אם מועטים הם השונים בעמים יחלו ממשא מלך ושרים יהיו פטורים מלשאת משא מלך ושרים. יחלו כמו לא יחל דברו: מנדה בלו והלך. דריוש לוה את פחת עבר הנהר על אנשי כנסת הגדולה: מנת המלך. מגבת מכים שהם מטילין תמיד על בני המדינה: ארנונא. עבורי תבואות ובהמה מדי שנה בשנה:

ככלב וכעורב. שחס הקב"ה עליהם שנאמר יודע צדיק דין דלים לפי שהכלב מזונותיו מועטין לפיכך שוהה אכילתו במעיו שלשה ימים וגבי עורב כתיב לבני עורב אשר יקראו לפי שהעורב אכזרי על בניו והקב"ה מזמין להם יתושין מתוך צואתם ואוכלים: דמי כלילא. עטרה למלך קיסר: אתו. עמי הארץ

---

אביסל פון דיא יודין ווערין לערנען. ניחלו ממשא מלך שרים. ווערין זייא זיין פרייא פון צוא געבין פאראטקעס צום מלך אונ צוא דיא שרים. זעהן מיר אז דער וואס לערונט תורה איז ער פרייא פון פאראטקעס. אויף דיא רייד פון כתובים האט ער עובר געוועזן ווארום עס שטייט אין פסוק דער מלך דריוש האט געזאגט צוא זיינע פירשטען מנדה בלו והלך זאלט איהר נישט געוועלטיגען ארויף צוא ווארפין אויף דיא חכמים. אונ רב יהודה האט גיזאגט מנדה איז דיא פאראטקעס וואס דיא מדינה דארף געבין פון הייזער אונ פלעצער: בלו איז קאפ געלט. וואס יעדער מענטש צאלט פאר זיך: והלך איז וואס מען גיט אצעהנטיל פון תבואות אונ פון בהמות צום מלך. פון דיא אלע פאראטקעס זענען חכמים פרייא:

ז רבי האט גיעפענט שפייכלערס תבואה צו טיילען ארעמע לייט אין אהונגער יאהר. אונ ער האט גיזאגט דיא מענטשין וואס האבען גילערונט תנ"ך. אדער משניות. אדער גמרא. אדער דינים. אדער אגדתות. זאלין אריין קומען אין דיא שפייכלערס נעמען עסין. אבער עמי הארצים זאלין ניט אריין קומען. האט יונתן בן עמרם זיך אריין גיקוועטשט אונ איז אריין גיגאנגען אין אשפייכלער. אונ ער האט גיזאגט צו רבי שפייז מיך: האט רבי גיזאגט צו יונתן האסטו גילערונט תנ"ך. האט יונתן גיזאגט ניין: האסטו גילערונט משניות. האט ער גיזאגט ניין. האט רבי צו איהם גיזאגט מיט וואס וועל איך דיך שפייזין. האט יונתן גיזאגט צו רבי שפייז מיך אזוי וויא גאט שפייזט דעם הונט אונ דיא קראה. האט רבי איהם גיגעבין שפייז: דער נאך וויא יונתן איז ארויס גיגאנגען פון שפייכלער. איז רבי גיזעסין אונ האט גיהאט צער. אונ האט גיזאגט וויא צו מיר איך האב גיגעבין מיין ברויט א עם הארץ. האט רבי שמעון דער זוהן פון רבי גיזאגט צו רבי. טאמער איז דאס גיוועזן יונתן בן עמרם דיין תלמיד. וואס ער וויל קיין מאהל ניט הנאה האבין פון דער תורה. האט מען נאך גיזוכט אונ עס איז טאקי אזוי גיוועזן. דאס איז גיוועזן יונתן בן עמרם. דער נאך האט רבי גיזאגט אלע יודין מעגין אריין גיין גישפייזט ווערין פון דיא שפייכלערס: פאר וואס האט רבי ניט גיוואלט שפייזין דיא עמי הארצים. ווייל רבי האט גיזאגט אלע פורעניות וואס קומען אויף דער וועלט. קומט נאר דורך דיא עמי הארצים. אמאהל האט דער מלך ארויף גיווארפען אויף דיא מענטשין פון טבריא זייא זאלין מאכין פון זיינעט וועגין אקרוין. זענען דיא עמי הארצים גיקומען פאר רבי אונ האבען גזאגט זאלין דיא רבנן אויך געבין געלט צוא דיא קרוין. האט רבי צוא זייא גזאגט דיא רבנן ווערין ניט געבין. האבען דיא עמי הארצים גזאגט צוא רבי אויב זיא רבנן וועלין ניט געבין וועלין מיר אנטלויפען פון

שטאט

א"ל ערוקו ערוק פלנא דליוה לפלגא אתו הנהו פלגא קמיה דרבי אמרו ליה ליתבו רבנן בהדן אמר להו לא אמ'ו ליה ערוקינן אמר להו ערוקו ערוק כולהון פיש ההוא כובס שדיוה אכובס ערק כובס פקע בלילא

לקמיה דרבי: דליוה לפלגא. מחל רמלך דמי המכס וסלקם מעליהם: שדיוה אכובס. הטילוה פסות המלך על הכובס:
שבי כולהו איתנהו ביה שהוא ביד העכו"ם לעשות בו כל חפצו אם למות אם להרג אם לרעב:

אמר רבי ראיתם שאין פורענות באה לעילם אלא בשביל עמי הארץ:

ז **איפרא** הורמיז אמיה דשבור מלכא שדרה ארנקי דדינרי קמיה דרב יוסף אמרה ליה תהוי דא למצוה רבה יתיב רב יוסף וקא מעיין בה מצוה רבה מאי היא א"ל אביי מדתני רב שמואל בר יהודה אין פוסקין צדקה על היתומים אפילו לפדיון שבוים ש"מ מצוה רבה (ע"ג) פדיון שבוים הוא. א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמור רבנן מצוה רבה פדיון שבוים הוא [א"ל] דכתיב (ירמיה טו) והיה כי יאמרו אליך אנה נצא ואמרת אליהם כה אמר ה' אשר למות למות ואשר לחרב לחרב ואשר לרעב לרעב ואשר לשבי לשבי וא"ר יוחנן כל המאוחר בפסוק זה קשה מחברו חרב קשה ממות אבע"א סברא ואבע"א קרא. אבע"א סברא האי מינוול והאי לא קא מינוול. אבע"א קרא (תהלים קטו) יקר בעיני ה' המותה לחסידיו. רעב קשה מחרב אבע"א סברא ואבע"א

קרא

---

שטאט. האט רבי צוא זייא גזאגט לויפט. זענען העלפט עמי הארצים אנטלאפין. האט דער קיסר אראפ גענומען פון זייא אהאלבע קרוין. אונ האט גזאגט מען זאל נאר געבין געלט אויף אהאלבע קרוין. זענען דיא העלפט עמי הארצים גיקומען פאר רבי. אונ האבען גזאגט צו אים זאלין דיא רבנן אויך געבין מיט אונז אויף דיא האלבע קרוין. האט רבי גזאגט דיא רבנן וועלין ניט געבין. האבען דיא עמי הארצים גזאגט וועלין מיר אויך אנטלויפען. האט רבי צוא זייא גזאגט לויפט. זענען אלע עמי הארצים אנטלאפין: איז געבליבען אוועשער. האט מען אריף גיווארפען אויף דעם וועשער ער זאל געבין געלט צוא מאכען דיא קרוין. איז דער וועשער אויך אנטלאפין. איז צוא שפאלטען גיווארין דיא קרוין. האט מען ניט גימאכט דיא קרוין. אונ מען הט ניט גזאגט די רבנן זאלין מאכען די קרוין. הט רבי גזאגט איצט זעהט מען אז די פורענות וואס קומט אויף דער וועלט איז נאר דורך די עמי הארצים:

ז איפרא הורמיז דיא מוטער פון מלך פרס: האט געשיקט אבייטיל געלט צוא רב יוסף. אונ זיא האט גזאגט דאס געלט זאל זיין אויף אגרויסע מצוה. איז רב יוסף גיזעסין אונ האט גיקלערט וועלכעס הייסט אגרויסע מצוה. האט אביי גזאגט צוא רב יוסף ווייל רב שמואל בר יהודה האט גילערנט מען נעמט ניט פון יתומים געלט אויף צדקה: אפילו אוים צוא לייזין גיפאנגענע נעמט מען אויך ניט. זעהן מיר אז אוים צו לייזין גיפאנגענע איז דיא גרעסטע מצוה פון צדקה. רבא האט גזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס דיא רבנן האבען גזאגט אוים צוא לייזין גיפאנגענע איז דיא גרעסטע מצוה. האט רבה גזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק אונ עס וועט זיין אז זייא וועלין זאגין צוא דיר וואו הין וועלין מיר גיין: זאלסטו זאגין צוא זייא אזוי האט גאט גזאגט ווער עס דארף שטארבין וועט גיין צום שטארבן: אונ ווער עס דארף גיהרגת ווערין דורך דעם שווערד. וועט גיין צום שווערד. אונ ווער עס דארף שטארבין פון הונגער. וועט שטארבין פון הונגער. אונ ווער עס דארף גיפאנגען ווערין. וועט גיפאנגען ווערין. אונ רבי יוחנן זאגט וועלכעס עס שטייט שפעטער אין פסוק. איז אלץ ערגער פאר דיא פריערדיגע. גיהרגת ווערין דורך דעם שווערד איז ערגער וויא צו שטארבין אויף דעם בעט. אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיט דעם פאר שטאנד. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיט אפסוק. אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיט דעם פאר שטאנד. אז מען ווערט גיהרגת מיט דעם שווערד איז דער מענטש פאר מיאוסט. אונ אז מען שטארבט אויף דעם בעט איז ער ניט פאר מיאוסט. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיט

אפסוק

קרא. אבע"א סברא האי קא מצטער האי לא קא מצטער ואבע"א קרא (איכה ד) טובים היו חללי חרב מחללי רעב. שבי קשה מכולם דכולהו איתנהו ביה:

**ח אמר** מר אין עושין שררות על הצבור פחות משנים מנא ה"מ אמר רב נחמן אמר קרא (שמות כח) והם יקחו את הזהב וגו' שררות הוא דלא עבדי הא הימוני מהימן מסייע ליה לרבי חנינא דאמר ר"ח מעשה ומינה רבי שני אחין על הקופה מאי שררותא דאמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה לפי שממשכנין על הצדקה אפילו בע"ש:

**ט איני** והכתיב (ירמיה ל) ופקדתי על כל לוחציו ואמר רב יצחק בר שמואל בר מרתא משמיה דרב אפילו על גבאי צדקה לא קשיא הא דאמיד הא דלא אמיד כי הא דרבא אכפייה לרב נתן בר אמי ושקיל מיניה ד' מאה זוזי לצדקה. (דניאל יב) והמשכילים יזהירו

כל הימוני מהימן. יהיו להיות נזכר: שני אחין. לגבי הימנותא כחד דמי: מאי שררותיה. דקופה דקאמרה עלה לפי שאין עושין שררה על הציבור וכו': [אפילו בע"ש שיש פתאון פה לנגאל כבית לומר טרוד אני]: ופקדתי על וכו'. אלמא אסור למבקן: אמיד. עשיר: וגבאי לדקה. המשכילים אלו דל מכו גריך:

---

אפסוק יקר בעיני ה' המותה לחסידיו. צוא שטארבען אויף זיין בעט דאס איז ביי גאט טייער. נישט יעדער מענטש איז זוכה צוא דעם. נאר דיא פרומע. צוא שטארבען פון הונגער איז ערגער וויא צוא שטארבען פון שווערד. אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיט דעם פאר שטאנד. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיט אפסוק. אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיט דעם פאר שטאנד. דער וואס שטארבט פון הונגער הט גרויס צער פריער ביז ער שטארבט. אונ דער וואס ווערט גיהרגת פון שווערד. ווערט ער גיהרגת אין איין מנוט. אונ ער האט ניט קיין צער. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיט אפסוק. דיא מענטשין וואס זענען דער שלאגין גיווארין פון שווערד. זייא איז בעסער גיוועזן וויא דיא מענטשין וואס זענען גישטארבען פון הונגער. דיא מענטשין וואס ווערין גיפאנגען זייא איז ערגער וויא אלע. ווארום דער גוי קען מיט אים אלץ טאהן. ער קען אים הרגנן מיט אשווערד. אונ ער קען אים לאזין שטארבען פון הונגער. דריבער איז אגרויסע מצוה אויס לייזין דיא געפאנגענע:

**ח** אמר. דיא גמרא זאגט מען טאר ניט מאכען עלצטע אויף אשטאט ווייניגער ווי צוויי מענטשין. פון וואנען ווייסען מיר דאס. האט רב נחמן גיזאגט דער פסוק זאגט זייא זאלין נעמען דיא גאלד פון משכן. אז מען זאגט. זייא. איז דאך מער וויא איינער. אונ ניט ווייניגער וויא צוויי. פרעגט דיא גמרא עלצטע אויף דיא שטאט טאר ניט זיין ווייניגער וויא צוויי. אבער מען גלויבט איינעם אויך ער זאל זיין אגבאי איף געלט. וועט זיין אראיה צוא רבי חנינא. ווארום רבי חנינא האט גזאגט. עס הט אמאהל גיטראפען רבי האט גימאכט צוויא ברידער פאר גבאים אויף דיא געלט פון שטאט. אונ צוויא ברידער זענען אזוי וויא איין מענטש. מעג דאך איין מענטש אויך זיין אגבאי אויף פרעמדע געלט. זאגט דיא גמרא מיט וואס הייסט מען אעלצטער אויף דיא שטאט. ווארום רב נחמן האט גזאגט פון רבה בר אבוהם וועגין. ווייל דער עלצטער פון שטאט קען שיקען נעמען אמשכון ביי איינעם ער זאל געבין אויף צדקה. אפילו ערב שבת מעג ער אויך הייסען נעמען אמשכון:

**ט** איני. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל בפעלין צוא שטראפין אלע וואס האבען דיא יודין צוא געדריקט. האט רב יצחק בר שמואל בר מרתא גזאגט פון רבס וועגין אפילו אויף דיא גבאים פון צדקה וועט אויך גאט בפעלין. זעהן מיר דאך אז דער גבאי פון צדקה טאר קיינעם ניט צוא דריקען. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא אז דער מענטש איז אנגיד אונ ער קען געבין צדקה. נאר ער וויל ניט. מעג דער גבאי ביי אים נעמען אמשכון. אבער אז דער מענטש קען ניט געבין צדקה אונ דער גבאי גייט אים ער מוז געבין. וועט דער גבאי גישטראפט ווערין. אזוי וויא רבא האט גינייט

יזהירו כזוהר וגו' זה דיין שדן דין אמת לאמתו וגבאי צדקה (שס) ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד אלו מלמדי תינוקות כגון מאן כגון רב שמואל בר שילת דרב אשכחיה לרב שמואל בר שילת דהוה קאי בגינתיה א"ל שבקת להימנותיך א"ל דא תליסר שנין דלא חזאי והשתא נמי דעתאי להתם ורבנן מאי אמר רבינא (שופטים ה) ואוהביו כצאת השמש בגבורתו:

מלמדי תינוקות. מלמדין רבים כמו שמלמדין ומתוכן חוזרין בדרך טובה: שבקתים להימנותך. שהייתה רגיל ללמדה באמונה ולישב על גבן תמיד: דעתאי להתם. לתינוקות: ורבנן מאי. ת"ח העוסקין בתורה תמיד מאי כתיב בהו: לפרוש זה מזה. מפני החשד שלא יאמרו זה הגונב יהודי דעתו לגנוב: אבל זה פורש לחנות וזה לשער. זה לגבות מיושבי השער וזה לגבות מיושבי החנות ונלבד שיהיו שניהם כאחד: לא יתננו לתוך

י ת"ר גבאי צדקה אינן רשאין לפרוש זה מזה אבל פורש זה לשער וזה לחנות מצא מעות בשוק לא יתנם בתוך כיסו אלא נותנם תוך ארנקי של צדקה ולכשיבא לביתו יטלם כיוצא בו היה נושה בחבירו מנה ופרעו בשוק לא יתנם בתוך כיסו אלא נותנן לתוך ארנקי של צדקה וכשיבא לביתו יטלם. תנו רבנן גבאי צדקה

---

רב נתן בר אמי אונ ער האט פון איהם גינומען פיר הונדערט גילדין אויף צדקה. ווייל רב נתן איז גיוועזן אנגיד אונ ער הט גיקענט געבין צדקה. עס שטייט אין פסוק דיא קלוגע וועלין שיינען וויא דיא שיינקייט פון הימעל. ווען מען מיינט מען דיא קלוגע. דאס מיינט מען דעם דיין וואס פאר איהם קומט א דין תורה. אונ ער איז א חכם צו פאר שטיין וועהר עס איז גירעכט אונ וועהר ניט. אונ ער פסקנט אמת'ע דין תורה. אונ נאך מיינט מען דעם גבאי פון צדקה. וואס ער איז קלוג צו פאר שטיין אויף יעדער ארעם מאן וואס ער דארף. אין פסוק שטייט דיא וואס מאכען פרום פיל מענטשין וועלין זיין וויא דיא שטערין וואס זענען אייביג. דאס מיינט מען דיא מלמדים וואס לערנען מיט קינדער תורה אונ מוסר אונ מאכען זייא פרום. אזוי וויא וועלכער מלמד. אזוי א מלמד וויא רב שמואל בר שילת איז גיוועזן. רב האט אמאהל גיטראפען רב שמואל בר שילת איז גישטאנען אין זיין גארטען. האט רב גיזאגט צוא רב שמואל האסט שוין אוועק גילאזין דיין אמונה. דוא פלעגסט אייביג לערנען מיט דיא קינדער מיט אמת. אונ איצט האסטו גילאזין דיא קינדער אונ ביסט גיקומען אין גארטען. האט רב שמואל גיזאגט צוא רב עס איז שוין דרייצעהן יאהר וויא איך האב ניט גיזעהן דעם גארטען. אונ איצט אז איך בין אין גארטין איז אויך מיינע גידאנקין צוא דיא קינדער אונ גיב אכטונג פון וויטין וואס זייא טוהען. אונ וואס זאגט דער פסוק אויף דיא רבנן וואס לערנען אין בית המדרש. רבינא זאגט אויף זייא זאגט דער פסוק דיא וואס האבען ליב גאט וועלין זיין אזוי וויא דיא זוהן ווען זיא גייט ארויס מיט איר שטארקע ליכטיגקייט:

י תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט אז צווייא מענטשין גייען צוא זאמען נעמען צדקה. טארין זייא זיך ניט אפ שיידין איינער פון אנדערין. מען זאל ניט חושד זיין אז דער וואס איז גיוועזן אליין נעבין דעם געלט האט עפעס גיגנבת. אבער דער מעג גיין צוא דיא מענטשין וואס זיצען געבין טויער צוא נעמען פון זייא צדקה. אונ דער אנדערער גייט צוא דיא מענטשין וואס זענען אין קראם נעמען פון זייא צדקה. אויב די ערטער זענען נאנט איינער נעבין אנדערין. אז זייא זעהן איינער דעם אנדערין. אז איינער פון דיא צווייא מענטשין האט גיפונען געלט אין גאס ווען ער איז גיגאנגען צו זאמען נעמען אויף צדקה. זאל ער ניט אריין לייגען דיא געלט אין קעשענע. ווארום מען וועט מיינען ער האט ארויס גינומען פון דיא צדקה געלט אונ לייגט צו זיך אין קעשענע. נאר ער לייגט אריין דיא גיפונענע געלט אין דיא ביטיל וואס אין איר ליגט דיא צדקה געלט. אונ אז ער וועט קומען אהיים וועט ער צוריק נעמען דיא גיפונענע געלט. נאך אזוי אנגלייכען. איינער פון דיא צווייא מענטשין האט גימאנט בייא זיין חבר געלט. אונ ווען ער איז גיגאנגען צו זאמען נעמען דיא צדקה געלט. האט דער חבר איהם גיטראפען אונ ער הט איהם בצאהלט זיין געלט אין גאס. זאל ער ניט אריין לייגען דאס געלט אין קעשענע. נאר ער זאל

צדקה שאין להם עניים לחלק פורטין לאחרים ואין פורטין לעצמן גבאי תמחוי שאין להם עניים לחלק מוכרין לאחרים ואין מוכרין לעצמן מעות של צדקה אין מונין אותם שתים שתים אלא אחת אחת :

(דף ט) **יא** **ת"ר** אין מחשבין בצדקה עם גבאי צדקה ולא בהקדש עם הגזברין ואע"פ שאין ראיה לדבר זכר לדבר שנא' (מ"ב יב) ולא יחשבו את האנשים אשר יתנו את הכסף על ידם לתת לעושי המלאכה כי באמונה הם עושים א"ר אלעזר אע"פ שיש לו לאדם גזבר נאמן בתוך ביתו יצור וימנה שנאמר (שם) ויצורו וימנו :

**יב** **אמר** רב הונא בודקין למזונות ואין בודקין לכסות אבע"א קרא ואבע"א סברא אבע"א

---

**פירוש**

כיסו שלא יאמרו מעות של צדקה הוא גונב: **פורטין.** פרוטות שגבו לוקחין דינרי כסף לפי שהפרוטות של נחשת מחלידות : **ואין פורטין לעצמן.** פן יחשדום שפורטים בזול : **אין מונים אותם שתים שתים.** פן יאמרו שנים הוא נוטל ואינו מונה אלא אחת :

**אין מחשבין.** לומר היכן נתתם מעות שגביתם: **שאין ראיה לדבר.** דלאו בגבאי צדקה כתיב אלא בגזברי הקדש הנותנים לבם לעושי המלאכה שהפועלים מרובים למלאכות הרבה לגודרים לחוצבי האבן לחרשים ולתמרי' ולקנות עצים ואבני מחצב ואי אפשר לעמוד על החשבון כדאמרינן בעלמא בעל הבית פרוד בפועליו הוא ואיבעי : **יצור וימנה.** הכסף שהוא מוסר בידו ואע"פ שאינו בא עמו לחשבון לאחר מכאן יצור וימנה שנא' ויצורו וימנו וגו' והדר ויתנו את הכסף המתוכן המנוי ע"י עושי המלאכה וגו' :

**בודקין למזונות.** אם בא עני ואמר פרנסוני בודקין שלא יהיה רמאי : **ואין בודק לכסות.** בא

---

זיא אריין לייגען אין דיא בייטיל וואס אין איר ליגט דיא צדקה געלט ; אונ אז ער וועט קומען וועט ער ארויס נעמען זיין געלט . דיא רבנן האבען גילערונט דיא גבאים פון צדקה אז זיי האבען גיט קיין ארעמע לייט וועמען צוא געבין דיא צדקה געלט . זאלין זייא אויס טאהשין דיא קליינע געלט אויף זילבער געלט ביא אנדערע מענטשין . נאר ניט ביא זיך אליין . דיא גבאים וואס געמען צו זאמען עסיגוואר ביי בעלי בתים צום צוא טיילען דיא ארעמע לייט . אז זייא האבען ניט קיין ארעמע לייט וועמען דאס עסין צוא געבין . פאר קויפען זייא דאס עסין צוא אנדערע מענטשין . אונ לאזין ליגען דאס געלט . אונ זייא פאר קויפען ניט צוא זיך . מען זאל זייא ניט חושד זיין זיי האבען גיקויפט פר וואלוויל . געלט פון צדקה טאר מען ניט ציילען צוויי מטבעות מיט איין מאהל נאר איינציג ווייס :

**יא** **תנו רבנן** . דיא רבנן האבען גילערונט מען זאל ניט רעכענען מיט דיא גבאים פון צדקה וואו זייא האבען אוים גיגעבין דיא געלט פון צדקה . אונ מיט דיא גבאים פון הקדש זאל מען אויך ניט רעכענען וואו זייא האבען אוים גיגעבין דיא געלט פון הקדש . אפילו עם איז ניטא קיין ריכטיגע בעווייזונג צוא דער זאך אז מען דארף ניט רעכענען מיט דיא גבאים פון צדקה אונ פון הקדש . אבער אדערמאנונג צוא דער זאך איז דא . אזוי וויא עם שטייט אין פסוק מען זאל ניט רעכענען מיט דיא מענטשין וואס מען וועט געבין דאס געלט זייא אין האנט זייא זאלין געבין דיא ארבעטער ווארום זייא האבען אלץ גיטאהן מיט אמת . אזוי ווי מען הט זיך ניט גירעכונט מיט דיא גבאים וואס האבען אכטונג גיגעבין אויף דיא ארבעט פון בית המקדש אונ זייא האבען איין גיקויפט אלע מאטריאלין צוא דיא ארבעט אונ אוים גיצאהלט אלע ארבעטער . אזוי רעכונט מען ניט מיט גבאים פון הקדש . אונ ניט מיט גבאים פון צדקה . רבי אלעזר זאגט אפילו אמענטש הט אפירער אין זיין גישעפט וואס ער איז אערליכער מאן . אונ ער וועט קיין מאהל מיט אים ניט רעכענען וואו ער האט דיא געלט אוים גיגעבין פון דעסטוועגין זאל ער אים צוא ציילען דם געלט וואס ער גיט אים . אזוי וויא עם שטייט אין פסוק מען האט איין געבונדען דאס געלט אונ איבער גיציילט אונ גיגעבין צוא דיא גבאים . וואס מען האט גיוואוסט אז מען וועט זיך מיט זייא ניט רעכענען :

**יב** **אמר** . רב הונא האט גזאגט אז איינער קומט צוא דיא גבאים פון צדקה אונ זאגט איך בין ארעם גיט מיר עסין . דארף מען נאך פרעגין אויף אים אויב עם איז אמת אז ער איז ארעם ; אבער אז ער קומט צוא דיא גבאים נאקעט אונ ער בעט מען זאל אים קויפען אקלייד . זאל מען גאר ניט פרעגין אויף אים נאר מען זאל באלד קויפען . אויב דוא ווילסט וועל איך דיר ווייזין

אבע"א סברא האי קא מבזי והאי לא קא מבזי אבע"א קרא (ישעיה נח) הלוא פרוס לרעב לחמך בשי"ן כתיב פרוש והדר הב ליה והתם כתיב (שם) כי תראה ערום וכסיתו [כי תראה] לאלתר ורב יהודה אמר בודקין לכסות ואין בודקין למזונות אבע"א קרא ואבע"א סברא אבע"א סברא האי קא מצערא ליה והאי לא קא מצערא ליה אבע"א קרא הכא כתיב הלוא פרוס לרעב לחמך פרוס לאלתר וכדקרינן והתם כתיב כי תראה ערום וכסיתו כשיראה לך תניא כותיה דרב יהודה אמר ככוני בודקין אחריו פרנסוני אין בודקין:

ערום ואמר כסוני לוקחים לו כסות מיד : פרוס . דרוש וחקור המ:ם : לכשיראה לך . שאינו רמאי : אין נזקקין לו . לתת מעות מן הקופה אחרי שלמד לחזור על הפתחים דיו בכך : ולא איזדקיק . לא אפילו לפרנסה (לפרוסה רב"ל) :

יג תניא אם היה חוזר על הפתחים אין נזקקין לו . ההוא עניא דהוה כחזר על הפתחים דאתא לקמיה דרב פפא לא מזדקיק ליה א"ל רב סמא בריה דרב ייבא לרב פפא אי מר לא מזדקיק ליה אינש אחרינא לא מזדקיק ליה לימית ליה והא תניא אם היה

---

מיט דעם שכל . ווארום אז דער מענטש וואלט האבען קליידער , וואלט ער זיך ניט פאר שעמט צוא גיין נאקעט . דריבער איז געווים אז ער האט ניט קיין קליידער . אונ מען דארף שוין גאר ניט פרעגין . נאר מען קויפט פאר אים קליידער אונ מען גיט אים : אבער אז ער זאגט ער האט ניט צוא עסין : פאר שעמט ער זיך גאר ניט . דריבער קען זיין עס איז ליגען . דארף מען אויף אים נאך פרעגין : אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר ווייזין אפסוק בייא עסין שטייט . הלא פריש לרעב לחמך . שטייט פרוש מיט אשי"ן . איז דער טייטש פרוש דוא זאלסט נאך פארשטין ווער דער מענטש איז . אויב ער איז טאקי אארעם מאן זאלסטו אים געבין דיין ברויט . אונ בייא קליידונג שטייט אז דוא וועסט זעהן אנאקעטין זאלסטו אים צוא דעקין . אזוי ווייא דוא וועסט נאר זעהן ער איז נאקעט . זאלסטו אים באלד צוא דעקין . רב יהודה זאגט פאר קערט אז איינער קומט בעטין קליידונג זאל מען נאך פרעגין ווער ער איז . אויב ער איז טאקי אארעם . אבער אז איינער קומט בעטין עסין . זאל מען גאר ניט נאך פרעגין . נאר מען זאל אים באלד געבין . אויב דוא ווילסט וועל איך דיר ווייזין מיט דעם שכל . אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר ווייזין אפסוק . אויב דוא ווילסט וועל איך דיר ווייזין מיט דעם שכל . פון נישט עסין האט אמענטש צער . דריבער קען מען אים נישט הייסען ווארטען ביז מען וועט אויף אים נאך פרעגין . נאר מען מוז אים שוין געבין עסין . אבער אז ער גייט נאקעט איז דאך דער צער ניט אזוי גרויס אונ ער קען ווארטען ביז מען וועט אויף אים נאך פרעגין . אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר ווייזין אפסוק . בייא עסין שטייט הלא פרוש לרעב לחמך . אונ מיר לייענען פרוש מיט אשי"ן . איז דער טייטש פרוס אפ ברעכין . אז אארעם מאן קומט צוא דיר בעטין ברויט . זאלסטו באלד אפ ברעכין פון דיין ברויט אונ אים געבין . אבער דארט ביי קליידונג שטייט אז דוא וועסט זעהן אנאקעטין זאלסטו אים צוא דעקין . אז דוא וועסט זעהן געווים אז ער איז אארעם מאן זאלסטו אים צוא דעקין . זאגט דיא גמ"א מיר האבען גילערונט אזוי ווייא רב יהודה . אז איינער זאגט מען זאל אים צוא דעקין ער איז אארעם מאן אונ מען זאל אים געבין אקלייד . דארף מען פריער זעהן אויב ער איז אארעם מאן . אבער אז ער בעט מען זאל אים געבין עסין . זוכט מען גאר נישט . נאר מען גיט אים באלד :

יג תניא . מיר האבין גילערונט דער ארעם מאן וואס גייט אין דיא הייזער בעטין . גיט מען אים ניט פון צדקה . אמאהל איז גיוועזן אארעם מאן וואס ער איז גיגאנגען אין דיא הייזער . איז גיקומען פאר רב פפא ער זאל אים געבין פון צדקה . ורב פפא איז גיוועזן אגבאי פון צדקה האט רב פפא אים ניט גיוואלט געבין . האט רב סמא בריה דרב ייבא גיזאגט צו רב פפא אויב דוא וועסט דעם ארעם מאן גאר ניט געבין . וועט אים איין אנדער מענטש אויך ניט געבין . זאל ער שטארבין פון הונגער . האט רב פפא גיזאגט צוא רב סמא מיר האבין דאך

גילערונט

י עשה הצדקה . טורח המעשים את חבריהם מדלת כתיב ועשה הצדקה שלום : זכה . למזל טוב : עניים מרודים . זו כמוגשים במעקים המיד כגו סכו שלנו לריכים : מרודים . קונפלויי"ס בלעז

היה עני המחזיר על הפתחים אין נזקקין לו אמר ליה אין נזקקין לו למתנה מרובה אבל נזקקין לו למתנה מועטת :

**יד אמר** רב אסי לעולם אל ימנע אדם את עצמו מלתת שלישית השקל בשנה שנאמר (נחמיה י) והעמדנו עלינו מצות לתת שלישית השקל בשנה לעבודת בית אלהינו ואמר רב אסי שקולה צדקה כנגד כל המצות שנאמר והעמדנו עלינו מצות מצוה אין כתיב כאן אלא מצות . א"ר אלעזר גדול המעשה יותר מן העושה שנאמר (ישעי' לב) והיה מעשה הצדקה שלום ועבודת הצדקה השקט ובטח עד עולם אמר להו רבא לבני מחוזא [במטותא מינייכו] עושו אהדדי כי היכי דתיהוי [לכו] שלמא במלכותא וא"ר אלעזר בזמן שבהמ"ק קיים אדם נותן שקלו ומתכפר לו ועכשיו שאין בהמ"ק קיים (זכה) (ישעיה נ הלוא פרוס לרעב לחמך לא זכה) [אם עושין צדקה מוטב ואם לאו] באין (נוגשים) [עכו"ם] ונוטלין אותה בזרוע (שנאמר ועניים מרודים תביא בית) אמר מר עוקבא אע"פ כן נחשב לנו כצדקה שנא' (ישעיה ס) ונוגשיך צדקה אמר רבא האי מילתא אישתעיא לי עולא

---

געלערונט אויב ער איז געוועזן אארעם מאן וואס גייט אין די הייזער זאל מען אים ניט געבין פון צדקה . האט רב ספא געזאגט מען דארף אים ניט געבין אגרויסע מתנה פון צדקה . אבער אקליינע מתנה פון צדקה דארף מען אים יא געבין .

**יד אמר** : רב אסי האט געזאגט אמענטש זאל זיך קיין מאהל ניט פאר מיידין פון צוא געבין אדריטול טאלער איאהר אויף צדקה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיר האבין אויף געשטעלט אויף זיך מצות צוא געבין פון אונזערט וועגין אדריטול טאלער איאהר צוא דיא ארבעט פון בית המקדש : נאך האט רב אסי געזאגט צדקה איז גלייך נעגין אלע מצות ווארום עס שטייט אין פסוק מיר האבין אויף געשטעלט אויף זיך מצות . עס שטייט ניט מיר האבין אויף אונז געשטעלט אמצוה . נאר מיר האבין אויף אונז געשטעלט מצות . מיינט מען פיל מצות . ווארום דיא איין מצוה פון צדקה איז געוואוגין נעגין פיל מצות . רבי אלעזר האט געזאגט דער מענטש וואס גייט צוא זאמען נעמען דיא געלט אויף צדקה . איז זיין מצוה גרעסער וויא דיא מצוה פון דעם מענטש וואס גיט דיא צדקה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק והיה מעשה הצדקה שלום . דער וואס איז זיך מטריח צוא גיין בעטין מענטשין זייא זאלין געבין צדקה ווערט ער האבין שלום . ועבודת הצדקה השקט ובטח עד עולם . אונ דער וואס ארבעט מענטשין זאלין געבין צדקה ווערט ער האבין שטילקייט אונ ווערט לעבין זיכער ביז אייביג . רבא האט געזאגט צו דיא מענטשין פון דיא שטאט מחוזא איך בעט פון אייך איינער זאל נייטין דעם אנדערין ער זאל געבין צדקה . ווערט איר האבין שלום פון מלך . נאך האט רבי אלעזר געזאגט ווען דער בית המקדש איז געשטאנען האט אמענטש געגעבין זיין האלבין טאלער אלע יאהר אויף קרבנות . אונ דיא קרבנות האבין אויף אים מכפר געוועזן . היינט אז דער בית המקדש איז ניטא . אויב מען טוהט צדקה איז גוט . אונ אויב ניט קומען דיא גוים אונ נעמען אוועק ביא דעם יודין זיין פאר מעגין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ועניים מרודים תביא בית . דיא גוים וואס זענען ארעם אונ געוועלטיגין אויף דיר זייא וועסטו אריין ברייננען צוא דיר אין שטוב : אונ וואס זייא וועלין נעמען וועלין זייא צוא נעמען . מר עוקבא זאגט פון דעסטוועגין ווערט דאס גאט אונז רעכענען גלייך וויא מען וואלט ביא אונז גינומען אויף צדקה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ונוגשיך צדקה . וואס מען ווערט ביא דיר אוועק נעמען . ווערט דאס זיין גירעכונט גלייך וויא מען וואלט ביי אונז גינומען אויף צדקה . רבא זאגט דיא זאך האט מיר דער צייט עולא וואס קינד . רב ששת וואס ער האט פאר קריכט דיא וועגין פון זיין מוטער (דאס מיינט מען דורך איהם האט זיין

עולא (ע"ב) משגש ארחתיה דאימיה משמיה דרבי אלעזר מ"ד (שם נט) וילבש צדקה כשריון לומר לך מה שריון זה כל קליפה וקליפה מצטרפת לשריון גדול אף צדקה כל פרוטה ופרוטה מצטרפת לחשבון גדול רבי חנינא אמר מהכא (שם סד) וכבגד עדים כל צדקותינו מה בגד זה כל נימא ונימא מצטרפת לבגד גדול אף צדקה כל פרוטה ופרוטה מצטרפת לחשבון גדול:

**טו** (אמר רבא האי מלתא אישתעיא לי עולא משגש ארחתיה דאימיה) אמאי קרו ליה עולא משגש ארחתיה דאימיה דבעא מיניה רב אחדבוי בר אמי מרב ששת מנין למצורע בימי ספורו שמטמא אדם א"ל וכו' אהדר ליה בבדיהותא חלש דעתיה דרב ששת אשתתיק רב אחדבוי בר אמי ואית קר תלמודיה אתיא אימיה וקא בכיא קמיה צווחה ולא אשגח בה אמרה ליה חזי להני חדי דמצית מינייהו בעא רחמי עליה ואתסי:

**טז** א"ר אלעזר גדול העושה צדקה בסתר יותר ממשה רבינו דאילו במשה רבינו כתיב כי

אליה כבתי: משגש ארחתיה דאימיה. לרב ששת קרי ליה הכי על המגדש דרכי אמו בגרם לטופס מדרך שאר נשים (כמאמר שלאחר זה). משגש לשון מסימה ובגעון: קליפה. מאליי"א בלע"ז: וכבגד עדים כל צדקותינו. כלומר כל צדקותינו כמאסו מתחת רשעינו כבגד מאוס שאדם מסיר מעליו: עדים. כדמתרגמינן ויסר ואעדי וכן מעדה בגד ביום קרה מ"מ מקיש צדקה לבגד ולצדקה לדיקים לבגד הגון:

כוה קא מהדר ליה רב אחדבוי לרב ששת בבדיהותא. כפי שהיה רב ששת נכשל בתשובותיו: איתתיק רב אחדבוי. נעשה אלם: אתיא אמיה. דרב ששת: צווחה קמיה. שיתפלל עליו: להני חדי. הדדים הללו: הדייה. הגגוס של הזה: דמצית מינייהו. שינקת מהן:

אף וחמה. ב' גזירות קשיו הם ליפרע מן החוטאים:

---

זיין מוטער גימוזט טאהן ניט וויא אאשה דארף טאהן) פון רבי אלעזרם וועגין. עס שטייט אין פסוק ער האט אן גיקליידט צדקה אזוי וויא אפאנציר. דאס מיינט מען אזוי וויא אפאנציר וואס ער ווערט גימאכט פון קליינע שטיקלאך האט מען בהעפט פון אלע שטיקלאך אונ מען האט גימאכט אגרויסין פאנציר. אזוי צדקה יעדער פרוטה רעכונט מען צו זאמען ביז עס ווערט אגרויסער חשבון. רבי חנינא האט גיזאגט פון דעם פסוק. וכבגד עדים כל צדקתינו. אונזערע אלע צדקות זענען אזוי וויא אפאר מיאוסת קלייד. זענען דיא צדקות געגליכען צו אקלייד ודיא צדקות פון דיא רשעים זענען גלייך צו אפאר מיאוסת קלייד. אונ דיא צדקות פון דיא צדיקים זענען גלייך צו אשיינע קלייד). אזוי וויא אקלייד בהעפט מען צו זאמען אפאדים צוא אפאדים ביז עס ווערט אגרויסע קלייד. אזוי צדקה בהעפט מען אפרוטה צוא אפרוטה ביז עס ווערט אגרויסער רעכענונג:

**טו** אמר. רבא האט גיזאגט דיא זאך האט מיר דער ציילט עולא וראס קינד. רב ששת וואס ער האט פאר קריכט דיא וועגין פון זיין מוטער. מיט וואס האט רב ששת פאר קריכט דיא וועגין פון זיין מוטער. ווארום רב אחדבוי בר אמי האט גיפרעגט פון רב ששת פון וואנען ווייסין מיר אז אמצורע אין דיא זיבען ריינע טעג וואס ער ציילט איז ער נאך טמא אז ער קען מטמא זיין אמענטשין. האט רב ששת איהם גיענפערט. רב אחדבוי איז ניט גיפעלין וואס רב ששת האט גיזאגט. האט רב אחדבוי גיענפערט צוא רב ששת מיט אגילעכטער. איז רב ששת בייא זיך אראפ גיפאלין אונ פארשעמט גיוואהין. איז רב אחדבוי בר אמי שטום גיווארין אונ האט פאר געסין זיין לערנען. איז גיקומען דיא מוטער פון רב ששת אונ האט גיוויינט פאר איהם. ער זאל מתפלל זיין צו גאט רב אחדבוי זאל גיזונד ווערין. דיא מוטער האט געשריגען. אונ רב ששת האט ניט גיקוקט אויף איהר שרייען. האט דיא מוטער ארויס גינומען איהרע בריסט אין בית המדרש אונ האט גיזאגט צוא רב ששת זעה דיא בריסט וואס דוא האסט גיזויגין פון זייא. האט רב ששת מתפלל גיוועזן אונ רב אחדבוי איז גיזונד גיווארין:

**טז** אמר. רבי אלעזר האט גיזאגט דער וואס גיט צדקה אין דער שטיהל קיינער זאל ניט וויסען. איז ער גרעסער וויא משה רבינו. ווארום בייא משה רבינו שטייט אז ער האט גיזאגט איך האב מורא פאר דעם אף אונ פאר דעם חמה. אונ דער וואס גיט צדקה אין דער שטיהל. שטייט

(דברים ט) כי יגרתי מפני האף והחמה ואילו בעישה צדקה כתיב (משלי כא) מתן בסתר יכפה אף [ושוחד בחיק חמה עזה] ופליגא דרבי יצחק דאמר רבי יצחק אף כופה חמה אינו כופה שנא' (שם) ושחד בחיק חמה עזה אע"פ ששחד בחיק חמה עזה וא"ר א"ר יצחק כל דיין הנוטל ש"ד מביא חמה עזה לעולם שנאמר ושחד בחיק חמה עזה ואמר ר' יצחק כל הנותן פרוטה לעני מתברך בו' ברכות והמפייסו בדברים מת רך בי"א ברכות הנותן פרוטה לעני מתברך בו' ברכות דכתיב (ישעיה נח) הלוא פרוס לרעב לחמך וגו' (שם) (אז יבקע כשחר אורך וארוכתך מהרה תצמח והלך לפניך צדקך כבוד ה' יאספך אז תקרא וה' יענה תשוע ויאמר וגו') והמפייסו בדברים מתברך בי"א ברכות דכתיב (שם) ותפק לרעב נפשך ונפש נענה תשביע וזרח בחשך אורך ואפלתך כצהרים ונחך ה' תמיד והשביע בצחצחות נפשך וגו' ובנו ממך חרבות עולם מוסדי דור ודור תקומם וקורא לך גודר

אע"פ ששחד בחיק. שהוא עושה צדקה בסתר : חמה עזה. עדיין היא בתוקפה ורבי אלעזר סבר דהאי ושחד בחיק ארישא קאי [ושחד בחיק] יכפה חמה עזה : ותפק לרעב נפשך. הוא פיוס דברי

---

ביא אים מהן בסתר יכפה אף . דער וואס גיט אמתנה צום ארעם מאן אין דער שטיהל . וועט ער איינביינן דעם אף . ושוחד בחיק חמה עזה . דער וואס גיט צדקה אין שוים . אין דער שטיל . וועט ער איינביינן דעם שטארקין חמה . וצף אונ חמה זענען צוויא שלוחים צוא שטראפין דיא זינדיגער. אונ רבי אלעזר קריגט אויף רבי יצחק . ווארום רבי יצחק האט גיזאגט דער וואס גיט צדקה אין דער שטיל קען ער נאר איינביינן דעם אף . אבער ניט דעם חמה . ווארום עס שטייט אין פסוק ושוחד בחיק חמה עזה : אפילו ער גיט צדקה אין שוים . אין דער שטיהל . פון דעסטוועגין איז דער חמה שטארק : אנדערע זאגין אזוי האט רבי יצחק גיזאגט דער דיין וואס נעמט שחד . ברייננגט ער איין שטארקין כעס אויף דער וועלט . ווארום עס שטייט אין פסוק ושוחד בחיק חמה עזה . דער דיין וואס בעהאלט דעם שוחד אין שוים ברייננגט ער אשטארקין כעס אויף דער וועלט . נאך האט רבי יצחק גזאגט דער וואס גיט אפרוטה צוא אארעם מאן . ווערט ער גיבענשט מיט זעקס ברכות . אונ דער וואס טרייסט דעם ארעם מאן מיט גוטע רייד . ווערט ער גיבענשט מיט עלף ברכות . דער וואס גיט אפרוטה צום ארעם מאן ווערט ער גיבענשט מיט זעקס ברכות . ווארום עס שטייט אין פסוק אז דוא וועסט אפ ברעכין פון דיין ברויט אונ וועסט געבין צום הונגעריגען . וועט אויף גשפאלטען ווערין דיין ליכטיגקייט אזוי וויא דער מארגנשטערין . דיין היילונג וועט עשווינד שפראצין . דיין צדקה וועט גיין פאר דיר . דער כבוד פון גאט וועט דיך פר זאמלען . אז דוא וועסט רופען צוא גאט וועט ער דיר ענפערין . אז דוא וועסט שרייען צוא גאט . וועט ער זאגין איך בין אן גיברייט דיר צוא העלפין . אונ דער וואס טרייסט דעם ארעם מאן מיט גוטע רייד ווערט ער גיבענשט מיט עלף ברכות ; ווארום עס שטייט אין פסוק אז דוא וועסט אוים ציהען צום הונגעריגען דיין נפש וועכ שטייט ניט דיין ברויט וועסטו אים געבין . נאר דיין נפש וועסטו אים געבין . דאס מיינט מען דוא וועסט אים געבין גוטע רידו . אונ דעם נפש וואס איז אונטער טעניג וועסטו זאט מאכען מיט גוטע רייד . וועסטו גיבענשט ווערין פון גאט מיט דיא ברכות . עס וועט שיינען אין דער פינסטער דיין ליכטיגקייט ווען עס וועט חס ושלום זיין אפינסטערניש אויף דער וועלט . וועט דיר ליכטיג זיין . אונ ווען דו וועסט זיין אין אפינסטערניש . וועט דיר ליכטיג ווערין אזוי וויא האלבין טאג . גאט וועט דיך אייביג פירען . אונ ער וועט זאט מאכען דיין נפש אפילו אין אדארשטיגע צייט . אונ דיינע ביינער וועט ער שטארקין ; אונ דוא וועסט זיין אזוי וויא אגארטין וואס ער איז זאט מיט וואסער . וואס זיינע פרוכטין וואקסען זייער שיין . אונ דוא וועסט זיין אזוי וויא אקוואל וואסער וואס דיא וואסער פעלט ניט קיין מאהל . אונ פון דיר וועט אויף גיבאהט ווערין דיא אייביגע וויסטקייט ובין איצט איז גיוועזן דיא וועלט פאר ווילכט מיט שלעכטע עבירות . אונ מיט ליינע גוטע מעשים וועסטו דיא וועלט פר בעסערן .

וועט

גודר פרץ משובב נתיבות לשבת. וא"ר יצחק מ"ד (משלי כא) רודף צדקה וחסד ימצא חיים צדקה וכבוד משום דרודף צדקה ימצא צדקה אלא לומר לך כל הרודף צדקה הקב"ה ממציא לו מעות לעשות מהם צדקה רב נחמן בר יצחק אמר הקב"ה ממציא לו בני אדם המהוגנים לעשות להן צדקה כדי לקבל עליהם שכר לאפוקי מדדרש רבה דדרש רבה מ"ד (ירמיה יח) יהיו מכשלים לפניך בעת אפך עשה בהם אמר ירמיה לפני הקב"ה רבש"ע אפילו בשעה שכובשים את יצרם ומבקשים לעשות צדקה [לפניך] הכשילם בבני אדם שאינם מהוגנים כדי שלא יקבלו שכר עליהם רבי יהושע [בן לוי] אומר [כל הרגיל לעשות צדקה] זוכה לבנים בעלי חכמה בעלי עושר בעלי אגדה בעלי חכמה דכתיב (דף י) ימצא חיים. בעלי עושר דכתיב צדקה. בעלי אגדה דכתיב וכבוד כתיב הכא וכבוד וכתיב התם (משלי ג) כבוד חכמים ינחלו:

יז תניא היה ר' מאיר אומר יש פתחון פה לבעל הדין להשיבך ולומר לך אם אלהיכם אוהב עניים מפני מה אינו מפרנסן אמר לו כדי להנצל אנו בהם

מהוגנין: ימצא צדקה. משמע יבא לידי עניות וימצא בני אדם שיעשו לו צדקה: יהיו מוכשלים לפניך. את אנשי ענתות היה מקלל שהיו מבקשים את נפשו: ימצא חיים. וכתיב גבי חכמה כי מוצאי מצא חיים: בעלי אגדה. מתוך שהם דרשנים ומושכין לבו של אדם הכל מכבדים אותם:

לבעל הדין. רשע או עכו"ם: להנצל אנו בהם. שהצדקה מצלת מגיהנם כדאמרינן לקמן בשמעתין:

---

וועט וואס זיין גביך ווי דוא וואלסט דיא וועלט אויף געבאהט. דוא וועסט אויף שטעלין פונדאמענטין אויף גוטע מעשים אויף פיל דורות לאנג. מען וועט דיך רופען דוא האסט פר צאמט אלע אוים ברעכונג. דוא האסט צוריק געקערט דיא וועגין צוא זיצען אויף זייא. נאך האט רבי יצחק געזאגט עס שטייט אין פסוק דער וואס יאגט נאך צוא טאהן צדקה אונ חסד. וועט ער געפינען לעבין אונ צדקה אונ כבוד. פרעגט דיא גמרא ווייל ער יאגט נאך צוא טאהן צדקה דריבער פלוכט מען אים אז ער וועט זיין אארעם מאן אונ ער וועט געפינען מענטשין וואס וועלין אים געבין צדקה. נאר אזוי מיינט מען דער וואס יאגט נאך צוא טאהן צדקה. גיט אים גאט גוטע געשעפטין ער זאל פאר דינען אונ זאל האבען געלט צוא טאהן מיט זייא צדקה. רב נחמן בר יצחק זאגט אזוי מיינט דער פסוק גאט וועט אים צוא ברייננגען אזעלכע מענטשין וואס זענען ווערט מען זאל מיט זייא טאהן צדקה. ער זאל געמען שכר פאר דער צדקה. ניט אזעלכע מענטשין וואס רבה האט אויף זייא גידרשת. וואדום רבה האט גידרשת עס שטייט אין פסוק זייא זאלין זיין גישטרויכעלט פאר דיר אין דיא צייט פון דיין כעס טוה מיט זייא. אזוי האט ירמיה גזאגט פאר גאט רבונו של עולם אפילו ווען זייא געמען איין זייער יצר הרע אונ זייא ווילען טאהן צדקה פאר דיר. זאלסטו זייא צוא ברייננגען אזעלכע מענטשין וואס זענען ניט ווערט מען זאל זייא געבין צדקה. זייא זאלין ניט געמען קיין שכר אויף דיא צדקה. רבי יהושע בן לוי זאגט דער וואס איז גיוואוהנט צוא טאהן צדקה איז ער זוכה צוא האבען קינדער חכמים. אונ רייכע. אונ זאלין קענען דרשנן. אויף חכמים ווייסען מיר ווייל עס שטייט אין פסוק דער וואס יאגט נאך צוא טאהן צדקה וועט ער געפינען לעבין. אונ דער וואס געפינט חכמה געפינט ער לעבין. אויף עשירים ווייסען מיר ווייל עס שטייט אין פסוק ער וועט טאהן צדקה. א רייכער קען טאהן צדקה: אבער ניט אארעם מאן. אויף דרשנים ווייסען מיר ווייל עס שטייט אין פסוק וכבוד ווער וועט האבען כבוד). אונ עס שטייט כבוד חכמים ינחלו. דיא חכמים וועלין האבען כבוד. ווייסען מיר אז דער וואס יאגט נאך צו טאהן צדקה וועט ער האבען כבוד פון חכמה. אונ וועלכע חכמים האבען כבוד. דאס זענען די דרשנים:

יז תניא. מיר האבען גילערנט רבי מאיר האט געזאגט דער וואס וויל קריגען קען עפענען דיא מויל ווייטע אונ דיר ענפערין. אויב גאט האט ליב ארעמע לייט פאר וואס שפייזט ער זייא אליין ניט. זאלסטו אים זאגין ווייל גאט וויל אז דיא רייכע זאלין ניט געמשפט ווערין אין גיהנם.

דורך

בהם מדינה של גיהנם וזו שאלה שאל טורנס־ופוס הרשע את ר' עקיבא אם אלהיכם אוהב עניים מפני מה אינו מפרנסן א"ל כדי להנצל אנו בהם מדינה של גיהנם א"ל אדרבה זו מחייבתן לגיהנם אמשול לך משל למה"ד למלך ב"ו שכעס על עבדו וחבשו בבית האסורים וגזר עליו שלא להאכילהו ולא להשקותו והלך אדם אחד והאכילהו והשקהו לכששמע המלך הלא כועס עליו ואתם קרויים עבדים דכתיב (ויקרא כה) כי לי בני ישראל עבדים א"ר"ע אמשול לך משל למה"ד למלך שכעס על בנו וחבשו בבית האסורים וציוה עליו שלא להאכילו ושלא להשקותו והלך אדם אחד והאכילהו והשקהו לכששמע המלך משגר לו דורון ואנו קרויים בנים שנאמר (דברים יד) בנים אתם לה' אלהיכם א"ל אתם קרוים בנים ואתם קרוים עבדים בזמן שאתם עושים רצונו של מקום קרוים בנים ובזמן שאין אתם עושים רצונו של מקום קרוים עבדים ועכשיו אין אתם עושין רצונו של מקום א"ל הרי הוא אומר (ישעיה נח) הלוא פרוס לרעב להמך ועניים מרודים תביא בית איכתי ועניים מרודים תביא בית בזמן הזה וקאמר הלוא פרוס לרעב לחמך:

דרש

---

דורך דעם וואס זייא געבען צדקה ווערין זייא ניט זיין אין גיהנם: דיא שאלה האט געפרעגט דער רשע טורנוסרופוס צוא רבי עקיבא. אויב גאט האט ליב ארעמע לייט פר וואס שפייזט ער זייא אליין ניט. האט רבי עקיבא צוא אים גזאגט ווייל גאט וויל דיא רייכע זאלין ניט געמשפט ווערין גיהנם: אונ דורך דעם וואס זייא געבען צדקה וועלין זייא ניט זיין אין גיהנם: הט טורנוסרופוס גזאגט צוא רבי עקיבא פארקערט די צדקה וועט אייך נאך פאר שולדיגען איר זאלט קומען אין גיהנם. איך וועל דיר זאגין א משל. א מלך איז אמאהל אין כעס געוועזען אויף זיין קנעכט. אונ ער האט אים ארייין געזעצט אין תפיסה. אונ ער האט פאר זאגט מען זאל אים ניט געבין עסין אונ ניט טרינקען. איז געקומען א מענטש אונ האט אים געגעבין עסין אונ טרינקען. אז דער מלך האט דאס געהערט איז ער אין כעס געווארין אויף דעם מענטשין. אונ איר ווערט גירופען קנעכט צוא גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט צוא מיר זענען דיא יודין קנעכט. אונ גאט מאכט זיינע קנעכט ארעם ער וויל זייא ניט געבין עסין. דריבער ווער עס האט אויף זייא רחמנות אונ גיט זייא עסין וועט גאט אויף אים זיין אין כעס. האט רבי עקיבא גזאגט צוא טורנוסרופוס איך וועל דיר זאגין א משל. א מלך איז אמאהל אין כעס געוועזען אויף זיין זוהן. אונ ער האט אים ארייין געזעצט אין תפיסה אונ ער האט פאר זאגט מען זאל אים ניט געבין עסין אונ ניט טרינקען. איז געקומען א מענטש אונ האט אים געגעבין עסין אונ טרינקען. אז דער מלך האט דאס געהערט האט ער געשיקט א מתנה צוא דעם מענטש: אונ מיר ווערין גירופען קינדער צוא גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זענט קינדער צוא אייער גאט. הט טורנוסרופוס גזאגט צוא רבי עקיבא איר ווערט גירופען קינדער צוא גאט אונ איר ווערט גירופען קנעכט צוא גאט. ווען איר טוהט דעם ווילען פון גאט. ווערט איר גירופען קינדער: אונ ווען ער טוהט ניט דעם ווילען פון גאט. ווערט איר גירופען קנעכט צוא גאט. אונ איצט טוהט איר דאך ניט דעם ווילען פון גאט: ווערט איר דאך גירופען קנעכט. טארט איר דאך ניט שפייזין דיא ארעמע לייט. הט רבי עקיבא גזאגט צו טורנוסרופוס עס שטייט אין פסוק הלא פרוס לרעב לחמך. דו זאלסט אפ ברעכין דיין ברויט אונ געבין צום הונגעריגען. אונ אויב ניט. ועניים מרודים תביא בית. וועסטו ברייינגען צוא דיר אין שטוב דיא פעלקער וואס געוועלטיגען אויף דיר אונ זייא וועלין צו נעמען דיין פאר מעגין. אונ זייא שרייען נאר מיר דארפין אזוי ווי זייא וואלטין געוועזען ארעמע לייט. ווען געוועלטיגען פעלקער אויף אונז. דיא צייטען. אונ דער נביא זאגט דוא זאלסט אפ ברעכין פון דיין ברויט אונ געבין דעם הונגעריגען. זעהן מיר דאך אז אייביג דארף מען געבין עסין דעם ארעם מאן. אפילו ווען מיר טוען ניט דעם ווילען פון גאט:

דרש

**יח דרש** רבי יהודה בר שלום כשם שמזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה כך חסרונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה זכה הלוא פרוס לרעב לחמך לא זכה ועניים מרודים תביא בית. כי הא דבני אחתיה דריב"ז חזא להו בחלמא דבעו מיהסר שבע מאה דינרין עשינהו ושקל מינייהו לצדקה פש גבייהו שיבסר דינרי כי מטא כעלי יומא דכפורי שדרו דבי קיסר שקלינהו אמר להו רבן יוחנן בן זכאי לא תדחלו שיבסר דינרי גבייכו שקלינהו מינייכו אמרו ליה מנא ידעת אמר להו הבי חזאי לכו בה. מא אמרו ליה אמאי לא אמרת לן דניתבינהו אמר להו אמינא כי היכי דתעבדו מצוה לשמה. רב פפא הוה קא סליק בדרגא אישתמיט כרעיה בעי למיפל חלש דעתיה אמר השתא כן איחייב מאן דסני לן כמחללי שבתות וכעובדי ע"ז א"ל חייא בר רב מדפתי לרב פפא שמא עני בא לידך ולא פרנסתו דתניא רבי יהושע בן קרחה אומר כל המעלים עיניו מן הצדקה כאילו עובד ע"ז כתיב הכא (דברים טו)

השמר

שמזונותיו של אדם. שכל שיהפסיד ממנו: חסרונותיו. הפסד שעתיד להפסיד: זכה. למזל טוב. יתן להם תכון לעניים: חזא להו בחלמא. במוצאי יוה"כ: דבעי מיהסר ז' מאה דינרי. באותה שנה: שקל מינייהו לצדקה. כל השנה היה כופן בדברים וגבה מהם לצדקה. פש גבייהו. ערב ר"ה שיבסר דינרי שלא נתנו לצדקה משבעה מאה דינרים: לא תדחלו. לשכבר יותר: אמאי לא אמרת לן. מתחלה שכן הלוה וסימו נותנין הכל: הבאה כן. אם נפלתי: איחייב מאן דסני לן. כאדם שהונה קללהו בהכי: מחלל שבתות ועובדי ע"ז. בסקילה ואמר מר מי שנתחייב סקילה הו מפל מן הגג או חיה דורסתו דדמי לסקילה דהק בית הסקילה היה גבוה ב' קומות:

---

**יח** דרש. רבי יהודה בר שלום האט גידרשת אזוי וויא אום ראש השנה ווערט אויס גיזעצט אמענטשן וויא פיל ער זאל דעם יאהר פארדינען אויף זיין פרנסה. אזוי ווערט אויס גיזעצט אום ראש השנה וויא פיל ער זאל דעם יאהר שאדין האבין. אויב דער מענטש איז זוכה גיט ער אוועק דעם שאדין צו ארעמע לייט. האט ער שכר. און אויב ער איז ניט זוכה קומען צו איהם אין שטוב דיא פיינד וואס גיוועלטיגען אויף איהם. און נעמען ביא איהם וויא פיל ער דארף שאדין האבען. אזוי וויא עס וואס אמאהל גיטראפין רבי יוחנן בן זכאי האט גיזעהן אין חלום אז זיין שוועסטערס קינדער דארפין שאדין האבין דעם יאהר זיבען הונדערט גילדין. אגאנץ יאהר האט רבי יוחנן זייא געניט און האט פון זייא גינומען געלט אויף צדקה. וויא עס איז גיקומען ערב יום כפור איז נאך געבליבען ביא זייא זיבעצין גילדין פון דיא זיבען הונדערט גילדין. אום ערב יום כפור זענען גיקומען די פאליציי פון קיסר און מען האט ביא זייא גינומען פאר אבלבול דיא זיבעצין גילדין. האט רבי יוחנן בן זכאי צוא זייא גיזאגט איהר זאלט ניט מורא האבין מען וועט מער ניט נעמען ביא אייך. זיבעצין גילדין איז ביי אייך געבליבען. האט מען זייא ביא אייך צו גינומען. האבין זייא גיזאגט צו רבי יוחנן פון וואנען ווייסטו דאס. האט רבי יוחנן צוא זייא גיזאגט אזוי האב איך אויף אייך גיזעהן אין חלום. האבין זייא גיזאגט צוא רבי יוחנן פאר וואס האסטו אונז אגאנץ יאהר גאר ניט גיזאגט וואלטין מיר דיר אוועק גיגעבין דיא גאנצע זיבען הונדערט גילדין מיט איין מאהל האט רבי יוחנן צוא זייא גיזאגט אז איהר וואלט וויסען אז איהר דארפט דיא זיבען הונדערט גילדין שאדין האבין וואלט איהר ניט גיגעבין דיא געלט אויף צדקה פון מצוה וועגין. נאר איהר וואלט זאגין איידער שאדין האבין איז בעסער צוא געבין אויף צדקה. אבער אז איהר האט ניט גיוואוסט. האט איר יעדער מאהל גיגעבין אויף צדקה פון מצוה וועגין. רב פפא איז ארויף גיגאנגען אויף אלייטער האט זיך ארוק גיטאהן דיא פוס זיינע און ער האט גיקענט אראפ פאלין. האט ער צער גיהאט. און האט גיזאגט ווען איך וואלט אראפ גיפאלין. וואלט איך גיוועזן פאר שולדיגט וואלט איך דאך גישטראפט גיווארין אזוי וויא איינער וואס איז מחלל שבת אדער ער דינט עבודה זרה. האב איך דען אזוי אעבירה. האט רבי חייא בר רב פון דפתי גיזאגט צו רב פפא טאמער איז גיקומען צו דיר אארעם מאן און דוא האסט איהם גאר ניט גיגעבין. ווארום מיר האבין גילערנט רבי יהושע בן קרחה זאגט דער וואס טוהט אפ זיינע אויגין פון ארעם מאן ער גיט ניט צדקה. איז

גלייך

השמר לך פן יהיה דבר עם לבבך בליעל וכתיב ההם (שם יג) יצאו אנשים בני בליעל מה להלן ע"ז אף כאן ע"ז:

יט תניא א"ר (אליעזר) [אלעזר] בר' יוסי כל צדקה וחסד שישראל עושים בעה"ז שלום גדול ופרקליטין גדולים בין ישראל לאביהם שבשמים שנאמר (ירמיה טו) כה אמר ה' אל תבא בית מרזח ואל תלך לספוד ואל תנוד להם כי אספתי את שלומי מאת העם הזה נאם ה' החסד ואת הרחמים חסד זה גמילות חסדים רחמים זו צדקה. תניא ר' יהודה אומר גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה שנאמר (ישעיה נו) כה אמר ה' שמרו משפט ועשו צדקה כי קרובה ישועתי לבא וצדקתי להגלות. הוא היה אומר עשרה דברים קשים נבראו בעולם הר קשה ברזל מחתכו ברזל קשה אש מפעפעו אש קשה מים מכבין אותו מים קשים עבים סובלים אותם עבים קשים רוח מפזרתן רוח קשה גוף סובלו גוף קשה פחד שוברו. פחד קשה יין מפיגו. יין קשה שינה מפכחתו ומיתה קשה מכולם וצדקה מצלת מן המיתה שנאמר (משלי י) וצדקה תציל ממות:

פרקליטין. מליצי יושר של מלאכי השרת: כי אספתי את שלומי מאת העם הזה. ומהו השלום את החסד ואת הרחמים שהיו רגילין לעשות (וחיכה עושין): מפעפעו. מרככו: הגוף סובלו. כל הגוף מלא רוח:

---

גליך וויא ער וואלט געדינט עבודה זרה. דא ביא צדקה שטייט דוא זאלסט דיך היטען טאמער וועט זיין אין דיין הארץ דבר בליעל. אשלעכטע זאך: אונ דארט ביא עבודה זרה שטייט עס זענען ארויס גיגאנגען מענטשין בני בליעל שלעכטע. אזוי וויא דארט האבין דיא שלעכטע מענטשין געדינט עבודה זרה. אזוי דיא שלעכטע מענטשין וואס גיבען ניט צדקה. איז גליך וויא זייא וואלטין געדינט עבודה זרה:

יט תניא. מיר האבין גילערנט רבי אלעזר ברבי יוסי האט גיזאגט אלע צדקות אונ חסד וואס די יודין טוהען אויף דער וועלט. ווערט פון דעם גרויס שלום אונ עס ווערין פון דעם גרויסע מליצים גוטע צווישען דיא יודין מיט גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גיזאגט דוא זאלסט ניט קומען אין דיא הויז פון אבל. אונ דוא זאלסט ניט גיין בקלאגין. אונ דוא זאלסט ניט שאקלען אויף זייא מיט דעם קאפ צו זיפצען אויף זייא. װארום איך האב איין גיזאמלט מיין שלום פון דעם פאלק. אזוי זאגט גאט. וואס איז גיוועזן דער שלום. דער חסד אונ דער רחמים וואס זייא פלעגין טאהן: חסד מיינט מען גמילות חסדים: אונ רחמים מיינט מען צדקה. אזוי לאנג וויא דיא יודין האבין גיטאהן גמילות חסדים אונ צדקה. איז גיוועזן שלום צווישען גאט אונ דיא יודין. אז זייא האבין אויף גיהערט צו טאהן גמילות חסדים מיט צדקה: האט אויף גיהערט דער שלום: מיר האבין גילערנט רבי יהודה זאגט דיא מצוה פון צדקה איז אזוי גרויס אז זיא מאכט נאנט דיא גאולה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גיזאגט איהר זאלט היטען דעם משפט ואיהר זאלט טאהן וויא דער דין איז. ניט גנבענען ניט גזלנען אונ ניט אנדערע פאלשקייטן אונ איהר זאלט טאהן צדקה ווארום עס איז נאנט מיין הילף זאל קומען. אונ מיין גירעכטיקייט זאל בעוויזען ווערין. רבי יהודה האט גיזאגט צעהען שטארקע זאכין זענען בשאפין גיווארין אויף דער וועלט. אהארטער בארג. צו שניידט איהם דער אייזין. אהארטין אייזין מאכט איהם דער פייער ווייך. אשטארקער פייער. פארלעשט אים דער וואסער. אשטארקין וואסער. טראגין איהם דיא וואלקינס. שטארקע וואלקינס. דער ווינט פארשפרייט זייא. איין שטארקין ווינט. טראגט אים דער מענטש (וואו ום דער מענטש איז פול מיט ווינט). אשטארקער גוף. צו ברעכט איהם אשרעק. אשטארקע שרעק. שטילט איהם דער וויין ואז אמענטש שרעקט אונ ער טרינקט וויין. ווערט ער רוהיג אונ ער הערט אויף צו שרעקין). אז מען האט שטארקין וויין גיטרונקען. זאל מען שלאפין. אונ דער שלאף ציהט אויס דעם וויין. דער טויט איז ערגער פון אלץ. אונ צדקה רעטעט דעם מענטש פון טויט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צדקה רעטעט פון טויט:

**כ דרש** רבי דוסתאי ברבי ינאי בא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת ב"ו מדת ב"ו אדם מביא דורו׳ גדול למלך ספק מקבלים אותו ממנו ספק אין מקבלים אותו ממנו ואם תמצא לומר מקבלים אותו ממנו ספק רואה פני המלך ספק אינו רואה והקב"ה אינו כן אדם נותן פרוטה לעני זוכה ומקבל פני שכינה שנאמר (תהלים יז) אני בצדק אחזה פניך אשבעה בהקיץ תמונתך. ר"א יהיב פרוטה לעני והדר מצלי אמר כתיב אני בצדק אחזה פניך מאי אשבעה בהקיץ תמונתך אמר רב נחמן בר יצחק אלו תלמידי חכמים שמנדדין שינה מעיניהם בעה"ז והקב"ה משביען מזיו השכינה לעה"ב. א"ר יוחנן מ"ד (משלי יט) מלוה ה' חונן דל אלמלא מקרא כתוב אי אפשר לאמרו כביכול עבד לוה לאיש מלוה:

אני בצדק. תחלה ואחר כך אחזה פניך בתפלה: אשבעה בהקיץ תמונתך. בשכר הקיצה אשבעה תמונתך: מלוה ה' חונן דל. החונן דלים כאילו מלוה להקדוש ב"ה והכתיב עבד לוה לאיש מלוה: ואיזו היא צדקה שמצלת מדינה של גיהנם. כלומר איזו מן הצדקות הללו מדבר מדין גיהנם

**כא א"ר** חייא בר אבא (אמר) ר' יוחנן [רמי] כתיב (שם יא) לא יועיל הון ביום עברה וצדקה תציל ממות וכתיב (שם י) לא יועיל אוצרות רשע וצדקה תציל ממות ב' צדקות הללו למה אחת שמצלת מדינה של גיהנם ואחת שמצלת ממיתה משונה ואיזה היא

---

**כ דרש.** רבי דוסתאי ברבי ינאי האט גידרשת קום און זעה אז דער פירות פון גאט איז ניט וויא דער פירונג פון אמענטשין. דער פירונג פון אמענטשין איז. אז אמענטש ברייננט אגרויסע מתנה צו אמלך. ווייס ער נאך ניט אויב מען וועט צו נעמען פון אים דיא מתנה. אדער מען וועט ניט צוא נעמען פון איהם דיא מתנה. און אויב מען וועט צוא נעמען פון איהם דיא מתנה. ווייס ער נאך ניט אויב ער וועט זעהן דעם פנים פון מלך. אדער ניין. אבער גאט איז ניט אזוי. אז אמענטש גיט אפרוטה צוא אארעם מאן. איז ער זוכה צוא זעהן דעם פנים פון דער שכינה אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גיזאגט אז איך גיב צדקה בין איך זוכה צו זעהן דיין פנים. אשבעה בהקיץ תמונתך. וויל איך שטייא אויף פריא פון שלאף צוא לערנען תורה. וועל איך זוכה זיין איך זאל זאט ווערין מיט דיין גישטאלט. רבי אלעזר פלעגט געבין אפרוטה צו אארעם מאן. דער נאך פלעגט ער דאוונען. ער האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק אני בצדק אחזה פניך. פריער גיב איך צדקה. דער נאך זעה איך דיין פנים מיט תפלה. וואס מיינט דער פסוק אשבעה בהקיץ תמונתך. רב נחמן בר יצחק זאגט דאס מיינט מען דיא תלמידי חכמים וואס זייא טוהען אפ דעם שלאף פון זייערע אויגען אויף דער וועלט. זייא זאלין לערנען תורה ביא נאכט. וועט זייא גאט זאט מאכען מיט דיא שיינקייט פון דער שכינה אויף עולם הבא. רבי יוחנן זאגט עס שטייט אין פסוק מלוה ה' חונן דל. דער וואס גיט צדקה צום ארעם מאן. איז גלייך וויא ער האלט דאס געלט פאר בארגט צוא גאט. ווען דער פסוק וואלט ניט אזוי גיזאגט. האלטין מיר דאס אליין גאר ניט גיקענט זאגין. דער מענטש זאל זיין אמלוה און גאט זאל זיין אלוה. און דער לוה איז אקנעכט צום מלוה:

**כא** אמר. רבי חייא בר אבא האט גזאגט רבי יוחנן האט גיפרעגט עס שטייט אין פסוק דאס גאר מעגין פון מענטשין קען אים ניט העלפין אין דעם טאג וואס גאט איז אין כעס. אבער צדקה איז מציל פון טויט. און אין אנדערין פסוק שטייט דיא אוצרות פון רשע קענען ניט העלפין און צדקה איז מציל פון טויט. צוא וואס זאגט שלמה צוויי מאהל איין זאך אז צדקה איז מציל פון טויט. נאר איין מאהל זאגט שלמה אז צדקה איז מציל פון גיהנם. דער נאך זאגט שלמה אז צדקה איז מציל פון אמיתה משונה. וועלכער פסוק שמועסט פון דיא צדקה וואס איז מציל פון גיהנם. דער פסוק וואס אין אים שטייט עברה. כעס: ווארום ביי דעם גיהנם שטייט אין פסוק יום עברה היום ההוא. דער טאג פון גיהנם איז אטאג פון כעס. און וועלכע צדקה איז מציל פון אמיתה משונה. אז דער וואס גיט דיא צדקה ווייס ניט צוא וועמען ער ניט

היא שמצלת מדינה של גיהנם ההוא דכתיב ביה עברה דכתיב (צפניה א) יום עברה היום ההוא ואיזו היא שמצלת ממיתה משונה (ע"ב) נותנה ואינו יודע למי נתנה נוטלה ואינו יודע ממי נוטלה. נותנה ואינו יודע למי נותנה לאפוקי מדמר עוקבא. נוטלה ואינו יודע ממי נוטלה לאפוקי מדר' אבא ואלא היכי ליעבד ליתבה לארנקי של צדקה מיתיבי מה יעשה אדם ויהיו לו בנים [זכרים] ר' אלעזר אומר יפזר מעותיו לעניים ר' יהושע (בן קרחה) אומר ישמח את אשתו בדבר מצוה רבי אליעזר בן יעקב אומר לא יתן אדם פרוטה לתוך ארנקי של צדקה אלא א"כ ממונה עליה כר' חנינא בן תרדיון כי קאמרינן דממונה עליה כר' חנינא בן תרדיון א"ר אבהו אמר משה לפני הקב"ה רבש"ע במה תרומם קרן ישראל א"ל בכי תשא. וא"ר אבהו שאלו את שלמה בן דוד עד היכן כחה של צדקה אמר להם באו וראו מה פירש דוד אבא (תהלים קיב) פזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד קרנו תרום בכבוד. (רבא) [ר' אבא] אמר מהכא (ישעיה לג) הוא מרומים ישכון מצדות סלעים משגבו לחמו נתן מימיו נאמנים

אותו הכתוב בו לא יועיל הון ביום עברה: נותנה ואינו יודע למי נותנה. כדמפרש בסיפא ויתננה לכיס של צדקה. דמר עוקבא ודרבי אבא. במס' כתובות מר עוקבא הוה עני אחד בשכונתו כל יומא ד' זוזי במסכה דדשא והעני אינו יודע מי נתנה והוא יודע מי נטלה ורבי אבא הוה צייר בסודריה ושדי לאחוריה וממציא נפשיה ביני עניי והעני מטלה ויודע ממי נוטלה והוא אינו יודע למי נותנה: בדבר מצוה. לפני תשמיש: א"ל בכי תשא. אם באת לשאת את ראשם בסגנונה קח מהם כופר לצדקה:

---

גיט. אונ דער וואס נעמט דיא צדקה ווייס ניט פון וועמען ער נעמט. אז ער גיט די צדקה אונ ער ווייס ניט צוא וועמען ער גיט. דאס איז ניט וויא מר עוקבא האט גיטאהן. ווארום מר עוקבא פלעגט געבין צוא זיין ארעמען שכן אלע טאג פיר גילדין אונ ער פלעגט לייגען דס געלט אונטער דיא טיר. מר עוקבא האט געוואוסט וועמען ער גיט. נאר דער ארעם מאן האט ניט געוואוסט פון וועמען ער נעמט. אז ער נעמט דיא צדקה אונ ער ווייס ניט פון וועמען ער נעמט דאס איז ניט וויא רבי אבא האט גיטאהן. ווארום רבי אבא פלעגט איין בינדען געלט אין אפאטשיילע אונ ער פלעגט לייגן דיא פאטשיילע אויף דיא פלייצעס. אונ פלעגט גיין צווישען דיא ארעמע לייט. אונ דיא ארעמע לייט פלעגין אראפ נעמען דיא פאטשיילע מיט געלט פון זיינע פלייצעס. דער ארעם מאן האט געוואוסט פון וועמען ער נעמט. אבער רבי אבא האט ניט געוואוסט וועמען ער האט גיגעבין. נאר וויא דען זאל ער טאהן. ער זאל דאס געלט אריין ווארפען אין דעם ביטיל פון צדקה. אונ דיא גבאים פון צדקה צוא טיילען דאס געלט צוא ארעמע לייט. דער ארעם מאן ווייס ניט ווער האט דאס גע'ט גיגעבין. אונ דער בעל הבית ווייס ניט ווער האט דאס געלט גענומען. פרעגט דיא גמרא מיר האבען גילערנט וואס זאל אמענטש טאהן ער זאל האבען קינדער זכרים. רבי אלעזר זאגט ער זאל פר שפרייטן זיין געלט צוא ארעמע לייט. רבי יהושע זאגט ער זאל דער פרייען זיין ווייב מיט אמצוה פאר דעם תשמיש. רבי אליעזר בן יעקב זאגט אמענטש זאל ניט געבין אפילו איין פרוטה אין דער ביטיל פון צדקה. סיידין דער גבאי פון צדקה איז אזוי פרום וויא רבי חנינא בן תרדיון. זעהן מיר דאך אז מען דארף ניט געבין אין ביטיל פון צדקה. ענפערט דיא גמרא מיר מיינען אויך ער זאל געבין אין אזוי אביטיל פון צדקה. וואס דער גבאי איז אזוי פרום וויא רבי חנינא בן תרדיון. רבי אבהו זאגט משה רבינו האט גזאגט פאר רבונו של עולם מיט וואס וועסטו אויף הייבין דיא שטארקייט פון דיא יודין. האט גאט גזאגט מיט כי תשא. (דאס מיינט מען מיט צדקה אזוי וויא עס שטייט אין דיא סדרה כי תשא). נאך האט רבי אבהו גזאגט מען האט גיפרעגט ביי שלמה בן דוד ביז וויא הייט איז גרוים דער כח פון צדקה. האט שלמה צוא זייא גיזאגט קומט אונ זעהט וואס מיין פאטער דוד האט גזאגט אז ער האט פאר שפרייט געלט צוא ארעמע לייט. זיין צדקה וועט שטיין אויף אייביג זיין גרויסקייט וועט דער הויבין ווערין מיט כבוד. רבי אבא זאגט פון דעם פסוק ווייזען מיר דעם כח פון צדקה. עס שטייט אין פסוק

נאמנים מה טעם הוא מרומים ישכון מצדות סלעים משגבו משום דלחמו נתן ומימיו נאמנים :

כב וא"ר אבהו שאלו את שלמה בן דוד א'זהו בן העה"ב אמר להם כל (ישעיה כד) שנגד זקניו כבוד כי הא דיוסף בריה דרבי יהושע (בן לוי) חליש ואתנגיד א"ל אבוה מאי חזית א"ל עולם הפוך ראיתי עליונים למטה ותחתונים למעלה א"ל עולם ברור ראית א"ל אנן היכי איתנן א"ל כי היכי דאיתנן הכא איתנן התם ושמעתי שהיו אומרים אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו ושמעתי שהיו אומרים הרוגי מלכות אין כל בריה יכולה לעמוד במחיצתן מאן נינהו אילימא ר"ע וחביריו משום הרוגי מלכות והו לא פשיטא דהא איכא מעשים טובים בלאו הכי נמי לא אלא הרוגי לוד :

כג תניא אמר להם רבן יוחנן בן זכאי לתלמידיו בני מהו שאמר הכתוב (משלי יד) צדקה תרומם גוי וחסד לאומים חטאת נענה רבי אליעזר ואמר

כנגד זקניו כבוד. אותם שחולקים להם כבוד בעוה"ז מחמת חכמת זקנתם : עליונים למטה. אותם שהם עליונים כאן מחמת עשרם ראיתי שם [בזיון] למטה: ותחתונים למעלה. ראיתי עניים שהם בזיון שפלים והם ראשים חשובים: ואנן. בני הורה היכי איתנן היאך יש חשיבותינו: כי היכי דאיתנן הכא. חשובים ומכובדים הכי איתנן התם : הרוגי מלכות והו לא. כלומר הך מילתא להודיע הוא דאתי כגון שנהרגו על קדושת השם והו לא הואי נהו : הרוגי לוד. לולינוס ופפוס אחים שהרגן טוריינוס בלודקיא כדאמרינן במסכת תענית ע"י גזרה שגזר על ישראל להשמיד על שנמצאת בת המלך הרוגה ותלו את ישראל עליה ועמדו האחין הללו ואמרו מה לכם על ישראל אנחנו הרגנוה :

---

הוא מרומים ישכון מצדות סלעים משגבו לחמו נתן מימיו נאמנים. פאר וואס וועט זיין זיין רוהונג גאנץ הויך אונ זיין שטארקייט וועט זיין וויא אין אפעסטונג פון שטיינער. ווייל ער האט געגעבן זיין ברויט אונ וואסער צו ארעמע לייט :

כב ואמר. נאך האט רבי אבהו גזאגט מען האט גפרעגט ביי שלמה בן דוד ווי אזו קען מען וויסן וועלכער מענטש האט עולם הבא. האט שלמה צוא זייא גזאגט דיא מענטשן וואס האבן כבוד פאר זייער תורה אויף דער וועלט. דיא וועלין האבן עולם הבא אויך. אזו וויא עס האט אמאהל גיטראפען יוסף דער זוהן פון רבי יהושע איז קראנק גיווארין אונ איז גיוועזן אזוי וויא טויט. דער נאך אז ער איז געזונד גיווארין : האט דער פאטער צו אים גזאגט וואס האסטו גיזעהן. האט יוסף גזאגט איך האב גזעהן אפארקערטע וועלט. דיא מענטשין וואס זענען דא אויף דער וועלט גרויס דורך זייער רייכקייט. זענען דארט אויף יענע וועלט קליין. אונ דיא מענטשין וואס זענען דא אויף דער וועלט גאנץ נידעריג ווייל זייא זענען ארעם. זענען דארט אויף יענע וועלט גרויס. האט דער פאטער גזאגט צוא זיין זוהן יוסף דו האסט גיזעהן אריכטיגע וועלט. נאך האט גיפרעגט רבי יהושע ביא זיין זוהן מיר תלמידי חכמים וויא זענען מיר דארט אויף יענע וועלט. האט דער זוהן גנ גט אזוי וויא מיר זענען חשוב אויף דער וועלט אזו זענין מיר חשוב אויף יענע וועלט. אונ איך האב גיהערט מען האט דארט גיזאגט דיא מענטשין וואס זענען גיהרגת גיווארין פון מלך קען קיין מענטש ניט שטיין אויף דעם ארט וואו זיי שטיין. יעצט פרעגט דיא גמרא וועלכע מענטשין האט יוסף גימיינט. מיר זאלין זאגן אז ער מיינט רבי עקיבא מיט זיינע חברים וואס זייא זענען גיהרגת גיווארין פון מלך. צוא דען נאר ווייל זייא זענען גיהרגת גיווארין פון מלך דריבער איז זייער עולם הבא אזוי גרויס. אפילו ווען זייא וואלטין ניט גיהרגת גיווארין פון מלך נאר זייא וואלטין גישטארבין אויף זייער בעט. וואלט אויך זייער עולם הבא גרויס גיוועזן. ווייל זייא זענען גיוועזן גרויסע צדיקים אונ האבן גיהאט פיל תורה מיט מעשים טובים. נאר יוסף האט גימיינט דיא צוויי ברידער פפוס אונ לוליינוס וואס זענען גיהרגת גיווארין אין לוד (אזוי וויא עס שטייט אין מסכת תענית) :

כג תניא. מיר האבען גילערנט רבן יוחנן בן זכאי האט גזאגט צוא זיינע תלמידים. מיינע קינדער וואס מיינט דער פסוק צדקה תרומם גוי דער הויבין דיא פאלק אונ דער חסד פון דיא פעלקער איז זינד. האט רבי אליעזר גיענטפערט צדקה טוהט דער הויבין דיא פאלק.

דאס

כרי זה לדיק גמור. כדבר זה ובמהשבה זו : כלן בישראל כאן בעכו"ם. ישראל דעתם לשמים בין יחיה בין לא יחיה אין מהרהרין אחר מדת הדין אבל העכו"ם אינו נותן אלא על מנת כן ואם לא מהרהר: יום עברה ביום הסות. ביום הדין מכתעי

ואמר צדקה תרומם גוי אלו ישראל דכתיב (ש"ב ז) ומי כעמך כישראל גוי אחד בארץ וחסד לאומים חטאת כל צדקה וחסד שהעכו"ם עישין חטאת הוא להם שאין עושין אלא להתגדל בו שנאמר (עזרא ו) די להון מהקרבין ניחוחין לאלה שמיא ומצלין לחיי מלכא ובנוהי. ומאן דעביד הכי לאו מעליותא היא והתניא האומר סלע זו לצדקה בשביל שיחיו בני או בשביל שאזכה לחיי העה"ב ה"ז צדיק גמור ל"ק כאן בישראל כאן בעכו"ם. נענה ר' יהושע ואמר צדקה תרומם גוי אלו ישראל דכתיב ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ וחסד לאומים חטאת כל שנאמר (דניאל ד) להן מלכא מלכי ישפר עליך וגו' הן תהוה ארכא לשלותך נענה רבן גמליאל ואמר צדקה תרומם גוי אלו ישראל דכתיב ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ וחסד לאומים חטאת כל צדקה וחסד שהעכו"ם עושין חטאת הוא להם לפי שאין עושין אלא להתייהר בו וכל המתייהר נופל בגיהנם שנאמר (משלי כא)

זד

---

דאס מיינט מען דיא יודין. דיא צדקה וואס דיא יודין טוהען דאס מאכט זייא גרויס. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. זעהן מיר אז דיא יודין ווערין גירופען גוי. אונ דער חסד פון דיא פעלקער איז אזינד. דאס מיינט מען אלע צדקות אונ חסד וואס דיא פעלקער טוהען: איז דאס אזינד צוא זייא. ווארום זייא טוהען ניט פון מצוה וועגין. נאר פון גרויסקייט וועגין (נאט זאל זייא גרויס מאכען). אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען דריוש המלך האט גיגעבין קרבנות אויף דעם בית המקדש האט ער גיזאגט מען זאל מקריב זיין קרבנות צו דעם גאט וואס אין הימעל אונ מען זאל בעטין דער מלך מיט זיינע קינדער זאלין לעבין. פרעגט דיא גמרא אונ דער וואס טוהט אזוי איז ניט גוט. מיר האבען דאך גילערנט אז איינער זאגט דער טאלער זאל זיין אויף צדקה ווייל מיין קינד זאל לעבין. אדער ווייל איך זאל זוכה זיין צוא עולם הבא: איז ער אמתר צדיק. ענפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אז א יוד זאגט אזו איז ער א צדיק. ווארום א יוד וועט גיט חרטה האבען אפילו גאט וועט ניט טאהן וויא ער האט פערלאנגט. נאר ער זאגט גאט איז גירעכט. אבער א גוי גיט נאר אויף דעם תנאי אויב עס וועט גיטאהן הערין וויא ער האט גיוואלט. אבער אז עס וועט ניט גיטאהן ווערין ווי ער האט גיוואלט. האט ער חרטה אויף דעם גאנצין גוטץ וואס ער האט ביז איצונד גיטאהן. איז דאך דיא צדקה גאר ניט. רבי יהושע האט גיענפערט צדקה טוהט דער הויבען דיא פאלק דאס מיינט מען דיא יודין. דיא צדקה וואס דיא יודין טוהען דאס מאכט זייא גרויס. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ: זעהן מיר אז דיא יודין ווערין גירופען גוי: אפאלק. אונ דער חסד פון דיא פעלקער א ז אזינד. דאס מיינט מען אלע צדקות אונ חסד וואס דיא פעלקער טוהען. איז דאס אזינד צוא זייא. ווארום זייא טוהען ניט פון מצוה וועגין. נאר פון וועגין זייער קעניגרייך זאל לאנג גידויערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דניאל האט גיזאגט צוא נבוכדנצר. קעניג מיין עצה זאל דיר גיפעלין דוא זאלסט געבין צדקה. וועט זיין א לענגערונג צו דיין פרידען. רבן גמליאל האט גיענפערט צדקה טוהט דער הויבין דיא פאלק דאס מיינט מען דיא יודין. דיא צדקה וואס דיא יודין טוהען דאס מאכט זייא גרויס. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. זעהן מיר אז דיא יודין ווערין גירופען גוי. אפאלק. אונ דער חסד וואס מען טוהט מיט מענטשין כדי מען זאל גרויס ווערין. אבער ניט ווייל גאט האט גיהייסען. איז דאס אזינד צו זיי. ווארום אז זיי וועלין נאר גרויס ווערין וועלין זיי שוין מעהר קיין חסד טאהן. אונ זיי וועלין זיך נאר גרויס האלטין וועלין זיי אריין פאלין אין גיהנם. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער רשע וואס האלט זיך גרויס. זיין נאמען ווערט גירופען לץ. עושה בעברת זדון.

די

זד יהיר לץ שמו עושה בעברת זדון ואין עברה אלא גיהנם שנא' (צפניה א) יום עברה היום ההוא אמר ר"ג עדיין צריכין אנו למודעי רבי אליעזר המודעי אומר צדקה תרומם גוי אלו ישראל דכתיב ומי כעמך וגו' וחסד לאומים חטאת כל צדקה וחסד שהעכו"ם עושים חטא הוא להם לפי שאין עושים אלא לחרף אותנו בו שנאמר (ירמיה מ) ויבא ויעש ה' כאשר דבר כי חטאתם לה' ולא שמעתם בקולו והיה לכם הדבר הזה נענה ר' נחוניא בן הקנה ואמר צדקה תרומם גוי אלו ישראל וחסד נמי ולאומים חטאת אמר להם רבן יוחנן בן זכאי לתלמידיו נראין דברי ר' נחוניא בן הקנה מדברי ומדבריכם שהוא נותן צדקה וחסד לישראל ולאומים חטאת. מדקאמר מדברי ככלל דהוא נמו אמר מאי היא דתניא אמר ריב"ז כשם שהחטאת מכפר על ישראל כך צדקה וחסד מכפרין על אוה"ע:

כנגדות לפניה: המודעי. מבר המודעית היה: ויעש ה' כאשר דבר וגו'. נבוזראדן קאמר ליה לירמיה כשהיה מגלה את ישראל לבבל:

**כד איפרא** הורמיז אמיה דשבור מלכא שדרה ד' מאה ארנקי דדינרי לקמיה דרבי אמי ולא קבלינהו שדרתינהו לקמיה דרבא וקבלינהו [משום שלום

---

די שעכין וואס ער טוהט וועט אים ברייגגען צו עברה. צום גיהנם: וואריום עברה מיינט מען דעם גיהנם. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק דער טאג איז א טאג פון עברה. פון גיהנם. וואס דיא רשעים וועלין געשטראפט ווערין צום גיהנם. רבן גמליאל זאגט מיר דארפין נאך אן קימען צו רבי אליעזר המודעי. ווארום רבי אליעזר המודעי זאגט צדקה טוהט דער הויבין דיא פאלק. דאס מיינט מען די יודין. דיא צדקה וואס דיא יודין טוהען דאס מאכט זייא גרוים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. ווערן מיר אז דיא יודין ווערין גירופין גוי א פאלק. אונ דער חסד פון דיא פעלקער איז אזינד. דאס מיינט מען אלע צדקות אונ חסד וואס דיא פעלקער טוהען. איז דאס אזינד צו זייא. ווארום זייא טוהען ניט פון מצוה וועגין. נאר צו לעסטערין מיט דיא צדקה אונז יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נבוזראדן האט גיזאגט צו ירמיה הנביא ווען ער האט פארטריבען דיא יודין אין בבל. גאט האט גיבראכט אונ האט גיטאהן אזוי וויא ער האט גירעט. ווארום איהר האט געזינדיגט צו גאט אונ איהר האט ניט גיהערט זיין שטימע דריבער איז גיווארין צוא אייך דיא זאך וואס מען האט אייך פארטריבען אין גלות. האבין דיא גוים אונז גילעסטערט וואס מיר זענען ניט פרום. רבי נחוניא בן הקנה זאגט אזוי מיינט דער פסוק צדקה תרומם גוי וחסד לאומים חטאת. צדקה טוהט דער הויבין דיא פאלק. דאס מיינט מען דיא יודין. אונ חסד טוהט אויך דער הויבין דיא יודין. ואז מען גיט געלט צום ארעם מאן. דאס איז צדקה. אונ אז מען טוהט א טובה צו א ארעם מאן אדער צו א רייכין דאס איז חסד. אונ ביי דיא פעלקער איז ניטא קיין צדקה אונ ניט קיין חסד נאר עבירות. האט רבן יוחנן בן זכאי גיזאגט צו זיינע תלמידים מיר גיפעלט דיא רייד פון רבי נחוניא בן הקנה בעסער וויא מיינע רייד אונ וויא אייערע רייד. ווארום רבי נחוניא גיט צדקה מיט חסד צוא דיא יודין. אונ אך עבירות גיט ער צוא דיא פעלקער. פרעגט דיא גמרא אז רבן יוחנן בן זכאי זאגט אז די רייד פון רבי נחוניא גיפעלט איהם בעסער וויא זיינע רייד. האט דאך רבן יוחנן אויך עפעס גיזאגט אויף דעם פסוק. וואס האט ער גיזאגט אויף דעם פסוק. זאגט דיא גמרא ווארום מיר האבין גילערנט רבן יוחנן בן זכאי זאגט אזוי וויא א קרבן חטאת איז מכפר אויף דיא יודין זייערע עבירות: אזוי איז ביי דיא פעלקער דיא צדקה אונ חסד וואס זייא טוהען איז מכפר אויף זייערע עבירות:

**כד איפרא.** הורמיז דיא מוטער פון שבור מלכא האט געשיקט פיר הונדערט בייטלען געלט צו רבי אמי ער זאל דאס צו טיילין אויף צדקה. האט רבי אמי ניט גיוואלט צוא נעמען. האט זיא געשיקט דאס געלט צוא רבא האט ער זייא צו גינומען. האט רבי אמי גיהערין אז

[ביבוש קצירה תשברנה. כשתכלה זכות שבידם וייבש להלחות מעשה צדקה שלהם אז ישברו: דלא סיימוה קמיה. דהכי אמי דלעניי אוה"ע חלקן רבא וכך דאמרינן לעיל דשדרה נמי איפרא הורמיז לממונה רבא משום שלום מלכות קבלינהו ולא אפשר לחלקן לעניי אוה"ע דאסור לגנוב דעת הבריות ואפילו דעתו של נכרי אבל במעות המתחלקות לעניים אין גניבת דעת דאיכהו נמי ידעי שישראל רגילין לפרנס עניי נכרים כדאמרי' במס' גיטין מפרנסין עניי נכרים עם עניי ישראל מפני דרכי שלום]: אתה אמרת וכו'. מתורתך למדנו לפיכך נברא אדם יחידי לומר לך כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא וכתיב קול דמי אחיך וגו' ודם זרעיותיו אף כשאתה מקיים וחי אחיך עמך כן מעלים על ידך חייו וחיי זרעיותיו במדה טובה מרובה ממדת פורענות לעולם:

מונבז המלך. בנה של הילני המלכה מזרע חשמונאים:

שלום מלכות שמע רבי אמי ואיקפד אמר לית ליה (ישעיה כז) ביבוש קצירה תשברנה וגו' ורבא משום שלום מלכות ור' אמי נמי משום שלום מלכות דאיבעי ליה למפלגינהו לעניי אוה"ע ורבא נמי לעניי אוה"ע יהבינהו ור' אמי דאיקפד הוא (דף יא) דלא סיימוה קמיה]. תניא אמרו עליו על בנימין הצדיק שהיה ממונה על קופה של צדקה פעם אחת באתה אשה אחת ועמדה לפניו בשני בצורת אמרה לו רבי פרנסני אמר לה העבודה אין בקופה של צדקה כלום אמרה לו רבי אם אין אתה מפרנסני הרי אשה ושבעה בניה מתים עמד ופרנסה משלו לימים חלה בנימין הצדיק ונטה למות אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה רבש"ע אתה אמרת כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא ובנימין הצדיק שהחיה אשה ושבעה בניה ימות בשנים מועטות הללו מיד קרעו לו גזר דינו תנא הוסיפו על שנותיו כ"ב שנים:

כה ת"ר מעשה במונבז המלך שבזבז אוצרותיו ואוצרות אבותיו בשני בצורת וחברו עליו אחיו

---

רָבָא הָאט צוּ גִינוּמֶען דָאס גֶעלְט פוּן דִיא הוּרְמִיז דִיא מוּטֶער פוּן שבור מַלְכָּא אִיז עֶר אִין בֵּעם גִיוֶוען אוֹיף רָבָא. אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט הַאלְט דֶען נִיט רָבָא דֶעם פָּסוּק בִּיבוֹשׁ קְצִירָהּ תִּשָּׁבַרְנָה. אַז עֶס וֶועט טְרוּקֶען וֶוערִין אִיהר שְׁנִיט וְדָאס מֵיינְט מֶען אַז דֶער זְכוּת פוּן זֵייעֶרֶע צְדָקוֹת וֶועט טְרוּקֶען וֶוערִין וֶועלִין זֵייא צוּא בְּרָאכֶע וֶוערִין. פַאר וָואס הָאט רָבָא גִינוּמֶען זֵייעֶר גֶעלְט גֶעבִּין פוּן זֵייעֶרְטְוֶועגִין זֵייעֶר צְדָקוֹת. זָאגְט דִיא גְמָרָא רָבָא הָאט גִינוּמֶען דָאס גֶעלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם פוּן מֶלֶךְ צוּא דִיא יוּדִין. פַאר וָואס אִיז רַבִּי אַמִי אִין כַּעם גִיוֶוען אוֹיף רָבָא. עֶר הָאט דָאךְ גִימוּזְט נֶעמֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם פוּן מֶלֶךְ צוּא דִיא יוּדִין. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא רַבִּי אַמִי אִיז נִיט אִין כַּעם גִיוֶוען אוֹיף רָבָא פַאר וָואס עֶר הָאט גִינוּמֶען. עֶר אִיז נָאר אִין כַּעם גִיוֶוען פַאר וָואס עֶר הָאט נִיט צוּא טֵיילְט צוּא גוֹיִשֶׁע אָרֶעמֶע לַייט דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט. זָאגְט דִיא גְמָרָא רָבָא הָאט טַאקִי צוּא טֵיילְט צוּא גוֹיִשֶׁע אָרֶעמֶע לַייט דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט. נָאר רַבִּי אַמִי אִיז אִין כַּעם גִיוֶוען וַוייל מֶען הָאט אִיהם נִיט דֶער צֵיילְט אַז רָבָא הָאט צוּא טֵיילְט דִיא גַאנְצֶע גֶעלְט צוּא גוֹיִשֶׁע אָרֶעמֶע לַייט. וְאוּנ רַבִּי אַמִי וָואס עֶר הָאט נִיט גִינוּמֶען דִיא גֶעלְט פוּן שָׁלוֹם וֶועגִין. וַוייל אִין זַיין שְׁטָאט אִיז נִיט גִיוֶוען קֵיין גוֹיִשֶׁע אָרֶעמֶע לַייט. מִיר הָאבִּין גִילֶערְנְט מֶען הָאט גִיזָאגְט אוֹיף בִּנְיָמִין הַצַּדִּיק עֶר אִיז גִיוֶוען אַגַבַּאי אוֹיף צְדָקָה. אַמָאהל אִין אַהוּנְגֶער יָאהר אִיז גִיקוּמֶען פַאר אִיהם אַיין אִשָּׁה. אוּנ הָאט גִיזָאגְט צוּ אִים רֶבִּי גִיבּ מִיר עֶסִין. הָאט בִּנְיָמִין גִיזָאגְט צוּא דִיא אִשָּׁה אִיךְ שְׁוֶוער אַז אִין דִיא קֶעסְטִיל אִיז נִיטָא אַיין גְרָאשִׁין פוּן צְדָקָה גֶעלְט. הָאט דִיא אִשָּׁה גִיזָאגְט צוּא בִּנְיָמִין רֶבִּי אוֹיבּ דוּא וֶועסְט מִיךְ נִיט שְׁפַּייזִין וֶועט שְׁטַארְבִּין דִיא אִשָּׁה מִיט זִיבֶּען קִינְדֶער. הָאט בִּנְיָמִין אִיהר גִיגֶעבִּין עֶסִין פוּן זַיין גֶעלְט. אִין אַצֵייט שְׁפֶּעטֶער אִיז בִּנְיָמִין הַצַּדִּיק קְרַאנְק גִיוָוארִין אוּנ עֶר אִיז גִיוֶוען נָאנְט צוּם שְׁטַארְבִּין. הָאבִּין דִיא מַלְאָכִים גִיזָאגְט פַאר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּא הָאסְט גִיזָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס דֶער הַאלְט בַּיים לֶעבִּין אֲפִילוּ אַיין מֶענְטְשִׁין פוּן יוּדִין אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט דֶער הַאלְטִין בַּיים לֶעבִּין אַגַאנְצֶע וֶועלְט מֶענְטְשִׁין. אוּנ בִּנְיָמִין הַצַּדִּיק הָאט דֶער הַאלְטִין בַּיים לֶעבִּין אַיין אִשָּׁה מִיט זִיבֶּען קִינְדֶער זָאל עֶר שְׁטַארְבִּין בַּייא דִיא וֵוייניג יָאהרִין וָואס עֶר הָאט גִילֶעבְּט. הָאט מֶען בַּאלְד צוּא רִיסֶען דֶעם גְזַר דִין. מִיר הָאבִּין גִילֶערְנְט מֶען הָאט צוּא גִיגֶעבִּין צוּא זַיינֶע יָאהרִין נָאךְ צְוֵויא אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר:

כה תָּנוּ רַבָּנָן. דִי רַבָּנָן הָאבִּין גִילֶערְנְט עֶס הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפִין בַּייא דֶעם מֶלֶךְ מוּנְבַּז

אז

אחיו ובית אביו ואמרו לו אבותיך גנזו אוצרות והוסיפו על של אבותם ואתה בזבזת אוצרותיך ואוצרות אבותיך אמר להם אבותי גנזו אוצרות למטה ואני גנזתי אוצרות למעלה שנאמר (תהלים פה) אמת מארץ תצמח וצדק משמים נשקף. אבותי גנזו במקום שהיד שולטת בו ואני גנזתי במקום שאין היד שולטת בו שנאמר (שם פט) צדק ומשפט מכון כסאך. אבותי גנזו דבר שאין עושה פירות ואני גנזתי דבר שעושה פירות שנא' (ישעיה ג) אמרו צדיק כי טוב כי פרי מעלליהם יאכלו. אבותי גנזו אוצרות ממון ואני גנזתי אוצרות נפשות שנא' (משלי יא) פרי צדיק עץ חיים ולוקח נפשות חכם. אבותי גנזו לאחרים ואני גנזתי לעצמי שנאמר (דברים כד) ולך תהיה צדקה. אבותי גנזו לעה"ז ואני גנזתי לעה"ב שנאמר (ישעיה נח) והלך לפניך צדקך כבוד ה' יאספך:

(דף יב) **כן א"ר** אבדימי דמן חיפה מיום שחרב בהמ"ק נטלה נבואה מן הנביאים ונתנה לחכמים אטו חכם לאו נביא הוא הכי קאמר אף על פי

שנטלה

כשאמת מארץ תצמח אף משמים נשקף הלכך לשלם גמול: נשקף. מביט כמו נשקפה ותיבב כלו' זכות צדקה מביט ומסתכל למטה: מכון כסאך. גניזתו תחת מכון הכסא: דבר שעושה פירות. וסקרן קיים לעוה"ב והפירות אוכל בעולם הזה שנאמר כי פרי מעלליהם יאכלו:

אטו חכם לאו נביא. וכי אין חכם ראוי להיות נביא דקאמרת ניטלה נבואה מן הנביאים ונתנה לחכמים מכלל דמעיקרא לא היתה נבואה לחכמים: ס"ק

---

אז ער האט ארויס גינומען זיינע אוצרות און דיא אוצרות פון זיינע עלטערין און האט אללץ צוא טיילט צוא ארעמע לייט אין אהונגער יאהר. זענען גיקומען צוא מונבז זיינע ברידער און זיין פאטערס משפחה און האבין גיזאגט צוא אים דיינע עלטערין האבין גיזאמולט אוצרות און זייא האבין נאך פאר גרעסערט דיא אוצרות פון זייערע עלטערין. און דוא האסט ארויס גינומען דיינע אוצרות און דיא אוצרות פון דיינע עלטערין און האסט זייא אוועק גיגעבין צו ארעמע לייט. האט מונבז צוא זייא גיזאגט מיינע עלטערין האבין בעהאלטין אוצרות אויף דער ערד. איך האב בעהאלטין אוצרות אויף דעם הימעל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דער אמת שפראצט פון דער ערד. (דאס מיינט מען אז מען גיט צדקה אויף דיא ערד) ווערט פון הימעל גיקוקט אויף דיא צדקה מען זאל בצאהלין דעם שכר. מיינע עלטערין האבין בעהאלטין זייערע אוצרות אויף אזא ארט וואס אהאנט קען זייא נעמען. און איך האב בעהאלטין אוצרות אויף אזוי אארט וואס קיין האנט קען זייא ניט נעמען, אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צדק און משפט זענען אן גיברייט בייא דיא שטוהל פון גאט. מיינע עלטערין האבין בעהאלטין אזעלכע אוצרות וואס אויף זייא וואקסט ניט קיין פירות נאר אז מען זאל עסין פון די אוצרות ווערין זיי אלע מאהל ווייניגער און איך האב בעהאלטין אזעלכע אוצרות וואס אויף זייא וואקסט פירות. וועסט מען דיא פירות און דער קרן בלייבט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איר זאלט זאגין צום צדיק ער איז גוט. די פרוכט פון זייערע גוטע מעשים וועלין זייא עסין. מיינע עלטערין האבין בעהאלטין אוצרות געלט און איך האב בעהאלטין אוצרות נפשות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא פרוכט פון צדיק איז אבוים פון לעבין און דער וואס קויפט נפשות איז אחכם. מיינע עלטערין האבין בעהאלטין אוצרות פאר אנדערע מענטשין. און איך האב בהאלטין אוצרות פאר זיך: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ולך תהיה צדקה. דיין צדקה וועט זיין פאר דיר. מיינע עלטערין האבין בעהאלטין אוצרות פאר דיא וועלט, און איך האב בעהאלטין אוצרות פאר עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיינע צדקות וועלין גיין פאר דיר און דער כבוד פון גאט וועט דיך פאר זאמלען:

**כן** אמר. רבי אבדימי פון חיפה האט גזאגט פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין איז אוועק גינומען גיווארין דיא נבואה פון דיא נביאים. און זי איז גיגעבין גיווארין צוא דיא חכמים. פרעגט די גמרא און ווען דער בית המקדש איז גיוועזן האט אחכם ניט גיקענט זיין אנביא. נאר אזוי מיינט מען אפילו עס איז צוא גינומען גיווארין דיא נבואה פון דיא נביאים וואס זענען ניט חכמים. אבער פון דיא נביאים וואס זענען חכמים איז דיא נבואה ניט צו

געגומען

שנטלה מן הנביאים מן החכמים לא נטלה. אמר אמימר וחכם עדיף מנביא שנאמר (תהלים נ) ונביא לבב חכמה מי נתלה במי הוי אומר קטן נתלה בגדול אמר אביי תדע דאמר גברא רבה מלתא ומתאמרה משמיה דגברא רבה אחרינא כותיה אמר רבא מאי קושיא דלמא תרוייהו בני חד מזלא נינהו אלא אמר רבא תדע דאמר גברא רבה מלתא ומתאמרת (ע"ב) משמי' דרבי עקיבא בן יוסף כותיה אמר רב אשי מאי קושיא דלמא להא מלתא בר מזליה דר"ע הוא אלא אמר רב אשי תדע דאמר גברא רבה מלתא ומתאמרה הלכה למשה מסיני כותיה ודלמא כסומא בארובה ולאו טעמא קאמר בה. א"ר יוחנן מיום שחרב בהמ"ק נטלה נבואה מן הנביאים ונתנה לשוטים ולתינוקות שוטים מאי היא כי הא דמר בר רב אשי הוה קאי בריסתקא דמחוזא שמעיה להוא שוטה דקאמר ריש מתיבתא דמליך במתא מחסיא השתא טביומי חתים

אע"פ שנטלה מן הנביאים. שאינה מכונה מן החכמים לא נטלה: ונביא. יש לו לבב חכמה: תדע. שלא נטלה מן החכמים: משמיה דר"ע כוותיה. וליכא למימר בני חד מזלא ניהו דסברי ר"ע חכם ממנו הרבה: ולאו טעמא קאמר. במילתיה וכיון דאמר סע"א אין זה כסומא שמכוון לירד בארובה במקרה בעלמא אלא סברת הלב ש"מ נתנה לו בנבואה וכהם שהסכים להלכה למשה מסיני: בריסתקא. שוק רשות הרבים: דמליך במתא מחסיא. שעתיד להיות ראש ישיבה עכשיו: טביומי חתים. כשחותם באגרת

---

גענומען געווארן. אמימר זאגט א חכם איז בעסער ווי א נביא ווארום עס שטייט אין פסוק ונביא לבב חכמה. דער נביא האט א קלוגע הארץ. ווער בערימט זיך מיט וועמען. געוויס דער קלענערער בערימט זיך מיט דעם גרעסערן: אז דער נביא בערימט זיך ער האט א קלוגע הארץ. איז דאך א קלוגע הארץ גרעסער ווי נביאות. אביי זאגט איך וועל דיר ווייזן אז פון די חכמים איז ניט אוועק גענומען געווארן די נביאות. ווארום א גרויסער תלמיד חכם פון דער שטאט האט גזאגט א זאך. און איין אנדער גרויסער תלמיד חכם פון איין אנדערע שטאט האט אויך גיזאגט די זעלבינע זאך. פון וואנען האבען געוואוסט ביידע צו זאגען איין זאך. נאר עס איז גיקומען צו די אנביאות. רבא זאגט דאס איז קיין קשיא ניט עס קען זיין די ביידע תלמידי חכמים זענען גיבארין אין איין מזל. דריבער האבען זיא איין חכמה. רבא זאגט איך וועל דיר זאגען פון דעם קען מען וויסען אז פון די חכמים איז ניט צוא גינומען געווארן די נביאות. ווארום א גרויסער למדן האט גזאגט א זאך. און רבי עקיבא בן יוסף וואס ער איז געוועז מיט פיל יאהרין פריער פאר אים האט אויך אזוי גזאגט. און דא קען מען ניט זאגען ווייל זיא זענען ביידע גיבארין אין איין מזל. דריבער איז זייער חכמה גלייך. ווארום מיר זעהן אז זייער חכמה איז ניט גלייך. ווארום רבי עקיבא בן יוסף איז געוועזען פיל מער חכם ווי דער למדן. האט רב אשי גזאגט דאס איז אויך ניט קיין קשיא טאמער צוא דער זאך איז דער למדן געוועזען אין איין מזל מיט רבי עקיבא בן יוסף. נאר זאגט רב אשי פון דעם קען מען וויסען אז פון די חכמים איז ניט צוא גענומען געווארן די נביאות. ווארום א גרויסער למדן האט גזאגט א זאך. און נאט האט גזאגט צו משה רבינו אויף דעם בארג סיני אזוי ווי דער למדן האט גזאגט. פרעגט די גמרא טאמער האט דער למדן נאר גיטראפען אזוי ווי א בלינדער טרעפט אין גרוב מיינט דען דער בלינדער צוא גיין אין גרוב. נאר עס האט גיטראפען. אזוי האט דער למדן נאר ניט גיקלערט מיט זיין שכל וואס ער זאל זאגען. נאר עס האט גיטראפען) און ער האט גזאגט. זאגט רב אשי ניט אזוי איז געוועזען. נאר דער למדן האט גזאגט די זאך מיט חכמה. פון וואנען איז אים גיקומען אזוי א גרויסע חכמה. נאר דאס איז געוועזען א נבואה. רבי יוחנן זאגט פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארן איז אוועק גינומען געווארן די נבואה פון די נביאים. און זיא איז גיגעבין געווארן צוא די נארין און צוא די קינדער. פון וואנען ווייסען מיר אז די נארין זענען נביאים. אזוי ווי עס האט אמאהל גיטראפען מר בר רב אשי איז גישטאנען אין די גאס פון מחוזא. האט ער גיהערט ווי א נאר זאגט דער וואס וועט איצט ווערין ראש ישיבה אין דער שטאט מחסיא. וועט ער זיך חתמען טביומי. האט מר בר רב אשי גזאגט פון אלע רבנן חתמת זיך קיינער ניט טביומי

חתים אמר מאן חתים בכולהו רבנן טביומי אנא שמע מינה לדידי קיימא לי שעתא קם אתא עד דאתא אימנו רבנן עליה דרב אחא מדפתי לאותביה ברישא כד שמעי דאתא (בעי למיפתח רב אחא מדפתי) שדרו זוגא דרבנן לגביה לאמלוכי ביה עכבינהו שדרו זוגא אהרינא עכבינהו עד דמלו בי עשרה ופתח איהו ותנא [ודרש] לפי שאין פותחין בכלה פחות מעשרה קרי רב אחא מדפתי אנפשיה כל המריעין לו לא במהרה מטיבין לו וכל המטיבין לו לא במהרה מריעין לו (ולאו מלתא היא אגב צערא דנפשיה קאמר) תינוקות כאי היא כי הא דברתיה דרב חסדא הוה יתבא בכנפיה דאבוה ויתבי קמיה רבא ורמי בר חמא אמר לה מאן בעית מינייהו אמרה ליה תרווייהו אמר רבא ואנא בתרא:

מוסף שמו טביומי : קיימא לי שעתא . מזל : שדרו זוגא דרבנן לגביה . דמר בר רב אשי : לאמלוכי ביה. ליטול עצה [ורשות] להמליך את רב אחא : פתח ותנא . ועשה להם ישיבה : כל המריעין לו כו'. כלומר כנ"ל ונדחית הכתב לא ימליכוני עוד : איש נבוב : כשהוא חלול בלא כריסו מלאה : ילבב

**כז אמר** רב אבדימי דמן היפה קודם שאכל אדם ושתה יש לו שני לבבות לאחר שאכל ושתה אין לו אלא לב אחד שנאמר (איוב יא) ואיש נבוב ילבב וכתיב (שמות כז) נבוב לוחות ומתרגמינן חליל לוחין אמר רב הונא בריה דרב יהושע הרגיל ביין אפילו

---

טביומי. נאר איך. געווים וועט איצט זיין מיין צייט איך זאל ווערין אראש ישיבה : איז ער גיגאנגען צוא דיא שטאט מחסיא . איידער ער איז גיקומען צוא דיא שטאט מחסיא דער ווייל האבען דיא רבנן גזאגט זייא וועלין מאכען פאר אראש ישיבה רב אחא מדפתי. וויא דיא רבנן האבען גיהערט אז מר בר רב אשי איז גיקומען. האבען דיא רבנן געשיקט צוויא לומדים צוא מר בר רב אשי פרעגין בייא אים א עצה אויב זייא זאלען מאכען רב אחא מדפתי פאר אראש ישיבה: אהער גיין . האט מר בר רב אשי פאר האלטען דיא צווייא לומדים בייא זיך : האבען דיא רבנן געשיקט נאך צווייא לומדים. האט ער זייא אויך פאר האלטען . ביז עס זענען גיקומען צעהן לומדים . האט מר בר רב אשי אן גיהויבען צוא דרשנן . פאר וואס האט ער גיווארט ביז צעהן מענטשין וועלין קומען ווייל מען טאר ניט אן הייבען זאגין אדרשה אז עס זענען דא וויניגער וויא צעהן מענטשין. אונ מר בר רב אשי איז גיווארין אראש ישיבה. האט רב אחא מדפתי גילייענט אויף זיך דער מענטש וואס אים ווערט שלעכט . ניט אויף געשווינד ווערט אים צוריק גוט. אונ דער מענטש וואס איז גוט. ניט אויף געשווינד ווערט אים שלעכט. אמענטש קען לעבין אלאנגע צייט אין שלעכטס . אונ אמענטש קען לעבין אלאנגע צייט אין גוטס . אונ זיין מזל ענדערט זיך ניט. דריבער אז איך בין איצט ניט גיווארין אראש ישיבה . ווער ווייס אויב איך וועל נאך אמאהל ווערין אראש ישיבה. פון וואנען ווייסען מיר אז דיא קינדער זענען נביאים . אזוי וויא עס האט אמאהל גיטראפען אז דיא טאכטער פון רב חסדא איז גיזעסין אויף איר פאטערס שויס . אונ רבא מיט רמי בר חמא זענען גיזעסין פאר רב חסדא . האט רב חסדא גזאגט צוא זיין טאכטער וועלכין פון דיא ביידע ווילסטו נעמען פאר אמאן . האט דיא טאכטער גיזאגט איך וויל ביידע . האט רבא גיזאגט איך וויל זיין דער לעצטער מאן . אונ אזוי איז גיוועזן :

**כז** אמר. רב אבדימי פון היפה האט גזאגט אמענטש איידער ער עסט אונ טרינקט האט ער צווייא הערצער . (אז עס איז אים אספק אויף אזאך קען ער ניט דער קלערין אויף ריכטיג וויא צוא טאהן . אמאהל טראכט ער אזוי. אונ אמאהל טראכט ער אזוי) אבער דער נאך ווי ער האט שוין גיגעסין אונ גיטרונקען . האט ער נאר איין הארץ . קען ער שוין קומען צו איין מיינונג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואיש נבוב ילבב. נאך שטייט אין פסוק נבוב לחות : טייטשט דער תרגום חליל לוחין . אוים גיהוילטע ברעטער . איז נבוב דער טייטש ליידיג . מיינט דער פסוק ואיש נבוב. דער מענטש וואס איז ליידיג. ער האט אליידיגען בויך ווייל ער

האט

אפילו לבו אטום כבתולה יין מפקחו שנאמר (זכריה ט) ותירוש ינובב בתולות:

(דף יג ע ב) **כח** ת"ר מדביק אדם תורה נביאים וכתובים כאחד דברי ר"מ ר"י אומר תורה בפני עצמה נביאים בפני עצמן וכתובים בפני עצמן וחכמים אומרים כל אחד וא' בפני עצמו וא"ר י' מעשה בבייתוס בן זונין שהיו לו ח' נביאים מדובקין כאחד ע"פ ראב"ע וי"א לא היו לו אלא אחד אחד בפני עצמו אמר רבי מעשה והביאו לפנינו תורה נביאים וכתובים מדובקין כאחד והכשרנום:

(דף יד) **כט** ת"ר אין עושין ספר תורה לא ארכו יותר על הקיפו ולא הקיפו יותר מעל ארכו שאלו את רבי שיעור ס"ת בכמה א"ל בגויל ו' בקלף איני יודע רב הונא כתב שבעין כפרי דאירי תא ולא אתרמי ליה אלא חד רב אחא בר יעקב כתב חד אמשכא דעגלא ואתרמי ליה יהבו ביה רבנן עינייהו ונח נפשיה אמרו ליה רבנן לרב המנונא כתב רבי אמי ת' ספרי תורות אמר להו דילמא (דברים לג) תורה צוה לנו משה כתב

כמו לבבות שאינו מסכים לדעת שלמה : ינובב בתולות . לב אטום כבתולה עושה נבוב וחלול : כל אחד ואחד בפני עצמו . כל ספר וספר של נביאים וכתובים צריך להיות כרך לעצמו : בייתוס כו' ח' נביאים . כל ספרי נביאים ח' הן : שיעור ס"ת בכמה . ארכו מיבעיא להו : בגויל . פסוק עד והקיפו גדול צריך ו' טפחים זו היא מדה להיותה נגמר בו' טפחים [היקף וכתב בינוני]: ולא אתרמי ליה. ארכו כהיקפו: (לא אתרמי ליה. ארכו כהיקפו) : דילמא תורה צוה לנו משה כתב . ח' פעמים אבל ח' ספרים אין פנאי לאדם ה' לכתוב :

---

האט ניט גיזעכן . ילבב . האט ער עטליכע הערצער . רב הונא בר ה דרב יהושע זאגט דער וואס איז גיוואוהנט צוא טרינקען ויין . אפילו זיין הארץ איז פאר מאכט אזוי וויא א בתולה . וואס עס קען ניט אריין גיין אין זיין הארץ קיין חכמה . וועט דער וויין אים עפענען זיין הארץ . אונ ער וועט קלוג ווערין : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ותירוש ינובב בתולות . דיא הארץ וואס איז פר מאכט אזוי וויא א בתולה . וועט דער וויין לעבערין דאס הארץ דיא חכמה זאל קענען אריין גיין אין זיין הארץ:

**כח** תנו רבנן . דיא רבנן האבין גילערנט א מענטש מעג צוא זאמען נייען תורה מיט כתובים אזוי זאגט רבי מאיר . רבי יהודה זאגט תורה זאל זיין בזונדער . נביאים בזונדער . כתובים בזונדער . אונ דיא חכמים זאגין יעדער ספר פון נביאים זאל זיין בזונדער . אונ יעדער ספר פון כתובים זאל זיין בזונדער . נאך האט רבי יהודה גיזאגט ביתוס בן זונין האט גיהאט דיא אכט ספרים פון נביאים צוא זאמען גענייט אונ גימאכט וויא איין ספר . ווייל רבי אלעזר בן עזריה האט איהם גיהייסין אזוי טאהן . אנדערע זאגין פאר קערט איז גיוועזן . ביתוס בן זונין האט גיהאט יעדער ספר פון נביאים בזונדער . רבי זאגט מען האט אמאהל גיבריינגט פאר אונז תורה נביאים כתובים צוא זאמען גענייט וויא איין ספר . האבין מיר גיזאגט עס איז כשר:

**כט** תנו רבנן . דיא רבנן האבין גילערנט א ספר תורה טאר מען ניט מאכין לייננער וויא גרעבער אונ ניט גרעבער וויא לייננער . למשל אז דיא גרעב פון דיא ספר תורה ארום אונ ארום איז א אייל . זאל דיא לייננ פון די ספר תורה אויך זיין א אייל . מען האט גיפרעגט ביא רבי ווי לאנג דארף זיין א ספר תורה . האט רבי גיזאגט ביא גראבע פארמעט דארף זיין דיא לייננ זעקס טפחים . ווארום דיא גרעב ארום וועט אויך זיין זעקס טפחים . אונ ביא דינע פארמעט קען מען ניט זאגין וויא לאנג זיא זאל זיין . ווייל מען ווייס ניט וויא גראב זיא וועט זיין : רב הונא האט געשריבען זיבעציג ספר תורות . האט איהם נאר גיטראפין איינע דיא גרעב מיט דיא לייננ זאל זיין איין מאס . רב אחא בר יעקב האט געשריבען איין ספר תורה אויף א פעל פון א קאלב . האט ער באלד גיטראפין דיא לייננ מיט דיא גרעב זאל זיין גלייך האבין דיא רבנן אים גיגעבין א עין הרע איז ער גישטארבין : דיא רבנן האבין גיזאגט צו רב המנונא רבי אמי האט געשריבען פיר הונדערט ספרי תורות האט רב המנונא גיזאגט צוא דיא רבנן טאמער מיינט איר דעם פסוק תורה צוה לנו משה האט רבי אמי געשריבען פיר הונדערט מאהל . אבער פיר הונדערט גאנצע ספרי תורות

כתב א"ל רבא לר' זירא נטע ר' ינאי ת' כרמי א"ל דילמא שתים כנגד שתים וא' יוצא זנב :

ל תניא ארון שעשה משה אמתים וחצי ארכו ואמה וחצי רחבו ואמה וחצי קומתו באמה של ששה טפחים והלוחות ארכן ששה ורחבן ששה ועביין שלשה ומונחות לארכו של ארון וכמה לוחות אוכלות בארון שנים עשר טפחים נשתיירו שם שלשה טפחים צא מהם טפח מחצה לכותל זה ומחצה לכותל זה נשתיירו שם שני טפחים שבהם ס"ת מונח שנאמר (מ"א ח) אין בארון רק שני לוחות אבנים אשר הניח שם משה בחורב מאי אין בארון רק מיעוט אחר מיעוט ואין מיעוט אחר מיעוט אלא לרבות. ס"ת המונח שם. פרנסתו ארון לארכו צא ופרנס ארון לרחבו כמה לוחות אוכלות בארון ששה טפחים נשתיירו שם שלשה טפחים צא מהם טפח מחצה לכותל זה ומחצה לכותל זה נשתיירו שם שני טפחים שלא יהא

כפר

ב' כנגד ב' : ב' גפנים כנגד ב' ואחד יוצא זנב כך קרוי כרם וכו' :
לארכו של ארון . זו אצל זו : אוכלות . תופסות כך ל' משנה אוכל כדרוס אמה אמת גבי יסוד מזבח ואף בלשון מקרא כי יוכלו אחיקים בס' יחזקאל : לא מהם טפח . לעובי הכתלים שהרי מבחוץ נמדד אמתים וחצי ארכו : ספר תורה . שכתב משה כמו שנאמר ויכתוב משה את התורה וגו' : אין ורק . שני מיעוטין הן : שבהם ס"ת מונח . ארכה לרחבו של ארון : פרנסתו הארון לארכו . כלומר מלאת כל חללו לארכו ופירשת לרכי מדתו : ששה טפחים . במדת רחבן : כדי שלא יהא ס"ת וכו' . כלומר לא

איז גאר ניט מעגליך אמענטש זאל דאס אפ שרייבין . רבא האט גיזאגט צו רבי זירא רבי ינאי האט גפלאנצט פיר הונדערט ווין גערטנער . האט רבי זירא גיזאגט צוא רבא טאמער מיינסטו אזעלכע וויינגערטנער . צווייא ווין שטאקין געגין צווייא ווין שטאקין אונ איינער גייט ארוים וויא אווידיל :

ל תניא : מיר האבין גילערונט דער ארון וואס משה האט גימאכט דיא לייננ איז גיוועז צווייא איילין מיט אהאלבם . דיא ברייט איז גיוועז אאייל מיט אהאלבם . דיא הייך איז אויך גיוועז אאייל מיט אהאלבם . יעדער אייל איז גיוועז לאנג זעקס טפחים (איז גיוועז דיא לייננ פון ארון פופצעהן טפחים . אונ דיא ברייט פון ארון איז גיוועז ניין טפחים . אונ דיא הייך פון ארון איז אויך גיוועז ניין טפחים) אונ דיא לוחות זענען גיוועזן לאנג זעקס טפחים : אונ ברייט אויך זעקס טפחים . אונ גראב דרייא טפחים . ודיא לחות זענען גיוועזן צווייא טאוולען . איינער אויף דעם אנדערין . אונ אז מען האט זייא אויף גימאכט אונ גילייגט איין טאוועל נעבין אנדערין . איז גיווארין צוועלף טפחים אלייננ אונ זעקס טפחים אברייט) . אונ דיא לייננ פון דיא צווייא טאוולען זענען גילעגין אין דיא לייננ פון ארון : וויא פיל האבין דיא לייננ פון דיא לחות פארנומען אין ארון . צוועלף טפחים . איז דער ארון גיוועזן לייננער וויא דיא לחות מיט דרייא טפחים . דארף מען אראפ נעמען אטפח אויף דיא ווענט פון ארון . אהאלבער טפח איז גיוועזן דיא גרעב פון איין וואנט פון ארון . אונ אהאלבער טפח איז גיוועזן דיא גרעב פון דיא אנדערע וואנט פון ארון . איז געבליבען אין ארון ליידיג צווייא טפחים . אין דיא צווייא טפחים איז גילעגין דיא ספר תורה וואס משה רבינו האט געשריבען . דיא לייננ פון די ספר תורה איז גילעגין צו דיא ברייט פון ארון . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין בארון רק שני לחות אבנים אשר הניח שם משה בחורב . אין ארון איז ניט מער גיוועזן נאר דיא צווייא שטיינערנע טאוולין וואס משה האט דארט אריין גילייגט אין חורב ואויף דעם בארג סיני פאר וואס שטייט צווייא מאהל ניט . אין אונ רק . דער ווארט אין איז דער טייטש ניט . ניט דאס. נאר דאס . אונ דער ווארט רק איז דער טייטש נאר דאס . אונ ניט דאס . ווא עס שטייען צווייא ווערטער איינער נאך דעם אנדערין ווינציגער צוא מאכין . מאכט דאס ניט ווייניגער נאר דאס מערט נאך . קומט דאס צוא מערין אז אין ארון איז גילעגין די ספר תורה פון משה רבינו נעבין דיא לחות . האט מען שוין אוים גירעכונט דיא לייננ פון ארון . איצט וועט מען אוים רעכענען דיא ברייט פון ארון . דיא ברייט פון דיא לוחות האבין פאר נומען אין ארון זעקס טפחים .

איז

ספר תורה נכנס ויוצא כשהוא דחוק דברי רבי מאיר רבי יהודה אומר באמה בת חמשה טפחים והלוחות ארכן ששה ורחבן ששה ועביין שלשה מונחות בארכו של ארון כמה לוחות אוכלות בארון י"ב טפחים נשתייר שם חצי טפח אצבע לכותל זה ואצבע לכותל זה פרנסתו ארון לארכו צא ופרנס [ארון] לרחבו כמה לוחות אוכלות בארון ששה טפחים נשתייר שם טפח ומחצה צא מהן חצי טפח אצבע ומחצה לכותל זה ואצבע ומחצה לכותל זה נשתייר שם טפח ששם עמודים עומדים שנא' (ש"ס ג) אפריון עשה לו המלך שלמה מעצי הלבנון (וכתיב) (שם) עמודיו עשה כסף וגו' וארגז ששיגרו [בו] פלשתים דורון לאלהי ישראל מונח שם בצדו שנאמר (ש"א ו) ואת כלי הזהב אשר השיבותם לו [אשם] תשימו בארגז מצדו ועליו ס"ת מונח

היה צריך להיות רחבו כל כך אלא בשביל ס"ת המונח ארכו לרוחב הארון שלא יהא נכנס ויוצא בדוחק : ור"י אומר . מדת הארון באמה של ו' טפחים היתה ר"י לטעמי' דאמר אמת כלים באמה בת ה': מונחות בארכו של ארון . מוטלות על רחבן ולא על חודן : אצבע לכותל זה . שהטפח ד' אצבעות ולמאן דגריס אצבע ומחצה באצבע קטנה קאמר שהטפח ד' אצבעות בגודל וה' באצבע ו' בקטנה: שבו עמודים עומדים . ב' עמודי כסף כמין עמודי ס"ת שוכבים לארכו ולוחות ביניהם שנא' עמודיו עשה כסף : מונח שם בצדו . של ארון : ועליו ס"ת מונח . ואמריק לקמן

---

איז נאך געבליבען פון ארון דריא טפחים . דארף מען אראפ נעמען א טפח אויף דיא ווענט פון ארון . א האלבער טפח איז געוועזן דיא גרעב פון איין וואנט פון ארון . אונ א האלבער טפח איז געוועזן דיא גרעב פון דיא אנדערע וואנט פון ארון . איז געבליבען ליידיג אין ארון צוויא טפחים דיא צוויא טפחים זענען געוועזן דיא ספר תורה זאל ניט אריין געלייגט ווערין אונ ארויס גענומען ווערין איינג. ווארום דיא לייגג פון דיא ספר תורה איז געוועזן זעקס טפחים. אונ זעקס טפחים אין זעקס טפחים קען מען ניט אריין לייגין אונ ניט ארויס נעמען . דריבער האט געמוזט זיין דיא ברייט פון ארון אינווייניג אכט טפחים . אזוי זאגט רבי מאיר . רבי יהודה זאגט יעדער אייל איז געוועזן לאנג נאר פינף טפחים . איז געוועזן דיא לייגג פון ארון צוועליף מיט א האלבין טפח . אונ דיא ברייט פון ארון איז געוועזן זיבען מיט א האלבין טפח . אונ דיא לוחות זענען געוועזן לאנג זעקס טפחים אונ ברייט אויך זעקס טפחים . אונ דיא גרעב איז געוועזן דריי טפחים . אונ מען האט געלייגט דיא לוחות איין טאוועל נעבין אנדערין טאוועל . איז געווארין דיא לייגג צוועליף טפחים ; אונ אזוי זענען זייא געלעגין צוא דיא לייגג פון ארון ; וויא פיל האבין דיא לוחות פאר נומען פון ארון . צוועליף טפחים . איז געבליבען א האלבער טפח . וואס דער ארון איז געוועזן לייגער וויא דיא לוחות . א האלבער טפח איז צווייא פינגער . איין פינגער איז געוועזן דיא גרעב פון איין וואנט פון ארון . אונ איין פינגער איז געוועזן דיא גרעב פון דיא אנדערע וואנט פון ארון . האט מען שוין אויס גערעכנט דיא לייגג פון דעם ארון. איצט וועט מען אויס רעכענען דיא ברייט פון ארון . דיא ברייט פון דיא לוחות האבען פאר נומען אין ארון זעקס טפחים . איז נאך דער ארון געוועזן ברייטער מיט א טפח אונ א האלבין טפח . א האלבין טפח דארף מען אפ רעכענען אויף דיא ווענט ، איין פינגער איז געוועזן דיא גרעב פון איין וואנט פון ארון . אונ איין פינגער איז געוועזן דיא גרעב פון די אנדערע וואנט פון ארון . (אונ אויב מען וועט מעסטין דעם טפח מיט דעם קליינעם פינגער איז גערעכנט זעקס פינגער אין א טפח . א האלבער טפח איז דריי פינגער . איז געוועזן דיא גרעב פון יעדער וואנט א פינגער מיט א האלבין פינגער) . איז געבליבען אין ארון א טפח ליידיג . דארטין זענען געלעגין דיא זיילין . ווארום עס שטייט אין פסוק דיא זיילין האט ער געמאכט פון זילבער . צווייא זילבערנע זיילין אזוי וויא דיא זייכין פון א ספר תורה. זענן געלעגין אין ארון : איינער פון דער זייט לוחות . אונ איינער פון דער זייט לוחות . אונ דער קאסטין וואס דיא פלשתים האבין געשיקט א מתנה צו גאט איז געשטאנען אין קדשי קדשים נעבין ארון. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ דיא גאלדענע כלים וואס איר וועט אים צוריק געבין פאר אייער שולד זאלט איר אריין לייגין אין קאסטין אונ דעם קאסטין זאלט איהר שטעלין ביא דער זייט פון ארון . אונ אויף דעם קאסטין איז געלעגין דיא ספר תורה .

מונח שנאמר (דברים לא) ושמתם אותו מצד הארון מצדו מונח ולא בתוכו הא מה אני מקיים אין בארון רק לרבות (ע"ב) ישברי לוחות שמונחות בארון מנלן מדרב הונא דאמר רב הונא מ"ד (ש"ב ו) אשר נקרא שם שם ה' צבאות יושב הכרובים עליו מלמד שלוחות ושברי לוחות מונחים בארון ואידך ההוא מיבעי ליה לכדר' יוחנן דא"ר יוחנן א"ר שמעון בן יוחאי מלמד שהשם וכל כנוייו מונחים בארון ואידך נמי מיבעי ליה להכי אין ה"נ אלא שברי לוחות מונחים בארון מנ"ל נפקא ליה מדתני רב יוסף דתני רב יוסף (דברים י) אשר שברת ושמתם בארון מלמד שהלוחות ושברי לוחות מונחים בארון ואידך ההוא מיבעי ליה לכדריש לקיש דאר"ל אשר שברת א"ל הקב"ה למשה יישר כחך ששברת:

**לא** ת"ר סדרן של נביאים יהושע שופטים. שמואל מלכים ירמיה. יחזקאל. ישעיה. תרי עשר. מכדי הושע קדים דכתיב (הושע א) תחלת דבר ה' בהושע

דמשיקה היה מונח בדף היוצא מן הארון: שברי לוחות מונחים. תחת הלוחות: שם שם. תרי זימני כתיבי ללוח זה ולשברי לוחות: אשר שברת. קרא יתירא הוא לסמכיה לושמתם בארון: יישר כחך. לאמרך שהוא מן הדברים שעשה משה מדעתו והסכימה דעתו לדעת המקום:

---

אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איהר זאלט לייגען דיא ספר תורה בייא דער זייט פון ארון. ביי דער זייט פון ארון דארף ליגען דיא ספר התורה אבער ניט אין ארון. וואס דען וועלין מיר טאהן מיט דעם פסוק אין בארון רק. וואס דער פסוק קומט מערין אז אין ארון איז גילעגין נאך אזאך אויסער דיא לוחות. דאס מיינט מען דיא צוא בראכענע לוחות זענען אויך גילעגין אין ארון. פון וואנען ווייסין מיר אז דיא צוא בראכענע לוחות זענען אויך גילעגין אין ארון. פון רב הונא ווייסין מיר דאס. ווארום רב הונא האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק מען האט גינומען דעם ארון וואס אויף אים ווערט גירופין שם שם ה' צבאות יושב הכרובים: פאר וואס שטייט צווייא מאהל שם. ווייל דיא גאנצע לוחות מיט דיא צוא בראכענע ליגען אין דעם ארון. פרעגט דיא גמרא אונ דער וואס זאגט אז דיא צוא בראכענע לחות זענען ניט גילעגין אין דעם ארון. צוא וואס שטייט צווייא מאהל שם שם. ענטפערט דיא גמרא דער צווייא מאהל שם דארף שטיין. אזוי ווי רבי יוחנן האט גיזאגט. ווארום רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין דער צווייא מאהל שם לערונט אונז אז דער רעכטער נאמען פון גאט אונ אלע בייא נעמען פון גאט זענען גילעגין אין דעם ארון (דער רעכטער נאמען פון גאט איז הויה. דער בייא נאמען איז. אלהים שדי. צבאות. רחום. חנון אונ נאך ווייטער). פרעגט דיא גמרא איז דאך אקשיא אויף דעם אנדערין תנא. דער שם שם דארף דאך שטיין צוא ווייזין אז דער נאמען פון גאט מיט אלע ביי נעמען זענען גילעגין אין ארון. ענטפערט דיא גמרא עס איז טאקי אזוי. דער שם שם ווייזט טאקי אז דער נאמען פון גאט מיט אלע ביינעמען זענען גילעגין אין ארון. נאר פון וואנען ווייסין מיר אז דיא צוא בראכענע לוחות זענען גילעגין אין ארון. ענטפערט דיא גמרא דאס ווייסין מיר פון רב יוסף: ווארום רב יוסף האט גילערונט. עס שטייט אין פסוק אשר שברת ושמתם בארון דיא וואס דוא האסט צוא בראכין זאלין אויך ליגען אין ארון. לערונט אונז דער פסוק אז דיא גאנצע לוחות מיט דיא צוא בראכענע לוחות זענען גילעגין אין ארון. פרעגט דיא גמרא אונ דער תנא וואס לערונט אפ פון שם שם אז דיא צוא בראכענע לוחות זענען גילעגין אין ארון. צוא וואס דארף מען דעם פסוק אשר שברת. ענטפערט דיא גמרא דעם פסוק דארף מען אזוי וויא ריש לקיש האט גיזאגט. גאט האט גיזאגט צוא משה אשר שברת. יישר כחך ששברת: עס זאל גישטארקט ווערין דיין כח ווייל דוא האסט צוא בראכין דיא לוחות. ווארום מיט דעם צוא ברעכין האט ער גיטאהן אטובה צוא דיא יודין. ווייל זייא האבין נאך ניט גינומען דיא לוחות. האט זייא גאט ניט גיקענט שטראפין אויף דעם עגל:

**לא** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט דער סדר פון נביאים איז יהושע שופטים שמואל מלכים ירמיה יחזקאל ישעיה תרי עשר. פרעגט דיא גמרא הושע איז דאך גיוועזען פריער.

בהושע וכי עם הושע דבר תחלה והלא ממשה ועד הושע כמה נביאים היו וא"ר יוחנן שהיה תחלה לארבעה נביאים שנתנבאו באותו פרק ואלו הם הושע ישעיה עמוס ומיכה, וליקדמיה להושע ברישא כיון דכתיב נבואתיה גבי חגי זכריה ומלאכי ואינהו סוף נביאים הוו חשיב ליה בהדייהו וליכתביה לחודיה ולקדמיהו אידי דזוטרי מירכס מכדי ישעיה קדים לירמיה [ויחזקאל] לקדים לישעיה ברישא כיון דמלכים סופיה חורבנא וירמיה כוליה חורבנא ויחזקאל רישיה חורבנא וסיפיה נחמתא וישעיה כוליה נחמתא סמכינן חורבנא לחורבנא ונחמתא לנחמתא:

לב (ת"ר) סדרן של כתובים. רות תהלים איוב. משלי. קהלת. שיר השירים. קינות. דניאל ומגלת אסתר. עזרא. דברי הימים. ולמ"ד איוב בימי משה היה לקדמיה לאיוב ברישא. אתחולי פורענותא לא מתחלינן. רות נמי פורענותא הוה. פורענותא דאית ליה אחרית דאר"י למה נקרא שמה רות שיצא ממנה דוד שריוהו להקב"ה בשירות ותושבחות

**פירוש**

שנתנבאו באותו הפרק. בימי אותם המלכים עוזיהו יותם אחז יחזקיהו בארבעה נביאים הללו הטיב כן הון ממיכה שלא היה בימי עוזיהו אבל היה בימי יותם אחז יחזקיה: חגי זכריה ומלאכי. סופן של נביאים שהם היו בבית שני בשנת שתים לדריוש האחרון: ישעיה קדים לירמיה ויחזקאל. שהרי ישעיה בימי עוזיה וירמיה בימי יאשיהו ובניו נתנבאו בירושלים ויחזקאל בגולה בימי צדקיהו:

רות תהלים ואיוב כו'. רות קדמה בימי שפוט השופטים תהלים דוד אמרן והוא קדם לאיוב כמ"ד בימי מלכת שבא היה ואח"כ ג' ספרי שלמה: משלי קהלת. שניהם ספרי חכמה: שיר השירים. נראה בעיני שאמרו לעת זקנתו: קינות. ירמיה אמרן שהיה אחר שלמה: דניאל. אחר ירמיה בימי נ"נ בגולה: אסתר. אחריו בימי אחשורוש: עזרא. אחריו בימי דריוש השני שעמד אחר אחשורוש: ולמ"ד איוב בימי משה היה. לקמן: רות נמי פורענותא היא. רעב וגלות ומיתת אלימלך ובניו: דאית ליה

---

ווארום עס שטייט אין פסוק דער אן הייב רייד פון גאט איז געווען מיט הושע. איז דאך א קשיא איז דען געווען דיא ערשטע רייד פון גאט מיט הושע. פון משה רבינו ביז הושע זענען דאך געווען פיל נביאים וואס גאט האט מיט זייא גירעט. האט רבי יוחנן געזאגט אזוי מיינט מען הושע איז געווען דער ערשטער צוא דיא פיר נביאים וואס האבען נביאות געזאגט אין דר צייט פון דיר פיר מלכים עוזיהו יותם אחז יחזקיהו. דאס זענען דיא פיר נביאים. הושע ישעיה עמוס מיכה. איז דאך הושע געווען פאר ישעיה. זאל מען שטעלין זיינע נביאות פאר ישעיה. ענפערט די גמרא ווייל דיא נביאות פון הושע איז געשריבען צוזאמען מיט דיא נביאות פון חגי זכריה מלאכי. אונ חגי זכריה מלאכי זענען געווען די לעצטע נביאים. דארף דאך שטיין זייערע נביאות צום לעצטין. דריבער שטייט שוין דיא נביאות פון הושע אויך צום לעצטין. פרעגט דיא גמרא זאל מען שרייבען דיא נביאות פון הושע בזונדער. אונ מען זאל זייא שטעלין פריער פר ישעיה. ענפערט דיא גמרא ווייל דער ספר פון הושע איז קליין. אז ער וועט זיין בזונדער וועט ער פארלארין ווערין. פרעגט דיא גמרא ישעיה איז דאך געווען פאר ירמיה אונ פאר יחזקאל זאל שטיין דער ספר פון ישעיה פריער. ענפערט דיא גמרא ווייל דער סוף פון ספר מלכים איז חורבן. אונ דער ספר ירמיה איז אין גאנצין חורבן. דריבער איז דער ספר ירמיה געבין ספר מלכים. אונ דער אן הייב פון ספר יחזקאל איז חורבן. דריבער שטייט דער ספר יחזקאל געבין ספר ירמיה. אונ דער סוף פון ספר יחזקאל איז נחמות. אונ דער ספר ישעיה איז אין גאנצין נחמות. דריבער שטייט דער ספר ישעיה נאך דעם ספר יחזקאל. ווייל מיר שטעלין חורבן געבין חורבן. אונ נחמות נעבין נחמות:

לב תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דער סדר פון כתובים איז רות. תהלים. איוב. משלי. קהלת. שיר השירים. קינות ואיכה. דניאל. מגלת אסתר. עזרא. דברי הימים. פרעגט דיא גמרא נאך דעם וואס זאגט איוב איז געווען אין דיא צייט פון משה. זאל מען זיין ספר שטעלין גאר צום ערשטין. ענפערט דיא גמרא מען הייבט ניט אן מיט צרות. פרעגט די גמרא רות איז דאך אויך צרות. ענפערט דיא גמרא פון דיא צרות פון רות איז ארויס גיקומען אגוטע ערסוף פאר אלע יודין דריבער הייסט דאס ניט קיין צרות. ווארום רבי יוחנן האט גזאגט פאר וואס האט מען איר גערופין רות. ווייל פון איר איז גיבארין געווארין דוד המלך וואס ער

האט

ותשבחות. ומי כתבן משה כתב ספרו ופרשת בלעם ואיוב. ויהושע כתב ספרו וח' פסוקים שבתורה. שמואל כתב ספרו וספר שופטים ורות. דוד כתב ספר תהלים ע"י עשרה זקנים. ע"י אדה"ר. וע"י מלכי צדק וע"י אברהם וע"י משה. וע"י הימן וע"י ידותון וע"י אסף (דף טו) וע"י שלשה בני ק"ח. ירמיה כתב ספרו וספר מלכים וקינות. חזקיהו וסיעתו כתבו ישעיה משלי ושיר השירים וקהלת. אנשי כנסת הגדולה כתבו יחזקאל תרי עשר דניאל ומגלת אסתר. עזרא כתב ספרו ויחס של דברי הימים עד לו, מסייע ליה לרב דאמר רב יהודה אמר רב לא עלה עזרא מבבל עד שיחס עצמו ועלה ומאן אסקיה נחמיה בן חכליה:

**לג אמר** מר יהושע כתב ספרו ושמונה פסוקים שבתורה תניא כמ"ד שמונה פסוקים שבתורה יהושע כתבם דתניא (דברים לד) וימת שם משה

אחרית. כיון הפורענות נהפך לאחרית ותקוה שילא דוד משם: ופרשת בלעם. נבואתו ומשליו אע"פ שאינן לרכי משה ותורתו וסדר מעשיו: וח' פסוקים. מן וימת שם עד סוף הספר: שמואל כתב ספרו ושופטים. שכולן קדמו לו ועמד וכתב ספרן ומה שעלה לים אל בינייהם וכן רות שהיתה בימי השופטים: ע"י עשרה זקנים. כתב בו דברים שאמרו זקנים כללו שהיו לפניו ויש שהיו בימיו כגון אסף וסימן וידותון. [מן] כלוים המשוררים: ע"י אדם הראשון. כגון גלמי ראו עיניך ולי מה יקרו רעיך אל אדם הראשון אמרו: ע"י מלכי צדק. נאם ה' לאדוני שב לימיני וכל המזמור: וע"י אברהם. כדאמריק לקמן איהן האזרחי זה אברהם: וע"י משה. תפלה למשה איש האלהים וכל י"א מזמורים כסדרן: וע"י הימן. משכיל להימן: וע"י ידותון. למנצח לידותון: חזקיה וסיעתו. בני דוד שהאריכו ימים אחריו: כתבו ישעיה. שהרגו מנשה ולא כתב ספרו שלא היו הנביאים כותבין ספריהם אלא לפני מיתתן: משלי וקהלת. דכתיב בספר משלי אשר העתיקו אנשי חזקיה וגו' ועל שם שחזקיה גרם להם לעסוק בתורה כדאמרינן בפ' חלק נעץ חרב על פתח בהמ"ד וכו' נקרא [הדבר] על שמו: אנשי כנסת הגדולה. חגי זכריה ומלאכי ומרדכי וזרובבל וחבריהם: כתבו ספר יחזקאל. שנתנבא בגולה ואיני יודע למה לא כתבו יחזקאל בעצמו אם לא מפני שלא ניתנה נבואה ליכתב בחוצה לארץ וכתבוה אלו לאחר שבאו לא"י: וכן ספר דניאל שהיה בגולה וכן מגלת אסתר: ותרי עשר. נביאים מתוך שהיו נבואותיהן קטנות לא כתבו הנביאים עצמן איש איש ספרו ובאו חגי זכריה ומלאכי וראו שרוה"ק מסתלקת שהם היו נביאים האחרונים ועמדו וכתבו נבואותיהם וצרפו גם איה הקטנות עמהם ועשאום ספר גדול שלא יאבדו מתוך קטנם: עד לו. עד שייחס לעצמו: מסייע ליה כו' עד שייחס לעצמו. בכתב דברי הימים עד שייחס בו את עצמו: ומאן אסקיה. מי סיימו: תניא כמ"ד וכו' [כל] הך דקתני לעיל יהושע כתב ספרו ושמונה פסוקים שבתורה אתיא כי האי תנא דלקמיה דאמר נמי יהושע כתבו: דתניא

---

האט זאט גימאכט צוא גאט מיט גינאנג און לויב ורות איז אזוי וויא רוה. זאטו. אָבֶער דֶער סוף פון איוב איז נאר גיוועען גוט פאר אים אליין. ווער האט געשריבען דיא אלע ספרים. משה האט געשריבען זיין ספר: דיא תורה. און דיא פרשה פון בלעם. זיינע משלים מיט זיינע נביאות: און דעם ספר איוב. און יהושע האט געשריבען זיין ספר און דיא לעצטע אכט פסוקים פון דיא תורה. פון וימת משה ביז לעיני כל ישראל. שמואל הנביא האט געשריבען זיין ספר און דעם ספר שופטים און דעם ספר רות. דוד המלך האט געשריבען דעם ספר תהלים. און ער האט גישטעלט נאך קאפיטלאך וואס צעהן אלטע לייט האבען גזאגט. קאפיטל קלט האט אדם הראשון גזאגט. קאפיטל קי האט מלכי צדק גזאגט קאפיטל פט האט גזאגט אברהם אבינו. פון קאפיטל צ ביז קא האט משה רבינו גזאגט. און עס איז דא קאפיטלאך פון הימן. פון ידותון. פון אסף. און פון קרחס דרייא קינדער. ירמיה האט געשריבען זיין ספר און דעם ספר מלכים. און קינות ומגלת איכה. חזקיהו המלך מיט זיינע מענטשין האבען געשריבען דיא ספרים. ישעיה משלי שיר השירים און קהלת. דיא אנשי כנסת הגדולה האבען געשריבען דיא ספרים. יחזקאל תרי עשר דניאל מגלת אסתר. עזרא האט געשריבען זיין ספר און דעם יחוס פון דברי הימים ביז זיין יחוס. דאס וועט זיין אראיה צוא רב. ווארום רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין עזרא איז ניט אויף גיגאנגען פון בבל ביז ער האט געשריבען דעם ספר דברי הימים און זיין יחוס אויך. דער נאך איז ער גיקומען אין ארץ ישראל. און ווער האט ווייטער געשריבען דעם ספר דברי הימים. נחמיה בן חכליה האט געשריבען פון עזרא ביז צום סוף:

לג אמר. דער תנא האט גזאגט יהושע האט געשריבען זיין ספר און דיא לעצטע אכט פסוקים פון דיא תורה. זאגט דיא גמרא מיר האבען גילערנט אזוי וויא דער וואס זאגט אז דיא לעצטע אכט פסוקים פון דיא תורה האט יהושע געשריבען. ווארום מיר האבען

דתניא. פלוגתא דתנאי בהאי וימת שם וגו': כמו שנאמר להלן וכו'. אכולה מלתא קאי דקאמר הקב"ה אומר ומשה כותב כמו שמצינו בנביאים שכותבין מפי רבן: יחיד קורא אותם. כלומר אין מפסיקין בהם: לימא כר' יהודה היא. דאמר לא כתבן משה לפיכך נשתנו משאר התורה ודלא כר"ש: הואיל ואשתני. לכתוב

משה עבד ה' אפשר משה מת וכתב וימת אלא עד כאן כתב משה מכאן ואילך כתב יהושע דברי רבי יהודה ואמרי לה רבי נחמיה א"ל ר"ש אפשר ס"ת חסר אות אחת וכתיב (שם לא) לקוח את ספר התורה הזה אלא עד כאן הקב"ה אומר ומשה אומר וכותב מכאן ואילך הקב"ה אומר ומשה כותב בדמע כמו שנאמר להלן (ירמיה לו) ויאמר להם ברוך מפיו יקרא אלי את כל הדברים האלה ואני כותב על הספר בדיו. כמאן אזלא הא דא"ר יהושע בר אבא אמר רב גידל אמר רב שמונה פסוקים שבתורה יחיד קורא אותן לימא רבי יהודה היא ודלא כר' שמעון אפילו תימא רבי שמעון הואיל ואשתני אשתני. יהושע כתב ספרו והכתיב (יהושע כד) וימת יהושע וגו' דאסקיה אלעזר והכתיב (שם) ואלעזר בן אהרן מת דאסקיה פנחס. שמואל כתב ספרו והכתיב (ש"א כח) ושמואל מת דאסקיה גד החוזה ונתן הנביא. דוד כתב (ספרו) [ספר תהלים] על ידי עשרה זקנים ולחשוב נמי איתן האזרחי אמר רב איתן האזרחי הוא אברהם כתיב הכא איתן

---

גיעדרונגט עס שטייט אין פסוק משה דער קנעכט פון גאט איז דארט געשטארבן. קען דס זיין משה איז געשטארבן און ער האט געשריבן וימת. ער איז געשטארבען: אז ער איז גישט רבן וויא אזוי האט ער געשריבן. נאר ביז וימת האט משה געשריבען. און פון וימת ביז צום סוף תורה האט יהושע געשריבען. אזוי זאגט רבי יהודה. און אנדערע זאגין רבי נחמיה זאגט אזוי: האט רבי שמעון גזאגט קען דאס זיין אז אין דער תורה זאל פעלין אפילו איין אות. און מען זאל זאגין צוא נעמען דיא ספר תורה. אז מיר זאגין משה האט נאר געשריבען ביז וימת משה. האט דאך אין דיא ספר תורה גיפעלט אכט שורות ווען משה האט גילעבט. וואלט מען דאס ניט גערופין ספר תורה. ווארום אפילו איין אות זאל נאר פעלין הייסט דאס אויך ניט קיין ספר תורה. נאר אזוי איז גיוועז ביז וימת משה האט גאט גזאגט און משה האט נאך גזאגט יעדער ווארט און האט געשריבען. און פון וימת משה ביז צום סוף תורה האט גאט גזאגט און משה האט ניט נאך גיזאגט נאר ער האט געשריבען מיט טרערין. אזוי וויא עס שטייט בייא ירמיה הנביא: ברוך האט גזאגט צוא זייא ירמיה האט מיט זיין מויל גיזייגט צוא מיר די אלע רייד און איך האב געשריבען אויף אספר מיט טינט. זאגט דיא גמרא דאס וואס רבי יהושע בר אבא האט גזאגט אז רב גידל האט גזאגט פון רבם ווענין דיא לעצטע אכט פסוקים פון דיא תורה לייענט זייא איין מענטש. וועלין מיר זאגין אז דאס איז נאר וויא רבי יהודה און ניט ווי רבי שמעון. ווארום נאך רבי יהודה אזוי וויא דיא אכט פסוקים זענען גיענדערט געווארין און זענען געשריבען געווארין דורך יהושע. אזוי זענען זייא גיענדערט געווארין אז נאר איינער זאל זייא לייענען. אבער נאך רבי שמעון וואס ער זאגט אז דיא אכט פסוקים האט אויך משה געשריבען. זענען דאך דיא אכט פסוקים ניט גיענדערט געווארין פון דיא גאנצע תורה אין שרייבען. פאר וואס זאלין זייא זיין גיענדערט אין לייענען. זאגט דיא גמרא אפילו רבי שמעון האלט אויך אז נאר איינער זאל לייענען דיא אכט פסוקים. ווייל זייא זענען גיענדערט געווארין און זענען געשריבען געווארין מיט טרערין. ניט מיט טינט. זענען זייא גיענדערט געווארין אז נאר איינער זאל זייא לייענען: פרעגט דיא גמרא יהושע האט געשריבען זיין ספר. עס שטייט דאך וימת יהושע. יהושע איז געשטארבן. ענפערט דיא גמרא פון וימת יהושע הט געשריבען אלעזר. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך ואלעזר בן אהרן מת. אלעזר איז געשטארבן. ענפערט דיא גמרא פון ואלעזר בן אהרן מת הט געשריבן פנחס. פרעגט די גמרא שמואל הנביא הט געשריבן זיין ספר. עס שטייט דאך ושמואל מת. ענפערט דיא גמרא פון ושמואל מת האט געשריבען גד החוזה און נתן הנביא. דוד האט געשריבען דעם ספר תהלים דורך צעהן זקנים. זאל מען רעכנען איתן האזרחי

(תהלים פט) איתן האזרחי וכתיב התם (ישעיה מא) מי העיר ממזרח צדק יקראהו לרגלו (ס"א) [ואימא יעקב דכתיב ביה (בראשית לג) ויזרח לו השמש. ההוא מבעי ליה שמש שבאה בעבורו זרחה בעבורו]. קא חשיב משה וקא חשיב הימן והאמר רב הימן זה משה כתיב הכא הימן וכתיב התם (במדבר יב) בכל ביתי נאמן הוא. תרי הימן הוו. משה כתב ספרו ופרשת בלעם ואיוב מסייע ליה לרבי לוי בר לחמא דאמר ר' לוי בר לחמא איוב בימי משה היה כתיב הכא (איוב יט) מי יתן אפוא ויכתבון מלי וכתיב התם (שמות לג) ובמה יודע אפוא ואימא בימי יצחק דכתיב ביה (בראשית כז) מי אפוא ואימא בימי יעקב דכתיב ביה (שם מג) אם כן אפוא זאת עשו ואימא בימי יוסף דכתיב ביה (שם לז) איפה הם רועים לא ס"ד דכתיב (איוב יט) מי יתן בספר ויוחקו ומשה איקרי מחוקק דכתיב (דברים לג) וירא ראשית לו כי שם חלקת מחוקק. רבא אמר איוב בימי מרגלים היה כתיב הכא (איוב א) איש היה בארץ עוץ איוב שמו וכתיב התם (במדבר יג) היש בה עץ מי דמי התם עץ הכא עוץ הכי קאמר להו משה (למרגלים ראו אם) [לישראל] ישנו לאותו אדם ששנותיו ארוכות כעץ ומגין על דורו

בדמע אחתי: ואימא יעקב וכו'. לא גרסינן לה. ל"א ה"ג כמתניתא דלעיל כמנין דעשרה זקנים קא חשיב אברהם ואיתן האזרחי ולא חשיב אלף דקשבר מג' כני קרח הוא: והאמר רב הימן זה משה גמי ויחכם מכל האדם מאיתן האזרחי והימן וגו' [אימא וכן כך דהימן זה משה אהימן דהוא קרא אימא דכתיב ביה והימן וכלכל וגו'] : הרי הימן הוו. מעכיל להימן האזרחי סימן אחרינא הוא: שמותיו כעץ. איוב שהאריך ימים רבים:

הָאֶזְרָחִי אויך. האט רב גיזאגט איתן הָאֶזְרָחִי איז אברהם. ווארום דא שטייט איתן הָאֶזְרָחִי. אונ אֶזְרָחִי איז דער טייטש שיינונג. אונ דארט ביא אַבְרָהָם שטייט מי הֵעִיר מִמִּזְרָח צֶדֶק יִקְרָאֵהוּ לְרַגְלוֹ. אונ מִזְרָח איז אויך דער טייטש שיינונג. לערנען מיר אפ אז איתן הָאֶזְרָחִי איז אַבְרָהָם. פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען איתן הָאֶזְרָחִי איז יַעֲקֹב. ווארום ביא יַעֲקֹב שטייט וַיִּזְרַח לו הַשֶּׁמֶשׁ. די זוהן איז אויך גישיינט. ענפערט דיא גמרא דעם וַיִּזְרַח לוֹ הַשֶּׁמֶשׁ דארף מען האבין אויף איין אנדער דרש. דיא זוהן וואס איז אונטער גיגאנגען פון זיינעט וועגין. האט אויף גישיינט פון זיינעטוועגין. פרעגט דיא גמרא ער רעכונט משה אונ ער רעכונט הֵימָן. רב האט דאך גיזאגט אז הֵימָן איז משה. ווארום דא שטייט הֵימָן אונ דארט ביא משה שטייט בְּכָל בֵּיתִי נֶאֱמָן הוּא. אין מיין גאנצע שטוב איז ער בגליבט. אונ הֵימָן איז אויך דער טייטש בגליבט. ענפערט דיא גמרא עס איז גיוועהן צוויי הֵימָן. איינער האט גיהייסן הימן. אונ איין הֵימָן מיינט מען משה: משה האט געשריבען זיין ספר התורה אונ דיא פרשה פון בלעם אונ דעם ספר איוב. וועט זיין אראיה צוא רבי לֵוִי בר לַחְמָא. ווארום רבי לֵוִי בר לַחְמָא האט גיזאגט איוב איז גיוועהן אין דיא צייט פון משה. ווארום דא ביא איוב שטייט מי יִתֵּן אֵפוֹא וְיִכָּתְבוּן מִלַּי. אונ דארט ביא משה שטייט וּבַמֶּה יִוָּדַע אֵפוֹא. האט איוב אפ גילערונט דעם ווארט אֵפוֹא פון משה. פרעגט דיא גמרא טאמער איז איוב גיוועהן אין דיא צייט פון יִצְחָק. ביא יִצְחָק שטייט אויך מי אֵפוֹא. אונ טאמער איז איוב גיוועהן אין דיא צייט פון יַעֲקֹב. ביי יַעֲקֹב שטייט אִם כֵּן אֵפוֹא זֹאת עֲשׂוּ. אונ טאמער איז איוב גיוועהן אין דיא צייט פון יוֹסֵף. ביא יוֹסֵף שטייט אויך אֵיפֹה הֵם רוֹעִים. ענפערט דיא גמרא איוב איז גיוועהן נאר אין דיא צייט פון משה. ווארום ביא איוב שטייט מי יִתֵּן בַּסֵּפֶר וְיֻחָקוּ. ווער וואלט געבין אז מיינע רייד זאלין געקריצט ווערין אויף אספר. אונ משה ווערט גירופין קריצער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וַיַּרְא רֵאשִׁית לוֹ. ער האט גיזעהן דעם אנהייב פאר זיך. כִּי שָׁם חֶלְקַת מְחוֹקֵק סָפוּן. ווארום דארט איז דיא פעלד וואס דער מחוקק וקריצלערו וועט בעהאלטין ווערין. רבא זאגט איוב איז גיוועהן אין דיא צייט פון דיא מרגלים. ווארום דא ביא איוב שטייט אַ ענטש איז גיוועהן אין דיא לאנד עוץ זיין נאמען איז איוב. אונ דארט ביא די מרגלים שטייט הֲיֵשׁ בָּהּ עֵץ. פרעגט דיא גמרא איז דען דאס גלייך. ביא דיא מרגלים שטייט עץ אונ ביא איוב שטייט עוץ. ענפערט די גמרא אזוי האט משה גיזאגט צו דיא מרגלים איהר זאלט זעהן אויב עס לעבט נאך דער מענטש וואס זיינע יאהרין זענען אזוי לאנג וויא דיא

יאהרין

משל היה. ללמוד הימנו תשובה למקטריגים על מדת הדין ובאין אדם נתפס על צערו: אם היה. אלמא הוה: אלא מעתה ולרש אין כל וגו' וכיפיה דקרא והכי לו לנת: מי הוה. מבום דכתיב ותני: אימא כמשעה שנכנסו וכו'. ר"י בנה דכתיב ויוסף ה' את כל אשר לאיוב למשנה אף במתיו הוכפלו דכתיב ויחי איוב אחרי זאת מאה וארבעים שנה למדנו שהיה בן ע' כשבאו יסורין עליו שכי ר"י ולעולם מעולי גולה הוה: נהגרהו לעכו"ם. אלמא עו"ג היה: אליהוא על כרחך מדיתכיה קרא בשמו ושם אביו ושם משפחתו ישראל הוה וא"ד ממשפחת

דורו בע"ן:

**לך יתיב** דהוא מרבנן קמיה דרב שמואל בר נחמני ויתיב וקאמר איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה א"ל עליך אמר קרא (איוב א) איש היה בארץ עוץ איוב שמו א"ל אלא מעתה (ש"ב יב) ולרש אין כל כי אם כבשה אחת קטנה וגו' מי הוה אלא משל בעלמא הוא הכי נמי משל בעלמא הוא א"ל א"כ שמו ושם עירו למה לי. ר' יוחנן ור' אלעזר דאמרי תרווייהו איוב מעולי גולה היה ומדרשו בטבריה היה. מיתיבי ימי שנותיו של איוב משעה שנכנסו ישראל למצרים ועד שעה שיצאו (ע"כ) אימא כמשעה שנכנסו ועד שעה שיצאו. מתיבי שבעה נביאים נתנבאו לאוה"ע בלעם ואביו. ואיוב ואליפז התימני ובלדד השוחי. וצופר הנעמתי. ואליהוא בן ברכאל הבוזי. וליטעמיך אליהוא בן ברכאל הבוזי ה"נ דלא מישראל הוה והא כתיב כמשפחת רם אלא איתנבויי איתנבי לאוה"ע אטו כולהו נביאי מי לא אתנביאו לאוה"ע כולהו נביאי עיקר נביאותיהו לישראל הני

---

אהרן פון אבות און זיין זכות בשיצט אויף דעם דור אזוי ויא אבות בעשיצט אויף אין מענטשין פון דיא היץ. דאס מיינט מען איוב וואס ער האט פיל יאהרין געלעבט:

**לך יתיב**. איינער פון דיא רבנן איז געזעסין פאר רב שמואל בר נחמני און האט גיזאגט איוב איז ניט גיוועזען און איז ניט בשאפין גיווארין. עס איז נאר א משל. האט רב שמואל גיזאגט צום דעם למדן אויף דיר זאגט דער פסוק איש היה בארץ עוץ איוב שמו. אמענטש איז גיוועזען אין לאנד עוץ זיין נאמען איז גיוועזען איוב. זעהן מיר אז איוב איז יא גיוועזען. האט דער למדן גיזאגט צו רב שמואל עס שטייט אין פסוק דער ארעם מאן האט גאר ניט גיהאט נאר א קליינע שעפסיל און זיא איז גיוועזען ביי אים וויא א טאכטער. איז דען אזוי גיוועזען. דאס איז נאר א משל. איוב איז אויך נאר א משל. האט רב שמואל גיזאגט צום למדן אז דאס וואלט נאר גיוועזען א משל. צו וואס שטייט זיין נאמען און דער נאמען פון זיין שטאט. רבי יוחנן און רבי אלעזר זאגין ביידע איוב איז גיוועזען פון דיא מענטשין וואס זענען אויף גיגאנגען פון גלות בבל. און זיין בית המדרש איז גיוועזען אין טבריא. פרעגט דיא גמרא מיר האבין גילערנט דיא יאהרין פון איוב זענען גיוועזען פון דער צייט וואס דיא יודין זענען אריין גיגאנגען אין מצרים ביז די צייט וואס זייא זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים. זעהן מיר דאך אז איוב איז גיוועזען אין דיא צייט וואס דיא יודין זענען גיוועזען אין מצרים. ענטפערט דיא גמרא איוב איז טאקי גיוועזען פון דיא מענטשין וואס זענען אויף גיגאנגען פון גלות בבל. נאר ער האט גילעבט אזוי לאנג ווי עס איז גיוועזען פון דער צייט וואס דיא יודין זענין אריין גיגאנגען אין מצרים ביז זייא זענין ארויס גיגאנגען פון מצרים. דאס איז צוויא הונדערט מיט צעהן יאהר. פרעגט דיא גמרא מיר האבין גילערנט זיבען נביאים האבין נביאות גיזאגט צוא דיא פעלקער בלעם מיט זיין פאטער איוב און אליפז התימני. און בלדד השוחי און צופר הנעמתי. און אליהוא בן ברכאל הבוזי. זעהן מיר דאך אז איוב איז גיוועזען א גוי: פרעגט דיא גמרא און אויף אליהוא בן ברכאל הבוזי וועסט אויך זאגין אז ער איז ניט גיוועזען א יוד. עס שטייט דאך ער איז גיוועזען פון דיא משפחה רם. דאס מיינט מען פון אברהם. נאר זייא האבין נביאות גיזאגט צוא דיא פעלקער. אבער זיי אליין זענען גיוועזען יודין. פרעגט דיא גמרא אלע נביאים האבין דאך נביאות גיזאגט צוא דיא פעלקער פאר וואס רעכנט ער נאר דיא זיבען. ענטפערט דיא גמרא אלע נביאים זענען אן גיברייט גיווארין צו זאגין נביאות צו יודין. נאר אביסול האבין זייא גיזאגט נביאות צוא דיא פעלקער אויך. אבער דיא זיבען נביאים זענען נאר אן גיברייט גיווארין צו זאגין צו דיא פעלקער. נאר אביסול

האבין

הני עיקר נביאותייהו לאוה"ע. מיתיבי חסיד היה באוה"ע ואיוב שמו ולא בא לעולם אלא כדי לקבל שכרו באו עליו יסורין התחיל מחרף ומגדף כפל לו הקב"ה שכרו בעה"ז כדי לטורדו מן העה"ב תנאי היא דתניא רבי אלעזר אומר איוב בימי שפוט השופטים היה שנאמר (איוב כז) הן אתם כלכם חזיתם ולמה זה הבל תהבלו איזהו דור שכולה הבל הוי אומר זה דורו של שפוט השופטים. ר' יהושע בן קרחה אומר איוב בימי אחשורוש היה שנאמר (שם מב) ולא נמצאו נשים יפות כבנות איוב בכל הארץ איזהו דור שנתבקשו נשים יפות הוי אומר זה דורו של אחשורוש. ואימא בימי דוד דכתיב ביה (מ"א א) יבקשו לאדוני המלך נערה יפה התם בכל גבול ישראל הכא בכל הארץ. ר' נתן אומר איוב בימי מלכת שבא היה שנא' (איוב א) ותפול שבא ותקחם וחכמים אומרים בימי כשדים היה שנאמר (שם) כשדים שמו שלשה ראשים. וי"א בימי יעקב היה ודינה בת יעקב נשא כתיב הכא (שם ב) כדבר אחת הנבלות תדברי וכתיב (בראשית לד) כי נבלה עשה בישראל וכולהו תנאי סבירא להו דאיוב מישראל הוה לבר מי"א דאי סלקא דעתך מעכו"ם

רס בייהו אברהם: שכולו הבל. כשונים שכן את בין כלוב כדאמרי' לקמן בהמשפט היה לו פ"פ לשפוט את שופטו ומוכיחו: בימי מלכת שבא הוה. ונשא גם גדול מכבדים עלין: בימי מלכות כשדים. בימי נבוכדנצר היה ונשא גם משכה גדול עליו: וכלהו הני תנאי. כו' מסקנא דמילתא הוא דתניא לעיל הנאי היא בהיא מתניתא דלעיל ס"ל דעו"ג הוה והני תנאי דהא מתניתא כולהו סבירא להו דישראל הוה בר מי"א דאמרי בימי יעקב הוה:

---

האבין זיא געזאגט נביאות צוא יודין אויך. אבער אנדערע פון דיא זיבען זענען געווען יודין. פרעגט די גמרא מיר האבין גילערונט עס איז געווען ביי די פעלקער איינער אפרומער. זיין נאמען איז געווען איוב. ער איז נישט מער גיקומען אויף דער וועלט נאר צו נעמען זיין שכר. איז אויף איהם גיקומען יסורים האט ער אן גיהויבין צו לעסטערין גאט. האט איהם גאט גיגעבין זיין שכר טאפיל אויף דער וועלט ער זאל פאר טריבען ווערין פון עולם הבא. זעהן מיר דאך אז איוב איז געווען אגוי. זאגט דיא גמרא התנאים קריגען אין דער זאך ווען איוב איז געווען. וואָרום מיר האבען גילערונט רבי אלעזר זאגט איוב איז געווען אין דיא צייט פון שפוט השופטים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר אלע האבען דאך גיזעהן וואָרום זאלט איר ריידן נארעשקייט: וועלכער דור איז געווען אין גאנצען נארעש רשעים. דאס איז געווען דער דור פון שפוט השופטים. דיא מענטשין האבען געם שפט דיא שופטים. ווייל דיא שופטים אליין זענען געווען רשעים. רבי יהושע בן קרחה זאגט איוב איז געווען אין דיא צייט פון אחשורוש. וואָרום עס שטייט אין פסוק עס איז ניט גיפונען געוואָרין אין דיא גאנצע וועלט אזעלכע שיינע ווייבער וויא דיא טעכטער פון איוב זענען געווען. אין וועלכער צייט האט מען גיזוכט שיינע ווייבער: אין דיא צייט פון אחשורוש. פרעגט דיא גמרא טאמער איז איוב געווען אין דיא צייט פון דוד: ביי דוד שטייט דאך אויך דיא קנעכט זיינע האבען צוא איהם גזאגט מען זאל זוכען פר דעם קעניג אשיינע מיידיל. ענטפערט דיא גמרא ביי דוד האט מען נאר גיזוכט אשיינע מיידיל פון יודין. אונ דיא טעכטער פון איוב זענען געווען דיא שענסטע פון דיא גאנצע וועלט. רבי נתן זאגט איוב איז געווען אין דיא צייט פון מלכת שבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אמתנה פון שבא זענען גיקומען אונ האבען צוא גינומען דיא בהמות פון איוב. דיא חכמים זאגין איוב איז געווען אין דיא צייט פון כשדים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא כשדים האבען זיך צוא טיילט אין דריי טייל אונ האבען צוא גינומען דיא בהמות פון איוב. אנדערע זאגין איוב איז געווען אין דיא צייט פון יעקב. אונ דינה דיא טאכטער פון יעקב איז געווען זיין ווייב. וואָרום דא שטייט איוב האט געזאגט צוא זיין ווייב כדבר אחת הנבלות תדברי. דוא רעדסט אזוי וויא איינע שלעכטע ווייב רעדט. אונ ביי דינה שטייט אויך כי נבלה עשה בישראל אשלעכטע זאך איז גיטאהן גיווארין ביי יודין. דינה האט גיטאהן אשלעכטע זאך. (זיא האט מזנה געווען) איז דאך דינה געווען דיא שלעכטע ווייב פון איוב. אונ דיא אלע תנאים האלטען אז איוב איז געווען איוד. אויסער דיא וואס זאגין אז איוב איז געווען אין דיא צייט פון יעקב. דיא האלטען אז

איוב

היה בתר דשכיב משה מי שרתה שכינה ע' נכו"ם והא אמר מר בקש משה שלא תשרה שכינה על עכו"ם וניתן לו שנאמר (שמות לג) ונפלינו אני ועמך: לה א"ר יוחנן דורו של איוב שטוף בזמה היה שנא' (איוב כז) הן אתם כלכם חזיתם ולמה זה הבל תהבלו וכתיב (ש"ה ז) שובי שובי ונחזה בך. אימא בנבואה דכתיב (ישעיה א) חזון ישעיהו בן אמוץ א"כ למה זה הבל תהבלו ל"ל. וא"ר יוחנן מ"ד (רות א) ויהי בימי שפוט השופטים דור ששופט את שופטיו א"ל טול קיסם מבין שיניך א"ל טול קורה מבין עיניך א"ל (ישעיה א) כספך היה לסיגים א"ל (שם) סבאך מהול במים. א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל האומר מלכת שבא אשה היתה אינו אלא טועה מאי מלכת שבא מלכותא דשבא. (איוב א) ויהי היום ויבאו בני האלהים להתיצב על ה' ויבא גם השטן גו' ויאמר ה' אל השטן מאין תבא וגו' משוט בארץ ומהתהלך בה אמר לפניו רבונו של עולם שטתי בכל העולם כולו ולא מצאתי

פירוש:

והא אמר מר. בפ"ק דברכות [וכו'. ונפלינו בלכתך עמנו מכל האומות]:

ומזה בך לשון זמה הוא זה להתהלל בגוים שהעכו"ם אומרים לישראל שובי לתורתנו ונחזי עמנו:

שופט את שופטיו. שהיו השופטים עצמם מקולקלין והיה הדיין בא לנכסם להוכיח את מוכיחו שהם אומר לו השופט טול קיסם מבין שיניך החלק ופרוש מעבירה קטנה פלונית שבידך יכול [זה] גומר לו טול קורה מבין עיניך פרוש מעבירה חמורה שבידך: סבאך. יינך כמו אל תהי בסובאי יין: מהול. מעורב וכן כל לשון הוויות בתורה לשון ערבוב: קום התהלך. היינו דקאמר ומהתהלך בה

---

איוב איז געוועזן אגוי. ווארום אז איוב וואלט געוועזן אגוי דער נאך ווי משה רבינו איז געשטארבן האט דאך שוין ניט גירוהט די שכינה אויף די גוים. ווארום דער תנא האט געזאגט משה האט געבעטן די שכינה זאל ניט רוהען אויף די גוים און גאט האט געזאגט ער וועט אזוי טאהן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט געזאגט מיר זאלין זיין אפ געשיידט איך און דיין פאלק:

לה אמר. רבי יוחנן זאגט דער דור פון איוב פלעגין די מאנען און ווייבער נאך יאגען זנות צוא מזנה זיין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איוב האט געזאגט הן אתם כולכם חזיתם. איר אלע הט געזעהן ולמה זה הבל תהבלו. צוא וואס זאלט איר טאהן נארעשקייט. און שלמה המלך האט געזאגט די גוים זאגין צוא די יודין שובי שובי ונחזה בך. קער דיך צו אונז וועלין מיר זעהן און קוקען אויף דייבער און מיר וועלין מזנה זיין מיט דיר צו זאמען. אזוי דעם זעהן פון איוב מיינט מען אויך זיי האבען געזעהן און געקוקט אויף ווייבער צום מזנה זיין מיט זייא. פרעגט די גמרא טאמער מיינט מען כלכם חזיתם. איר האט אלע געזעהן נביאות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק חזון ישעיהו בן אמוץ. די זעהונג פון דעם נביא ישעיהו. ענטפערט די גמרא אז איוב וואלט גימיינט נבואה. פאר וואס האט ער געזאגט איר רעט נארעשקייט. נאך האט רבי יוחנן געזאגט עס שטייט אין פסוק ויהי בימי שפוט השופטים. די מענטשין האבען געמשפט דעם שופט. דער שופט האט גיטאהן נאך גרעסערע עבירות ווי זייא האבען גיטאהן. אז דער שופט האט געזאגט צוא איינעם נעם ארויס דעם שפענדעל פון צווישען דיינע ציין. דאס מיינט מען דוא זאלסט דיך אפ שיידין פון דיינע קליינע עבירות וואס דוא טוהסט. האט דער מענטש געזאגט צום שופט נעם אראפ דעם בעלעק פון צווישען דיינע אויגען: שיידט דו דיך אפ פון דיינע גרויסע עבירות וואס דוא טוהסט. אז איינער האט געזאגט צוא זיין חבר דיינע זילבער געלט איז געמישט מיט בליי. האט דער חבר צוא אים געזאגט דיינע וויין וואס דוא פאר קויפסט איז געמישט מיט וואסער. רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן וועגין דער וואס זאגט מלכת שבא איז געוועזן אאשה. איז אטעות. מלכת שבא מיינט מען די קעניגרייך פון שבא. עס שטייט אין פסוק עס איז געוועזן אטאג זענען געקומען די מלאכים צוא שטיין נעבין גאט. איז געקומען דער שטן אויך. הט גאט געזאגט צום שטן פון וואנען קומסטו. האט דער שטן געזאגט איך קום משוט בארץ ומהתהלך בה. דער שטן האט געזאגט פאר גאט רבונו של עולם איך האב געוועבט אין די גאנצע וועלט און איך האב ניט געפונען אזוי גלויבטין מענטש אזוי ווי דיין קנעכט

מצאתי נאמן כאברהם עבדך שאמרת לי (בראשית יג) קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה כי לך אתננה ובשעה שבקש לקבור את שרה לא מצא מקום קבורה עד שקנה בד' מאות שקל כסף ולא הרהר אחר מדותיך . (איוב א) ויאמר ה' אל השטן השמת לבך אל עבדי איוב כי אין כמוהו (בכל הארץ) [בארץ] איש תם וישר וגו' מאי וסר מרע אמר (רבה) [ר' [אבא] בר שמואל איוב ותרן בממונו היה מנהגו של עולם אדם נותן חצי פרוטה לחנוני ואיוב ויתרה משלו :

מלותו שאמרת לו התהלך בארץ אמי בא : ה"ג מנהג העולם אדם נותן חצי פרוטה לחנוני . מי שיש לו מלאכה מועטת לעשות אומר לפועל חצי פרוטה אני נותן לך ולך אצל חנוני וקנה בפרוטה ככר או בצלים ונחלוק ואיוב ויתרה לחצי השני משלו ונותן לו כל הפרוטה שהיה רע בעיניו לדקדק בדבר קל שאינו ממון :

לו א"ר יוחנן גדול הנאמר באיוב יותר ממה שנאמר באברהם דאילו באברהם כתיב (בראשית כב) כי עתה ידעתי כי ירא אלהים אתה ואילו באיוב כתיב (איוב א) איש תם וישר ירא אלהים וסר מרע (שם) ויען השטן את ה' ויאמר החנם ירא איוב אלהים הלא אתה שכת בעדו ובעד ביתו ובעד כל אשר לו מסביב מעשה ידיו ברכת ומקנהו פרץ בארץ מאי מעשה ידיו ברכת א"ר שמואל בר רב יצחק כל הנוטל פרוטה מאיוב מתברך . מאי ומקנהו פרץ בארץ א"ר יוסי בר חנינא מקנה של איוב (פרץ) [פרצו] גדרו של עולם מנהגו של עולם זאבים הורגים את העזים ומקנה של איוב העזים הורגים את הזאבים

---

קנעכט אברהם . דוא האסט גזאגט צוא אים קום התהלך בארץ. שטיי אויף אונ גייא אין דער לאנד אין דער לייננ אונ אין דער ברייט ווארום צו דיר וועל איך געבין דיא לאנד . אונ ווען ער האט גיוואלט בגראבען שרה האט ער ניט געפונען קיין ארט וואו איר צוא בגראבען ביז ער הט גיקויפט פאר פיר הונדערט טאלער . אונ ער האט גאר ניט גיטראכט וואו איז וואס גאט הט מיר צו גזאגט אז דיא לאנד איז מיינע ואיז דר טייטש משוט בארץ ומהתהלך בה. איך האב גישוועבט אויף דער וועלט . אונ איך האב גיזעהן דעם מענטש וואס דוא האסט גזאגט צוא אים התהלך בה. גייא אין דער לאנד דאס איז אברהם . האט גאט גזאגט צום שטן האסטו גיטאהן דיין הארץ צוא מיין קנעכט איוב . עס איז ניטא וויא ער אין דיא גאנצע וועלט. ער האט מורא פאר גאט אונ קערט אפ פון שלעכץ . וואס מיינט מען ער קערט אפ פון שלעכץ. רבי אבא בר שמואל זאגט איוב איז נישט קארג גיוועזן אין געלט . דער מנהג פון דער וועלט איז אז איינער דארף געבין זיין ארבעטער א האלבע פרוטה. אונ א מטבע פון א האלבע פרוטה איז ניטא . גייט דער בעל הבית מיט דעם ארבעטער אין א קראם . אונ זייא קייפען פר א פרוטה פירות אונ זיי צו טיילן דיא פירות . יעדער נעמט פירות פר א האלבע פרוטה . אונ איוב פלעגט ניט אזוי טאהן . נאר ער פלעגט אוועק געבין דעם ארבעטער די גאנצע פרוטה :

לו אמר . רבי יוחנן זאגט וואס עס שטייט בייא איוב איז גרעסער וויא דאס וואס עס שטייט בייא אברהם . ווארום ביי אברהם שטייט איצט ווייס איך אז דוא האסט מורא פר גאט . אונ בייא איוב שטייט ער איז גיוועזן א מענטש וואס איז גינאנגען מיט גאנצקייט אונ גלייבקייט אונ האט מורא פאר גאט אונ קערט אפ פון שלעכץ : האט דער שטן גיענטפערט פאר גאט אונ האט גזאגט אומיסט האט איוב מורא פאר גאט דוא האסט דאך פאר שטעלט פאר אים אונ פר זיין שטוב אונ פאר אלץ וואס צוא אים גיהער . עס זאל צוא זיי קיין שלעכץ צו קומען . אלץ וואס ער טוהט מיט זיינע הענט האסטו גיבענשט . אונ זיינע בהמות האבען אויס גיבראכען אין דעם לאנד : וואס מיינט מען וואס ער טוהט מיט זיינע הענט האסטו גיבענשט . האט רב שמואל בר רב יצחק גזאגט דער וואס האט גענומען א פרוטה פון איוב אונ האט מיט איר גיהאנדילט איז ער גיבענשט גיווארין : וואס מיינט מען זיינע בהמות האבען אויס גיבראכען אין דעם לאנד. רבי יוסי בר חנינא זאגט דיא בהמות פון איוב האבען אויס גיבראכען דעם צאם (דעם פירונג) פון דער וועלט . דער פירונג פון דער וועלט איז . וועלף הרגנן דיא קאזעס . אונ ביי דיא בהמות פון

הזאבים (שם) ואולם שלח נא ידך וגו' ויאמר ה' אל השטן הנה כל אשר לו בידך רק אליו אל תשלח ידך וגו' ויהי היום יבניו ובנותיו אוכלים ושותים יין בבית אחיהם הבכור ומלאך בא אל איוב ויאמר הבקר היו חורשות והאתונות רועות על ידיהם מאי הבקר היו חורשות והאתונות רועות על ידיהם א"ר יוחנן מלמד שהטעימו דקב"ה לאיוב (דף טז) מעין העה"ב:

(שם ג) **לז ויאמר** ה' אל השטן השמת לבך אל עבדי איוב וגו' ותסיתני בו לבלעו חנם א"ר יוחנן אלמלא מקרא כתוב אי אפשר לאומרו כביכול כאדם שמסיתין אותו וניסת. תנא יורד ומסית עולה ומשטין נוטל רשות ונוטל נשמה (שם ב) ויען השטן את ה' ויאמר עור בעד עור וגו' ויאמר ה' אל השטן וגו' אך את נפשו שמור אמר רבי יצחק קשה צערו של שטן יותר משל איוב משל לאדם שאומר לעבדו

שהאוכלין הזיו מתלם המעטה שהזרע לימת בטעמו: מעין העוה"ב. כדכתיב הים ויולדת יהדו הכיון ולידה ביום אחד:

ה"ג במתניתא תנא יורד ו..תעה עולה ומ..גיז מיטל רשות ומטל נשמה וה"פ יורד למטה ומתעה את הבריות לחטוא ועולה למעלה ומרגיז את המת סמלך בהשטנתו ונוטל סימנו רשות להרוג את המוטא מכיון שנהנה רשות דכתיב ותסיתני כו: לפרת בל שטן. שהוזקק לשמור את נפש איוב שלא

---

איוב האבען דיא קאזעם גיהרגת דיא וועלף. האט דער שטן נאך גזאגט פאר גאט. שיק נאר דיין האנט אויף איוב אונ שלאג אים נאר. וועסטו זעהן אז ער וועט דיך לעסטערן. האט גאט גיזאגט צום שטן ארץ וואס צוא איוב גיהער זיין גאנץ פאר מעגין איז אין דיין האנט. נאר צו איוב אליין זאלסטו ניט שיקען דיין האנט. אים אליין זאלסטו גאר ניט טאהן. עס איז אמאהל גיוועזן אטאג אונ דיא זיהן אונ טעכטער פון איוב האבען גיגעסין אונ געטרונקען וויין ביא דעם עלצטין ברודער אין שמוב. איז אשליח גיקומען צוא איוב אונ האט גיזאגט דיא אקסין האבען גיהאקערט אונ דיא איזלען האבען זיך געפיטערט נעבין זייא. וואס מיינט מען דיא אקסין האבען גיהאקערט אונ דיא איזלען האבען זיך געפיטערט נעבין זייא. רבי יוחנן זאגט דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט גיגעבין צוא איוב ער זאל פאר זוכען דעם טעם פון עולם הבא. אזוי וויא דיא אקסין האבען גיהאקערט האט שוין גיוואקסען. אונ דיא איזלען זענען גישטאנען נעבין דיא אקסין אונ האבען שוין גיגעסין דיא איצט גיוואקסענע תבואה:

לז ויאמר. גאט האט גזאגט צום שטן האסטו גיטאהן דיין הארץ צו מיין קנעכט איוב. דוא האסט מיך אן גירעט איך זאל אים פאר דארבין אומזיסט. רבי יוחנן זאגט ווען דער פסוק וואלט ניט גישטאנען. וואלט מען דאס אליין ניט גיקענט זאגין. ווארום מען זאגט אויף גאט אזוי וויא אויף אמענטש וואס מען רעט אים אן ער זאל צוא איינעם שלעכט זיין. אונ ער ווערט איבער גירעט. אונ טוהט דיא שלעכטס צוא יענעם. דער נאך ווען ער אז מען האט אים גינארט. אונ ער האט ניט גידארפט טאהן דיא שלעכטס וואס ער האט גיטאהן. מיר האבען גילערונט דער שטן קומט אראפ אונ רעדט אן דיא מענטשין זייא זאלין זינדיגען. דער נאך גייט ער ארויף אויף דעם הימעל אונ רעדט אויף דעם מענטש פאר גאט ער הט גיטאן עבירות. דער נאך נעמט ער רשות פון גאט צוא הרגן דעם מענטש. אונ ער גייט אראפ אונ נעמט צוא דיא נשמה פון דעם מענטש. האט דער שטן גיענטפערט אונ האט גזאגט פאר גאט איין הויט גיט דער מענטש פאר דיא אנדערע הויט למשל אז מען וויל שלאגין אמענטשין אויף דעם פנים. וועט ער פאר שטעלין מיט די האנט. אונ ער וויל בעסער מען זאל אים שלאגין אויף דיא האנט נאר ניט אויף דעם פנים. וועט ער דאך זיין פאר מעגין געווים אוועק געבין נאר מען זאל אים ניט שלאגין. האט גאט גזאגט צום שטן איוב איז אין דיין האנט. דו מעגסט אים שלאגין. נאר זיין נשמה היט. ער זאל ניט שטארבן. רבי יצחק זאגט דער צער פון שטן וואס ער האט גימוזט היטען דאס לעבין פון איוב. ער זאל ניט שטארבין פון יסורים. איז גיוועזן גרעסער וויא דער צער פון איוב וואס ער האט גיהאט פון זיינע יסורים. למשל אמענטש

האט

לעבדו שבור את החבית ושמור את יינה. א"ר שמעון בן לקיש הוא שטן הוא יצר הרע הוא מלאך המות. הוא שטן דכתיב ויצא השטן. הוא יצר הרע דכתיב (איוב א) רק אליו אל תשלח ידך וכתיב התם (בראשית ו) רק רע כל היום. הוא מלאך המות דכתיב אך את נפשו שמור אלמא ביה קיימא מלתא:

תלא: אלמא בדידיה קיימא. ליטול את נפשו והזכירו אלא ליטלה: בעבור הרעימה. שתתרעם על שהיא עקרה ותתפלל: להפוך קערה על פיה. כלומר לעקור כל כבוד שתירף וגידף:

לח א"ר לוי שטן ופנינה לש"ש נתכוונו שטן דחזייה להקב"ה דקא נטה בתר איוב אמר דלמא ח"ו מנשיא ליה לרחמנותיה דאברהם. פנינה דכתיב (ש"א א) וכעסתה צרתה גם כעס בעבור הרעימה דרשה רב אחא בר יעקב בפפוניא ואתא שטן ונשקיה אכרעיה. (איוב ב) בכל זאת לא חטא איוב בשפתיו לא חטא אבל בלבו חטא [מאי קאמר] (שם) ארץ נתנה ביד רשע [וגו'] אמר רבא בקש איוב להפוך קערה על פיה א"ל אביי לא דבר איוב אלא כנגד שטן כתנאי ארץ נתנה ביד רשע רבי אלעזר אומר בקש איוב להפוך קערה על פיה א"ל ר' יהושע לא דבר איוב אלא כנגד שטן:

על

---

דאס גזאגט צוא זיין קנעכט צוא ברעך דיא פאס אונ היט דיא וויין זיא זאל ניט אויס גיגאסען ווערין. רבי שמעון בן לקיש זאגט ער איז דער שטן אונ ער איז דער יצר הרע אונ ער איז דר מלאך המות. ער איז דער שטן אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער שטן איז ארויס גיגאנגען. ער איז דער יצר הרע אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צום שטן רק אליו אל תשלח ידך. נאר צוא אים זאלסטו ניט שיקען דיין האנט. אונ ביי דעם יצר הרע שטייט אויך רק רע כל היום. דער יצר הרע איז נאר שלעכט אגאנצין טאג. וייל ביי דעם שטן שטייט דער ווארט רק. אונ ביי דעם יצר הרע שטייט דער ווארט רק. זעהן מיר אז דער שטן אונ דער יצר הרע איז איינער. אונ דאס איז דער מלאך המות אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צום שטן נאר זיין נשמה זאלסטו היטען. אז מען האט אים גיהייסען ער זאל זיא היטען. זעהן מיר אז דיא נשמה פון מענטשין איז אין זיין האנט. ער קען זיא צו נעמען אז ער וויל. איז ער דאך דער מלאך המות:

לח אמר. רבי לוי האט גזאגט דער שטן אונ פנינה האבען גימיינט פון גאטס וועגין. דער שטן האט גיזעהן אז גאט האלט אזוי שטארק פאר איוב. האט ער גיטראכט טאמער וועט גאט פאר געסין דיא ליבשאפט פון אברהם אבינו. ביי פנינה מיט חנה שטייט אין פסוק פנינה פלעגט דער צערענען צו חנה וואס זיא האט ניט קיין קינדער. אונ חנה פלעגט אין כעס ווערין. אונ פנינה האט דאס גיטאהן פון גאטס וועגין. זיא האט גיוואלט חנה זאל שטורעמען אונ שטארק בעטין פאר גאט זיא זאל אויך האבען קינדער. רב אחא בר יעקב האט דאס גידרשת אין דיא שטאט פפוניא. איז גיקומען דער שטן אונ האט אים אקוש גיטאהן אויף די פוס. אין פסוק שטייט מיט דעם אלעם האט איוב ניט געזינדיגט מיט זיינע לעפצין. רבא זאגט מיט דיא לעפצין האט ער ניט געזינדיגט. אבער אין הארצען האט ער געזינדיגט. וואס האט איוב גיטראכט אין הארצען. ארץ נתנה ביד רשע. דיא וועלט איז גיגעבין גיווארין צום רשע אין האנט. רבא זאגט איוב האט גיוואלט אומקערין דיא שיסול מיט דעם מויל אראפ. ער האט גיוואלט אומקערין דיא וועלט. ער האט גזאגט אז גאט גיט גאר ניט אכטונג אויף דער וועלט. נאר דיא וועלט פירט זיך אליין. דריבער טרעפט גוטס דעם רשע אונ שלעכטס דעם צדיק. אביי זאגט איוב האט נאר גירעט געגין שטן. ער האט גזאגט דער שטן איז ארשע וייל ער האט אן גירעט מען זאל אים פרובין מיט יסורים. זאגט דיא גמרא תנאים קריגען אין דער זאך. אין פסוק שטייט איוב האט גזאגט דיא ערד איז גיגעבין גיווארין צום רשע אין האנט. רבי אלעזר זאגט איוב האט גיוואלט אומקערין דיא שיסול מיט דעם מויל אראפ. ער האט גיוואלט אומקערין דיא וועלט. ער האט גזאגט אז גאט גיט גאר ניט אכטונג אויף דיא ערד. נאר די

וועלט

(איוב י) לז על דעתך כי לא ארשע ואין מידך מציל אמר רבא בקש איוב לפטור את כל העולם כולו מן הדין אמר רבש"ע בראת שור פרסותיו סדוקות. בראת חמור פרסותיו קלוטות. בראת ג"ע בראת גיהנם בראת צדיקים בראת רשעים מי מעכב על ידך : ומאי אהדרו ליה חבריה דאיוב (שם טו) האף אתה תפר יראה ותגרע שיחה לפני אל. ברא הקב"ה יצר הרע ברא לו תורה תבלין . דרש רבא (שם כט) ברכת אובד עלי תבא ולב אלמנה ארנין. ברכת אובד עלי תבא [מלמד] שהיה גוזל שדה יתומים ומשביחה ומחזירה להם . ולב אלמנה ארנין כל היכא דהות אלמנה דלא נסבי לה הוה שדי שמיה עלה ואתו ונסבי לה (שם ו) לו שקול ישקל כעסי וגו' אמר (רבא) [רב] עפרא לפומיה דאיוב חברותא כלפי שמיא (שם ט) לא יש בינינו מוכיח ישת ידו על

לפטור את כל העולם מדינו של הקב"ה לומר שאנוסים הם ע"י הקב"ה שברא (להם) יצ"ר וה"ק על דעתך כי לא ארשע אם הייה הפץ לא הייתי רשע : בראת שור נפרסות סדוקות והמור נפרסות קלוטות . את זה טהרת ואת זה טמאת בכל נה על ידך אתה בראת בו את סימני הטומאה : בראת צדיקים. ע"י יצה"ט : בראת רשעים . ע"י יצה"ר לפיכך אין ניצול מידך כי מי יעכב אנוסים הם כחוטאים : ברא לו תורה . הן תבלין שיכה מכפלת את הכסוי [עבירה] כדאמריק בעלמא אם פגע בך מנוול זה משכהו לבהמ"ד א: אבן הוא נמוח וכו' הלכך לאו אנוסים ניצו שהרי יכולין הם לבטל את עצמן : ברכת אובד . שהיה סבור שאיבד את מדכו : שדי שמיה עלה . אומר שהיא קרובתו או מדבר בה למצאה : חברותא כלפי שמיא . מדבר לפני שכינה כאדם המתוכח עם חבירו בא וכבקל מי חייב למי :

ווערט פירט זיך אליין . דריבער טרעפט גוטס דעם רשע און שלעכטס דעם צדיק . און רבי יהושע זאגט איוב האט נאר גירעט געגין שטן . ער האט גזאגט דער שטן איז ארשע . וייל ער האט אן גירעט גאט מען זאל אים פרובין מיט יסורים :

לט על . איוב האט גזאגט צוא גאט אז דוא ווארסט וועלין וואלט איך ניט געזינדיגט און פון דיין האנט קען קיינער ניט פרייא ווערין . רבא זאגט איוב האט גיוואלט פריי מאכען די גאנצע וועלט פון גאטס משפט . ער האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם דוא האסט בעשאפען אאייזיל מיט קיילעכדיגע קלאהען און האסט גיזאגט ער איז טמא . דוא האסט בעשאפען אאקס מיט צוא שפאלטענע קלאהען . און האסט גזאגט ער איז טהור . דוא האסט בעשאפען גיקענט מאכען פאר קערט אויך דעם אייזיל מיט צוא שפאלטענע קלאהען און זאגין ער איז טהור . און דעם אקס האסטו גיקענט בעשאפען מיט קיילעכדיגע קלאהען און זאגין ער איז טמא ; דוא האסט בשאפען אגן עדן . און האסט בשאפען אגיהנם . דוא האסט בעשאפען צדיקים דורך דעם יצר טוב . און האסט בעשאפען רשעים . דורך דעם יצר הרע . ווער קען דען דיר זאגין דוא זאלסט ניט אזוי טאהן . דוא וואלסט ניט בשאפען דעם יצר הרע מיט אזוי פיל פערגעניגונגם . וואלט דער מענטש ניט זינדיגען . האסטו דאך אים גיבריינגט צו די עבירות . פר וואס זאלסטו אים שטראפין . וואס האבען די חברים פון איוב גיענטפערט צוא איוב . דוא שטערסט די מורא פאר גאט . און דוא מינערסט די תפלה פאר גאט . דוא זאגסט אז דער מענטש איז גירעכט געגין גאט . אמת גאט האט בעשאפען דעם יצר הרע . גאט האט אבער בעשאפען די תורה וואס זיא איז וויא בשמים אזוי וויא בשמים נעמט אוועק דעם שלעכטין גישמאק פון עסין . און עס גיט אריין אגוטען טעם . אזוי די תורה נעמט אוועק די שלעכטס פון יצר הרע . און זיא פאר בעסערט אים . ווארום דורך דעם יצר הרע וואס ער רעט אן דעם מענטשין צוא טאהן אעבירה . און דער מענטש טוהט ניט די עבירה . פאר דעם נעמט דער מענטש שכר . רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק איוב האט גזאגט די ברכות פון דעם פאר לארענעם זאל אויף מיר קומען און די הארץ פון די אלמנה האב איך גימאכט זינגען . די ברכות פון דעם פאר לארענעם זאל אויף מיר קומען . דער פסוק דער ציילט אונז אז איוב פלעגט גזלנן פעלדער פון יתומים און פלעגט זייא פאר בעסערין און ער פלעגט זייא צוריק אוועק געבין . ווען איוב פלעגט אוועק נעמען די פעלד פון יתום . האט דער יתום גימיינט ער האט שוין די פעלד פאר לארין . דער נאך ווען איוב האט אים צוריק גיגעבין די פעלד אפאר בעסערטע . האט ער גיבענשט צוא איוב . און די הארץ פון די אלמנה האב איך גימאכט

זינגען

**שנינו** אמר (רבא) [רב] עפרא לפומיה דאיוב מן הסערה לבון שטר כדקתני הככה נימין בראשי
**כלום** יש עבד שמוכיח את רבו (שם לח) ברית
**כרתי** לעיני ומה אתבונן על בתולה אמר רבא [עפרא לפומיה דאיוב] דלא דידיה לא מסתכל אבל אברהם אפילו בדידיה לא מסתכל דכתיב (בראשית יב) הנה נא ידעתי כי אשה יפת מראה את מכלל דמעיקרא לא הוה ידע. (איוב ז) כלה ענן וילך כן יורד שאול לא יעלה אמר רבא מלמד שכפר איוב בתחית המתים:

(איוב ט) **מן אשר** בשערה ישופני והרבה פצעי חנם אמר רבא איוב בסערה חירף ובסערה השיבהו בסערה חירף דכתיב אשר בסערה ישופני אמר לפניו רבש"ע שמא רוח סערה עברה לפניך ונתחלף לך בין איוב לאויב בסערה השיבהו דכתיב (שם לח) ויען ה' את איוב מן הסערה וגו' ויאמר אזר נא כגבר חלציך אשאלך וגו' א"ל הרבה נימין בראתי (בראשו של אדם) [באדם] וכל אחד ואחד בראתי לו גומא בפני עצמו שלא יהו שתים יונקות בגומא א' שאלמלא ב' יונקים בגומא אחת מחשבות

מאור

---

זינגען . וואו עס איז געוועזן אַאַלְמָנָה וואס קיינער האט ניט געוואלט מיט איר חתונה האבען ׃ האט איוב גירופען זיין נאמען אויף איר. ער האט גזאגט זיא איז זיינע אַקריבה. האט מען שוין מיט איר חתונה גיהאט. איוב האט גזאגט ווען עס וואלט גיוואגין גיווארין מיין כעס מיט כיינע צרות וואלטען מיינע צרות מער גוואוגין. רב זאגט ערד הט מען גבארפט אריין שיטען אין די מויל פון איוב ער זאל דאס ניט זאגין. ער שמועסט מיט גאט אזוי וויא מען שמועסט מיט אַחבר. איוב האט גזאגט עס איז נישטא צווישען אונז (צווישען מיר מיט גאט) ווער אונז זאל שטראפין. עס איז נישטא ווער עס זאל טאהן זיין האנט אויף אונז ביידע. רב זאגט ערד הט מען גידארפט אריין שיטען אין דיא מויל פון איוב ער זאל דאס ניט זאגין. איז דען דא אַקנעכט וואס זאל שטראפין זיין בעל הבית. איוב האט גיזאגט איך האב גימאכט אפאר בינדונג מיט מיינע אויגען איך זאל ניט קוקען אויף אַמיידיל. רבא זאגט ערד האט מען גידארפט אריין שיטען אין דיא מויל פון איוב ער זאל דאס ניט זאגין. אויף אפרעמדע מיידיל האט ער ניט גיקוקט אבער אויף דיינע מידלאך האט ער יא געקוקט. אונ אברהם אבינו האט אפילו אויף זיין ווייב אויך ניט געקוקט. וואר'ם עס שטייט אין פסוק אברהם האט גזאגט צוא זיין ווייב איצט וייס איך אז דוא ביסט אשיינע ווייב. אבער ביז איצט האט ער ניט געוואוסט. איוב האט גזאגט אזוי וויא דער וואלקין ווערט פאר לענדט אונ גייט אוועק. אונ קומט ניט מער צוריק. אזוי דער וואס נידערט אין גרוב. אין קבר. וועט ער שוין ניט אויף גיין צוריק. רבא זאגט דער פסוק דער ציילט אונז אז איוב האט געלייקנט אין תחית המתים:

**מן** אשר. איוב האט גזאגט מיט אַשטורעם האט מיך גאט צוא קלאפט. אונ ער הט גימערט מיינע וואונדען אומזיסט. רבא זאגט איוב האט גילעסטערט גאט מיט שטורעם. אונ מיט שטורעם האט אים גאט געענפערט. מיט שטורעם האט איוב גילעסטערט גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איוב האט גזאגט מיט אשטורעם האט מיך גאט צוא קלאפט. איוב הט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם טאמער איז אשטורעם ווינט פאר דיר פאר ביי גיגאנגען אונ עס איז דיר פאר טאהשט גיווארין פון ווארט איוב אויף דעם ווארט אויב. איוב איז מיין נאמען אונ אויב איז אפיינד. דריבער מיינסטו אז איך בין דיין פיינד. האט אים גאט געענפערט מיט שטורעם. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט געענפערט צוא איוב פון שטורעם. אונ ער האט גזאגט צוא איוב. שטארק נאר וויא אהעלד דיינע לענדין. אונ איך וועל דיך פרעגין. האט גאט גזאגט צוא איוב פיל האר האב איך בשאפען אויף דעם מענטשין. אויף זיין קאפ אונ אויף זיין גאנצען לייב. אונ צו יעדער האר האב איך בשאפען אבזונדער גריבול. צווי האר זאלין ניט וואקסען פון איין גריבול. ווארום ווען צווי האר וואלטין וואקסען פון איין גריבול. וואלטן זייא פארנסטער

גימאכט

כלהדס : מטשטשות את הארץ . עשוי לה הארץ כטיט : דרקון . נחש : מכישה . נושכה

כאור עיניו של אדם בין גומא לגומא לא נתחלף לי בין איוב לאויב נתחלף לי (שם לח) מי פלג לשטף תעלה הרבה טיפין בראתי בעבים וכל טפה וטפה בראתי לה דפוס בפני עצמה שלא יהו שתים בדפוס אחד שאלמלא שתים ברפוס אחד מטשטשות את הארץ ואינה עושה פירות בין טפה לטפה לא נתחלף לי בין איוב לאויב נתחלף לי ומאי משמע דהאי תעלה לישנא דדפוס הוא אמר רבה בר (עולא) [שילא] דכתיב (מ"א יח) ויעש תעלה כבית סאתים זרע . (איוב לח) ודרך לחזיז קולות הרבה קולות בראתי בעבים וכל קול וקול בראתי לו שביל בפני עצמו כדי שלא יהו שני קולות יוצאים משביל אחד שאם יהו ב' יוצאים משביל אחד מחריבין את העולם בין קול לקול לא נתחלף לי בין איוב לאויב נתחלף לי , (שם לט) הידעת עת לדת יעלי סלע חולל אילות תשמור יעלה זו אכזרית על בניה ובשעה שכורעת (ע"ג) ללדת עולה לראש ההר כדי שתפול ממנה ותמות ואני מזמין לה נשר ומקבלו בכנפיה ומניחו לפניה ואינו מקדים ואינו מאחר אפילו רגע אחד שאם מאחר אפילו רגע אחד מיד מתה בין רגע לרגע לא נתחלף לי בין איוב לאויב נתחלף לי. (שם) חולל אילות תשמור אילה זו רחמה צר ובשעה שכורעת לילד אני מזמין לה דרקון ומכישה בבית הרחם ומתרפה ויולדת ואינו מקדים רגע ואינו מאחר

רגע

---

גימאכט די ליכטיגקייט פון דעם מענטשינס אויגן . פון איין גריבול ביז די אנדערע גריבול איז מיר נישט פר טאהשט געווארין . זאל מיר פר טאהשט ווערין פון איוב אויף אויב . גאט האט גזאגט מי פלג לשטף תעלה ווער האט גיטיילט צום פאר פלייצונג אגריבול . פיל טראפינס וואסער האב איך בעשאפין אין וואלקינס . אונ צוא יעדער טראפין האב איך בעשאפין אבזונדער לעכיל . צוויא טראפינס זאלין ניט ארוים גיין פון איין לעכיל . ווארום ווען צוויא טראפינס וואלטי ויס גיין פון איין לעכיל . וואלטין זייא גימאכט דיא ערד וויא ליים אונ עס וואלט ניט גיוואקסין פון די ערד פון איין טראפין צום אנדערין טראפין איז מיר ניט פאר טאהשט געווארין . זאל מיר פאר טאהשט ווערין פון איוב אויף אויב . זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז תעלה איז דער טייטש אגריבול . האט רבה בר שילא גזאגט שטייט אין פסוק ויעש תעלה כבית סאתים זרע ער האט גימאכט אגראבין וויא מען קען פאר זייען צוויא סאה . גאט האט גיזאגט ודרך לחזיז קולות . פיל דונערין האב איך בעשאפין אין דיא וואלקינס . אונ צוא יעדער דונער האב איך בעשאפין אבזונדער וועג . צווייא דונערין זאלין ניט ארוים גיין פון איין וועג . ווארום ווען צווייא דונערין וואלטין ארוים גיין פון איין וועג . וואלטין זייא חרוב גימאכט דיא וועלט . פון איין דונער צו דעם אנדערין דונער איז מיר נישט פאר טאהשט געווארין . זאל מיר פאר טאהשט ווערין פון איוב אויף אויב . גאט האט גיזאגט צוא איוב ווייסטו דיא צייט ווען דיא יעלי סלע (דיא שטיינבאקין) גיבארין זייערע קינדער . ווייסטו צו היטען דיא צייט ווען די אילות (דיא אינדען) גיבארין זייערע קינדער . דיא שטיינבאקין איז אכזריות האט פיינט אירע קינדער . אונ ווען זיא דארף גיבארין דאס קינד גייט זיא ארויף אויף אהויכין בארג . דאס קינד זאל אראפ פאלין אונ גיהרגת ווערין . אונ וויא דאס קינד הייבט אן צוא פאלין איז שוין אנגיברייט אאדלער וואס ער נעמט דאס קינד אויף זיין פליגעל אונ ער לייגט אנידער דאס קינד געבין איר מוטער אונ דער אדלער קומט ניט פריער אונ ניט שפעטער אפילו מיט איין רגע אויך ניט . ווארום אז ער וואלט גיקומען מיט איין רגע שפעטער וואלט שוין דאס קינד גילעגין אויף דיא ערד טויט . פון איין רגע ביז דיא אנדערע רגע איז מיר קיין מאהל ניט פאר טאהשט געווארין . זאל מיר פאר טאהשט ווערין פון איוב אויף אויב . ווייסטו צוא היטען דיא צייט ווען דיא אילות (דיא אינדען) גיבארין זייערע קינדער . דיא אילה האט אאיינגען מוטער לייב . אונ ווען זיא קומט צוא גיבארין דאס קינד . קען ניט דאס קינד ארויס גיין פון איהר . נאר איך ברייט אן פון אירעטוועגין אשלאנג אונ ער קומט צו איר אונ גיט איר אביס

אויף

מאחר רגע שאם מקדים רגע או מאחר רגע אחד מיד פתח בין רגע לרגע לא נתחלף לי בין איוב לאויב נתחלף לי (שם לד) איוב לא בדעת ידבר ודבריו לא בהשכל אמר רבא מכאן שאין אדם נתפס על צערו: (שם ב) **מא וישמעו** שלשת רעי איוב וגו' מאי ויועדו יחדו אמר רב יהודה אמר רב מלמד שנכנסו כלם בשער אחד ותנא בין כל אחד ואחד ג' מאות פרסה מנא הוו ידעי א"ר כלילי הוו להו וא"ד אילני הוו להו כיון דכמשי הוו ידעי, אמר רבא היינו דאמרי אינשי או חברי כחברי דאיוב או מיתותא (בראשית ו) ויהי כי החל האדם לרוב על פני האדמה רבי יוחנן אמר רביה באה לעולם רשב"ל אמר מריבה באה לעולם אמר ליה רבי שמעון בן לקיש לדידך דאמרת רביה באה לעולם מפני מה לא נכפלו בנותיו של איוב א"ל

ונתרפה נשון רש"י: שאין אדם נתפס. לא התחייב על שאלה מדבר קשה מחמת לער יסורין דקאמר לא בדעת ידבר ולא אמר ברשע ידבר אלא לא בדעת ידבר וכו':
כלילי הוו להו. כתרים וגלל כתר ג' פרלופין ולוש אם כמו מ וקק על הפרלוף וכשבאין יסורין על א' מהם פרלופו משתנה וכן הוליי: דכמשו. נלר"ל: או הברה כחברי דאיוב. אם אין לו לאדם אוהבים זוה לו מיתה: לרוב על פני האדמה: וכנות יולדו להסי רבייה באה לעולם. כבאלד בת

אע"פ

אויף איר מוטער לייב. ווערט דער ארט לויז ווערט געבארין דאס קינד: אונ ער קומט ניט מיט ארגע פריער אונ ניט מיט ארגע שפעטער. ווארום אז ער וואלט קומען מיט ארגע פריער אדער מיט ארגע שפעטער. וואלט דיא אלה באלד געפייגערט. פון איין רגע ביז דיא אנדערע רגע איז מיר ניט פאר טאהטט געווארין. זאל מיר פאר טאהשט ווערין פון איוב אויף אויב. איוב רעט ניט מיט וויסענשאפט. זיינע רייד זענען ניט מיט שכל. רבא זאגט פון דאנען זעהן מיר אז איינער רעט געגין גאט שלעכטע רייד פון צער אונ יסורין. ווערט ער נישט געשטראפט אויף דיא רייד. ווארום גאט האט ניט געזאגט אויף איוב ער רעט מיט רשעות. נאר ער האט געזאגט ער רעט מיט נארעשקייט:

**מא** וישמעו: דיא דריי גוטע פריינד פון איוב האבין געהערט פון די א יסורים וואס אויף איוב איז געקומען. האבין זייא זיך פער זאמלט צו זאמען. רב יהודה האט געזאגט פון רבם וועגין דער פסוק דער ציילט אונז אז אלע דרייא גוטע פריינד זענען אריין געגאנגען אין שטאט דורך איין טויער. אונ מיר האבין געלערנט פון איין גוטען פריינד ביז צום אנדערין איז געוועזן וייט דריי הונדערט מייל. פון וואנען האבין זייא אלע געוואוסט וואס מיט איוב איז געווארין: אנדערע זאגין זייא האבין געהאט קרוינען. אויף יעדער קרוין זענען געוועזן דרייא פנים. פון זיינע דרייא גוטע פריינד. אונ וועלכין גוטען פריינד עס האט געטראפין אאומגליק. איז זיין פנים וואס אויף דיא קרוין געענדערט געווארין. אנדערע זאגין זייא האבין געהאט בוימער. יעדער גוטער פריינד האט געפלאנצט דריי בוימער. אונ אויף יעדער בוים איז געוועזן גע שריבען אנאמען. אונ וועלכער בוים זיינע בלעטער זענען געל געווארין. האט מען געוואוסט אז דעם מענטש האט געטראפין אאומגליק. רבא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין אדער מען זאל האבין אזעלכע חברים וויא איוב האט געהאט. אונ אויב ניט איז בעסער אז מען שטארבט. אין פסוק שטייט אז דער מענטש האט אנגיהויבין לרוב על פני האדמה. אונ צו זייא איז געבארין געווארין טעכטער. וויא איז דער טייטש דער ווארט לרוב. רבי יוחנן זאגט לרוב איז דער טייטש מערין. וויא עס האבין אן געהויבין טעכטער געבארין צו ווערין. איז געווארין אמערונג אויף דער וועלט ווארום איין זכר קען דאך מעוברת מאכין פיר נקבותו. רבי שמעון בן לקיש זאגט רוב איז דער טייטש קריג. וויא עס זענען געבארין געווארין נקבות אויף דער וועלט איז געווארין קריג אויף דער וועלט. האט רבי שמעון בן לקיש געזאגט צו רבי יוחנן נאך דיר וואס דוא זאגסט אז נקבות ווערין געבארין קומט אמערונג אויף דער וועלט. פאר וואס זשע גאט האט געבענטשט איוב פאר וואס האט גאט ניט געטאפילט זיינע טעכטער. האט רבי יוחנן געזאגט אפילו זיי זענען ניט געטאפילט געווארין אין דיא נעמען ער האט געהאט פריער דריי טעכטער אונ ער האט ניט געהאט דער נאך זעקס טעכטער. אבער זייא זענען

ניזאפעלין

לפי שמהרה להיות לה זרע : הוכפלו ביפין . ולין לך כפול טוב ממנו : שדומה ליום . כיה נהמה : קציעה . מין בושם הוא : קרנא דקרש . מין חיה וקרניה מאהירין כמין לבע : כורכמא דריבקא . כרכום הגדל בגינה · במיניה . שכולו מעולה מכלל כרכומין :

אע"פ שלא הוכפלו בשמות הוכפלו ביפין דכתיב (איוב מב) ויהי לו שבעה בנים וג' בנות ויקרא שם האחת ימימה ושם השנית קציעה ושם השלישית קרן הפוך. ימימה שדומה ליום. קציעה שריחה נודף כקציעה. קרן הפוך אמרי דבי רבי שילא שדומה לק נא דקרש. מחכו עלה במערבא קרנא דקרש לקות הוא אלא א"ר חסדא ככורכמא דרישקא במיניה כדכתיב (ירמיה ד) כי תקרעי בפוך עיניך·רבי שמעון ברבי איתילידא ליה ברתא הוה קא חלשא דעתיה א"ל אבוה רבייה נולדה לך א"ר בר קפרא תנחומין של הבל נחמך אבוך דתניא אי אפשר לעולם בלא זכרים ובלא נקבות אוי לו למי שבניו נקבות אשרי למי שבניו זכרים אי אפשר לעולם בלא בושם ובלא בורסקי אוי למי שאומנותו בורסקי אשרי למי שאומנותו בושם :

מב כתנאי (בראשית כד) וה' ברך את אברהם בכל מאי בכל ר"מ אומר שלא היתה לו בת רבי יהודה אומר שהיתה לו בת. אחרים אומרים בת היתה לו לאברהם ובכל שמה (לקמן בפרק מי שמת הביאו מאמר זה ואמרו איכר דשמעת ליה לרבי יהודה דאפילו ברתא לא הסריה רחמנא לאברהם דעדיפא מברא מי שמעת ליה). רבי אלעזר המודעי אומר אצטגנינות (גדולה) היתה (לו לאברהם) [בלבו של אברהם] שכל מלכי מזרח ומערב משכימין לפתחו רשב"י אומר מרגלית טובה היתה לאברהם תלויה בצוארו

---

גימאפילט גיווארין מיט זייער שיינקייט. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט גיהאט זיבען זיהן אונ דרייא טעכטער. איינע האט ער גירופין ימימה. דיא אנדערע האט ער גירופין קציעה. דיא דריטע האט ער גירופין קרן הפוך. ימימה האט מען איר גירופין ווייל זיא איז גיוועזן שיין ווייא דער טאג. אזוי ווייא דיא זוהן. קציעה האט מען איר גירופין. ווייל פון איר האט גישמעקט אזוי וויא פון דיא בשמים וואס הייסט קציעה. קרן הפוך פאר וואס האט מען איר גירופין. האבין דבי רבי שילא גיזאגט ווייל זיא האט אויס גיזעהן אזוי וויא דיא הערנער פון דיא חיה וואס הייסט קרש. אין ארץ ישראל האט מען גילאכט אויף דעם וואס רבי שילא האט גיזאגט. דיא הערנער פון דיא חיה וואס הייסט קרש זענען דאך שווארץ. האט רב חסדא גיזאגט דיא דריטע האט אויס גיזעהן אזוי וויא זאפרען וואס וואקסט אין אגארטין. אונ וויא דיא בעסטע זאפרען וויא עס שטייט אין פסוק כי תקרעי בפוך עיניך. אז דוא וועסט פארבין מיט פוך דיינע אויגין. זעהן מיר אז פוך איז דער טייטש פארב. דיא ווייב פון רבי שמעון ברבי האט גיבארין צוא איהם א טאכטער. האט רבי שמעון צער גיהאט. האט דער פאטער גיזאגט צוא רבי שמעון א מערונג איז גיבארין גיווארין צוא דיר. פון א נקבה ווערט גימערט דיא וועלט. האט בר קפרא גיזאגט צוא רבי שמעון מיט א נארישע טרייסטונג האט דיך דיין פאטער גיטרייסט. ווארום מיר האבין גילערנט דיא וועלט קען ניט זיין אן זכרים אונ אן נקבות. פון דעסטוועגין ווייא צוא דעם וואס זיינע קינדער זענען נקבות. וואוהל צוא דעם וואס זיינע קינדער זענען זכרים. דיא וועלט קען ניט זיין אן א בשמים הענדלער אונ אן א גארבער. פון דעסטוועגין ווייא צוא דעם וואס זיין ארבעט איז א גארבארניע. וואוהל צוא דעם וואס זיין האנדיל איז מיט בשמים :

מב כתנאי. תנאים קריגען אין דער זאך. עס שטייט אין פסוק גאט האט גיבענשט אברהם בכל. מיט אלץ. וואס מיינט מען מיט אלץ. רבי מאיר זאגט די ברכה איז גיוועזן וואס ער האט ניט גיהאט קיין טאכטער. רבי יהודה זאגט די ברכה איז גיוועזן וואס ער האט יא גיהאט א טאכטער. אנדערע זאגין אברהם האט גיהאט א טאכטער אונ זי האט גיהייסין בכל. רבי אלעזר המודעי זאגט אברהם איז גיוועזן א גרויסער שטערין זעהר. אלע קעניגע פון מזרח זייט אונ פון מערב זייט זענען גיקומען בייא אים פרעגין וואס ער וועט פון זייערטוועגין אויף דיא שטערין. רבי שמעון בן יוחאי זאגט

בצוארו שכל חולה שראה אותה מיד נתרפא ובשעה שנפטר מן העולם נטלה הקב"ה ותלאה בגלגל חמה (והיינו) [אמר אביי היינו] דאמרי אינשי אידלי יומא אידלי קצירא. ד"א שלא מרד עשו בימיו ד"א שעשה ישמעאל תשובה בימיו שלא מרד עשו בימיו דכתיב (בראשית כה) ויבא עשו מן השדה והוא עיף וגו' ותנא אותו היום נפטר אברהם אבינו מן העולם ועשה יעקב אבינו תבשיל של עדשים לנחם את יצחק אבינו וכ"ש של עדשים (אמר רבה בר מרי) אמרי (לה) במערבא משמיה דרבה בר מרי מה עדשה זו מגולגלת אף אבלות מגולגלת וכחוזר על באי עולם א"ר מה עדשה זו אין לה פה אף אבל אין לו פה מאי בינייהו איכא בינייהו לנחומי בביע'.

מג נא"ר יוחנן חמש עבירות עבר אותו רשע באותו היום בא על נערה מאורסה כתיב הכא ויבוא עשו מן השדה וכתיב התם (דברים כב) כי בשדה מצאה. הרג את הנפש כתיב הכא עיף וכתיב התם (ירמיה ד) אוי נא לי כי עיפה נפשי להורגים, כפר בעקר

אונגליון. הוזה בכוכבים: מבכימין לסהרו. ליטול עלה ימנו: אידלי יומא. כוגבה השמש כשחמה ארוכה: אידלי קצירא. מיקל החולי: עדשים. אין להם פה. כמו בים לפולין ולשאר מיני קטניות כמין בדק: אבל אין לו פה. שיושב ודומם: לנחומי בביעי. אין להם פה אבל איש

---

זאגט אנוטער פעריל האט ג האנגען ביא אברהם אבינו ע"ה אויף זיין האלדז. דער קראנקער וואס האט גיזעהן דעם פעריל איז ער באלד גיזונד גיווארין. אונ ווען אברהם איז אוועק גיגאנגען פון דער וועלט. ער איז גיוויס שטארבין האט גאט גינומען דעם פעריל אונ האט איהם אויף גיהאנגען אין הימעל אויף דעם ראד וואס ער פירט די זוהן. אביי זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין אז די זוהן האט זיך אויף גיהויבין צו שיינען אויף דער וועלט האט זיך אויף גיהויבין דער קראנקער איז די קראנקייט זיינע גרינגער גיווארין. אנדערע זאגין דיא ברכה איז גיוועזען וואס עשו איז ניט גיווארין ארשע אזוי לאנג וויא אברהם האט גילעבט. אנדערע זאגין דיא ברכה איז גיוועזען וואס ישמעאל האט גיטאהן תשובה ווען אברהם האט נאך גילעבט. פון וואנען ווייסין מיר אז אזוי לאנג וויא אברהם האט גילעבט איז עשו נאך ניט גיוועזען ארשע. ווארום עס שטייט אין פסוק עשו איז גיקומען פון פעלד אונ ער איז גיוועזען מיד. אונ מיר האבען גילערנט דעם טאג איז אברהם אבינו גישטארבען. האט יעקב גימאכט אגיקעכץ פון לינדזען צו געבין עסין יצחק אבינו. פאר וואס האט ער גיקאכט לינזען. אין ארץ ישראל זאגט מען פון רבה בר מרים וועגין אזוי וויא דער לינדז איז קיילעכדיג. אזוי אבלות איז אויך קיילעכדיג אונ דאס גייט ארום אויף דער גאנצער וועלט צו אלע מענטשין. אנדערע זאגין דריבער עסט אאבל לינדזען אזוי וויא דיא לינדז הט ניט קיין מויל. עס איז גיטא אין איד קיין שפאלט. אזוי אאבל האט אויך ניט קיין מויל. ווארום דער אבל דארף זיצען אונ שווייגין. וואס איז דער אונטער שייד צווישען דיא ביידע טעמים: ענטפערט דיא גמרא דער אונטערשייד איז אויב מען זאל דעם אבל געבין עסין אייער. נאך דעם טעם וום אאבל הט ניט קיין מויל. איי האט אויך ניט קיין מויל. אונ נאך דעם טעם וואס אבלות איז אקיילעכדיגע זאך. איי איז דאך ניט קיילעכדיג ווען מיר דעם ערשטען טאג וואס עשו איז גיווארין ארשע. איז אברהם גישטארבען:

מג אמר. רבי יוחנן האט גזאגט פינף עבירות האט עשו גיטאהן דעם טאג. ער האט מזנה גיוועזען מיט הנערה המאורסה (מיט א בתולה וואס אחתן האט איר מקדש גיוועזען). ווארום דא שטייט ויבא עשו מן השדה. עשו איז גיקומען פון פעלד אונ ביי נערה המאורסה שטייט כי בשדה מצאה. ער האט איר גיפונען אין פעלד. זאגין מיר אז עשו איז גיקומען פון פעלד וואס ער האט דארט מזנה גיוועזען מיט דיא נערה המאורסה. אונ עשו האט גיהרגית אמענטשין: ווארום דא שטייט ער איז גיוועזען מיד. אונ דארט שטייט וויא צו מיר מיין נפש איז מיד צו הרגנן. איז עשו אויך גיקומען מיד פון דעם הרגנן. אונ עשו האט גילייקנט אין ג"ט. ווארום דא שטייט למה זה לי. צו וואס טו ג מיר דער זה. אונ דארט שטייט זה אלי ואנוהו. דאס איז מיין גאט אונ איך וועל אים

בשינע

צגועלים כגלגל : [ויבז את הבכורה . וביזה את העבודה שהיתה בבכורות . אע״ג דגם עכ גזון וכו׳] :

בעיקר כתיב הבא למה זה לי וכתיב התם (שמות טו) זה אלי ואנוהו . וכפר בתחית המתים דכתיב הנה אנכי הולך למות . ושט את הבכורה דכתיב ויבז עשו את הבכורה] ושעשה ישמעאל תשובה בימיו מנ״ל כי הא דרבינא ורב חמא בר ביזנא הוו יתבי קמיה דרבא וקא מנמנם רבא א״ל רבינא לרב חמא בר ביזנא ודאי דאמריתו משמיה דרבי יוחנן כל מיתה שנאמר בה גויעה אינו אלא מיתה של צדיקים א״ל אין והא דור המבול דכתיב בהו גויעה א״ל גויעה ואסיפה קאמרינן והא ישמעאל דכתיב ביה גויעה ואסיפה אדהכי איתער בהו רבא אמר להו דרדקי הכי אמר רבי יוחנן ישמעאל תשובה עשה בחיי אביו מנ״ל דכתיב (בראשית כה) ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו (מכדי ישמעאל קשיש מיצחק מ״ש דקחשיב ליה ברישא אלא ש״מ תשובה עבד ואדבריה ליצחק מקמיה) ודלמא דרך חכמתן קחשיב אלא מעתה (שם לה) ויקברו אותו עשו ויעקב בניו הכי נמי אלא ש״ם מדאקדמיה אדבורי אדבריה מקמיה ומדאדבריה

ש״מ

---

בשיינען . האט עשו געזאגט צוא וואס טויג מיר גאט וואס מען האט אויף אים געזאגט זה אלי . אונ ער האט גילייקנט אין תחית המתים ווארום עס שטייט אין פסוק עשו האט געזאגט הנה אנכי הולך למות . איך גיי צום שטארבען . צו וואס טויג מיר דיא בכורה . אונ ער האט ניט גיגלויבט . אז נאך דעם טויט לעבט דער מענטש אויף יענע וועלט . אונ עס וועט קומען אצייט וואס די טויטע וועלין אויף שטיין פון דיא קברים אונ וועלין לעבעדיג ווערין . אונ ווערין נעמען שכר פאר זייערע מצות . אונ ער וואלט נעמען שכר פאר דיא עבודה וואס ער וואלט געדינט נאט מיט זיין בכורה . אונ ער האט פאר שעמט דיא בכורה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויבז עשו את הבכורה . עשו האט פאר שעמט דיא בכורה . פון וואנען ווייסען מיר אז ישמעאל האט גיטאהן תשובה ווען אברהם האט גילעבט . ווארום רבינא אונ רב חמא בר ביזנא זענען גיזעסן פאר רבא . אונ רבא האט געדרימלט . האט רבינא געזאגט צו רב חמא בר ביזנא איז אמת אז איר האט גיזאגט פון רבי יוחנן ווענין ביי יעדער מיתה וואס עס שטייט גויעה ויגוע וימת . ער איז פאר גאנגען אונ גישטארבען . שטוערסט כען פון צדיק . האט רב חמא געזאגט עס איז אמת . מיר האבען אזוי געזאגט . האט רבינא גיפרעגט בייא דיא מענטשין וואס זענען דער טרונקען גיווארין אין מבול . זייא זענען דאך גיוועזן רשעים . אונ ביי זייא שטייט גויעה . האט רב חמא געזאגט מיר מיינען וואו עס שטייט גויעה אונ אסיפה . ויגוע ויאסף . דאס שטייט נאר בייא צדיקים . האט רבינא גיפרעגט ביי ישמעאל שטייט דאך אויך ויגוע ויאסף . אונ ישמעאל איז דאך גיוועזן א רשע . דער ווייל האט רבא אויף געוואכט פון שלאף . האט רבא גיזאגט צו זייא קינדער אזוי האט רבי יוחנן געזאגט ישמעאל האט גיטאהן תשובה ווען זיין פאטער אברהם האט נאך גילעבט . פון וואנען ווייסען מיר דאס . ווארום עס שטייט אין פסוק יצחק אונ ישמעאל דיא קינדער פון אברהם האבען אים בגראבען . איז דאך אקשיא ישמעאל איז דאך גיוועזן עלטער פון יצחק . פאר וואס שטייט יצחק דער נאך ישמעאל . נאר ישמעאל האט גיטאהן תשובה . דריבער האט ער גילאזט גיין יצחק פאר אים . פרעגט דיא גמרא טאמער האט טאקי ישמעאל ניט גיטאהן תשובה : אונ ישמעאל איז גינאנגען פאר אים פאר יצחק . נאר דיא תורה שטעלט יצחק פאר ישמעאל . ווייל יצחק איז גיוועזן אצדיק אונ ישמעאל איז גיוועזן ארשע . ענטפערט דיא גמרא אז עס שטייט ביי יצחק עשו אונ יעקב דיינע קינדער האבען אים בגראבען . פאר וואס האט דא דיא תורה ניט גישטעלט יעקב פאר עשו . נאר די תורה שטעלט אזוי וויא עס איז גיוועזן . ביי דער לויה פון יצחק איז גינאנגען עשו פאר אים אונ אינטער אים איז גינאנגען יעקב . אונ אז ביי דער לויה פון אברהם שטייט פריער יצחק דער נאך ישמעאל . איז טאקי אזוי גיוועזן . פר ער איז גינאנגען יצחק דער נאך ישמעאל . אונ ווייל ישמעאל האט גילאזט יצחק זאל גיין פאר

אים

ש"מ תשובה עבד :

(דף יז) **מד** ת"ר שלשה הטעימן הקב"ה בעה"ז מעין עוה"ב ואלו הם אברהם יצחק ויעקב . אברהם דכתיב ביה (בראשית כד) בכל . יצחק דכתיב ביה (שם כז) מכל . יעקב דכתיב ביה (שם לג) כל . ג' לא שלט בהם יצה"ר ואלו הם אברהם יצחק ויעקב דכתיב בהו בכל מכל כל . וי"א אף דוד דכתיב (תהלים קט) ולבי חלל בקרבי ות"ק ההוא צעריה דקא מדכר . ת"ר ששה לא שלט בהם מלאך המות אלו הם אברהם יצחק יעקב משה אהרן ומרים . אברהם יצחק ויעקב דכתיב בהו בכל מכל כל . משה אהרן ומרים דכתיב בהו (במדבר לג) על פי ה' והא אמר רבי אלעזר אף מרים בנשיקה מתה דאתיא שב שם ממשה אלא מפני מה לא נאמר בה על פי ה' שגנאי הדבר לומר . תנו רבנן שבעה לא שלטה בהן רמה ותולעה

בכל מכל כל . באברהם כתיב וה' ברך את אברהם בכל ביצחק כתיב ואוכל מכל ביעקב יש לי כל כלומר לא חסרו שום טובה: ולבי חלל בקרבי. יצר הרע מת בקרבי : לצעריה קא מדכר . על לבו ממש הוא מתרעם ואמר שמת בקרבו מרוב צרות: שלא שלט בהם מה"מ. א לא בנשיקה מתו ע"פ השכינה: בכל מכל כל . שלא חסרו שום כבוד ומלים כבוד זה למשה ולאהרן שנאמר בהם על פי ה' ואלו מתו

---

איִם . איז געווים אַז ישמעאל הָט גיטָאהן תְשׁוּבָה :

**מד** תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט דריי מענטשין הָט גאָט זייא גינעבין צו פאר זוּבען אויף דער וועלט דעם טַעַם פון עולם הבא . דָס זענען די דריי מענטשין . אברהם יצחק יעקב . ביי אברהם שטייט בכל . גאָט האָט אים גיבענטשט מיט אַלץ . מיט אַלע פערגעניגונגען מיט דעם פערגעניגען פון עולם הבא אויך . ביי יצחק שטייט מכל . איך האָב גיגעסין פון אַלץ . אַלע טעמים האָב איך גיהאַט אין דעם עסין : אפילו דעם טַעַם פון גן עדן אויך . ביי יעקב שטייט כל . איך האָב אַלץ . אפילו דיא גוטם פון גן עדן אויך . אויף דריי מענטשין האָט ניט גיוועלטיגט דער יצר הרע . דאָס זענען זייא : אברהם יצחק יעקב . ווארום ביי אברהם שטייט בכל . ביי יצחק שטייט מכל : ביי יעקב שטייט כל . זייא זענען גיבענשט גיוואָרין מיט אַלץ . אונ אַז דער יצר הרע וואָלט אויף זייא גיוועלטיגט אונ וואָלט זייא אָן גירעט צוא עבירות . וואָלטין זייא שוין ניט גיהאַט קיין רוה . וואָלט שוין ניט גיווען קיין ברכה . אַנדערע זאָגין אויף דוד המלך האָט אויך ניט גיוועלטיגט דער יצר הרע . ווארום דוד המלך האָט גזאָגט מיין הארץ איז גישטארבין אין מיר . דער יצר הרע רעט מיך שוין ניט אָן צו קיין עבירה . אונ פאר וואָס רעכינט ניט דער ערשטער תנא דוד המלך : ווארום ער האלט דוד המלך האָט אויך גיהאַט א יצר הרע . אונ וואָס ער האָט גזאָגט מיין הארץ איז גישטארבען אין מיר . דאָס האָט ער דער ציילט זיינע צרות . פון פיל צרות וואָס ער האָט גיהאַט איז דיא הארץ זיינע אַזוי וויא גישטארבען . דיא רבנן האבען גילערונט אויף זעקס מענטשין האָט ניט גיוועלטיגט דער מלאך המות . זייא זענען גישטארבען דורך גאָט . ניט דורך דעם מלאך המות . דָס זענען זייא . אברהם יצחק יעקב משה אהרן מרים . אברהם יצחק יעקב וויל ביי זייא שטייט בכל מכל כל . זייא זענען גיבענשט גיוואָרין מיט אַלעם גוטען : אונ מיט דער זאך אויך זייא זאָלין ניט גישאַכטען ווערין פון מלאך המות . משה אהרן מרים ביי זייא שטייט על פי ה' . זייא זענען גישטארבען דורך די מויל פון גאָט . גאָט האָט זייא גיגעבין אַקוש אויף זייער מויל אונ האָט פון זייא ארויס גיצויגען דיא נשמה (אונ אברהם יצחק יעקב זענען אויך אַזוי גישטארבען) . פרעגט דיא גמרא ביי מרים שטייט דאך ניט אַז זיא איז גישטארבין דורך דיא מויל פון גאָט . האָט רבי אלעזר גזאָגט מרים איז אויך גשטארבין דורך דעם וואָס גאָט האָט איר אַקוש גיטָאהן . אונ האָט ארויס גיצויגין פון איר דיא נשמה . ווארום מיר לערנען אגזרה שוה שם שם פון משה . ביי משה שטייט וימת שם משה . אונ ביי מרים שטייט ותמת שם מרים . אַזוי וויא משה איז גישטארבען דורך דעם קוש פון גאָט . איז מרים אויך גישטארבען דורך דעם קוש פון גאָט . נאר פאר וואָס דען שטייט ניט ביי מרים על פי ה' . אַז זיא איז גישטארבען דורך דעם קוש פון גאָט . ווייל עס איז ניט

שיין

ותולעה אלו הם אברהם יצחק ויעקב משה אהרן ומרים ובנימין בן יעקב אברהם יצחק ויעקב משה אהרן ומרים כדאמרן בנימין בן יעקב דכתיב ביה (דברים לג) ולבנימין אמר ידיד ה' ישכון לבטח עליו. וי"א אף דוד דכתיב ביה (תהלים ס) אף בשרי ישכון לבטח ות"ק רחמים הוא דקא בעי. ת"ר ד' מתו בעטיו של נחש אלו הם בנימין בן יעקב. ועמרם אבי משה. וישי אבי דוד. וכלאב בן דוד. וכולהו גמרא לבר מישי דמפרש ביה קרא דכתיב (ש"ב יז) ועמשא בן איש ושמו יתרא הישראלי אשר בא אל אביגיל בת נחש אחת צרויה אם יואב וכי בת נחש היא והלא בת ישי היא דכתיב (ד"ה א ב) ואחיותיהם צרויה גו' אלא בת מי שמת בעטיו של נחש:

על ידי מלאך המות נמצא בחברו כבוד: כדאמרינן. שמתו ע"פ ה' שכינה אין למה לאויה נשלוט כמי שנבוח מפי השכינה שאין הרמה נאה אלא מסיפת מה במספספה מסכינו של מלאך המות דאמר מר ממנה מה ממנה מסריח ממנה פניו מוריקות: ישכון לבטח עליו. הכי דריש ליה ישכון בנימין לבטח על כמיכות ידידות השכינה: בעטיו של נחש. בעצתו של נחש כלומר לא היו ראויין למות אלא שנגזרה גזרת מיתה על כל תולדותיו של אדם הראשון בעצת נחש בעטיו תרגום של בעצתו כדכתיב לאיעטנו כל וגו' וכתיב כסיב עטה וטעם: ואחיותיהם. בבני ישי כתיב: יהושע בן גמלא. אחד מן הכהנים גדולים שעמדו

# לא יחפור פרק שני

(דף כז) **א אמר** רב יהודה אמר רב ברם זכור אותו האיש לטוב ויהושע בן גמלא שמו שאלמלא

---

שיין דיא תורה זאל ארויס זאגין אז גאט האט געגעבין אקוש צוא מרים. דיא רבנן האבען גילערונט אויף זיבען מענטשין האט ניט גיוועזט קיין ווערעם נאך זייער שטארבין: דס זענין זייא. אברהם יצחק יעקב משה אהרן מרים אונ בנימין בן יעקב. אברהם יצחק יעקב משה אהרן מרים האבען מיר שוין פריער גזאגט אז זייא זענען געשטארבען דורך דעם קוש פון גאט. אונ דער וואס שטארבט דורך דעם קוש פון גאט קימען נישט אויף אים קיין ווערעם. אונ ביי בנימין בן יעקב שטייט אין פסוק צוא בנימין האט משה רבינו גזאגט ער איז גליבט פון גאט ער וועט רוהען (אין קבר דיא ווערעם וועלין אים ניט בייסען) ווייל ער איז פאר זיכערט אויף גאט. אנדערע זאגין דוד המלך וועט אויך ניט האבען קיין ווערעם אין קבר: ווארום עס שטייט ביי אים מיין לייב וועט רוהען זיכער אין קבר. אונ דער ערשטער תנא פאר וואס רעכענט ניט דוד המלך. ווארום דוד האט געבעטין עס זאל אזוי זיין ער זאל נישט האבען קיין ווערעם אין קבר. אונ מען ווייס דאך ניט וואס גאט האט אים גיענפערט. דיא רבנן האבען גילערונט פיר מענטשין זענען געשטארבען וואס זייא אליין האבען קיין עבירה ניט גיהאט. נאר דורך די עצה פון דעם שלאנג וואס ער האט אן גירעט חוה זיא זאל עסין פון עץ הדעת. איז גיווארין א גזירה אויף אלע לעבעדיגע זאכען זייא זאלין שטארבען. דאס זענען דיא פיר. בנימן דער זוהן פון יעקב. עמרם דער פאטער פון משה רבינו. ישי דער פאטער פון דוד המלך. כלאב דער זוהן פון דוד המלך. אלע ווייסען מיר אוים ווייניג אז אזוי איז גיוועזן. נאר אויף ישי שטייט אין פסוק אז ער איז געשטארבען דורך דעם עץ הדעת. ווארום אין פסוק שטייט עמשא איז גיוועזן דער זוהן פון א מענטש וואס זיין נאמען איז גיוועזן יתרא הישראלי. וואס זיין ווייב איז גיוועזן אביגיל די טאכטער פון נחש דיא שוועסטער פון צרויה. צרויה איז גיוועזן דיא מוטער פון יואב. איז דען אביגיל גיוועזן דיא טאכטער פון נחש. זיא איז דאך גיוועזן די טאכטער פון ישי. ווארום עס שטייט אין פסוק ביי די קינדער פון ישי זייערע שוועסטער זענען גיוועזן צרויה אונ אביגיל. נאר דר פסוק מיינט אביגיל איז גיוועזן א טאכטער פון דעם מענטש וואס ער איז געשטארבען דורך דיא עצה פון שלאנג מען זאל עסין פון עץ הדעת:

## פרק שני

**א** אמר. רב יהודה האט גיזאגט פון רבם וועגין מען דארף דער מאנען דעם מענטשין

שאלמלא הוא נשתכחה תורה מישראל שבתחלה מי שהיה לו אב מלמדו תורה ומי שלא היה לו אב לא היה למד תורה מאי דריש (דברים יא) ולמדתם אותם את בניכם ולמדתם אתם התקינו שיהיו מושיבין מלמדי תינוקות בירושלים מאי דריש (ישעיה ב) כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים ועדיין מי שהיה לו אב היה מעלהו ולומד ומי שלא היה לו אב לא היה עולה ולומד התקינו שיהיו מושיבין מלמדי תינוקות בכל פלך ופלך ומכניסין אותם כבן ט"ז וכבן י"ז וכשרבו כועס עליו בועט בו ויוצא עד שבא יהושע בן גמלא ותיקן שיהיו מושיבין מלמדי תינוקות בכל מדינה ומדינה ובכל עיר ועיר ומכניסים אותם כבן שש וכבן שבע. א"ל רב לרב שמואל בר שילת עד שית לא תקביל מכאן ואילך קביל וספי ליה כתורא. וא"ל רב לרב שמואל בר שילת כי מחית לינוקא לא תמחי ליה אלא בערקתא דמסאנא דקרי קרי דלא קרי ליהוי צוותא לחבריה:

**אמר** רבא האי מקרי ינוקי דגריס ואיכא אחרינא דגריס טפי מיניה לא מסלקינן ליה דילמא אתי

בבית שני כדאמרינן ביבמות: ולמדתם אתם. כאב עצמו מצווה ללמדו: פלך. הרבה מדינות בפלך אחד והוא ל' אפרכיא: רב שמואל בר שילת מלמד תינוקות היה: וספי. האכילהו והשקהו תורה בע"כ כשור שמטעינין עול על צוארו: לא תמחי אלא בערקתא דמסאנא. ברצועות מנעל כלומר מכה קלה שלא יוזק: ליהוי צוותא לחבריה. אינו זקוק לו ליסרו יותר מדאי ולא לסלקו מלפניך אלא ישב עם אחרים בצוותא וסופו לתת לב:

---

צו גוטען. דער מענטש איז יהושע בן גמלא. ווארום ווען ניט ער וואלט פאר געסין געווארין די תורה פון די יודין. ווארום אין אנהייב איז געוועזן דער קינד וואס האט געהאט אפאטער. האט דער פאטער מיט איהם געלערונט תורה. אונ דער קינד וואס האט ניט געהאט אפאטער. האט ער ניט געלערונט תורה. וואס האבין זייא גידרשת. עס שטייט אין פסוק ולמדתם אותם את בניכם. האבין זייא גילייענט אתם. ולמדתם אתם את בניכם. איהר זאלט לערנען מיט אייערע קינדער. יעדער פאטער זאל לערנען מיט זיינע קינדער. האט מען גימאכט אתקנה מען זאל זעצין מלמדים אין ירושלים וואס זאלין לערנען תורה מיט פרעמדע קינדער. וואס האבין זייא גידרשת עס שטייט אין פסוק פון ציון וועט ארויס גיין תורה: דיא רייד פון גאט וועט ארויס גיין פון ירושלים. איז אבער נאך ניט גוט גיוועזן. דער קינד וואס האט געהאט אפאטער האט איהם דער פאטער געברייננט אין ירושלים אונ ער האט גילערונט תורה ביי דעם מלמד. אונ דער קינד וואס האט ניט געהאט אפאטער איז ער ניט גיקומען לערנען אין ירושלים. האט מען גימאכט אתקנה מען זאל זעצין מלמדים אין יעדער פלך ואין איין פלך איז דא פיל מדינות. אונ אז דער קינד איז אלט געווארין זעכצין יאהר אדער זיבעצין יאהר האט מען איהם געברייננט צום מלמד אין חדר לערנען תורה. אונ אז דער רבי איז אין כעס געווארין אויף איהם איז ער אנטלאפין פון חדר. ביז יהושע בן גמלא איז גיקומען אונ ער האט גימאכט אתקנה מען זאל זעצען מלמדים אין יעדער מדינה אונ אין יעדער שטאט. אונ אז דער קינד וועט אלט ווערין זעקס אדער זיבען יאהר זאל מען איהם ברייננגען אין חדר. רב האט גיזאגט צוא דעם מלמד רב שמואל בר שילת אז מען וועט ברייננגען צו דיר אין חדר אקינד פאר זעקס יאהר. זאלסטו איהם ניט צו נעמען. אז דער קינד איז עלטער וויא זעקס יאהר זאלסטו איהם צו נעמען. אונ זאלסט אין איהם שטאפין תורה מיט גיוואלד. אזוי ווי מען שפאנט דעם אקס צום האקער אונ ער מוז שלעפין. נאך האט גיזאגט רב צו רב שמואל בר שילת אז דו וועסט שלאגין אקינד זאלסטו איהם נאר שלאגין מיט די בענדער פון די שיך ניט מיט אשטארקערע זאך. דער וואס וועט פאלגין אונ לערנען זאל ער לערנען. אונ דער וואס וועט ניט וועלין לערנען זאל ער אויך זיין אין חדר. ער וועט זיין אחבר מיט די איבעריגע קינדער. ער וועט זעהן אז אלע קינדער לערנען וועט ער אויך לערנען:

**ב** אמר. רבא האט גיזאגט אויב אין אשטאט זענען דא צוויא מלמדים. למשל ראובן אונ שמעון. אונ ראובן לערנט מיט זיינע תלמידים. מער וויא שמעון לערנט מיט זיינע תלמידים

אתי לאתרשולי רב דימי מנהרדעא אמר כ"ש דגרים טפי קנאת סופרים תרבה חכמה]. אמר רבא הני תרי מקרי דרדקי חד גרים ולא דייק וחד דייק ולא גרים מותבינן ההוא דגרים ולא דייק מ"ט שבשתא ממילא נפקא ורב דימי מנהרדעא אמר מותבינן ההוא דדייק ולא גרים מ"ט שבשתא כיון דעל על דכתיב (מ"א יא) כי ששת חדשים ישב שם יואב וכל ישראל עד הכרית כל זכר באדום כי אתא לגבי' דדוד א"ל (ש"ב) מ"ט עבדת הכי א"ל דכתיב (דברים כה) תמחה את זכר עמלק א"ל והא אנן זכר קרינן א"ל לדידי זכר אקריון שייליה לרביה א"ל היכי אקריתן א"ל תמחה את זכר עמלק שקל' ספסירא ובעא למקטליה א"ל אמאי א"ל דכתיב (ירמיה מח) ארור עושה מלאכת ה' רמיה א"ל שבקיה להההוא גברא וליקום בארור א"ל הא כתיב (שם) וארור מונע חרבו מדם א"ד קטליה וא"ד לא קטליה:

רב

תריס ולא דייק. שגורס הרבה ולא דייק ללמד תינוקות שלא [ישתבשו : מ"ט עבדת הכי. של הרגת את הנקבות : את זכר. עמלק : וארור מונע חרבו מדם. כיסיה דהאי קרא הוא :

תלמידים. זאל מען ניט אפ טאהן שמעון פון מלמדעס. ווארום עס קען זיין דאס וואס ראובן לערונט מער וויא שמעון, איז נאר ווייל מען זאל איהם געבין דיא בעסטע תלמידים. אבער אז ער וועט זעהן שמעון איז שוין ניט קיין מלמד. אונ ער איז נאר געבליבען איין מלמד וועלין דאך כייא וויא מוזין צוא איהם קומען דיא בעסטע תלמידים. וועט ער אויך אנהייבין שוואכער צוא לערנען. רב דימי מנהרדעא זאגט אז מען וועט שמעון אפ זאגין פון מלמדעס וועט נאך ראובן מער אונ בעסער לערנען מיט דיא קינדער. ווארום דיא קנאה פון דיא מלמדים מערט חכמה צוא דיא תלמידים. אז ראובן וועט זעהן מען האט אפ גיזאגט שמעון פון מלמדעס ווייל ער האט גילערונט ווייניגער פאר איהם. וועט ער איצט נאך מער לערנען. רבא זאגט אויב עס איז דא אין אשטאט צווייא מלמדים. איינער לערונט פיל מיט דיא תלמידים. נאר ער גיט ניט אכטונג זייא זאלין ניט זאגין גרייזין. אונ איין מלמד גיט אכטונג דיא קינדער זאלין ניט זאגין גרייזין. נאר ער לערונט ווייניג מיט דיא קינדער. זאל מען האלטין דעם מלמד וואס לערונט פיל אונ גיט ניט אכטונג אויף גרייזין. ווארום די גרייזין וועלין אוועק גיין. דער קינד וועט עלטער ווערין וועט ער אליין אכטונג געבין ער זאל ניט זאגין גרייזין. אונ רב דימי פון נהרדעא זאגט מען זאל האלטין דעם מלמד וואס גיט אכטונג אויף גרייזין אונ לערונט ווייניג ווארום דער גרייז וואס גייט אריין אין קינד בלייבט ער שטיין אויף אלע מאהל. ווארום עס שטייט אין פסוק זעקס חדשים איז דארט ואין אדום) גיזעסין יואב אונ אלע יודין ביז ער האט פאר שניטען אלע זכרים פון אדום. וויא יואב איז גיקומען פאר דוד המלך. האט דוד גיזאגט צוא יואב פאר וואס האסטו אזוי גיטאהן. פאר וואס האסטו גילאזט לעבין דיא נקבות. האט יואב גיזאגט צוא דוד ווארום עס שטייט אין פסוק תמחה את זכר עמלק. דוא זאלסט אפ מעקין דיא זכרים פון עמלק. האט זייא התורה נאר גיהייסין הרגנין דיא זכרים. האט דוד גיזאגט צוא יואב מיר לייענען ניט זכר עמלק. נאר מיר לייענען זכר עמלק. עס זאל ניט בלייבין קיין אנדיינקונג פון עמלק. דארף מען דאך דיא נקבות אויך הרגנן. האט יואב גיזאגט צוא מיר האט מען גילייענט זכר עמלק. האט יואב גיפרעגט בייא זיין רבי וויא האסטו מיר גילייענט. האט דער רבי גיזאגט איך האב דיר גילייענט תמחה את זכר עמלק. האט יואב גינומען אשווערד אונ האט גיוואלט הרגנין זיין רבי. האט דער רבי גיזאגט צוא יואב פאר וואס ווילסטו מיך הרגנן. האט יואב גיזאגט ווייל עס שטייט אין פסוק פאר פלוכט זאל זיין דער וואס טוהט די ארבעט פון גאט פאלש. האט דר רבי גיזאגט צוא יואב לאז מיך לעבין. גינוג פאר מיר דיא קללה. האט יואב גיזאגט צום רבי עס שטייט דאך אין פסוק פאר פלוכט זאל זיין דער וואס פאר מידט זיין שווערד פון בלוט. אז איך וועל דיך ניט הרגנן וועט דאך זיין אויף מיר אקללה. אנדערע זאגין יואב האט אים גיהרגת. אונ אנדערע זאגין יואב האט אים ניט גיהרגת:

רב

(דף כב) **ג רב** דימי מנהרדעא אייתי גרוגרות בספינה א"ל ריש גלותא לרבא פוק חזי אי צורבא מרבנן הוא נקיט ליה שוקא א"ל רבא לרב אדא בר אהבה זיל תהי ליה אקנקניה אזל בעא מיניה פיל שבלע כפיפה מצרית והקיאה דרך בית הרעי כהו לא הוה בידיה א"ל מר ניהו רבא טפח ליה בסנדליה א"ל בין דידי לרבא טובא איכא מיהו על כרחך אנא רבך ורבא רבה דרבך לסוף לא נקט ליה שוקא פסיד גרוגרות דידיה אתא לקמיה דרב יוסף א"ל חזי מר מאי עבד בי א"ל מאן דלא שהייה אוניתיה דמלכא דאדום לא לישהייה לאוניתך דכתיב (עמוס ב) כה אמר ה' על שלשה פשעי מואב ועל ארבעה לא אשיבנו על שרפו עצמות מלך אדום לסיד נח נפשיה דרב אדא בר אהבה רב יוסף אמר אנא ענישתיה דאנא לטיתיה רב דימי אמר אנא ענישתיה דאפסיד גרוגרות דידי אביי אמר אנא ענישתיה דהוי אמר להו לרבנן עד דמגרריתו גרמי בי אביי אתו ואכלו

נקיט ליה שוקא. הכריז שלא ימכור איש בעיר גרוגרות אלא הוא: תהי ליה אקנקניה. תריח לו בקנקני אם יין הוא או חומץ כלומר בדקהו בהלכות אם ת"ח הוא אם לאו. ריח היין כשמריחין אותו אם טוב הוא קרי תהיה: כפיפה מצרית. כל כלי נצרים של ערבה: מהו. מי הוא כמו מעוכל והיה לה בכלי גללים ואינו מקבל טומאה עוד: א"ל רב דימי לרב אדא: מר ניהו רבא. אתה הוא רבא לפי ששמע על רבא שהוא גדול העיר ובכור שהוא זה: טפח ליה בסנדליה. הכהו על שהיה מקל דרך בחוק כמי שמכה למי שאינו חבוב: דלא שהייה. דלא נמנע מליפרע: לאוניתיה. אונאתו בשת: דמלכא דאדום. אע"פ שהוא אדומי: על שרפו. נתמה בזיון: דאמר להו לרבנן עד דמגרריתו גרמי בי אביי. שהיה רגיל לומר לתלמידים

---

**ג** רַב דִימִי פוּן נְהַרְדְעָא הָאט גֶעבְּרֵיינְגְט פֵייגִין גֶעטְרִיקֶענְטֶע אִין אַשִׁיף. הָט דֶער רֵישׁ גָלוּתָא גְזָאגְט צוּא רָבָא גֵייא זֶעה אוֹיבּ רַב דִימִי אִיז אַלַמְדָן זָאלְסְטוּ אוֹיף הַאלְטֶען דֶעם מַארְק. עֶס זָאל קֵיינֶער נִישְׁט פַאר קוֹיפֶען פֵייגִין אִין שְׁטָאט. בִּיז רַב דִימִי וֶועט הָאבֶּען פַאר קֵייפְט זַיינֶע פֵייגֶען. הָאט רָבָא גְזָאגְט צוּא רַב אַדָא בַּר אַהֲבָה גֵיי שְׁמֶעק אוֹיף זַיין קְרוּג אוֹיבּ עֶר אִיז וויין אָדֶער עֶסִיג. דָאס מֵיינְט מֶען גֵיי פְּרוּב רַב דִימִי אוֹיבּ עֶר אִיז אַלַמְדָן אָדֶער נִיין. אִיז רַב אַדָא גִיגַאנְגֶען צוּא רַב דִימִי אוּנ הָאט גִיפְרֶעגְט בַּייא אִים אַז אַעֶלְפַאנְד הָאט אַיין גִישְׁלוּנְגֶען אַקָארְבּ וָואס אִיז גִיפְלָאכְטֶען פוּן רִיטֶער. אוּנ דִיא קָארְבּ אִיז אִין גַאנְצֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען מִיט דִיא צוֹאָה. וִויא אִיז דֶער דִין. אוֹיבּ אַשֶׁרֶץ רִירְט אָן אִיצְט דִיא קָארְבּ קֶען זִיא טָמֵא וֶוערִין. אָדֶער נֵיין. הָאט רַב דִימִי נִיט גֶעוואוּסְט צוּא עֶנְטְפֶערִין. הָאט רַב דִימִי גְזָאגְט צוּא רַב אַדָא דוּ בִּיסְט דָאס רבא ווארוּם רַב דִימִי הָאט גִיהֶערְט אַז רָבָא וואוֹינְט אִין דִיא שְׁטָאט. הָאט עֶר גִימֵיינְט אוֹיף רַב אַדָא אַז דָאס אִיז רָבָאוּ. הָאט רַב אַדָא אַקְלַאפּ גִיטָאהן אוֹיף דֶעם שׁוּךְ פוּן רַב דִימִי. אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּא אִים פוּן מִיר בִּיז צוּא רָבָא אִיז נָאךְ גַאנְץ וַוייט נָאר אִיךְ קֶען נָאךְ זַיין דַיינֶער אַרְבִּי. אוּנ רָבָא קֶען נָאךְ זַיין דַיין רַבִּים אַרְבִּי. הָאט מֶען נִיט אוֹיף גִיהַאלְטֶען דֶעם מַארְק. הָאט רַב דִימִי שָׁאדִין גִיהַאט זַיינֶע פֵייגֶען. אִיז רב דִימִי גִיקוּמֶען פַר רב יוֹסֵף. אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּא אִים זֶעה וָואס מֶען הָאט מִיר גִיטָאהן. הָאט רַב יוֹסֵף גְזָאגְט דֶער וָואס הָאט נִיט גִיוַוארְט אוּנ הָאט גֶעשְׁווִינְד בֶּצָאהְלְט דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס הָאבֶּען פַאר שֶׁעמְט דֶעם מֶלֶךְ פוּן אֶדוֹם. דֶער זָאל נִישְׁט וַוארְטֶען אוּנ זָאל גֶעשְׁווִינְד בֶּצָאהְלֶען דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס הָאבֶּען דִיךְ פַאר שֶׁעמְט. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַזוֹי הָאט גָאט גְזָאגְט אוֹיף דְרַייא זִינְד וָואס מוֹאָב הָאט גִיטָאהן. בִּין אִיךְ זֵייא מוֹחֵל. אָבֶּער דִיא פֶערְטֶע זִינְד בִּין אִיךְ נִיט מוֹחֵל. וַוייל זֵייא הָאבֶּען פַאר בְּרֶענְט דִיא בֵּיינֶער פוּן דֶעם מֶלֶךְ פוּן אֶדוֹם אוֹיף וַואפְּנֶע. זֵייא זָאלִין אִים פַאר שֶׁעמֶען. אִיז רַב אַדָא בַּר אַהֲבָה גִישְׁטָארְבִּין. רַב יוֹסֵף הָאט גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ אִים גִישְׁטְרָאפְט. וַוייל אִיךְ הָאבּ אִים גִשָׁאלְטֶען. רַב דִימִי הָאט גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ אִים גִישְׁטְרָאפְט וַוייל אִיךְ הָאבּ שָׁאדִין גִיהַאט מַיינֶע פֵייגִין. אַבַּיֵי הָאט גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ אִים גִישְׁטְרָאפְט. וָוארוּם רַב אַדָא פְלֶעגְט זָאגְין צוּא דִיא תַּלְמִידִים אֵיידֶער אִיר זָאלְט גְרֵייזֶען בֵּיינֶער בַּייא אַבַּיֵי. קוּמְט בֶּעסֶער עֶסִין פֶעטֶע פְלֵייש בַּיי רָבָא. דָאס מֵיינְט מֶען אֵיידֶער אִיר זָאלְט לֶערְנֶען בַּיי אַבַּיֵי. מַאגֶערֶע דִינִים וָואס אִיר וֵוייסְט נִיט דֶעם טַעַם פוּן זֵייא. בֶּעסֶער קוּמְט צוּא רָבָא בַּיי אִים וֶועט אִיר לֶערְנֶען

ואבלי בשרא שמינא בי רבא רבא אמר אנא ענישתיה רכי הוה אזיל לבי טבחא למשקל אומצא הוה אמר להו אנא אשקול בשרא מקמי שמעיה דרבא דאנא עדיפנא מיניה רב נחמן בר יצחק אמר אנא ענישתיה דרנב"י ריש כלה הוה כל יומא קמי דניעול לכלה הוה מרהיט בהדיה רב אדא בר אהבה לשמעתיה והדר עייל לכלה ההוא יומא עכבוהו רב פפא ורב הונא בריה דרב יהושע לרב אדא בר אהבה משום דלא הוו בסיומא אמרו ליה אימא לן הני שמעתתא דמעשר בהמה היכי אמרינהו רבא אמר להו הכי והכי אמר רבא אדהכי נגה ליה לרב נחמן בר יצחק אתו רבנן אמרו ליה קום דנגה לן למה יתיב מר אמר להו קא נטרנא לערסיה דרב אדא בר אהבה אדהכי נפק קלא דנח נפשיה דרב אדא בר אהבה ומסתברא דרב נחמן בר יצחק ענשיה:

(דף כה) ד אמר רבי יהושע בן לוי בואו ונחזיק טובה לאבותינו שהודיענו מקום תפלה שנאמר (נחמיה ט) וצבא השמים לך משתחוים. מתקיף לה

עד שאתם הולכים כו' אגב אגזור עלמות כלומר ללמוד שלא לשוכח: אתו ואכלו. באו ולמדו הלכות גבובות ומרווחות אצל רבא: שמעיה דרבא. הלוהו לקנות בשר: ריש כלה. דורש ברבים בהלכות: דלא הוו בסיומא. י"א שלא יהיו נשלם כשנעשה רב נחמן ראש כלה וי"א דלא היו בסיומא דפרקיה דרבא שדרש בשבת הרגל הלכות האמורות בפ' התרומה על בכורות: שמעתתא דמעשר בהמה. פ' אחרון דבכורות ורבא אמרינהו בסיפיה דפרקא: אתו רבנן. התלמידי הישיבה הבאים לשמוע: נטרנא לערסיה דרב אדא. אנא מצפה כאן שיביאו את מטת רב אדא שמת:
לאבותינו. אנשי כנסת הגדולה שאמרו מקרא זה בספר עזרא: וצבא השמים. הירח והכוכבים משתחוים. לפני ה': ודילמא

---

לערנען פעטע דינים. וואס איר וועט וויסען דעם טעם פון יעדער דין. אונ ווייל רב אדא פלעגט פאר שעמען אביי. דריבער איז ער געשטראפט געווארין אונ איז געשטארבען. רבא האט גזאגט איך האב געשטראפט רב אדא. אז רב אדא פלעגט קומען אין יאטקע קויפען פלייש אינ דער בעדינער פון רבא פלעגט אויך קומען קויפען פלייש פלעגט רב אדא זאגין צום קצב איך וועל נעמען פלייש פריער פאר דעם בעדינער פון רבא. ווארום איך בין בעסער פון אים. האט דאך רב אדא פר שעמט רבא. רב נחמן בר יצחק האט גזאגט איך האב געשטראפט רב אדא. ווארום רב נחמן בר יצחק איז געווען אדרשן. אלע טאג איידער ער פלעגט גיין זאגין דיא דרשה פלעגט רב אדא בר אהבה איבער זאגין אויף געשווינד דיא דרשה מיט רב נחמן בר יצחק. דער נאך פלעגט רב נחמן גיין זאגין דיא דרשה. דעם טאג האבען רב פפא אונ רב הונא בריה דרב יהושע פר האלטען רב אדא בר אהבה. ווייל רב פפא אונ רב הונא זענען ניט געווען בייא דער סוף דרשה פון רבא. האבען זייא ניט געוואוסט וואס רבא הט גדרשת. האבען זייא פאר האלטען רב אדא ער זאל זייא זאגין דעם סוף דרשה פון רבא. אונ זייא האבען גזאגט צו אים זאג אונז דיא דינים פון מעשר בהמה וויא אזוי רבא האט זייא גזאגט. האט רב אדא גזאגט אזוי אונ אזוי האט רבא גזאגט. דער ווייל איז שפעט געווא־ין צו רב נחמן בר יצחק. ווארום ער האט געווארט אויף רב אדא. זענען גיקומען דיא רבנן צו רב נחמן אונ האבען גזאגט צוא אים קום צו די דרשה ווארום עס איז שוין שפעט. וואס זיצט דער רבי. האט רב נחמן גזאגט צוא די רבנן איך ווארט מען וועט באלד ברייגגן רב אדא בר אהבה געשטארבן אין זיין בעט. דער ווייל איז ארויס גיגאנגען אקול אז רב אדא בר אהבה איז געשטארבן. אונ עס ווייזט אויס אז מאקי רב נחמן בר יצחק הט איב געשטראפט. ווייל ער הט אים פר שעמט ער האט ניט גיקענט גיין זאגין דיא דרשה:

ד אמר. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט מיר דארפין דאנקען אונזערע עלטערין זיי האבן אינז גזאגט דעם ארט וואס דארט דארף מען בעטין פאר גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וצבא השמים לך משתחוים. דיא זוהן מיט דיא לבנה בוקין זיך צו דיר. אונ די זוהן מיט דיא לבנה שטייען אין מזרח אונ בוקין זיך צוא מערב. איז דער ארט פון תפלה אין מערב זייט. דארף מען שטיין אין מזרח. אונ מיט דעם פנים צוא מערב. דיא תפלות זאלן גיין צו מערב:

לה רב אחא בר יעקב איטא כעבד שנוטל פרס מרבו והוזר לאחוריו ומשתחוה קשיא ור' הושעיה סבר ששכינה בכל מקום דאמר רבי הושעיה מנין שהשכינה בכ"מ שנא' [מ"ד] (שם) אתה הוא ה' לבדך וגומר שלוחיך לא כשלוחי בשר ודם שלוחי ב"ו ממקום שמשתלחין לשם מחזירין שליחותם אבל שלוחיך למקום שמשתלחין שם מחזירין שליחותם שנאמר (איוב לח) התשלח ברקים זילכו ויאמרו לך הננו יבאו ויאמרו לא נאמר אלא ילכו ויאמרו מלמד שהשכינה בכ"מ ואף ר' ישמעאל סבר שהשכינה בכ"מ דתנא דבי רבי ישמעאל מניין שהשכינה בכ"מ שנאמר (זכריה ב) הנה המלאך הדובר בי יוצא ומלאך אחר יוצא לקראתו אחריו לא נאמר אלא לקראתו מלמד שהשכינה בכל מקום ואף רב ששת סבר שכינה בכל מקום דאמר ליה רב

הם למזרח משתחוים וכ"ת אין דרך להשתחוות אלא לרב הם עושין כעבד שנוטל פרס מרבו וחוזר לאחוריו ומשתחוה כשהוא הולך לאחוריו משכנגד פרס מהמהק תמיד כשהוא אצל פרס. מנין: אתה הוא ה' לבדך בהר וצבא השמים כתיב ועל עסקי שליחות צבא השמים הוא משתה ואומר אתה הוא לבדך כמדה זו: לשם מחזירין שליחותן. כשבאין לומר עשינו שליחותך צריכין לשוב אל מקום שהשולח עומד שם: למקום שמשתלחין. באותו מקום שנשתלחו שם השכינה מצויה ואומרים לו עשינו שליחותך: והנה המלאך הדובר בי יוצא, בנבואת זכריה למוד את ירושלים כמה ארכה וגו' ומלאך אחר יוצא לספור שליחותו של ראשון שחזר בו המקום מליתן בה מדה ואומר פרזות תשב ירושלים והרי שניהם מאין השכינה באים ואחריו לא נאמר אלא לקראתו זה בא מכאן וזה בא מכאן:

---

האט רב אחא בר יעקב גיפרעגט מאמער טוהען דיא זוהן מיט דיא לבנה אזוי וויא אקנעכט וואס שטייט נעבין בעל הבית אונ ער נעמט אמתנה פון זיין בעל הבית אונ ער רוקט זיך אפ פון בעל הבית אינטער זיך אונ בוקט זיך פאר אים . אזוי איז דיא שכינה אין מזרח אונ דיא זוהן מיט דיא לבנה זענען אויך אין מזרח . אונ זייא רוקין זיך אפ פון מזרח (פון די שכינה) צו מערב אונ זייא בוקין זיך געגין דיא שכינה וואס זיא איז אין מזרח . בלייבט אקשיא . אונ רבי הושעיא זאגט דיא שכינה איז אויף דיא גאנצע וועלט : ווארום עס שטייט אין פסוק דוא גאט ביסט אליין . עס איז קיינער ניט גלייך צוא דיר . דיינע שלוחים זענען ניט וויא דיא שלוחים פון אמענטשין . אז אמענטש שיקט אשליח פון דעם ארט וואס דער שליח ווערט געשיקט . אויף דעם ארט מוז דער שליח צוריק קומען ענפערין אויף זיינע שליחות . אבער דיא שלוחים פון גאט אויף דעם ארט וואס זייא זענען געשיקט געווארין פון דארט ענפערין זיי זייערע שליחות . ווארום גאט איז דארט אויך דא . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא שיקסט אוועק בליצען אונ וויא גייען אוועק אונ זייא זאגין צו דיר מיר זענען דא אונ מיר האבען גיטאהן וואס דו האסט גיהייסען האט דאך גידארפט שטיין אונ זייא קומען צוריק צו גאט ענפערין מיר זענען דא . אונ עס שטייט ניט אזוי . נאר עס שטייט זייא גייען אוועק . אונ אויף דעם ארט וואס זיי זענען . דארט ענפערין זייא מיר זענען דא אונ מיר האבען גיטאהן וואס דוא האסט גיהייסען . זעהן מיר דאך אז דיא שכינה איז אויף דיא גאנצע וועלט . אונ רבי ישמעאל האלט אויך אז דיא שכינה איז אויף דיא גאנצע וועלט . ווארום דבי רבי ישמעאל הט גילערינט פון וואנען ווייסען מיר אז דיא שכינה איז אויף דיא גאנצע וועלט . ווארום עס שטייט אין פסוק זכריה הנביא האט גיזאגט דער מלאך וואס האט גירעט מיט מיר גיט ארויס (צו זאגין אמאס וויא גרויס ירושלים זאל זיין) אונ נאך אמלאך איין אנדערער איז ארויס גיגאנגען געגין דעם מלאך צו זאגין מען זאל שוין ניט מעסטין ירושלים . איז דאך אקשיא די ביידע מלאכים זענען דאך געשיקט גיווארין פון גאט אויב גאט איז נאר אויף איין ארט . זענען דאך ביידע מלאכים פון איין ארט ארויס גיגאנגען . הט דאך גידארפט גיין איין מלאך אינטער דעם אנדערין . אונ עס שטייט ניט ער איז גיגאנגען אינטער אים . נאר עס שטייט דער אנדערער מלאך איז גיגאנגען אנטקעגין דעם ערשטין מלאך . איז דאך איין מלאך למשל גיגאנגען פון מזרח צו מערב . אונ אין דער זעלביגער רגע איז דער אנדערער מלאך ארויס געשיקט גיווארין אנטקעגין דעם ערשטין פון מערב צו מזרח . זעהן מיר דאך אז דיא שכינה איז אויף די גאנצע וועלט . אונ רב ששת האלט אויך אז די שכינה איז אויף די גאנצע וועלט . ווארום רב ששת האט גזאגט צו זיין בעדינער ורב ששת איז גיוועזן בלינד) צו וועלכער זייט

רב ששת לשמעיה לכל רוחתא אוקמן לבר ממדינחא ולאו משום דלית ביה שכינה אלא משום דמורו ביה מינאי ורבי אבהו סבר שכינה במערב דא"ר אבהו מאי אוריה אויר יה:

**ה אמר** רב יהודה (אמר רב) מ"ד (דברים לב) יערוף כמטר לקחי זו רוח מערבית הבאה מערפו של עולם. (שם) תזל כטל אמרתי זו רוח צפונית שמזלת את הזהב וכן הוא אומר (ישעיה מו) הזלים זהב מכיס. כשעירים עלי דשא זו רוח מזרחית שמסערת את כל העולם כשעיר. וכרביבים עלי עשב זו רוח דרומית שמעלת רביבים ומגדלת עשבים. תניא רבי אליעזר אומר עולם (פ"ב) לאכסדרה הוא דומה ורוח צפונית אינה מסובבת וכשחמה מגעת לקרן מערבית צפונית נכפפת ועולה למעלה מן הרקיע רבי יהושע אומר עולם לקובה הוא דומה ורוח צפונית מסובבת וכשחמה מגעת לקרן מערבית צפונית מקפת וחוזרת

כך ששת מאזור עיניו הוה: לכל רוחתא אוקמן. שמעייה להתפלל: דמורו. כה מינאי. מורים שאלה להתפלל במזרח: מורים. אני שמעתי כך קורין למערב בלשון פרסי. ולי נראה שכך קורין למזרח בלשון לע"ז ואלי דאמר יכן אויר יה שהשכינה במערב ופניו למזרח כמאן במזרח אורייתא.
יערוף כמטר לקחי. משה רבינו דימה את התורה לד' רוחות כמם נ"א לעונג כלת מם כך ת"ח למולם כלה תורה: מערפו של עולם. אני שמעתי מחזקתו של עולם ע"ש שהשכינה במערב ס"ל ואני אומר מאחוריו של עולם שהמערב קרוי אחור שנאמר קדם להליך ואינני ואחור וגו': שמזלת את הזהב. שמחממת ומביאה טרב והרעבון כאה והזהב אלה: וכה"א. דכתיב זילותא לגבי זהב: כשעיר. שד: לאכסדרה. שאין לה דופן רביעית: אינה מסובבת. כמ"זיכה: למעלה מן הרקיע. ומהלכת את רוחו של צפון כנגד של רקיע: לקובה. הכל מכולה מוקף: לקרן מערבית צפונית. בלילה שהחמה

---

דנא וויקסט מענטשו מיך שטעלין דאווגען. נאר ניט אין מזרח זייט: ניט ווייל דיא שכינה איז נישטא אין מזרח זייט. נאר ווייל דיא אפיקורסים זאגן אז דיא שכינה איז נאר אין מזרח זייט. דריבער וויל איך ניט דאווגען אין מזרח זייט. צו ווייזין אז דיא שכינה איז אין די גאנצע וועלט. אנד רבי אבהו האלט דיא שכינה איז אין מערב זייט. ווארום רבי אבהו האט גזאגט פאר וואס רופט מען מערב זייט אוריה. דאס איז צוויא ווערטער אויר יה. דער לופט וואו גאט איז:

**ה** אמר רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין עס שטייט אין פסוק יערוף כמטר לקחי. משה רבינו האט גיזאגט מיין תורה איז אזוי וויא דער רעגין וואס קומט פון מערב זייט. וואס מערב זייט איז דער נאקין (דער אינטעין) פון דער וועלט (דער רעגין וואס קומט פון מערב זייט איז גוט צוא דיא תבואה). תזל כטל אמרתי. מיין זאג (מיין תורה) איז אזוי וויא דער טהא וואס ער מאכט ווא וויל דיא גאלד. ווארום ווען עס איז טהא איז אהיץ אן רעגין. אונ דיא היץ קומט פון צפון זייט. אונ דיא היץ מאכט אהונגער. אונ ווען עס איז אהונגער איז גאלד (געלט) וואלוויל. ווארום מען גיט פיל געלט פאר איין ברויט. תזל איז דער טייטש וואלוויל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הזלים זהב מכיס. ביי זייא איז וואלוויל דאס גאלד פון בייטיל. נאך האט משה רבינו גיזאגט מיינע רייד זענען כשעירים עלי דשא. אזוי וויא א רעגין מיט אשטורעם ווינט וואס רעגינט אויף גראז. דאס מיינט מען דעם ווינט וואס קומט פון מזרח זייט. וואס ער מאכט שטורעמען דיא וועלט אזוי וויא אשד. נאך האט משה רבינו גיזאגט מיינע רייד זענען כרביבים עלי עשב. אזוי וויא אדינגער רעגין וואס רעגינט אויף גראז: דאס מיינט מען דעם רעגין וואס קומט פון דרום זייט. וואס ער מאכט וואקסין דיא גראז. איז דיא תורה געגליכען צו אלע פיר זייטין פון דער וועלט. מיר האבין גילערנט רבי אליעזר זאגט דיא וועלט איז אזוי וויא אאכסדרה. ואאכסדרה איז אשטוב אין הויף גימאכט דרייא ווענט אונ דיא פערטע וואנט איז האפין: אונ דיא וועלט איז אויך פאר מאכט פון דרייא זייטין אונ דיא פערטע זייט ודיא צפון זייט איז האפין אונ אז די זון קומט צום ווינקיל פון מערב אונ צפון בייגט זיא זיך איין אונ גייט איבער דעם הימעל דיא גאנצע צפון זייט ביז זיא קומט צום ווינקיל מערב אונ דרום. גייט זיא אראפ פון הימעל אונ גייט ווייטער אונטער דעם הימעל צוא לייכטין אויף דיא ערד. רבי יהושע זאגט דיא וועלט איז גליך צו אקובה. וקובה איז אגעצעלט וואס האט פיר ווענט ארום. אונ דיא צפון זייט איז אויך פר מאכט.

[וחוזרת] אחורי הכיפה שנאמר (קהלת א) הולך אל דרום וסובב אל צפון. הולך אל דרום ביום וסובב אל צפון בלילה. סובב סובב הולך הרוח גו' אלו פני מזרח ומערב שפעמים מסבבתן ופעמים מהלכתן הוא היה אומר אתאן לרבי אליעזר (איוב לז) מן החדר תבא סופה זו רוח דרומית וממזרים קרה זו רוח צפונית מנשמת אל יתן קרח זו רוח מערבית ורחב מים במוצק זו רוח מזרחית והאמר מר רוח דרומית מעלת רביבים ומגדלת עשבים לא קשיא הא ראתיא מטרא בניחותא הא בשפיכותא. אמר רב חסדא מ"ד (שם) מצפון זהב יאתה זו רוח צפונית שמזלת את הזהב וכן הוא אומר (ישעיה מו) הזלים זהב מכיס. אמר רפרם בר פפא אמר רב חסדא מיום שחרב בהמ"ק לא הוגשמה רוח דרומית דכתיב (שם ט) ויגזור על ימין ורעב ויאכל על שמאל ולא שבעו וכתיב (תהלים פט)

צפון

מהלכת לעולם רוח לפונית בלילה ומן המערב באה פי' לצפון שכך הילוכה מן המזרח לדרום ומדרום למערב וממערב לצפון: וחוזרת אחורי כיפה. רקיע חלון: הולך אל דרום. את היקף היום קרי הילוך שהוא בהיך החלל ואת היקף הלילה קרי סיבוב שהוא מקיף מבחוץ וביום לעולם מהלכת בדרום אפי' ביום קצר אינו מהלך פחות מרוח דרומית: וסובב אל לפון בלילה. אף בלילה קצרה של תקופת תמוז אינו סובב פחות מרוח לפונית: פעמים מהלכתן. ביום ארוך של תקופת תמוז שהיא יוצאה בקרן לפונית מזרחית ושוקעת בקרן מערבית לפונית: ופעמים מסבבתו. ביום קצר שחמה יוצאה בקרן מזרחית דרומית ושוקעת בקרן דרומית מערבית ומהלכת בלילה ג' הרוחות: אתאן לר"א. שאמר לאכסדרה דומה: וממזרים קרה [illegible] . שהדופן מזרת ופרוזה: והאמרת רוח דרומית מעלה רביבים וכאן אתה אומר רוח מזרחית מביאה מים: הא דאתיא מטרא בניחותא. בא מן הדרום וכי אתא בשפיכותא בא מן המזרח כדכתיב מים במוצק: לא הוגשמה רוח דרומית. שהיתה רגילה להביא רביבים טובים: וכתיב לפון וימין אלמא ימין הוא

---

און אז די זוהן קומט פארין נאכט צום ווינקיל מערב און צפון. גייט זיא די גאנצע צפון זייט בייא נאכט. און זיא גייט צוריק אונטערן הימל דורך אפענסטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הולך אל דרום. די זוהן גייט אין דרום זייט ביי טאג. וואָרום אפילו דעם קלענסטין טאג גייט אויך די זוהן גאנץ דרום זייט: וסובב אל צפון. און זיא רינגולט ארום די צפון זייט בייא נאכט. וואָרום אפילו די קלענסטע נאכט רינגולט איך די זוהן גאנץ צפון זייט. סובב סובב הולך הרוח. אמאהל רינגירט די זוהן. און אמאהל גייט די זוהן. דאס איז די מזרח זייט און די מערב זייט. ווען דער טאג איז קליין און די זוהן גייט ארוים פון ווינקול מזרח און דרום און זיא גייט אונטער אין ווינקול דרום און מערב. רינגולט די זוהן גאנץ מערב און גאנץ צפון און גאנץ מזרח. און ווען דער טאג איז גרויס און די זוהן גייט ארויס אין ווינקול צפון און מזרח. און זי גייט אונטער אין ווינקול מערב און צפון. רינגולט זיא ארום נאר צפון זייט בייא נאכט. און זיא גייט בייא טאג גאנץ מזרח און גאנץ דרום און גאנץ מערב. רבי אליעזר פלעגט זאגין עס שטייט אין פסוק מן החדר תבא סופה פון דעם חדר קומט דער שטורעם ווינט. דאס מיינט מען דרום זייט. וממזרים קרה און פון די צוא בראכענע זייט קומט קעלט. דאס מיינט מען צפון זייט. מנשמת אל יתן קרח. פון דעם אטעם פון גאט ווערט גיגעבין אייז. דאס מיינט מען מערב זייט. ורוחב מים במוצק. די ברייט פון וואסער וואס גייט מיט שטארקייט. דאס איז מזרח זייט. פרעגט די גמרא דער תנא האט דאך גיזאגט אז פון דרום זייט גייט רעגין און פון דעם רעגין וואקסט גראז. ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא דער רעגין וואס גייט רוהיג און פאמעלאך קומט פון דרום זייט. און דער רעגין וואס גייט מיט אפייץ און מיט אשטורעם קומט פון מזרח זייט. רב חסדא זאגט עס שטייט אין פסוק פון צפון קומט גאלד: דאס מיינט מען דעם צפון זייט (וואס ער ברייננט היין אויף דער וועלט ווערט אהונגער) ווערט גאלד וואלוויל. און אזוי שטייט אין פסוק הזלים זהב מכיס. עס ווערט וואלוויל די גאלד פון בייטיל: רפרם בר פפא האט גיזאגט פון רב חסדאס וועגין פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין: האט נאך נישט גירעגינט פון דרום זייט: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז גאט האט גוזר גיוועזן אויף רעכטס (אויף דרום זייט) עס זאל ניט גיין קיין רעגין איז מען הונגעריג: און אז ער גייט עסן אויף לינקס אין צפון זייט (וואס דארט איז דא גאלד) איז ער ניט זאט גווארן. וואָרום די גאלד קען מען דאך ניט עסין: רעכטס איז דרום און לינקס איז צפון: אזוי וויא עס שטייט אין

פסיק

צפון וימין אתה בראתם. ואמר רפרם בר פפא אמר רב חסדא מיום שחרב בהמ"ק לא ירדו גשמים מאוצר טוב שנאמר (דברים כח) יפתח ה' לך את אוצרו הטוב בזמן שישראל עושים רצונו של מקום ושרויים בארצם גשמים יורדים מאוצר טוב ובזמן שאין שרויים בארצם אין יורדים מאוצר טוב:

ו א"ר יצחק הרוצה להתחכם ידרים שיתעשר יצפין וסימנך שלחן בצפון ומנורה בדרום ריב"ל אמר לעולם ידרים שמתוך שמתחכם מתעשר שנאמר (משלי ג) אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד והאמר ריב"ל שכינה במערב (לא צריכא) דמצדד אצדודי. א"ל רב חנינא לרב אשי כגון אתון דיתביתו לצפונא דארעא דישראל אדריםו אדרומי ומנ"ל דבבל לצפונא דארעא דישראל קיימא דכתיב (ירמיה א) מצפון תפתח הרעה על כל יושבי הארץ:

(דף כו) ז רבא בר רב חנין הוו ליה הנהו דקלי אמצרא דפרדסא דרב יוסף הוו ציפרי יתבי בדקלי ונחתי בפרדסא ופסדי ליה א"ל זיל קוץ א"ל והא

דרום וכתי': ביה זהב: את אוצרו הטוב. וסיפיה לתת מטר ארצך:
ידרים. בתפלתו יחזיר פניו לדרום: וסימניך. בלא התליף: דמצדד אצדודי. מצד לצד דרום: אדרימו. שהיו פונים לצד ירושלים משום דכתיב והתפללו אליך דרך ארצם וגו':
פרדסא. כרם: וכל ארתיקי לי. ד' אמות:

---

פסוק צפון און ימין האסטו בשאפין: אז ימין איז דיא אנדערע זייט פון צפון. איז ימין דרום. זעה מיר אז פון דרום איז מען הונגעריג. נאך האט רפרם בר פפא גזאגט פון רב חסדאס וועגן פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארין האט נאך נישט גירעגינט פון גוטען אוצר: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט עפענען פון דיינעט וועגין זיין גוטען אוצר. צוא געבין רעגין אין דיין לאנד. ווען דיא יודין טוהען דעם ווילען פון גאט. אונ זייא וואוהנען אין זייער לאנד גייט דער רעגין פון גוטען אוצר. אונ ווען דיא יודין וואוהנען נים אין זייער לאנד. גייט נים דער רעגין פון גוטען אוצר:

ו אמר. רבי יצחק האט גזאגט דער וואס וויל קלוג ווערין זאל ער דאווענען מיט דעם פנים צוא דרום. אונ דער וואס וויל רייך ווערין. זאל ער דאווענען מיט דעם פנים צוא צפון. דער סימן איז. דער טיש מיט דעם לחם הפנים איז גישטאנען אין בית המקדש אין צפון זייט. אונ די מנורה איז גישטאנען אין דרום זייט אונ דיא מנורה ווייזט אויף חכמה. ווארום דיא חכמה בעלייכט דעם פנים פון מענטשין. רבי יהושע בן לוי זאגט אייביג זאל אמענטש דאווענען מיט דעם פנים צוא דרום זייט. ווארום אז ער וועט קלוג ווערין. וועט ער רייך ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דיא רעכטע זייט פון דיא תורה איז לאנגע טעג. אין די לינקע זייט פון דיא תורה איז רייכקייט אונ כבוד. פרעגט דיא גמרא רבי יהושע בן לוי האט דאך גזאגט דיא שכינה איז אין מערב זייט. ענטפערט דיא גמרא רבי יהושע בן לוי מיינט ער זאל שטיין מיט דעם פנים אין ווינקול מערב אונ דרום. רב חנינא האט גזאגט צוא רב אשי איר וואס איר וואוהנט אין צפון זייט פון ארץ ישראל. זאלט איר שטיין מיט דעם פנים צוא דרום זייט. פון וואנען ווייסען מיר אז בבל שטייט אין צפון זייט פון ארץ ישראל. ווארום עס שטייט אין פסוק פון צפון זייט ופון בבל וועט גיעפינט ווערין דיא שלעכץ אויף אלע זיצער פון דער לאנד:

ז רבא בר רב חנין האט גיהאט טייטל בוימער ביא דעם ברעג ווייגארטין פון רב יוסף. פלעגין קומען פייגלען אונ פלעגין זיצען אויף דיא טייטל בוימער. דער נאך פלעגין זייא אראפ פליהען אין וויינגארטין אונ פלעגין שאדין טאהן דעם וויינגארטין. האט רב יוסף גזאגט צו רבא האק אפ דיינע טייטל בוימער. האט רבא גזאגט מיינע טייטל בוימער זענען דאך ווייט פיר איילין פון דיין פעלד. האט רב יוסף גזאגט ווען איך וואלט האבען אין מיין פעלד פראסטע בוימער וואלט גינוג גיוועז דוא זאלסט זיין ווייט פון מיר פיר איילין. אבער אז איך האב ווין שטאקין דארפסטו דיך דער ווייטערין מער וויא פיר איילין. האט רבא גזאגט מיר האבען דאך גילערונט

ארחיקי לי אמר ליה הני מילי לאילנות אבל לגפנים בעינן טפי והאנן תני אחד גפנים ואחד כל האילן א"ל ה"מ אילן לאילן וגפנים לגפנים אבל אילן לגפנים בעינן טפי א"ל אנא לא קייצנא דאמר רב האי ריקלא דטעין קבא אסור למקציה וא"ר הנינא לא שכיב שכחת ברי אלא דקץ תאנתא בלא זימניה מר אי ניחא ליה ליקוץ:

## חזקת הבתים פרק שלישי

(דף כו) א [יתיב רב אחא בר אויא קמיה דר' אסי ויתיב וקאמר משמיה דרבי אסי בר' הנינא] חצובא מפסיק בנכסי הגר מאי חצובא אמר רב יהודה אמר רב שבו היחם יהושע לישראל את הארץ. וא"ר יהודה אמר רב לא מנה יהושע אלא עיירות העומדות על הגבולין. א"ר יהודה אמר שמואל כל שהראהו הקב"ה למשה חייב במעשר לאפוקי מאי לאפוקי קני וקנזי וקדמוני. הניא ר"מ אומר נפתוהא ערבאה ושלמאה

שכחת ברי. קך שמו:
מפסיק בנכסי הגר. (שלא יזכה בחזקת הבירו) [ב' גדות של גר והלב נטוע ביניהם כהזיק באחת מהן לא קנה את הברתה אלא כאי דאהזיק בה לבדה קנה]: מאי חצובא. איזה דבר הוא ומאי חשיבותו להתשב כמילר: שבו היחם. בין שבט לשבט בין איש לאיש לפי שאינו יונק לא מכאן ולא מכאן: לא מנה יהושע כו'. כדאמרינן בפ"ק יהושע כתב ספרו: על הגבולין. כדי להראות התחומין ופשטים דקלא אתא לא מעיקר מ' טעם הסב אותן עיירות: כל שהראהו הקב"ה למשה. בשעת מיתתו שנאמר ויראהו ה' את כל הארץ את הגלעד עד דן: חייב במעשר. דהשתא הני ז' עממים הכתובים בכל מקום אבל קיני קנזי וקדמוני שכתוב להברהם בברית בין הבתרים לא נתייהבו במעשר לעתיד לבא כשיהזירם לנו לעתיד כדאמרינן בב"ר א"כ אם כבשו ישראל מהם אהרי מות יהושע כולן פטורין מן המעשר כו': תניא ר"מ אומר. כולהו תנאי בפי' קיני וקנזי וקדמוני פליגי:

---

סיי וויינשטאקן און סיי אנדערע בוימער דארף מען נאר דער ווייטערין פיר איילין. האט רב יוסף גזאגט בוימער פון בוימער דארף מען נאר דער ווייטערין פיר איילין. אדער וויין שטאקין פון וויין שטאקין דארף מען נאר דער ווייטערין פיר איילין. אבער בוימער פון וויין שטאקין דארף מען דער ווייטערין מער וויא פיר איילין. האט רבא גזאגט איך וועל ניט אפ האקין מיינע בוימער. ווארום רב האט גזאגט דער טייטל בוים וואס אויף אים וואקסט אקב טייטלען. טאר מען אים ניט אפ האקין. און רבי חנינא האט גזאגט מיין זוהן שכחת איז גישטארבען ווייל ער האט אפ גיהאקט אפייגין בוים פאר דער צייט. אויב דוא ווילסט האק אפ:

## פרק שלישי

א יתיב. רב אחא בר אויא איז גיזעסין פאר רבי אסי און האט גיזאגט פון רבי אסי ברבי חנינא וועגין דער גראז וואס הייסט חצובא צוא טיילט דיא פעלדער פון אגר. ודער דין איז אז אגר איז גישטארבען און האט גילאזין אפאר מעגין. וועז עם ה..פט דעם פר מעגין צוא דעם גיהער דאס און אויב ער האט גילאזין פעלדער. ווער עם גייט אריין אין די פעלדער און פאר בעסערט דארט עפעס. צוא דעם גיהערין דיא פעלדער. און אויב צווישען איין פעלד און דיא אנדערע וואקסט דער גראז חצובא. ווערין דיא פעלדער צוא טיילט. און יעדער פעלד ווערט גירעכונט בזונדער. אז ער האט עפעס פאר בעסערט איין פעלד. גיהער דיא איין פעלד צוא אים. אבער דיא איבעריגע פעלדער גיהערין נאך ניט צוא אים. וואס איז חצובא רב יהודה זאגט פון רבס וועגין מיט דעם חצובא האט יהושע צוא טיילט ארץ ישראל צו דיא יודין. אז עס איז גיוועזען צוויי פעלדער פון צוויי מענטשין איינע געבין אנדערין. האט ער אריין גישטעקט דעם גראז חצובא צווישען דיא ביידע פעלדער. ווייל דער גראז האט ניט קיין ווארצלען אין דיא זייטין נאר גלייך אראפ. נאך האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין. יהושע האט ניט מער גיציילט נאר דיא שטעט וואס זענען גישטאנען ביי דיא גרענעצין. רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין דיא פעלדער וואס גאט האט געוויזען צוא משה רבינו איידער ער איז גישטארבען. דארף מען געבין מעשר פון דיא תבואות. פרעגט דיא גמרא פון וועלכע פעלדער דארף מען ניט געבין מעשרות. גאט האט דאך געוויזען צוא משה גאנצן ארץ ישראל. ענטפערט דיא גמרא פון דיא

ושלמאה ר' יהודה אומר הר שעיר עמון ומואב ר"ש אומר ערדיסקים אסיא ואספמיא:

(דף ט פ"ג) **ב ועוצם** עיניו מראות ברע (ישעיה לג) א"ר חייא בר אבא זה שאין מסתכל בנשים בשעה שהן עומדות על הכביסה היכי דמי אי דאיכא דרכא אחרינא רשע הוא אי דליכא דרכא אחרינא אנוס הוא לעולם דליכא דרכא אחרינא ואפ"ה מיבעי למנים נפשיה. בעא מיניה ר' יוחנן מר' בנאה חלוק של ת"ח כיצד כל שאין בשרו נראה מתחתיו. טלית של ת"ח כיצד כל שאין חלוקו נראה מתחתיו טפח. שלחן של ת"ח כיצד שני שלישי גדיל ושליש גלאי שעליו כוסות וקערות מונחות וטבעתו מבחוץ והא תניא טבעתו מבפנים לא קשיא הא

דאיכא

כלומר מסתכל: כשהוא הולך לשפת הנהר: היכי דמי. דמשבח ליה קרא אם עוצם עיניו דמשמע שאם לא יעצים עיניו אינו לא צדיק ולא רשע: אי דאיכא דרכא אחרינא ואזיל. בכך: רשע הוא. ואע"פ שעוצם עיניו לא היה לו להתקרב אצלן להתרחק מן עבירה דקי"ל הרחק מן הכיעור: אנוס הוא. אם מהלך דרך הליכה ואנוס דהיינא פטרים ולמה מזקיקו הכתוב להעלים עיניו: למינס נפשיה להטות עיניו לצד אחר והיינו דמשבח ליה קרא דאי אנים נפשיה חסיד הוא: כל שאין בשרו נראית מתחתיו: פירוש ארוך עד פסת רגלו שלא יראה כשהוא הולך יחף: טלית. מקטורין שמתכסה בו על כל הבגדים שהוא לבש: שאין חלוקו נראה כו'. וכ"ש דאי קאי עד לידי חלוק דאיכא גניעותא טפח: שני שלישי גדיל וכו'. שני שלישי רוחב השלחן מכוסה במפה מצד האוכלין לקנח פיהם ונותן עליה את הפת ושליש התיצון מגולה להניח עליו קערות וכוסות שלא יטנפו המפה ויתבזו האי לין ואית דמפרש שנים גלאי באמצע שני שלישי גדיל דהיינו מפה מכאן ומכאן כל סביב השלחן דאמצעיתו מגולה. גדיל קרי למפה על שם שארוגה ולשון לא הוא: וטבעתו. של שלחן שהיו רגילין לעשות בשפתו לת ותו בו יהיה מבחוץ אלא מבפנים מצד האוכלין כדמפרש ואזיל: מבפנים. מצד הסמוך

פעדער פון קני קנזי קדמוני דארף מען ניט געבן מעשרות. מיר האבען געלערנט רבי מאיר זאגט קני קנזי קדמוני איז נפתותא ערבאה שלמאה. רבי יהודה זאגט קני קנזי קדמוני איז הר שעיר עמון מואב. רבי שמעון זאגט קני קנזי קדמוני איז ערדיסקים אסיא אספמיא:

**ב** ועוצם. אין פסוק שטייט אז ער פר מאכט זיינע אויגען ער זאל ניט זעהן קיין שלעכטס. וועלכע שרעקליך זאל ער ניט זעהן. רבי חייא בר אבא זאגט מען מיינט אז ער גייט ביים ברעג טייך זאל ער נישט קוקען אויף די ווייבער ווען זיי שטייען אין טייך און וואשען. פרעגט די גמרא וויא שמועסט דא. אויב ער האט גיהאט איין אנדער וועג צוא גיין ניט געבן טייך. און ער איז גיגאנגען נעבן טייך. אפילו ער וועט ניט קוקען אויף די ווייבער איז ער אויך ארשע. און אויב עס איז ניטא קיין אנדער וועג נאר נעבן טייך. אפילו ער וועט גייענדיג קוקען אויף די ווייבער איז אויך ניט קיין גרויסע עבירה. ווארום ער מוז דאך גיין און די ווייבער זענען אים א מקעגין מוז ער דאך קוקען אויף זייא. און די עבירה וואס דער מענטש מוהט ווייל ער איז גיצוואונגען. איז ער פטור פון א שטראף. ענטפערט די גמרא עס שמועסט טאקי אז עס איז ניטא קיין וועג נאר נעבן טייך. פון דעסטוועגן דארף דער מענטש זיך היטען און ניט קוקען אויף די ווייבער. און אז ער האט טאקי אזוי גיטאהן ער האט זיך געהייט און האט פר מאכט די אויגען און האט ניט גיקוקט. לויבט אים דער נביא און זאגט אים צוא גרויס שכר אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. רבי יוחנן האט גיפרעגט ביי רבי בנאה די העמד פון א תלמיד חכם וויא דארף זיין געמאכט: האט רבי בנאה גזאגט זיא דארף זיין לאנג ביז צוא די ערד דאס לייב זאל אונטען ניט גיזעהן ווערין. וויא זאל זיין גימאכט דיא אויבער קלייד פון א תלמיד חכם. זיא זאל זיין אזוי לאנג אז דיא העמד זאל ניט גיזעהן ווערין אונטען א טפח דיא ברייט. און אז זיא וועט זיין לאנג גלייך מיט דיא העמד. איז גיווים גוט. וויא זאל זיין דער טיש פון א תלמיד חכם. צוויי דריטעל טיש זאל זיין בדעקט מיט א טיש טוך. אויף דעם טיש טוך זאל זיין דאס ברויט און דיא איבעריגע עסין. און אויף דעם דריטעל טיש יום אן א טיש טוך דארט שטעלט מען דיא גלעזער און דיא שיסלען וואס מען האט אין זייא גיגעסין און גיטרונקען און זייא זענין שוין ליידיג. און דער רינג פון טיש זאל זיין אויס ווייניג. פון דער זייט טיש וואס קיינער זיצט ניט. פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך גילערנט דער רינג זאל זיין אינוויינוויג געבין די מענטשין וואס זיצען ביי דעם טיש. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אויב ביי דעם טיש זיצט

אקינד

דאיכא ינוקא הא דליכא ינוקא ואבע"א הא והא דליכא ינוקא ולא קשיא הא דאיכא שמעא והא דליכא שמעא ואבע"א הא והא דאיכא שמעא ולא קשיא הא בליליא הא ביממא. ושל עם הארץ דומה (דף נח) למדורה וקדרות מקיפות אותה. מטה של ת"ח כיצד כל שאין תחתיה אלא סנדלין בימות החמה ומנעלים בימות הגשמים ושל ע"ה דומה לאוצר בלום:

ג רבי בנאה הוה מציין מערתא (דרבנן) כי מטא למערתא דאברהם אבינו אשכחיה לאליעזר עבד

גו: היכא דליכא ינוקא. היושב אצל אביו צריך להושיב הכלגן היכא לצד הטבעת מבחוץ כן יתחק בו התינוק ויגענו הכלגן: ואי ליכא ינוקא. יעשה מבפנים ולא יהפכנה לחוץ פן יכשל בה השמש ההולך ובא סביב השלחן: הא דליכא שמעא. שמש יעשה מבפנים ולא יהפכנה מבחוץ פן יכשל השמש: הא דליכא שמעא. יעשה מבחוץ ולא מבפנים פן יזיקו בה האוכלין ומיהו היכא דליכא שמעא יעשה מבחוץ מלצד היושבין ולא מבחוץ שיכולין ליזהר מן הטבעת יותר מן השמש שבא הולך ושב יושבין: הא ביממא. יהיה מבחוץ שיכול השמש להשמר ולא מבפנים דמזיק לאוכלים שאין להם המקום: למדורה. במוקפת קדרות והאש באמצע ואף כאן המטה וכלאים כאן והקדרות סביב: כל שאין תחתיה כו'. כדאמרינן בפסחים אוכלין תחת המטה אפילו מחופין בכלי ברזל רוח רעה שורה עליהם. דרך לנעול מנעלים בימות החמה וסנדל בימות הגשמים בשביל הטיט: אלא סנדלים בימות החמה. שמניחין שם עד ימות הגשמים שיצטרך להם: לאוצר בלום. בכמ"ך כמו עיסה בלוסה במסכת שבת בפרק כלל גדול עיסה מעורבבת ממינים הרבה וכן אוצר בלום מינים הרבה מעורבבות בתוכו יחד וכן מטת עם הארץ כל דבר מניח תחת מטתו אוכלין וכלים:

רבי בנאה. אדם גדול והשוב היה לפיכך ניתן לו רשות ליכנס במערת צדיקים אבל אחר לא כדאמרינן התם גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם והיה נכנס במערה ומודד מדת ארכו מבפנים ואח"כ מודד מבחוץ כנגדו ועושה שם ציון כדי להכיר מקום טומאה ולא יביאו טהרות דרך כאן שלא יאהיל על הקבר: אשכחיה לאליעזר. דהגיה במו' דרך ארץ דבבעה

---

אקינד אויך. זאל זיין דער רינג אויס וויניג טיש. ביא דער זייט וואס קיינער זיצט ניט ווארום טאמער וועט דאס קינד זיך שפילען מיט דעם רינג. דער וויל וועט ער אשאקיל טאהן דעם טיש. וועט אויס געגאסען ווערין דאס עסין. אונ אויב עס איז ניטא קיין קינד ביא דעם טיש. זאל זיין דער רינג נעבין דיא זייט וואו מענטשין זיצען. ווארום אז דער רינג וועט זיין אין דיא אנדערע זייט. אויס וויניג. דארט קומט דער בעדינער מיט עסין. אונ וויל ער איילט זיך וועט ער זיך פאר טשעפין אן דעם רינג אונ וועט מאכען אשאדין. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין ביידע ברייתות שמועסין אז עס איז ניטא קיין קינד זיצען ביי דעם טיש. אונ עס איז ניט קיין קשיא. אויב עס איז דא אבעדינער זאל זיין דער רינג אינוויניג וואו די מענטשין זיצען. אונ אויב עס איז ניטא קיין בעדינער. זאל זיין דער רינג אויס וויניג. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין ביידע ברייתות שמועסין אז עס איז דא אבעדינער. אונ עס איז ניט קיין קשיא. ביי נאכט זאל דר רינג זיין אינוויניג ווו דיא מענטשין זיצען. ווארום אז דער רינג וועט זיין אויס וויניג וועט זיך דער שמש פאר טשעפין אן דעם רינג אונ וועט מאכען אשאדין. וויל עס איז ביי נאכט וועט ער ניט זעהן דעם רינג. אונ ביי טאג זאל זיין דער רינג אויס וויניג. ווארום דער שמש וועט זעהן דעם רינג. וועט ער זיך היטען ער זאל זיך ניט פאר טשעפין. אונ דער טיש פון אעם הארץ איז גליך אזוי ויא אפייער וואס דיא טעפ שטייען ארום דעם פייער אונ דר פייער איז אין מיטן. אזו איז דר טיש. אויף דעם מיטן טיש ליגט אטיש טוך אונ אויף דעם טישטוך ליגט דאס עסין אונ דיא טעפ מיט דיא שיסלען שטייען אויף דעם טיש ארום דעם טישטוך וויא איז דיא בעט פון אתלמיד חכם אז אונטער דיא בעט שטייט ניט מער נאר היצערנע שיך אום זומער. אונ לעדערנע שיך אום ווינטער. אונ די בעט פון אעם הארץ איז וויא אאויס געמישטער אוצר אלע עסין ווארג אונ אלע כלים שטייען אלץ אונטערין בעט:

ג רבי בנאה פלעגט אריין גיין אין דיא קעלערס ווא דיא געשטארבענע צדיקים פלעגין דארט ליגען. אונ ער פלעגט אויס מעסטין דעם קעלער אינוויניג דיא לייננ אונ דיא ברייט. דער נאך פלעגט ער מאכין אזוי אצייכין אויס וויניג פון הויבין אויף דעם קעלער. מען זאל וויסען וועלכע שטיק ערד איז טמא. כהנים זאלין דארט ניט גיין. אונ אנדערע זאכין וואס אויף דעם ארט וועט ליגען. וועט זיין טמא. וויא רבי בנאה איז גיקומען צום קעלער ווא אברהם אבינו איז גילעגין. האט ער גיטראפין אז אליעזר דער קנעכט פון אברהם שטייט פאר

דיא

עבד אברהם דקאי קמי בבא א"ל מאי קעביד אברהם א"ל גאני בכנפה דשרה ומעיינא ליה ברישיה א"ל זיל אימא ליה בנאה קאי אבבא א"ל ליעול וליתי מידע ידיע דיצה"ר בהאי עלמא ליכא על עיין ונפק כי מטא למערתא דאדם הראשון יצתה בת קול ואמרה לו נסתכלת בדמות דיוקני בדיוקני עצמה אל תסתכל והא בעינא לציוני מערתא כמדת החיצונה כך מדת הפנימית ולמ"ד ב' בתים זו למעלה מזו קיימי כמדת העליונה כך מדת התחתונה, א"ר בנאה אנא נסתכלתי בשני עקביו של אדם הראשון ודומים לשני גלגלי חמה. הכל בפני שרה כקוף בפני אדם. שרה בפני חוה כקוף בפני אדם חוה בפני אדם כקוף בפני אדם אדם בפני שכינה כקוף בפני אדם. שופריה דרב כהנא (מעין שופריה דרב ודרב) מעין דרבי אבהו דרבי אבהו מעין דיעקב אבינו דיעקב אבינו מעין דאדם הראשון. (דאדם הראשון מעין דשכינה). ההוא אמגושא דהוה מחטט שכבי כי מטא למערתא דרב

טוב

פירוש

דשכבי צדיקים קיימין אלא מהו וקא משיב נבדייהו אליעזר עבד אברהם: בכנפה. בין זרועותיה ח"נ. רבי בנאה מציין: זיל אימא ליה. ואברהם באותה קא מגלא והן לו רשות ליכנס: א"ל ליעול. דאין כאן תולעת אי גנאי כהכניסה בכנפה דשרה: דמידע ידע דיצה"ר בהאי עלמא ליכא. ולא צריכא לאסתמועי מיניה: על עיין ונפק. נכנס רבי בנאה ונסתכל מדת אורך המערה ויצא ואח"כ ציין מבחוץ: למערתא דאדם. כדדרשינן בעירובין בפ' כיצד מעברין ממרא קרית ארבע א"ר יצחק ארבע על שם ארבע זוגות שנקברו בה אדם וחוה אברהם ושרה יצחק ורבקה יעקב ולאה: בדמות דיוקני. יעקב דאמרינן בסמוך שופריה דיעקב מעין שופריה דאדם הראשון: בדיוקני עצמה. דהיינו אדם הראשון דכתיב בצלם אלהים ברא אותו: הא בעינא ציוני מבחוץ. ונפיק צריך אני מתלה למדוד מבפנים: כמדת החיצונה. כמה ג' אבות והאמהות כן מדת הפנימית וכמאן דאמר מכפלה ב' בתים זה לפנים מזה ופלוגתא דרב ושמואל בכיצד מעברין: כן מדת התחתונה. ודי לך בציון העליונה: בשני עקביו של אדם הראשון והיו דומין וכו'. והא דכתיב כי עפר אתה ואל עפר תשוב הא מוקים לה במס' שבת בפרק שואל ומוקמינן לה דהוא שעה אחת קודם תחיית המתים: שופריה דרבי אבהו מעין שופריה דיעקב אבינו. בהשוכר את הפועלים פריך וליחשוב נמי רבי יוחנן ושני הדרת פנים לא קא"ל: אמגושא. מכשף: מחטט שכבי. חופר קברי מתים ומפשיטן

---

דיא טיר פון קעלער. האט רבי בנאה גיזאגט צוא אליעזר וואס טוהט איצט אברהם. האט אליעזר גיזאגט אברהם שלאפט אין שוים פון שרה. אונ זיא לאוזט איהם דעם קאפ. האט רבי בנאה גיזאגט צו אליעזר גייא זאג צוא אברהם בנאה שטייט בייא דיא טיר. האט אברהם גיזאגט צו אליעזר גייא זאג צו רבי בנאה ער זאל אריין קומען. מען ווייס אז אויף דער וועלט איז ניטא דער יצר הרע. דארף איך מיך ניט בעהאלטין פאר איהם. איז רבי בנאה אריין גיקומען אין קעלער אונ האט גיזעהן וויא לאנג אונ ווי ברייט דער קעלער איז. אונ איז ארויס גיגאנגען. וויא רבי בנאה איז גקומען צו דעם קעלער ווא אדם הראשון איז גיווען. איז ארויס גיגאנגען אקול אונ האט גיזאגט צוא רבי בנאה דוא האסט גיקוקט אויף דעם מענטש וואס ער איז גלייך צו מיין גישטאלט. ודאס איז יעקב. האט מען דיר ניט גישטערט. אין מיין גישטאלט ואויף אדם הראשון וואס ער איז גיוועזן דער גישטאלט פון גאט. אויף איהם זאלסטו ניט קוקען. האט רבי בנאה גיזאגט איך דארף בעצייכענען דעם קעלער. מוז איך דאך אריין גיין אינווייניג. האט מען גיזאגט צו רבי בנאה וויא גרויס דיא אויסווייניגסטע שטוב איז. אזוי גרויס איז דיא אינווייניגסטע שטוב. אונ נאך דעם וואס זאגט אז דער קעלער איז גיוועזן צווייא שטובען איינע אויף דיא אנדערע. האט מען גזאגט צו רבי בנאה ווי גרויס דיא אובערשטע שטוב איז. אזוי גרויס איז דיא אונטערשטע שטוב. רבי בנאה האט גיזאגט איך האב גיזעהן דיא צווייא פיענטעס פון אדם הראשון האבין זייא געגליכען אזוי וויא דיא צווייא רעדער פון דיא זוהן. אלע מענטשין זעהן אויס געגין שרה אזוי וויא אמאלפע געגין א מענטש. שרה זעהט אויס געגין חוה אזוי וויא אמאלפע געגין אמענטש. חוה זעהט אויס געגין אדם אזוי ווי אמאלפע געגין אמענטש. אדם זעהט אויס געגין דיא שכינה. אזוי וויא אמאלפע געגין אמענטש. דיא שיינקייט פון רב כהנא איז גיוועזן אביסעל ווייניגער וויא דיא שיינקייט פון רב. אונ דיא שיינקייט פון רב איז גיוועזן אביסעל ווייניגער וויא דיא שיינקייט פון רבי אבהו. אונ דיא שיינקייט פון רבי אבהו איז גיוועזן אביסעל ווייניגער ווי די שיינקייט פון יעקב אבינו. אונ די שיינקייט פון יעקב אבינו איז גיוועזן אביסעל ווייניגער וויא דיא שיינקייט פון אדם הראשון. עס איז גיוועזן אמכשף וואס ער פלעגט אויף גראבין די טויטע אונ פלעגט אפ ציהען זייערע קליידר. אמאהל

איז

טובי בר מתנה תפסיה בדיקניה אתא אביי א"ל בטטותא מיניה דמר שבקיה לשנה אחריתי הדר אתא תפסיה בדיקניה הדר אתא אביי ולא שבקיה עד דאייתי מספרא וגזייה לדיקניה:

ד ההוא (גברא) דאמר להו חביתא דעפרא לחד בראי . חביתא דגרמי לחד בראי חביתא דאודרא לחד בראי . לא הוו ידעי מאי קאמר להו אתו לקמיה דר' בנאה אמר להו אית לכו ארעא אמרו ליה אין אמר להו אית לכו חיותא אין אית לכו ביסתרקי אין אי הכי הכי קאמר לכו:

ח ההוא גברא דשמעה לדביתהו דקא אמרה לברתה אמאי לא צניעת באיסורא הך אתתא עשרה בני אית לה ולית לי מאביך אלא חד כי שכיב אמר כל נכסי להחד ברא ולא ידעו להי מינייהו (פקיד) אתו לקמיה דר' בנאה א"ל זילו חבוטו קברא דאבוכון עד דקאי ומגלי לכו להי מינייכו שבק אזלו כולהו ההוא דבריה הוה לא אזל

מבגדיהם: אתא אביי . כו' בשביל שהיה אוהבו של הנכרי:

ההוא דאמר להו . מצוה מחמת מיתה היה ומחלק נכסיו לבניו על פיו: חביתא דעפרא . אני מניח לאחד מבני ודרך חכמה אמר שלא יבינו הכל שהוא עשיר ובעל נכסים: חביתא דגרמי . חבית מלאה עצמות: אודרא . מוכין: אית לכו ארעא. כשהייך לכם קרקע מאביכם דא"כ היינו חביתא דעפרא והבהמות שיש בהן עצמות וזה חביתא דגרמי: ביסתרקי . וכל מיני בגדים שהיין ממוכין: (אמאי לא צניעת באיסורא . כלומר תעביד איסורך בצינעא) : לחד ברא . לאחד מבניו אותו שיבחרו ב"ד: חבוטו . הכו הכאות על קברו ולכוונתן מתכוון באותן שהם ממזרים עזי פנים הם וילכו על קברו לחבוט: א"ל כולהו נכסי דהאי . שלא רצה לחבוט על קבר אביו והוא לנוע שבכם ומסתברא דלזה אהב יותר ויפה דן ר' בנאה דלא שייך הכא אלא עובדא דדייני והיינו עובדא שלא רצה לחבוט דומיא

---

איז דער מכשף געקומען צום קבר פון רב טובי בר מתנה און ער האט געפינט דעם קבר . האט רב טובי אן גענומען דיא בארד פון מכשף און האט אים ניט געוואלט אפ לאזין . איז געקומען אביי און האט געזאגט צו רב טובי איך בעט דיך לאז אים אפ . האט רב טובי איהם אפ געלאזט . אויף דעם אנדערין יאהר איז ווידער געקומען דער מכשף און האט געפינט דעם קבר פון רב טובי בר מתנה . האט רב טובי אן גענומען דיא בארד פון מכשף . איז ווידער געקומען אביי בעטין פאר דעם מכשף מען זאל אים אפ לאזין . האט רב טובי אים ניט געוואלט אפ לאזין ביז מען האט גימוזט ברייגגען אשעריל און מען האט אפ געשוירן דיא גאנצע בארד פון מכשף:

ד ההוא . אקראנקער מענטש האט אמאהל צוא טיילט זיין פאר מעגין פאר זיין טויט און ער האט געזאגט אפאס ערד גיב איך צוא דעם זוהן . אפאס ביינער גיב איך צוא דעם זוהן . אפאס פעדערין גיב איך צוא דעם זוהן . און ער איז גישטארבין . האבין דיא קינדער ניט גיוואסט וואס דער פאטער האט צו זייא גיזאגט ; זענען זייא גיקומען פאר רבי בנאה פרעגין וואס דער פאטער האט גימיינט . האט רבי בנאה צוא זייא גיזאגט האט איר פעלדער . האבין זייא גיזאגט יא . האט איר בהמות . האבין זייא גיזאגט יא . האט איר בעטגעוואנט . האבין זייא גיזאגט יא . האט רבי בנאה צוא זייא גיזאגט אויב אזוי ווייס איך שוין וואס אייער פאטער האט גימיינט . איינער זאל נעמען פעלדער (דאס איז דיא פאס ערד) . איינער זאל נעמען בהמות (דאס איז דיא פאס ביינער) . איינער זאל נעמען בעטגיוואנט (דאס איז דיא פאס פעדערין):

ח ההוא . אמענטש האט אמאהל גיהערט וויא זיין ווייב זאגט צו איר טאכטער פאר וואס ביזטו ניט מזנה אין דער שטיל קיינער זאל ניט וויסען ; איך האב צעהן קינדער און פון דיין פאטער האב איך נאר איינעם . איידער ער איז גישטארבין האט ער גיזאגט מיין גאנץ פאר מעגין זאל געהערין צוא איין זוהן . און ער האט ניט גיזאגט צוא וועלכין . און ער איז גישטארבין . האט מען ניט גיוואוסט צוא וועלכין קינד זאל מען געבין דעם פאר מעגין . איז מען גיקומען פאר רבי בנאה פרעגין וואס מען זאל טאהן . האט רבי בנאה גיזאגט צוא דיא קינדער גייט קלאפט מיט שטעקינס אויף אייער פאטערס קבר ער זאל אויף שטיין און זאל אייך זאגין צוא וועלכין פון אייך האט ער גיגעבין דאס פארמעגין . זענען אלע קינדער גיגאנגען קלאפין מיט שטעקינס אויף דעם קבר . דער וואס איז גיווען אאמתר זוהן איז ניט גיגאנגען . האט רבי בנאה גיזאגט מען

זאל

אזל א״ל כולהו נכסים דהאי. אזלו אכלו קורצא בי מלכא אמרי איכא גברא חד ביהודאי דקא מפיק ממונא דאינשי בלא סהדי ובלא מידי אתיוהו חבשוהו אזלה דביתהו אמרה להו לבי מלכא עבדא חד הוה לי פסקי לרישיה ופשטו למשכיה ואכלו בשריה וקא מלו ביה מיא ומשקי ביה לחברייא ולא קא יהבו לי דמיה ולא אגריה לא ידעי מאי קאמרה להו אמרי ניתי לחכימא דיהודאי ולימא קריוהו לרבי בנאה אמר זרונקא אמרה לכו אמרי הואיל והכים כולי האי ליתב אבבא ונידון דינא חזא דהוה כתיב (אבבא דאבולא) [באבולא] כל דיין דמתקרי לדין לא שמיה דיין אמר להו אלא מעתה אי אתא אינש מעלמא (ע״ב) ומזמין ליה לדינא לאו שמיה דיין אלא כל דיין דאיתקרי לדין ומפקין מיניה ממונא בדין לאו שמיה דיין כתבי הכי ברם סבי דיהודאי אמרי כל דיין דמתקרי לדין ומפקין מיניה ממונא בדין לאו

דסבות דאמר נכסי נטופי׳ : אזלו . פי׳ הא חים : אכלו ביה קורצא . הלשינו עליו : אזלה דביתהו . דר׳ בנאה לצעוק אל המלך בלשון חכמה כדי שלא יבינו שם אלא ע״י בעלה : ואכלו בשריה . של עבד : וקא מלו ביה מיא . שואבין מים בעורו : ומשקו ביה מיא . בעורו : לחברייא . לבני הישיבה : לחכימי דיהודאי . ר׳ בנאה : זרונקא . נאד של עור וכך אמרה היה היה לי וגזלוהו ממני ושחטוהו ואכלו הבשר ומן העור עשו חמת ושואבין בו מים ומשקין בו : באבולא . על דלתות השער היה כתוב בו כדי שי למדו מפס ב״א : כל דיין המיוחד לדון דיני העיר וזמנין דמתקרי לדינא שתובעין אותו לדין על ממון שתובעין ממנו : לאו שמיה דיין . ופסול לדין דכיון דהוה בלע יקבל שחד : ומזמין ליה לדינא . שלא כדין ויצא מן הדין זכאי : דמפקין מיניה ממונא בדינא לאו שמיה דיין . דגזלן פסול לדון שיעות

---

זאל אוועק געבין דאס גאנצע פארמעגין צוא דעם זוהן וואס איז ניט געגאנגען שלאגין אויף זיין פאטערס קבר . זענען געגאנגען די קינדער אונ האבין געמסרת פאר דעם מלך ; אונ זייא האבין געזאגט עס איז דא איין מענטש צווישען די יודין וואס ער נעמט געלט פון מענטשין אן עדות אונ אן אבעוויזונג . האט מען געבריינגט רבי בנאה אונ מען האט אים געבונדען אונ איין געזעצט אין תפיסה . איז געגאנגען די ווייב פון רבי בנאה אונ האט געזאגט פאר דעם מלך אחכמה וואס קיינער זאל ניט פארשטיין וועט מען מוזן פרעגין בייא איר מאן . וועט ער גרוים ווערין בייא דעם מלך. אונ זיא האט אזוי געזאגט איך האב געהאט אקנעכט אונ מען האט אפ געהאקט זיין קאפ . אונ מען האט אפ געצויגין זיין פעל . אונ מען האט אויף געגעסין זיין פלייש. אונ מיט די פעל זיינע שעפט מען וואסער . אונ די וואסער גיט מען טרינקען די מענטשין פון דער ישיבה . אונ מען גיט מיר ניט קיין געלט פאר דעם קנעכט. אונ מען גיט מיר ניט קיין ניין געלט פאר די פעל . האט קיינער ניט געוואוסט וואס זיא האט געזאגט ; האבין די מענטשין פון מלך געזאגט מען זאל ברייננען דעם קליגסטען פון די יודין וועט ער זאגין וואס זיא מיינט ; האט מען גירופין רבי בנאה. האט רבי בנאה געזאגט זיא האט אייך געזאגט אלאגיל (זיא האט געהאט אשעפס . האט מען אים גיגזלת פון איר אונ מען האט אים געשאכטין אונ מען האט אויף געגעסין די פלייש אונ פון די פעל האט מען געמאכט אלאגיל אונ מיט דעם לאגיל שעפט מען וואסער אונ מען טרינקט פון אים). האבין די מענטשין פון מלך געזאגט ווייל ער איז אזוי קלוג. זאל ער זיצען בייא דעם טויער וואו די דיינים זיצען אונ זאל אויך זיין אדיין. האט רבי בנאה געזעהן עס איז אויף געשריבען אויף דעם טויער דער דיין וואס אמענטש מאנט ביי אים געלט אונ ער רופט אים צום משפט אפילו ער וועט גירעכט זיין טאר ער שוין ניט זיין קיין דיין. האט רבי בנאה געזאגט צוא די דיינים אויב אזוי וועט זיין. אז אמענטש פון דער וועלט וועט וועלין פסול מאכין אדיין. וועט ער מאנען געלט בייא דעם דיין אונ וועט איהם רופין צום משפט. וועט ער שוין ניט טארין זיין קיין דיין. אפילו ער וועט גירעכט זיין. נאר אזוי זאלט איר שרייבין דער דיין וואס מען מאנט בייא אים געלט אונ ער וויל ניט בצאהלין. אונ מען רופט אים צום משפט. אונ די דיינים פסקנין ער זאל בצאהלין אונ ער בצאהלט ניט ; נאר די דיינים נייטין אים ער זאל בצאהלין. טאר ער שוין ניט זיין קיין דיין. האבין זייא אזוי אויף געשריבען. די יודישע אלטע לייט זאגין דער דיין וואס מען מאנט בייא אים געלט אונ ער וויל ניט בצאהלין. אונ מען רופט אים צום משפט אונ די דיינים נייטין אים ער זאל בצאהלין. טאר ער שוין ניט זיין קיין דיין. נאך האט רבי בנאה געזעהן עס שטייט געשריבן

אויף

לאו שמיה דיין חזא דכתיב ביה בראש כל מותא אנא דם בריש כל חייא אנא חמר אמר להו אלא מעתה דנפל מאיגרא ומית דנפל מדיקלא ומית דמא קטליה ותו מאן דדרכיה למימת משקו ליה חמרא והיי אלא הכי בעי למיכתב בריש כל מרעין אנא דם בריש כל אסון אנא חמר כתבו הכי ברם סבי דיהודאי אמרי בריש כל מרעין אנא דם בריש כל אסון אנא חמר באתר דלית חמר תמן מיתבעי סמנין:

(דף נט) ו **אמר** רב יהודה אמר שמואל צינור המקלח מים לחצר חבירו ובא בעל הגג לסתמו בעל החצר מעכב עליו דא"ל כי היכי דאת קנית לך חצר דידי למישדא ביה מיא לדידי נמי קני לי מיא דאיגרך איתמר רבי אושעיא אמר מעכב רב חמא אמר אינו מעכב אזל שייליה לרבי ביסא א"ל מעכב קרי עליה רמי בר חמא (קהלת ד) והחוט המשלש לא במהרה ינתק זה ר' אושעיה בנו של ר' חמא בנו של ר' ביסא:

הדין בשביל שחד: בריש כל מותא אנא דם. ראש לכל המיתות אני הדם שאין אדם מת אלא ע"י רוב דם שלא הקיז בזמן הראוי לו: בריש כל חיין אנא חמר. שהיין מחזק כל גופיו: דדרכיה למימת. כגון גוסס: בריש כל מרעין אנא דם. כל החלאים באדם ע"י הדם הם באים שלא הקיז: בריש כל אסון. כו' פלס שאלו כמדהו וכראוי לו לא יבא לידי חולי: תמן מתבעין סמנין. שם מבקשין סמנים לרפואה במקום שאין יין מצוין הרפואות. נימור. של בוסמין: לדידי נמי קני לי מיא דאיגרך נפסקים בהמותי של מי"[illegible] כן כהרצותי לך ודמי למקח וממכר שאני שעבדתי לך הכי בשביל מימיך ואני אזה הוזר בך אני לא אחזור בי: מעכב. על בעל הגג: אינו מעכב. דלא שעבד לו מימיו אלא כל ימי שיהיו יורדין לתוכו: אזל שיילוהו לרבי ביסא. אביו של רבי חמא וזקנו של רבי אושעיא: לא במהרה ינתק. כדדרשינן נמי מפיך מפי זרעך ומפי זרע זרעך וגו' מדור שלישי ואילך תורה מחזרת לאכסניא שלה: זה רבי אושעיא. שאמר כזקנו:

---

אויף דעם טויער בראש כל מותא אנא דם. איך בלוט ברייננג אלע מענטשין צום שטארבין. בריש כל חייא אנא חמר. איך וויין ברייננג אלע מענטשין צום לעבין. האט רבי בנאה געזאגט וויא אזו אז איינער פאלט אראפ פון אבוידים אונ שטארבט. אדער ער פאלט אראפ פון אבוים אונ שטארבט. וועט מען אויך זאגין אז דיא בלוט האט אים גיהרגת. אדער דער וואס האלט ביי דעם שטארבין ער איז אגוסס וועט מען אים געבין טרינקען וויין. וועט ער לעבין. נאר אזוי דארף מען שרייבין דער הויפט פון אלע קראנקייט איז בלוט. דער הויפט פון אלע מעדיצינען איז וויין. האט מען אזוי געשריבען. דיא יודישע אלטע לייט זאגין דער הויפט פון אלע קראנקייט איז בלוט דער הויפט פון אלע מעדיצינען איז וויין. אויף דעם ארט וואו עס איז ניטא קיין וויין דארט דארף מען מעדיצינען:

ו **אמר**. רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין איינע רינע וואס פון איר גיסט וואסער אין דעם חברס הויף. למשל דער דאך פון ראובנס שטוב גייט אריין אין שמעונס הויף. אונ ביי דעם דאך איז גיוועזן א רינע. אז עס האט גירעגינט אויף דעם דאך איז דורך דיא רינע אריין גינאסען גיוואריין דיא וואסער אין שמעונס הויף. אונ דער בעל הבית פון דאך (ראובן). וויל פר מאכען דיא רינע. קען דער בעל הבית פון הויף (שמעון). אים ניט לאזין פאר מאכען. ווארום שמעון קען זאגין צוא ראובן אזוי וויא דוא האסט גיקויפט מיין הויף דיא וואסער פון דיין דאך זאל אריין גינאסען ווערין אין מיין הויף אזוי האב איך גיקויפט דיא וואסער פון דיין דאך. מיר האבען גילערונט רבי אושעיא זאגט שמעון קען נייטין ראובן ער זאל ניט צוא נעמען דיא רינע רב חמא זאגט שמעון קען ניט נייטין ראובן דיא רינע זאל בלייבען ביי דעם דאך. נאר אז ראובן וויל נעמט ער צוא דיא רינע. איז מען גיגאנגען פרעגין ביי רבי ביסא וויא דער דין איז רבי ביסא איז גיוועזן דער פאטער פון רבי חמא אונ דער זיידע פון רבי אושעיא). האט רבי ביסא גזאגט שמעון קען פאר האלטען דיא רינע ביי דעם דאך (אזוי וויא רבי אושעיא זאגט). האט רמי בר חמא גילייענט אויף רבי אושעיא דעם פסוק אפאדים וואס ער איז גיפלאכטען אין דרייען וועט ער ניט געשווינט איבער גערעסען ווערין. דאס מיינט מען רבי אושעיא דער זוהן פון רבי חמא וואס רבי חמא איז דער זוהן פון רבי ביסא. דריי תלמידי חכמים צוא זאמען וועט דיא תורה ניט אוועק גערעסען ווערין פון דיא. אזוי וויא מיר זעהן רבי אושעיא האט גילערונט אזוי וויא רבי ביסא:

(דף ס) ז משנה לא יפתח אדם לחצר השותפין פתח כנגד פתח וכו'. גמ' מנהני מילי א"ר יוחנן דאמר קרא (במדבר כד) וישא בלעם את עיניו וירא את ישראל שוכן לשבטיו מה ראה ראה שאין פתחי אהליהם מכוונים זה לזה אמר ראוין הללו שתשרה עליהם שכינה:

ט רבי ינאי הוה ליה אילן הנוטה לרה"ר הוה ההוא גברא דהוה ליה נמי אילן הנוטה לרה"ר אתו בני רה"ר הוו קא מעכבי עילויה אתא לקמיה דרבי ינאי א"ל (ע"ב) זיל האידנא ותא למחר בליליא שדר קציה להוא דידיה למחר אתא לקמיה א"ל זיל קוץ א"ל הא מר נמי אית ליה א"ל זיל חזי אי קוץ דידי קוץ דידך אי לא קוץ דידי לא תקיץ את מעיקרא מאי סבר ולבסוף מאי סבר מעיקרא סבר ניחא להו לבני רה"ר דיתבי בטוליה כיון דחזא דקא מעכבי שדר קצייה ולימא ליה זיל קוץ דידך

וירא את ישראל שוכן. ראה כיצד שוכנים לפי ד אמר מה טובו אהליך שאין פתחי אהליהם מכוונין. [דמתני' ישראל כחצר השותפין דמי דלא היו רשות הרבים אלא מחנה לויה כדאמרי' במסכת שבת דף נו] : אמר ראוין הללו. מדכתיב בתריה מה טובו אוהליך קא דייק :

[הוו מעכבי עלויה. בני רה"ר שנוטלין ... לגמל ולרוכבו] : זיל האידנא. שהיה רוצה לקצוץ עצמו תחלה כדלקמן : אי קוץ דידי. אם שלי קצוץ כבר : כיון דחזי דמעכבי. הכין הכביל כנגדו שותקין על כלו : ולימא ליה זיל קוץ וכו'. ואמאי

---

ז משנה. לא. אַמענטש זאל ניט עפענען אין אשיתפותדיגען הויף אַטיר געגען אַטיר. צוויא בעלי בתים וואס יעדער בזונדער וואוהנט אין זיין וואוהנונג. זאל מען ניט עפענען אַטיר געגען אַטיר. איינער זאל ניט זעהן וואס ביא זיין חבר אין שטוב איז. זאגט דיא גמרא פון וואנען וויסען מיר דאס. האט רבי יוחנן גזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק בלעם האט אויף גיהויבען זיינע אויגען אונ ער האט גיזעהן ווי דיא יודין רוהען יעדער שבט בזונדער. וואס פאר אגרויסע זאך האט בלעם גיזעהן אויף דיא יודין. ער האט גיזעהן אז דיא טירען פון זייערע גיצעלטין זענען ניט גלייך איינס געגין דאס אנדערע. האט בלעם גזאגט דיא מענטשין זענען ווערט דיא שכינה זאל רוהען אויף זיא:

ח רבי ינאי האט גיהאט אבוים וואס דיא צווייגין זענען גיוועזן אויס גיבויגען אין גאס אריין. נאך אַמענטש איז גיוועזן אין דער גאס וואס ער האט אויך גיהאט אבוים וואס די צווייגן זענען גיוועזן אויס גיבויגען אין גאס אריין. זענען גיקומען דיא מענטשין פון גאס אונ האבען אים ניט גילאזט האלטען דעם בוים. נאר ער זאל אפ האקין דיא צווייגין. איז דער מענטש גיקומען פאר רבי ינאי פרעגין אויב דער דין איז אז ער זאל אפ האקין דיא צווייגן. האט רבי ינאי צו אים גזאגט גיי איצט אונ קום מארגין. ביי נאכט האט רבי ינאי געשיקט אמענטשין אונ ער הט אפ גיהאקט דיא צווייגען פון זיין בוים. אויף מארגין איז דער מענטש גיקומען פאר רבי ינאי. האט רבי ינאי צו אים גזאגט גיי האק אפ דיא צווייגען פון דיין בוים. האט דער מענטש גזאגט צוא רבי ינאי דער רבי האט דאך אויך אבוים וואס דיא צווייגען זענען אויס געבויגין אין גאס אריין. האט רבי ינאי גזאגט צוא דעם מענטש גיי זעה אויב דיא צווייגען פון מיין בוים זענען אפ גיהאקט. זאלסטו אפ האקין דיא צווייגין פון דיין בוים אויך. אויב דיא צווייגען פון מיין בוים זענען ניט אפ גיהאקט גיווארין. זאלסטו דיינע צווייגען אויך ניט אפ האקין. פרעגט דיא גמרא וואס הט רבי ינאי פריער גימיינט וואס ער האט ניט גיהייסען אפ האקין. אונ וואס האט ער איצט געמיינט וואס ער האט יא גיהייסען אפ האקין. ענפערט דיא גמרא פריער הט רבי ינאי געמיינט אז די מענטשין פון גאס זענען צו פרידען פון דעם אויס געבויגינעם בוים. ווי זיצען אונטער זיין שאטען. ווי רבי ינאי הט גיזעהן אז דיא מענטשין פון שטאט ווילען ניט אבוים וואס די צווייגען זענען אויס גיבויגען אין גאס. ווילען זיי דאך זיין בוים אויך ניט. נאר זייא שעמען זיך אים צוא זאגין ער זאל אפ האקין דיא צווייגען פון זיין בוים. האט ער געשיקט אמענטשין ער זאל אפ האקין די צווייגין פון זיין בוים אויך. פרעגט דיא גמרא פאר וואס האט רבי ינאי ניט גזאגט צו דעם מענטש האק דוא פריער אפ דיינע צווייגן דער נאך וועל איך אפ האקין

מיינע

דידך והדר אקוץ ד־די משום דר"ל דאמר (צפניה ב) התקששו וקושו קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים:

ת"ר משחרב הבית (באחרונה) [בשניה] רבו פרושין בישראל שלא לאכול בשר ולא לשתות יין נטפל להם ר' יהושע אמר להן בני מפני מה אין אתם אוכלים בשר ואין אתם שותים יין אמרו לו נאכל בשר שממנו מקריבין על גבי המזבח ועכשיו בטל ונשתה יין שממנו מנסכים על גבי המזבח ועכשיו בטל אמר להם אם כן לחם לא נאכל שכבר בטלו מנחות. אפשר בפירות. פירות לא נאכל שכבר בטלו בכורים. אפשר בפירות אחרים. מים לא נשתה שכבר בטלו נסוך המים שתקו. אמר להם בני בואו ואומר לכם שלא להתאבל כל עיקר אי אפשר שכבר נגזרה גזרה ולהתאבל יותר מדאי אי אפשר שאין גוזרין גזירה על הצבור אלא אם כן רוב הצבור יכולים לעמוד בה (אמר רב אדא בר אהבה מאי קראה) דכתיב (מלאכי ג) במארה אתם נארים ואותי אתם קובעים הגוי כולו (אי איכא גוי כולו אין אי לא לא) אלא כך אמרו חכמים

אמר ליה זיל הלידנא וכו': התקוששו. הסר קש מבין עיניך תחלה [כמו לקושש קש] כלומר קשוט עצמך:
אפשר בפירות. ויפה אמרת ונפרוש גם מן הלחם: בפירות אחרים. שאין מביאים בכורים אלא משבעת המינים: שכבר נגזרה גזירה חורבן ונתחייבנו להתאבל כדכתיב שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה: במארה אתם נארים. קללתם עליכם בגזירות אשר להביא המעשר אל בית האוצר כדכתיב במלאכי הביאו את כל המעשר אל בית האוצר וגו' ואעפ"כ אותי אתם קובעים גוזלין את המעשר והתרומה כדכתיב בתם ואמרתם במה קבענוך המעשר והתרומה: הגוי כלו. כל הקהל כולו קבלו את הגזרה ומסתמא אם לא היו כולם יכולין לעמוד בה לא היו מקיימים ורובן כולו אלמא לא תגזר

---

מיינע צוויינען. ענטפערט דיא גמרא וויל ריש לקיש האט געזאגט עס שטייט אין פסוק התקוששו וקושו. איז דער טייטש פריער ציר דיך. דער נאך וועסטו צירען אנדערע פ יער וועה דוא זאלסט ניט טאהן עבירות. דער נאך וועסטו שטראפין אנדערע מענטשין זיי זאלין אויך ניט טאהן עבירות:

תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט ווען דער אנדערער בית המקדש איז חרוב געווארין. זענען געווען ביי יודין פיל מענטשין וואס האבען זיך אפ געשיידט זייא זאלין ניט עסין פלייש אונ ניט טרינקען וויין. האט רבי יהושע זיך בהעפט צוא זייא אונ האט זייא געפרעגט מיינע קינדער פאר וואס עסט איר ניט קיין פלייש אונ טרינקט ניט קיין וויין. האבען זייא געזאגט צוא רבי יהושע ווי אזוי זאלין מיר עסין פלייש. פלייש פלעגט מען דאך מקריב זיין אויף דעם מזבח: אונ איצט איז ניטא דער מזבח. וויא אזו זאלין מיר טרינקען וויין. וויין פלעגט מען גיסען אויף דעם מזבח. אונ איצט איז ניטא דער מזבח. האט רבי יהושע צו זייא געזאגט אויב אזוי זאלין מיר ברויט אויך ניט עסין. ווארום פון מעל פלעגט מען מקריב זיין מנחות. אונ איצט איז מען שוין ניט מקריב מנחות. האבן זיי גזאגט צו רבי יהושע דו ביסט גירעכט מען דארף טאקי ניט עסן קיין ברויט. אונ מען קען לעבין מיט פירות. הט רבי יהושע צו זיי גזאגט זאלין מיר פירות אויך ניט עסין. ווארום פון פירות פלעגט מען ברייגגן ב־ורים. אונ איצט ברייגגט מען שוין ניט בכורים. האבען זייא גזאגט מיר וועלין עסין אזעלכע פירות וואס פון זייא ברייגגט מען ניט בכורים. האט רבי יהושע צו זיי גיזאגט זאלין מיר וואסער אויך ניט טרינקען. ווארום מען פלעגט גיסען וואסער אויף דעם מזבח. אונ איצט איז שוין ניטא דער מזבח. האבין זיי געשוויגען. האט רבי יהושע צו זייא גיזאגט מיינע קינדער קומט איך וועל אייך זאגין. מען זאל גאר ניט טרויערין אויף ירושלים קען ניט זיין. ווארום עס איז גיווען א גזרה פון גאט דר בית המקדש זאל חרוב ווערין דורך אונזערע זינד דארף מען טרויערין אויף דעם. צו פיל טרויערין קען מען אויך ניט. ווארום מען איז ניט גוזר א גזרה אויף אוועלט מענטשין ביידין דאס מערסטע מענטשין קענען מקיים זיין דיא גזרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זענט גיפ־וכט גיווארין מיט אפרוכונג אז איר זאלט געבין מעשר. אונ איר גזלת מיך. איר ברייגגט ניט דעם מעשר. די גאנצע פאלק אלע יודין האבין אויף זיך גינומען דיא גזרה זיי זאלין געבין דעם מעשר. זעהן מיר אויב די גאנצע פאלק קענען מקיים זיין

דיא

חכמים סד אדם את ביתו בסיד ומשייר ביה דבר מועט וכמה א"ר יוסף אמה על אמה א"ר חסדא וכנגד הפתח . עושה אדם כל צרכי סעודה ומשייר בה דבר מועט מאי היא א"ר פפא כסא דהרסנא ועושה אשה כל תכשיטיה ומשיירה דבר מועט מאי האי א"ר פפא בת צידעא שנאמר (תהלים קלז) אם אשכחך ירושלים וגו' תדבק לשוני לחכי וגו' מאי על ראש שמחתי א"ר יצחק זה אפר מקלה שבראש חתנים א"ל רב פפא לאביי היכא מנח לה א"ל במקום תפילין שנא' (ישעיה ס) לשים לאבלי ציון לתת להם פאר תחת אפר . וכל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה שנאמר (שם סו) שמחו את ירושלים וגו' שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה . תנא אמר רבי ישמעאל בן אלישע מיום שחרב בהמ"ק דין הוא שנגזור על עצמנו שלא נאכל בשר ולא נשתה יין אלא שאין גוזרין גזרה על הצבור אלא אם כן רוב הצבור יכולים לעמוד בה ומיום שפשטה מלכות שגוזרת עלינו גזירות קשות ומבטלת ממנו תורה ומצות ואין מנחת אותנו ליכנס לשבוע

הבן

פירוש

גז : הגה הב כן רוהס יפוניס : עמיד נה : אלא כך אמרו חכמים . כו' ומסקנא דמלתא דרבי יהושע כוא : ככא דכרסנא . קערה של מאכל דגים מטוגנים בבמק בסלת : בת לידעא . טיפלא"א שגילות בשמים לסוד שבכ כדי להשיר את השער : אם אשכחך . אלולהו קאי : אפר מקלה . אפר כירה בשרופה כאש קרוי כן ומשום דהיכא נמי אפר פרכ הוזכך לפרש כן : פאר תחת אפר . מכלל ששו רגילין ליתן אפר במקום פאר דהיינו תפילין כדכתיב פארך חבוש עליך : לשבוע הבן . מילה

דיא גזרה . איז מען אויף זיי גוזר . אונ אויב די גאנצע פאלק וועלין ניט קענען מקיים זיין דיא גזרה נאר אביסול מענטשין וועלין קענען מקיים זיין דיא גזרה . איז מען ניט גוזר אויף זיי די גזרה . אונ דאס מערסטע פאלק איז גלייך וויא דיא גאנצע פאלק . אויב דאס מערסטע פאלק קענען ניט מקיים זיין דיא גזרה איז מען ניט גוזר . נאר אזוי האבען דיא חכמים גזאגט אז א מענטש קאלכט אויס זיין שטוב מיט קאלך . זאל ער א שטיקול לאזין ניט געקאליכט ; ווי פיל זאל זיין דיא שטיקול . האט רב יוסף גזאגט א איל דיא לייגג אויף א איל דיא ברייט . רב חסדא זאגט דאס זאל זיין געגין דיא טיר . א מענטש מעג אן גרייטן אלע ערליי עסינווארג אויף א סעודה . א קלייניקייט זאל ער פאר פעלין . וואס זאל זיין דיא קליינקייט . רב פפא זאגט פיש גיפרעגילט מיט מעל אונ מיט זייער פעטס . אז ער לאזט דאס איבער . איז אויך גענוג . א אשה מעג אן קליידען איר אלע צירונג נאר א קלייניקייט זאל זיא איבער לאזין . וואס איז דאס קליינעקייט . רב פפא זאגט בת צידעא . דיא האר וואס ביי דיא שלייפין זאל זיא ניט אראפ נעמען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויב איך וועל דיך פאר געסין ירושלים . זעהן מיר אז מען טאר ניט פר געסין אן ירושלים . אין פסוק שטייט איך וועל אויף ברייגגען ירושלים אויף מיין הויפט שמחה . רבי יצחק זאגט דאס מיינט מען דיא אש וואס מען לייגט ארויף אויף דיא קעפ פון דיא חתנים : רב פפא האט גזאגט צוא אביי אויף וועלכין ארט אויף דעם קאפ לייגט מען דיא אש . האט אביי גזאגט אויף דעם ארט וואו דיא תפלין ליגען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מען זאל טאהן צו די וואס טרויערין אויף ציון מען זאל געבין דאס שיינקייט ודיא תפלין אויף דעם ארט וואו דיא אש איז גילעגין . זעהן מיר אז דיא אש ליגט אויף דעם ארט פון די תפלין . אונ דער וואס טרויערט אויף ירושלים וועט ער זוכה זיין צוא זעהן איר שמחה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט אייך פרייען מיט ירושלים . איר זאלט אייך פרייען מיט ירושלים אלע וואס האבן גיטרויערט אויף איר . מיר האבען גילערנט רבי ישמעאל בן אלישע האט גזאגט פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין וואלט גיוועז דער דין מיר זאלין גוזר זיין אויף אונז מיר זאלין ניט עסין פלייש אונ מיר זאלין ניט טרינקען וויין ; נאר מען טאר ניט גוזר זיין א גזרה אויף יודין סידין דאס מערסטע יודין וועלין קענען בשטיין ביי דיא גזרה . אונ ביי דיא גזרה מען זאל ניט עסין פלייש אונ ניט טרינקען וויין וועלין ניט קענען בשטיין דאס מערסטע יודין . דריבער האט מען ניט גוזר גיוועזן . אונ פון דעם טאג וואס דיא מלוכה פון אדום האט זיך פאר שפרייט אויף אונז וואס זיא איז גוזר אויף אונז שווערע גזרות . אונ זיא לאזט אונז ניט לערנען תורה .

און

הבן ואמרי לה לישוע הבן דין שנגזור על עצמנו שלא לישא אשה ולהוליד בנים ונמצא זרעו של אברהם אבינו כלה מאליו אלא הנח להם לישראל מוטב שיהיו שוגגין אל יהיו מזידין:

# המוכר את הבית פרק רביעי

(דף סח ע"ב) א [משנה] המוכר את השדה מכר את האבנים שהן לצורכה כו' ולא את חרוב המורכב ולא סדן השקמה וכו': (דף סט ע"ב) [גמ'] מה"מ אמר רב יהודה אמר רב דאמר קרא (בראשית כג) ויקם שדה עפרון אשר במכפלה וגו' מי

שהוא לסוף שבוע: ונמצא זרעו של אברהם אבינו כלה מאליו. בענין טוב ולא על ידי נכרים ומצות לא יבטלו עוד: אלא הנח להם לישראל מוטב שיהיו שוגגין. כמה שלוקחים נשים שאינם סבו. יש שיש איסור בדבר: ואל יהו מזידין. דגשו' דלא יכלו לעמוד בה יבטלוהו ונמצאו מזידין הלכך לא גזרינן: מה"מ. דחרוב המורכב וסדן השקמה אין נמכרין בכלל שדה וכיון דמשבחינן דאינן בכלל שדה ממילא ידעינן דאפי' אם אמר כל מה שבתוכה אין נמכרין כדקתני מתניתין בין כך ובין כך לא מכר כו דכל מה שבתוכה לא מהני אלא טפויי תשמישי דשדה וכו': דכתיב ויקם שדה עפרון וגו'. עפרון מכר לו השדה לאברהם בסתמא כדכתיב נתתי כנף השדה וגו' וקא מהדר ליה עפרון ארץ ד' מאות וגו' ואפ"ה קנה אברהם כל האילנות כדכתיב ויקם שדה עפרון וגו' וכל העץ אשר בכל גבולו סביב על ידי קניית השדה כתם קנה גם את כל האילנות [והאי אשר בכל גבולו קרא יתירא הוא דמצי למיכתב וכל העץ אשר בשדה דהיינו מתוך גבולי השדה ולמיהרם אתי מי שצריך לגבול אותן אילנות קנה שצריכין להיות להו גבול סביב שלא יערער אדם עליהם לומר בתוך שלי נטועים ושלי הם דהיינו כגון אילנות דקים שאין להם שם והדבר שכות מי נטעם לפיכך צריך לעשות להם גבול סביב אבל כל חרוב המורכב וסדן השקמה גדולים והשובים ומוכח מילתייהו וידוע של מי הן ובקרקע מי הן נטועים ואי נר בין

---

אונ זיא האט אונז ניט היטען מצות אונ זיא לאזט אונז ניט אריין גיין צוא אברית מילה אנדערע זאגין זיא לאזט אונז ניט אריין גיין צו אפדיון אבן. וואלט גידארפט זיין מיר זאלין גוזר זיין אויף אונז מיר זאלין ניט נעמען ווייבער אונ מיר זאלין ניט גיבארין קינדער. וועלין דיא קינדער פון אברהם אבינו פר לענדט ווערין פון זיך אליין. ניישט דורך גוישע הענט. נאר מען דארף לאזין די יודין זאלין זייא טאהן וויא זייא טוהען. בעסער זאלין זייא טאהן עבירות אומגעריין זייא נעמען ווייבער אונ ווייסען ניט אז עס איז אסור). אבער אז מען וועט אויף זייא גוזר זיין זייא זאלין ניט נעמען ווייבער. וועלין דאך שוין אלע וויסען אז מען טאר ניט נעמען ווייבער. אונ זייא וועלין יא נעמען. וועלין זייא דאך טאהן א עבירה (במזיד) גערין. איז דאך דיא עבירה גרעסער:

# פרק רביעי

א משנה. המוכר. אז איינער האט פאר קויפט א פעלד האט ער פאר קויפט דיא שטיינער וואס מען דארף צוא דיא פעלד. אבער חרוב המורכב אאלטער באקסין בוים וואס ער איז אריין גיזעצט גיווארין אין איין אנדער ווארציל. איז ער ניט פאר קויפט. אונ סדן השקמה אאלטער פייגין בוים איז אויך ניט פאר קויפט. זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז דיא צוויי בוימער זענען ניט פאר קויפט מיט דיא פעלד: האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא פעלד פון עפרון וואס אין איר איז דא דער געטאפילטער קעלער. דאס איז געבליבען צוא א פאר קויפונג צוא אברהם. אונ אלע בוימער וואס אין דעם גרענעץ וואס ארום. גיהער אויך צוא אברהם. זעהן מיר אפילו אברהם האט ניט מער גזאגט נאר ער קויפט דיא פעלד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אברהם הט גזאגט איך האב גיגעבין דיא געלט פון דער פעלד. אונ עפרון האט אויך גזאגט א פעלד וואס איז ווערט פיר הונדערט מאטער. אונ פון בוימער האבען זייא ביידע גאר ניט גישמועסט פון דעם. וועגין זענען דיא בוימער אויך פאר קויפט גיווארין צוא אברהם. נאר צוא וואס שטייט אין פסוק די בוימער וואס אין גרענעץ וואס ארום גיהערין צו אברהם. צוא וואס איז דער מאנט דער ווארט גרענעץ. זאל שטיין אלע בוימער וואס אין דער פעלד גיהערין צו אברהם נאר דער פסוק דער ציילט אז ניט אלע בוימער גיהערין צו אברהם. דיא בוימער וואס דארפין ארום א גרענעץ. מע זאל וויסען וועמעס זייא זענען. אונ אויף וועמעס ערד זייא זענען גיפלאנצט גיווארין. דיא גיהערין צוא אברהם.

אבער

מי שצריך לגבול סביב יצאו אלו שאין צריכין לגבול סביב אמר רב משרשיא מכאן למצרים מן התורה :

## המוכר את הספינה פרק חמישי

(דף עג) **א מתני'** המוכר את הספינה מכר את התורן ואת הנס ואת העוגין ואת כל המנהיגין אותה וכו' : **גמ'** תורן איסקריא וכן הוא אומר (יחזקאל כז) ארז מלבנון לקחו לעשות תורן עליך . נס אדרא וכה"א (שם) שש ברקמה ממצרים היה מפרשך להיות לך לנס . עוגין תני רבי חייא אלו עוגנין שלה וכה"א (רות א) הלהן תשברנה עד אשר יגדלו הלהן תעגנה לבלתי היות לאיש . מנהיגין א"ר אבא [אלו] המשוטין שלה וכה"א (יחזקאל כז) אלונים מבשן עשו משוטיך ואבע"א מהכא (שם) וירדו מאניותיהם כל תופשי משוט :

אמר

צריכין גבול הילכך אין בכלל השדה סביב : מכאן למצרים מן התורה . שהקונה את השדה קנה את המצרים עמהן וכל האילנות הנטועים בו. יאר דמצרים בכלל שדה דהכי משמע סביב כל האילנות הנטועין בקרקע המוכר שהוא סביב השדה קנה אברהם] :

המוכר את הספינה . התם : תורן ונס ועוגין וכל המנהיגין . בגמרא מפרש : איסקריא . מפרש שפורשין עליו את הוילון כראש הספינה : ובה"א ארז מלבנון גו' . ראיה לדבר דתורן דמתני' היינו אסקריא שה איסקריא מארז או מאילן גבוה עושין אותה : אדרא . הוא הוילון שפורסין על התורן להוליך את הספינה ברוח . ווילו"ן בלע"ז : ובה"א . דהיינו אדרא . מעשוי משפשים וקנבוס מין בגד : עוגנין אנקורא"ש של ברזל ומשליכין במים להעמיד הספינה במקום אחד : ובה"א דעיגון דמתני' לשון עיכוב הוא כדכתיב הלהן תעגנה כמו תעשנה התעכבו מלהנשא לבעל אלמא עוגין דמתני' היינו עוגנין : משוטות . מקורין רימ"א שמשוטטין בהן את הספינה : ובה"א אלונים מבשן עשו משוטיך . בספינה מיירי ביחזקאל וקחשיב תמיש הספינה וכליה ומדקחשיב המשוטות ש"מ דעיקר תשמישי הספינה הן ונמכרין בכלל הספינה והילכך נמכרין דכל המנהיגין דמתני' אתא לרבויינהו : כל תופשי משוט . אלמא עיקר הספינה ע"י תופשי משוטות דסד"א חבלים המושכין את הספינה ליהוי עיקר מנהיגין אבל משוטות לא מהדרי קמ"ל :

תנו

---

אָבֶער דֶער תְּרוּב הַמּוּרְכָּב אוּנ סַבַּן הַשִּׁקְמָה וָואס אָן דֶעם גְרֶענִעץ וָואס אַרוּם וַויים מֶען אוֹיךְ וָועמֶעס בּוֹימֶער זַייא זֶענֶען אוּנ אוֹיף וָועמֶעס עֶרְד זַייא זֶענֶען גִיפְלַאנְצְט גִיוָוארִין . וַוייל זַיי הָאבֶּען אַנֹאמְעֶן אִין שְׁטָאט . דִיא בּוֹימֶער גִיהֶערִין נִיט צוּא אַבְרָהָם . נָאר צוּא עֶפְרוֹן . רַב מְשַׁרְשְׁיָא הָט גִזָאגְט פוּן דַאנֶען וַוייסֶען מִיר אַז דִיא תּוֹרָה פַּסְקַת אַז אַיינֶער קוֹיפְט אַפֶעלְד . גִיהֶער דֶער גְרֶענֶעץ וָואס אַרוּם פֶעלְד אוֹיךְ צוּא דִיא פֶעלְד . אוּנ אוֹיבּ אוֹיף דֶעם גְרֶענֶעץ אַרוּם זֶענֶען גִיפְלַאנְצְט בּוֹימֶער . גִיהֶערִין דִיא בּוֹימֶער אוֹיךְ צוּא דֶעם וָואס הָאט גִיקוֹיפְט דִיא פֶעלְד . אַזוֹ וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְכָל הָעֵץ אֲשֶׁר בְּכָל גְּבוּלוֹ . אַלֶע בּוֹימֶער וָואס וַואקְסֶען אוֹיף דִיא אַלֶע פִיר גְרֶענֶעצֶען . סָבִיב . וָואס דִיא גְרֶענֶעצִין זֶענֶען אַרוּם דִיא פֶעלְד . דָאס אִיז אַלְץ גֶעבְּלִיבֶּען צוּא אַבְרָהָם

## פרק חמישי

**א** הַמּוֹכֵר . אַז עֶר הָאט פַאר קוֹיפְט אַשִׁיף הָאט עֶר פַאר קוֹיפְט דֶעם תּוֹרֶן אוּנ דֶעם נֵס אוּנ דֶעם עוֹגִין אוּנ דִיא מַנְהִיגִין . זָאגְט דִיא גְּמָרָא תּוֹרֶן אִיז אִיסְקַרְיָא . דֶער מַאסְט . אוּנ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַטֶענֶען בּוֹים פוּן וַואלְד הָאבֶּען זַייא גִנוּמֶען צוּא מַאכֶען אַתּוֹרֶן . נֵס אִיז אַפְלַאכְטֶע וָואס אִיז פַאר שְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶעם מַאסְט . אוּנ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גִיוֶועבְּטֶע לַיינְוָואנְד פוּן מִצְרַיִם אִיז גִיוֶועֶן דַיין פַאר שְׁפְּרֵייטוּנְג עֶס זָאל זַיין אַנֵס . עוֹגִין . הָאט רַבִּי חִיָּיא גִילֶערְנְט אִיז דֶער טַייטְשׁ פַאר בִּינְדוּנְג . וָואס עֶס פַאר בִּינְדְט דִיא שִׁיף וִיא זָאל בְּלַייבֶּען שְׁטֵיין אוֹיף אִיר אָרְט ; דָס אִיז דֶער אַנְקֶער . אוּנ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק נָעֳמִי הָאט גִזָאגְט צוּא רוּת אוּנ צוּא עָרְפָּה אוֹיבּ צוּא זַייא וֶועט אִיר הָאפֶען בִּיז זַייא וֶוע̇ן גְרוֹיס וֶוערִין . הֲלָהֵן תֵּעָגֵנָה . אוֹיבּ דוּרְךְ זַייא וֶועט אִיר זַיין פַאר בּוּנְדֶען אִיר זָאלְט נִיט זַיין צוּא אַמַאן . אִיז תֵּעָגֵנָה אִיז דֶער טַייטְשׁ פַאר בּוּנְדֶען . מַנְהִיגִין . הָאט רַבִּי אַבָּא גִזָאגְט דָאס זֶענֶען דִיא וָויאסְלֶעס וָואס מֶען שְׁטוּפְּט מִיט זַייא אִין דִיא וַואסֶער . אוּנ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֶען הָאט גִינוּמֶען בּוֹימֶער פוּן בָּשָׁן אוּנ מֶען הָאט פוּן זַייא גִימַאכְט מַשּׁוֹטִין . וָויאסְלֶעס . אוּנ אוֹיבּ דוּא וִוילְסְט וֶועל אִיךְ דִיר זָאגִין פוּן דֶעם פָּסוּק זַיי הָאבֶּען גֶענִידֶערְט פוּן זֵייעֶרֶע שִׁיפֶען דִיא אַלֶע מֶענְטְשִׁין וָואס הַאלְטֶען דֶעם מַשּׁוֹט . דִי וָויאסְלֶעס ;

אמר

**ב אמר** רבה אשתעו לי נחותי ימא האי גלא דמטבע לספינתא מתחזי כי צוציתא דנורא חיורתי ברישא ומחינן לה באלוותא דחקיק עלה אהי"ה אשר אהי"ה י"ה ה' צבאות אמן אמן סלה ונייח :

**ג אמר** רבה(בב"ח)אשתעו לי נחותי ימא בין גלא לגלא תלת מאה פרסי ורומא דגלא תלת מאה פרסי זמנא חדא הוה אזלינן באורחא ודלינן גלא עד דחזינן בי מרבעתא דכוכבא זוטא דהויא כמבזר ארבעין גריוי ביזרא דחרדלא ואי דלינן טפי הוה מיקלינן מהבלא ורמיא לה גלא קלא לחברתה (ואמרה לה) חברתי מי שבקת מידי בעלמא דלא שטפתיה וניתי אנא ונחרביה אמר לה פוק חזי גבורתיה דמריך דאפילו כמלא חוטא דחלא לית דעבר שנאמר (ירמיה ה) האותי לא תיראו נאם ה' אם מפני לא תחילו אשר שמתי חול גבול לים חק עולם ולא יעברנהו :

**ד אמר** רבה (בר בר חנה) לדידי חזי לי הורמין בר ליליתא

אמר רבה וכו'. כל הני עובדי דקא חשיב משום מה רבו מעשיך ה' וגם להודיע מתן שכרן של צדיקים לעתיד לבא או לפרש מקראות האמורים בספר איוב במדברים בתוספות גדולות ובהמות ודגים גדולים שכל שיטת ש"ס צריכה תלמוד : דמטבע. שרוצה לטבוע : אית ניה ברישא. בהולך לפניה : צוציתא דנורא חיורתי. אש לבנה ומלאך מזיק הוא : אלוותא. מקלות כמו לא בהלה ולא בזוגה בשבת : אמן אמן סלה. גרסינן : ונייח. מזעפו : בין גלא לגלא כו'. משום דאמרינן בסמוך ורמא גלא קלא לחבריה איצטריך לאשמעינן דמשלש מאות פרסה שמע קולו של חבירו : דליק גלא. יותר משיעור גובה הגליהם למעלה עד לרקיע א"נ הגלא דרקיע נפיש עד מהלך קרוב לת"ק שנה שיש מן הרקיע לארץ : מרבעתיה. רביצה (ס"א שכבו) : דכוכבא זוטא. כוכב קטן שבקטנים : ביזרא. בית זרע מ' כור של חרדל דהיינו מכל בזר זרעים: מקלין מהבליה. נשרפים מחום הכוכב : ורמא ליה גלא. נתן קולו כלומר צעק כדוגמת הסוס אל הסוס קורא לקול וגו' ושמא שהמלאכים הממונים עליהם הם : שבקת מידי בעלמא וכו'. מפני שהגביה כ"כ היה סובר שיצא חוץ לשפת הים ושטף את העולם : ונחרביה. מפני עון הדור : א"ל. גלא לחבריה : פוק חזי גבורתא דמריך וכו'. כלומר אין לי רשות לצאת : כמלא חוטא דחלא. כמלא רוחב החוט איני יכול לצאת חוץ מן החול: כלומר כהוצי לא גירנו. כמודה קאמר לה :

הורמין. בס"ן גרסינן משמועה אבא מרי ולכו במשמעי הורמיז בזי"ן וכך הוא כדאמרינן בסנהדרין מכלנך

---

**ב** אמר. רבה האט געזאגט דיא מענטשין וואס פארען מיט שיפען אויף דעם ים האבען מיר דער צײלט. דער וואל וואס וויל דער טרײנקען אשיף. ווערט פריער געזעהן אשטיק פײער צווייסער וואס עד גייט פאר אוים פאר דעם וואל ודאס איז דער מלאך וואס וויל דער טרײנקען די שיף. אונ מען שלאגט אויף דעם פײער מיט שטעקינס וואס אויף זייא איז געקריצט די ווערטער אהיה אשר אהיה יה ה' צבאות אמן אמן סלה. ווערט דער ים רוהיג (אונ דער פײער מיט דעם וואל פארען אריין צוריק אין וואסער) :

**ג** אמר. רבה האט געזאגט די מענטשין וואס פארין מיט שיפען אויף דעם ים האבען מיר דער צײלט. פון איין וואל צום אנדערין וואל איז ווייט דריי הונדערט מייל. אונ דיא הייך פון וואל איז אויך דריי הונדערט מייל : אמאהל זענען מיר גיגאנגען אין וועג (מיט אשיף אויף דעם ים). האט אונז אוואל אויף גיהויבען אזוי הויך ביז נאנט צום הימעל. ביז מיר האבען גיזעהן דעם ארט וואו דער קלענסטער שטערין זיצט אין הימעל. דער ארט איז אזוי גרויס ווי אשטיק פלאץ וואס מען קען אויף אים פאר זייען פערציג מאס וכור. אכור איז דרייסיג סאה, אסאה פר נעמט פלאץ פופציג איילין דיא לייגג אויף פופציג איילין דיא ברייט) קערנער פון חרדל ווענעפט. גארציצט. ווען דער וואל וואלט אונז העכער אויף גיהויבען. וואלטין מיר פאר ברענט גיווארין פון דיא היץ פון דעם שטערין. אונ מיר האבען גיהערט וויא איין וואל האט געשריגען צום אנדערין וואל. אונ האט געזאגט צוא איר. מיין חברתה האסטו עפעס גילאזין אויף דער וועלט וואס דוא האסט ניט פאר פליצט. וועל איך גיין דאס פאר פליצין. האט דער אנדערער וואל געזאגט צו איר גיי זעה דיא שטארקייט פון דיין האר. איך טאר ניט ארויף גיין אויף דעם זאמד וואס ארום ים אפילו איין פאדים ברייט אויך ניט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט פאר מיר ווערט איר ניט מורא האבען. פאר מיר ווערט איר ניט ציטערין. ווס איך האב גיטאהן דיא זאמד אגרענעצן ארום ים. דאס איז אגיזעץ אויף אייביג אז דער ים זאל ניט אריבער דעם זאמד :

**ד** אמר. רבה האט געזאגט איך האב געזעהן דעם שד הורמיז בר ליליתא. ער איז גילאפען אייף

ליליתא דהוה קא רהיט אקופי דשורא דמחוזא ורהיט פרשא כי רכיב סוסיא מתתאי ולא יכיל ליה זמנא הדא הוה מסרגן ליה תרתי (חיותא) [כודנייתא] וקיימין (ע"ב) אתרי גשרי דרוגנג ושוור מהאי להאי ומהאי להאי ונקיט תרי כסי דחמרא בידיה ומוריק מהאי להאי ומהאי להאי ולא נטפא מינייהו נטפא לארעא ואותו היום (תהלים קז) יעלו שמים ירדו תהומות הוה ושמעת מלכותא וקטליה:

ה אמר רבה (בר בר חנה) לדידי חזי לי אורזילא בר יומיה דהוה כהר תבור והר תבור כמה הוי (ארבעין) [ארבע] פרסי ובי משכא דצואריה תלתא פרסי ובי מרבעתא דרישיה פרסה ופלגא רמה כופתא וסכריה לירדנא:

ו ואמר רבה בר בר חנה לדידי חזי לי ההיא אקרוקתא דהוה כי אקרא דהגרוניא ואקרא דהגרוניא

מפלגן להתאי דהורמיז: אקופי דשורא. על שפת החומה וכאן עובדא להודיע לדקותיו של הקב"ה שמרחם על בריותיו ואינו נותן רשות לאלו להזיק וגם שלא נאמר בדרך יחידי: ורהיט פרשא. לפי האמו: ולא יכיל ליה. שהיה השד רץ ביותר ומיהו הפרש לא היה מתכוין לכך: מסרגן. שהיה אוכף וסרגא נתונין על הפרדות: אתרי גישרי דרוגנג. שאותו נהר והיו רחוקים זה מזה והשד מדלג מפרדה זו לפרדה זו: תרי כסי דחמרא. שניהם מלאים יין והוה מוריק תרוייהו ביחד זה בתוך זה בכדי דקא מהוה ואין נשפך אפי' טפה אחת ואע"פ שבה היום רוח סערה שהיו עולים יורדי הים באניות עד לב השמים ויורדים עד תהומות מכח הרוח ואעפ"כ לא נפלה טפה לארץ: יעלו שמים וגו'. פסוק הוא גבי יורדי הים בתהלים: שמעו בי מלכא וקטלו ליה. מלכא דשידי שאין דרכו של שד לכאות לבני אדם והרגוהו נמפי שהיה מגלה סודם: ואית דאמרי בי מלכא קיסר שהיה ירא שלא יטול מלכותו שהיה אותו שד מאדם שבא על שידה והיה דר בין האנשים:

אורזילא בר יומא. ראם בן יום אחר דאותו היום נולד: כהר תבור. בן היה גדול: בי מרבעתא דרישיה. מקום האהה רואשו כשרובץ על הקרקע: רמא כופתא. הטיל רעי: סכריה. כרעי לירדנא לפי שעה עד שנתמסמסו המים מעט מעט:

אקרוקתא. צפרדע: כאקרא דהגרוניא. גדול היה כאותה כרך: ואקרא דהגרוניא כמה הוי

---

אויף דיא שפיצען מאהעריץ פון מחוזא. אונ אונטען אויף דיא ערד איז גילאפען אריטער וואס האט גערייטען אויף אפערד. אונ ער האט ניט גיקענט לופען אויף דיא ערד אזו געשווינד וויא דער שד איז גילאפען אויף דיא העכער. אמאהל האט דער שד גזאטילט צוויא אייזלען. אונ די צווי אייזלען זענען גישטאנגען אויף דיא צוויי בריקען פון טייך רוגנג. איין אייזל איז גישטאנגען אויף דעם בריק. אונ דער אנדערער אייזיל איז גישטאנגען אויף דעם אנדערין בריק. אונ פון איין בריק צום אנדערין בריק איז גיוועזן ווייט. אונ דער שד איז גישפרונגען פון דעם אייזיל אויף דעם אייזיל. אונ צוריק פון אנדערין אייזיל אויף דעם אייזיל. אונ ער האט גיהאלטען צווי פולע גלעזער וויין אין דיא הענט. איין גלאז ווין אין דיא האנט אונ איין גלאז ווין אין דיא אנדערע האנט. אונ ווען ער איז גישפרונגען פון איין אייזיל אויף דעם אנדערין הט ער שפרינגענדיג גיגאסען פון דער גלאז אין דער גלאז. אונ צוריק פון דער גלאז אין דער גלאז. אונ עס איז ניט אראפ גיפאלען איין טראפען אויף דיא ערד. אונ אין דעם טאג איז גיוועזן אזו אשטורעם ווינט אז דיא שיפען וואס זענען גיפארען אויף דעם ים האבען זייא דיא וואלען אויף געהויבין ביז צום הימעל. אונ אראפ גענידערט ביז צום אבגרונד. פון דעסטוועגין איז ער געשפרונגען מיט דיא גלעזער וויין אונ איין טראפין איז ניט אראפ גיפאלען אויף דיא ערד. אונ דער מלך פון דיא שדים הט גיהערט וואס דער שד הט גיטאן. הט ער אים גיהרגת. ווייל ער הט ניט גידארפט ווייזן פר מענטשין דיא קונצען וואס די שדים קענען:

ה אמר. רבה האט גזאגט איך האב גיזעהן אליין מיר אזוי אחיהו דעם טאג וואס ער איז גיבארין גיווארין. איז ער גיוועזן גרויס וויא דער בארג תבור. אונ דער בארג תבור איז גרויס פיר מייל. אונ דיא לייניג פון זיין האלדז איז גיוועזן דרייא מייל. אונ דער ארט ווא זיין קאפ איז גילעגין אויף דער ערד איז גיוועזן גרויס אמייל מיט אהאלבע מייל. אונ דיא צואה וואס פון אים איז ארויס גיגאנגען מיט איין מאהל. האט דאס פאר שטאפט דעם ירדן ביז עס איז ביסלאכווייז צוא גאנגען אין דעם וואסר:

ו ואמר. נאך האט רבה בר בר חנה גיזאגט איך האב גיזעהן אזאבע איז זיא גוועזן גרויס וויא דיא שטאט אקרא דהגרוניא. אונ אין דיא שטאט אקרא דהגרוניא איז גיוועזן זעכציג הייזער

דהגרוניא כמה הוה שיתין בתי אתא תנינא בלעה אתא פושקנצא ובלע להנינא וסליק יתיב באילנא תא חזי כמה נפיש חיליה דאילנא אמר רב פפא בר שמואל אי לאו דהואי התם לא הימני :

ז ואמר רבה בר בר חנה זמנא חדא הוה אזלינא בספינתא וחזינא ההוא כוורא דיתבא ליה אכלא טינא באוסיה ואידחוהו מיא ושדיוהו לגודא וחרוב מיניה שיתין מחוזי ואכלו מיניה שיתין מחוזי ומלחו מיניה שיתין מחוזי ומלאו מחד גלגלא דעיניה תלת מאה גרבי משחא וכי הדרן לבתר תריסר ירחי שתא חזינן דהוה קא מנסרי מגרמיה כטללתא ויתבי למבנינהו הנך מחוזי :

ח ואמר רבה בר בר חנה זמנא חדא הוה קאזלינן בספינתא וחזינן ההוא כוורא דיתבא ליה חלהא אגביה וקדחא אגמא עילויה סברינן יבשתא היא ומלקינן ואפינן ובשלינן אגביה וכד חם גביה אתהפיך ואי לאו דהוה מקרבא ספינתא הוה טבעינן :

ואמר

שיתין כוי. תלמודא קא"ל : אתא תנינא. רבנ קא"ל : פושקנצא. עורב נקבה : באילנא. על ענף אחד כדרך העופות : לא הימני. לא האמנתי : כוורא. דג : אכלא טינא. טיט קטן : באוסיה. בנחיריו של דג נכנס השרץ וצ"ל דהיינו כלבית כדאמרינן במסכת שבת ה' אימות הן אימת חלש על גבור אימת כלבית על לויתן : ואידחוהו מיא. והשליכוהו ליבשה כדרך ים שאינו סובל דבר מת : וחרוב מיניה שיתין מחוזי. כשהשליכוהו המים על שפת הים כרכים ועיירות הרבה שהיה גדול כל כך : ואכלו מיניה שיתין מחוזי. בעודה לח : ומלחו מיניה שיתין מחוזי. אחרים שהיו רחוקין משם תלתו מיניה והביאוהו למקומן : מחד גלגלא דעיניה. מגלגל עיניו לקחו שמן שלש מאה גרבי : לשנה. לשנה אחרת : הוו מנסרי. לבנות מעצמות הדג אותן מחוזי שנפיל : דיתבא חלהא אגביה. שהיה חול נקבץ על גבו : וקדחא. עשבים על החול : וסברינן יבשתא היא. אפי סוס

---

איז דיא זאבע גיוועז גרויס וויא זעכציג הייזער . איז גיקומען אשלאנג אונ האט איין גישלונגען דיא זאבע . איז גיקומען אקראה אונ האט איין גישלונגען דעם שלאנג . אונ איז ארויף געפלויגן אויף אבוים אונ האט זיך גיזעצט אויף אצווייג . קען מען זעהן וואס פאר אשטארקע צווייג דאס איז גיוועזן אז אויף אידם האט גיקענט זיצען אזוי אגרויסע קראה . רב פפא בר שמואל האט גיזאגט ווען איך וואלט אליין נית גיוועזן דארטין אונ וואלט אליין נית גיזעהן . וואלט איך דאס נית גיגלויבט :

ז ואמר . נאך האט רבה בר בר חנה גיזאגט אמאהל בין איך גיפארין אין אשיף אויף דעם ים . האב איך גיזעהן אפיש וואס אקליינער שרץ איז אריין גיגאנגען אין זיינע נאז לעכער . אונ פון דעם שרץ איז דער פיש גיפייגערט . האט דיא וואסער ארויס געשטויסין דעם פיש אונ די וואלען האבין אים אנווארף גיטאהן אויף דעם ברעג וואסער איז ער גיפאלין אויף זעכציג שטעט אונ דיא אלע הייזער פון דיא זעכציג שטעט זענען צוא בראכין גיווארין . אונ יעדער שטאט איז גיוועזן גרויס וויא דיא שטאט מחוזא . אונ די מענטשין פון די זעכציג שטעט האבין אלע גיגעסין פון דעם פיש . אונ נאך מענטשין פון נאך זעכציג שטעט אנדערע וואס יעדער שטאט איז גיוועזן גרויס וויא דיא שטאט מחוזא . האט יעדער גינומען פון דעם פיש וויא פיל ער האט גיקענט נעמען אונ האט גיטראגין אהיים אונ האט דאס איין גיזאלצין . אונ פון איין אויג פון דעם פיש האט מען ארויס גינומען דרייא הונדערט פעסער אייל פיש טראן . אין צוועליף חדשים ארום זענען מיר נאך אמאהל גיקומען אויף דעם ארט . האבין מיר גיזעהן וויא מען זעגט דיא ביינער פון דעם פיש אונ מען מאכט פון זייא ברעטער אויף צו באהען דיא הייזער פון דיא שטעט וואס זענען צו בראכין גיווארין :

ח ואמר : נאך האט רבה בר בר חנה גיזאגט אמאהל זענען מיר גפארין אין אשיף אויף דעם ים . האבין מיר גיזעהן אפיש וואס אויף אידם איז גיוועזן זאמד . אונ אויף דיא זאמד איז אויף גיוואקסין גראז . האבין מיר גימיינט דאס איז אטרוקענער אינזעל אויף דעם ים וואזוי לאנג אונ ברייט איז דער פיש גיוועזן . זענען מיר ארויף גגאנגען אויף דעם גראז אונ מיר האבין גיבאקט אונ גיקאכט אויף דעם גראז . וויא דער פייער האט דורך גיווארעמט דעם זאמד אונ דעם פיש האט אנגיהויבין הייס צו ווערין . האט זיך דער פיש אקער גיגעבין אויף אזייט . ווען מיר וואלטין נית גיוועזן נאנט צוא דיא שיף וואלטין מיר דער טרונקען גיווארין :

וארם

**ט ואמר** רבה בב"ח זמנא חדא הוה אזלינן בספינתא וסגאי ספינתא בין שיצא לשיצא דכוורא תלתא יומא ותלתא לילותא איהו בזקיפא ואנן בשיפולא וכ"ת לא מסגי ספינתא טובא כי אתא רב דימי אמר כמיחם קומקומא דמיא מסגיא שיתין פרסי ושדי פרשא גירא וקדמא ליה איהו וא"ר אשי ההוא גילדנא דימא הואי דאית ליה תרי שיצי :

**י ואמר** רבה בר בר חנה זמנא חדא הוה אזלינן בספינתא חזאי ההיא צפרת' דהוה קאי עד קרסוליה במיא ורישיה ברקיעא ואמרינן לית מיא ובעינן למיחת לאקורי נפשין נפק בת קלא ואמר לן לא תחותו להכא דנפלה ליה חצינא לבר נגרא הכא הא שבע שנין ולא מטיא לארעא ולא משום דנפישי מיא אלא משום דרדיפי מיא . א"ר אשי ההוא זיז שדי הוא דכתיב (תהלים נ) וזיז שדי עמדי :

**יא אמר** רבה בר בר חנה זמנא חדא הוה אזלינן במדברא

רוח : שילא . סנפיר · בין שילא לשילא . סנפירי הגב הדג אחד לצד הראש ואחד לצד הזנב : איהו בזקיפא . שהיה הולך כנגד הרוח : אנן . אזלינן בשיפולא כמו שהרוח הולך דמים של ים אינן סבעין אלא ע"י רוח הולכין בהם : כמיחם קומקומא דמיא . כשיעור שמחממין קומקומא של מים חמים : ושדא פרשא גירא . כשהיה שום אדם יורה בחץ ונקשא על שפת הים לארץ הוה חזינן דקדמא לה ספינתא לחץ : גילדנא . שם דג קטן הוא כלומר דג זה הוי מדגים קטנים שבים : דאית ליה תרי שיני . אבל שאר דגים גדולים שבים אין להם אלא כנפיר אחד באמצע הגב :

וחזינא לההוא ציפרתא כו' . ה"ג : ואמרינן ליכא מיא . היינו כסורין שאין עמוקין הואיל ולא קאי במיא אלא עד קרסוליה : חצינא . גרזן או מפסל : לבר נגרא . חרש עצים : ולא משום דעמיקי מיא . מהלך שבע שנים לא הגיע החצינא לקרקע : אלא משום דרדיפי מיא . מחוך הריפות הנהר לא שקע עדיין ולא מחמת העומק בלבד : וזיז שדי עמדי . לאשו מגיע לרקיע :

---

**ט ואמר** . נאך האט רבה בר בר חנה גיזאגט אמאהל זענין מיר גיפארין אין א שיף אויף דעם ים . אונ דיא שיף איז גיגאנגען נעבין אפיש אונ פון איין פלוס פעדער ביז צום אנדערין פלוס פעדער איז די שיף גיגאנגען דריי טעג אונ דריי נעכט (אזוי לאנג איז גיוועזן דער פיש) . דער פיש איז גיגאנגען נעגין דעם ווינט ואיז ער גיגאנגען פאמעליך) . אונ מיר זענען גיגאנגען מיט די שיף גלייך מיט דעם ווינט . דער ווינט האט געיאגט אונזער שיף . טאמער וועסטו זאגען אונזער שיף איז ניט געשווינט גיגאנגען : אז רב דימי איז גיקומען האט ער גיזאגט אזוי לאנג ווי עס דארף דיגערין א קעסיל וואסער ווארעם צו מאכין . איז די שיף אוועק געשוואומען זעכציג מייל . אז א רייטער האט גישאסען נעבין די שיף אונ האט גיווארפין א פייל . האט די שיף גילאפין געשווינטער ווי די פייל . אונ רב אשי האט גיזאגט דער פיש איז גיוועזן פון די קליינע פיש וואס אין ים . וואס ער האט צוויא פלוס פעדערין . איין פלוס פעדער נעבין קאפ אונ איין פלוס פעדער נעבין וויידיל . אבער דיא גרויסע פיש וואס אין ים האבין נאר איין פלוס פעדער אין מיטען דעם רוקען :

**י ואמר** . נאך האט רבה בר בר חנה גיזאגט אמאהל זענין מיר גיפארין אין אשיף אויף דעם ים : האבין מיר גיזעהין אפויגיל איז גישטאנען אין וואסער ביז די קנעכיל . אונ זיין קאפ איז גיוועזן הויך ביז צום הימעל . האבין מיר גימיינט אז אויף דעם ארט איז ניטא קיין וואסער ואיז דיא וואסער ניט טיף . האבין מיר גיוואלט ארויס גיין פון דיא שיף אין וואסער אפ קילען אונדז פון דיא היץ : איז ארויס גיגאנגען איין קול פון הימעל אונ האט גיזאגט צו אונז איהר זאלט ניט אראפ גיין אין דעם וואסער : ווארום פון אסטאלער איז אראפ גיפאלין א האק אויף דעם ארט אין דעם וואסער אריין . אונ עס איז שוין זיבען יאהר . אונ דיא האק איז נאך ניט גיקומען צום גרונד . אונ ניט נאר ווייל דיא וואסער איז אזוי טיף דריבער איז דיא האק נאך ניט גיקומען צום גרונד . נאר ווייל די וואסער איז שטרומיג אויך . אונ דער שטרוים לאזט ניט די האק זאל קומען צום גרונד . רב אשי זאגט דער פויגיל הייסט זיז שדי . ווארום עס שטייט אין פסוק גאט זאגט דער פויגיל זיז שדי איז מיט מיר . זיין קאפ איז ביז צום הימעל :

**יא ואמר** . נאך האט רבה בר בר חנה גזאגט אמאהל זענען מיר גיגאנגען אין דר מדבר

האבען

במדברא ורזינן הני אווזי דשמטי גדפייהו משמנייהו וקא נגרי נחלי דמשחא מתותייהו ואמינא להו אית לי מנייכו חולקא לעלמא דאתי חדא דליא לי אטמא וחדא דליא לי גדפא כי אתאי לקמיה דרבי אלעזר אמר לי עתידין ישראל ליתן עליהם את הדין:

**יב ואמר** רבה בר בר חנה זמנא חדא הוה קאזלינן במדברא ואתלוי בהדן ההוא טייעא דהוה שקיל עפרא ומורח ליה ואמר הא אורחא לדוכתא פלן והא אורחא לדוכתא פלן אמרינן ליה כמה מרחקינן ממיא ואמר לן הבו לי עפרא יהבינן ליה ואמר לן תמניא פרסי תנינן ויהבינן ליה אמר לן דמרחקינן תלתא פרסי אפכית ליה ולא יכילית ליה. (אמר רבה בר בר חנה) אמר לי (ההוא טייעא) תא ואחוי לך מתי מדבר אזלי ואחזיתינהו ודמו כמאן דמיבסמי (דף עד) וגנו אפרקיד והוה זקיפי ברכיה דחד מינייהו ועייל טייעא תותיה ברכיה כי רכיב גמלא וזקיפא רומחיה ולא נגע ביה פסקי חדא קרנא דתכלתא דחד מינייהו ולא הוה מכתני

דדמטי גדפייהו: ספלות מלה שלהן מרוב שמנן: דליא לי גדפא. הגביה לי הכנף רמז זה הלך לעתיד לבא: ליתן עליהם את הדין. שבשבילם מתעכב משיח ויש להן לער בעלי חיים לאותן אווזים מחמת שומן:
טייעא. סוחר ישמעאלי: והסכיק. האי עפרא כאוי עפרא לגבותו אם יהיה בקי כל כך: אמר לי. ההוא טייעא תא אחוי לך וכו': ה"ג ואחזיתינהו ודמו כמאן דמיבסמי. שהיו שוכבין נפנים שהוכות כשתויי יין: אפרקיד. פניהם למעלה שובינ"ש בלע"ז: ועייל טייעא תותי בירכיה. כלומר ראיתי שטייעא הולך תחת ברכי המת רכוב על הגמל ורומחו בידו ולא נגע ביה בברכיה וליכא לפרושי דגובה הברכים כשיעור שיכול טייעא ללכת תחת ברכי המת ורומחו בידו ולא יהיה מגע בו דהאי שיעורא קאמר ולא הוא ממש מעכב ככי הוה ליה למימר ועייל פרשא תותי ברכיה כו' א"נ ועייל גברא: שקלי חדא קרנא. כנף הטלית להביאו

---

האבען מיר געזעהן גענדז וואס זייערע פעדערן פאלען ארויס פון פעטקייט. אונ אונטער זייא גייען טייכען מיט שמאלץ. האב איך גזאגט צוא דיא גענדז וועל איך האבען פון אייך צחלק אויף עולם הבא. איין גאנדז האט אויף גיהויבען א פאלקע. אונ איין גאנדז האט אויף גיהויבען א פליגעל. צוא ווייזען אז איך וועל עסין פון זייא א פאלקע מיט א פליגעל ווען משיח וועט קומען. ווען איך בין גיקומען פר רבי אלעזר אונ האב אים דער ציילט פון דיא גענדז. האט רבי אלעזר צו מיר גזאגט אז דיא יודין וועלין גישטראפט ווערין דורך דיא גענדז. ווארום ווייל דיא יודין זינדיגען דריבער קומט ניט משיח. מוזין נאך דיא גענדז ארום גיין. אונ די גענדז האבען גרויס צער ארום צוא גיין ווייל זייא זענען אזוי פעט. אבער אז משיח וועט קומען וועט מען שעכטין דיא גענדז:

**יב ואמר**. נאך האט רבה בר בר חנה גיזאגט אמאהל זענען מיר גיגאנגען אין דער מדבר האט זיך בהעפט צוא אונז א טערקישער סוחר. דער סוחר פלעגט נעמען א ביסעל ערד אונ האט גישמעקט צוא דיא ערד. פלעגט ער וויסען צוא זאגין דיא וועג גייט צוא דעם ארט אונ די וועג גייט צוא דעם ארט. אמאהל האבען מיר גזאגט צו אים וויא ווייט זענען מיר פון וואסער. האט ער גזאגט צו אונז גיט מיר ערד וועל איך אייך זאגין. האט מען אים גיגעבין ערד. האט ער גזאגט פון דעם ארט ביז צום וואסער איז ווייט אכט מייל. דער נאך זענען מיר ווייטער גיגאנגען האבען מיר גיוואלט וויסען וויא ווייט מיר זענען איצט פון וואסער. האבען מיר אים נאך אמאהל גיגעבין א ביסול ערד. האט ער אונז גזאגט מיר זענען ווייט פון וואסער דרייא מייל. האבען מיר גיטאהשט דיא ערד צוא פרובין אים אויב ער וועט דער קענען. אונ מיר האבען אים ניט גיקענט נארין. ער האט אלע מאהל דער קענט. האט דער טערק צוא מיר גזאגט קום איך וועל דיר ווייזין וואו ליגען דיא יודין וואס זענען גישטארבען אין דער מדבר: בין איך גיגאנגען אונ האב זייא גיזעהן. אונ זייא ליגען מיט א פרייליך פנים אזוי וויא זייא וואלטין גיטרונקען פיל ווין. אונ זייא ליגען אויף דעם רוקען מיט דעם פנים ארויף. אונ איינער פון זייא האט גיהאלטען אויף גישטעלט דיא קניא. אונ איך האב גיזעהן וויא א טערק האט גערייטען אויף א קעמל אונ האט גיהאלטען דעם שפיז אויף גישטעלט. האט ער גערייטען אונטער דער קניא. אונ דער עפיץ פון שפיז האט ניט אן גערירט דיא קניא. אזוי הויך איז

דיא

מכתגי לן אמר לי דלמא שקלת מידי מינייהו אהדרה דגמירי דמאן דשקיל מידי מינייהו לא מסתני ליה אזלי אהדרתיה והדר מסתגי לן כי אתא לקמיהי דרבנן אמרו לו כל אבא חמרא וכל בר בר חנה סיכסא למאי הלכתא (עביד) [עבדית] הכי למידע אי כב"ש איבעי לך למימני חוטין אי כב"ה איבעי לך למימני חוליות:

יג (ואמר רבה בר בר חנה) אמר לי (ההוא טייעא) תא אחוי לך טורא דסיני אזלי והזאי דהדרן ליה עקרבי וקיימן כי חמרי חיורתי שמעתי בת קול שאומרת אוי שנשבעתי ועכשיו שנשבעתי מי מפר לי כי אתאי לקמייהו דרבנן אמרו לי כל אבא חמרא וכל בר בר חנה סיכסא הוה לך למימר (מופר לך) ורבב"ח סבר דלמא משבועתא דמבול קאמר ורבנן א"כ אוי למה:

ואמר

לאהדורי. לאהדר ממנו דין אלות אי כב"ש אי כב"ה בחלקתו: ולא הו: קא מסתני לן. בבהמות שהיו רגילין אלא היו יכול; לה ך: כל אבא חמרא. דכב"ח סיידי רבי. אבא בר הנה וכמו כן רבינא כמו רב אזילא. חמרא כלומר שוטה כחמור: סיכסא. שוטה כדאמרינן בסנהדרין עבדקן סכסן: למאי הילכתא. פסקא ליה משום דבעי למחזי אי הלכה כב"ש דפליגי במס' מנחות דת"ר כמה חוטים הוא נותן ב"ש אומרים ד' וב"ה אומרים ג' [וכמה תהא משולשת וכו'] : איבעי לך למימני חוטין. יתוליות מקמי דהדריה ויהיתי והימנא לן : חוליות. ג' הוטין גדיל קרי ליה חוליא במסכת מנחות : שנשבעתי. מן הגלות כדכתיב קראי טובא בנביאים: ורבב"ח סבר דלמא שבועתא דמבול. דכתיב אשר נשבעתי מעבור מי נח אותם שבועה הוא רוצה להפר ויחריב את העולם במבול ולפיכך לא רצה להפר. ורבנן דקרי ליה סיכסא אמרי א"כ לא הוה אמר אוי הלא משום דבכל נרתם לו כו:

---

דיא קניא געוועזן: און איך האב אפ געשניטען איין ווינקעל פון א טלית מיט דער ציצה פון איינעם פון זייא. האבען מיר ניט געקענט אוועק גיין פון ארט. האט דער טערק צוא מיר געזאגט טאמער האסטו עפעס גענומען פון זייא. גיב אוועק צוריק. ווארום מיר ווייסען דער וואס גענומט עפעס פון זייא קען ער ניט אוועק גיין פון דעם ארט. בין איך געגאנגען און האב צוריק געלייגט. דער נאך זענען מיר אוועק געגאנגען. ווען רבה איז געקומען פאר דיא רבנן. האבען דיא רבנן געזאגט צוא אים. אבא איז אנאר אזוי וויא א אייזעל ורבה איז צוויי ווערטער רבי אבא. און בר בר חנה איז א שוטה. צו וואס האסטו דען אפ געשניטען דעם ווינקעל פון טלית מיט דער ציצה. מען זאל וויסען וויא דיא ציצית זייערע זענען געמאכט געווארען (ווייא זענען דאך געווען אין דיא צייט פון משה רבינו) וויא בית שמאי אדער וויא בית הלל וואס זייא קריגען אין דיא מסכת מנחות וויא פיל פעדים זאל זיין און וויא פיל קניפ מיט געפלאכטענע זאל זיין. האסטו געדארפט ציילען דיא פעדים און דיא קניפ מיט דיא געפלאכטענע און ווארסט אונז קאן זאגען. וואלטען מיר שוין געוואוסט וויא דער דין איז:

יג ואמר. נאך האט רבה בר בר חנה געזאגט דער טערק האט מיר געזאגט קום איך וועל דיר ווייזען דעם בארג סיני. בין איך געגאנגען און האב געזעהן אז שלאנגען זענען ארום געריגגעלט ארום דעם בארג. און זייא שטייען ארום דעם בארג אזוי וויא די ווייסע אייזלען: און איך האב געהערט א קול האט געזאגט ווי איך האב געשווארען. און איצט אז איך האב געשווארען. ווער וועט מיר מתיר זיין דיא שבועה. אז איך בין געקומען פאר דיא רבנן האבען זייא געזאגט צו מיר אבא איז אנאר אזוי וויא א אייזעל און בר בר חנה איז א שוטה. דוא האסט געדארפט זאגען מופר לך (דיא שבועה זאל זיין געשטערט). און רבה בר בר חנה האט געטראכט טאמער וויל גאט חרטה האבען פון דיא שבועה וואס ער האט געשווארען ער זאל ניט ברענגען א מבול אויף דער וועלט. און איצט וויל גאט יא ברענגען א מבול. דריבער וויל ער מען זאל אים מתיר זיין דיא שבועה: און דריבער האט רבה בר בר חנה ניט געוואלט מתיר זיין דיא שבועה. און די רבנן האבען געזאגט אז רבה איז געווען אנאר און ער האט יא געדארפט מתיר זיין. זייא זאגען עס קען ניט זיין אז גאט זאל מיינען דיא שבועה פון מבול. ווארום אז גאט וואלט וועלען ברענגען א מבול וואלט ער דאך געווען אין כעס אויף דער וועלט. וואלט ער ניט געזאגט אוי איך האב געשווארען (דעם ווארט אוי וואלט ער ניט געזאגט). נאר געוויס האט גאט רחמנות געהאט אויף יודען און ער האט געוואלט מען זאל אים מתיר זיין די שבועה וואס ער האט געשווארען

יודען

יד (ואמר רבה בר בר חנה) אמר לי (ההוא טייעא) תא אחוי לך בלועי דקרח חזאי תרי ביזעי דהוה נפיק מינייהו קוטרא (שקל) [שקלי] גבבא דעמרא (ומשייה) [ואמשיניה] במיא (ואנחיה) [ודעציתה] ברישא דרומחא ועייליה התם וכי אפיק הוה איחרך אחרוכי אמר לי אצית מאי שמעת ושמעית דהוו אמרין משה ותורתו אמת והם בדאים אמר לי כל תלתין יומין מהדרא להו גיהנם להכא כבשר בקלחת ואמרי הכי משה ותורתו אמת והם בדאים:

טו ואמר רבה בר בר חנה אמר לי (ההוא טייעא) תא ואחוי לך היכא דנשקי ארעא ורקיעא אהדדי (אזלי וחזאי דעביד כוי כוי) שקליתא לסלתאי ואנחתיה בכוותא דרקיעא אדמצלינא בעיתא ולא אשכחיתה אמרי איכא גנבי הכא אמר לי גלגלא דרקיע הוא דהדר נטר עד למחר כי השתא ומשכחת לה:

טז רבי יוחנן משתעי זימנא חדא הוה אזלינן בספינתא וחזינן ההוא כוורא דאפיק רישיה ממיא ודמי עיניה כתרי סיהרי ונפוץ מיא מתרתי אוסייה כתרי מברי דסורא:

רב

ביזעי . בקעים דכתיב ותבקע האדמה וגו': קוטרא. עשן : שקל גבבא דעמרא . לקח גיזת צמר ושראה במים : איחרוך איחרוכי . כגון גבבי ולפי על פי שטרויין במים : אצית . הסכת ושמע : ושמעית דקאמרי . שאלו ירדו חיים שאולה : כל ל' יומין . כל ר"ח . זקלחת . שמהפכין אותה כדי שתתבשל :

היכא דנשקי ארעא ורקיעא . מקום גבוה היה שם שמנשקין יחד זה לזה ולאו היינו סוף העולם דהא מהלך העולם חמש מאות שנה הוי וארץ ישראל אמצעיתו של עולם הוא דכתיב יושבי על טבור הארץ והיינו מקומו של רבב"ח : סילתאי . סל לחם שלי : דהדר . חוזר כדאמרינן בפסחים גלגל חוזר ומזלות קבועים :

אוסייה . נהיריו : מברי דסורא . נהרות שבסוריא:

---

יודין זאלין זיין אין גלות . ער זאל זיי קענען אויס לייזין פון גלות :

יד ואמר . נאך האט רבה בר בר חנה גזאגט דער טערק האט צו מיר גזאגט קום איך וועל דיר ווייזין דעם ארט וואו קרח איז אריין אין דער ערד . האב איך גיזעהן צוויי שפאלטען אין דער ערד און פון דיא שפאלטען איז ארויס גיגאנגען ארויך . האב איך גינומען א שטיקל גישוירע וואל אונ האב דיא וואל איין גינעצט אין וואסער אונ האב ארויף גיזעצט די וואל אויף דעם שפיץ פון א שפיז . אונ האב דעם שפיז מיט דיא וואל אריין גישטעקט אין דעם שפאלט . אז איך האב דיא וואל צוריק ארויס גינומען איז גיוועזן דיא וואל ארום גיזענגט פון פייער . האט דער טערק צוא מיר גיזאגט פאר נעם דיינע גידאנקען צוא הערין . האב איך גיהערט וויא קרח מיט זיינע מענטשין האבען גזאגט משה אונ זיין תורה איז אמת אונ מיר זענען ליגנער . האט דער טערק צוא מיר גזאגט אלע דרייסיג טעג (אלע ראש חודש) ברייגגט זייא דער גיהנם אויף דעם ארט . אונ זייא דרייען זיך אין גיהנם ארויף אונ אראפ אונ אויף אלע זייטען אזוי וויא פלייש וואס ווערט גיקאכט אין א קעסיל : וואס מען קערט איר אויף אלע זייטען זיא זאל געשווינד פארטיג ווערין . אונ זייא זאגין אזוי משה אונ זיין תורה זענען אמת אונ מיר זענען ליגנער :

טו ואמר . נאך האט רבה בר בר חנה גזאגט דער טערק האט צוא מיר גזאגט קום איך וועל דיר ווייזין וואו דיא הימעל מיט דיא ערד קושען זיך (וואו דער הימעל ליגט אויף דיא ערד . דארט איז גיוועזן א היכר בארג . אונ דער בארג איז גיוועזן נאנט צום הימעל) : בין איך גיגאנגען אונ האב גיזעהן אז אין הימעל איז דא פענסטער . האב איך גינומען מיין קארב מיט ברויט אונ האב גילייגט אין פענסטער פון הימעל . דער נאך וויא איך האב אפ גידאווינט האב איך גיזוכט מיין קארב מיט ברויט אונ איך האב ניט געפונען . האב איך גזאגט זענען דען דא גנבים אויף דעם ארט . האט דער טערק צוא מיר גזאגט דער ראד מיט דיא מזלות וואס אין הימעל האבען זיך דא גידרייט . האבען זייא פאר שלעפט דיין קארב . ווארט ביז מארגין אין דער צייט וועט דא דער ראד ווידער זיין וועט ער צוריק ברייגגען דיין קארב וועסטו אים געפינען :

טז רבי יוחנן האט דער ציילט אמאהל זענען מיר גיפארען מיט א שיף אויף דעם ים , האבען מיר גיזעהן צפיש האט ארויס גישטעקט זיין קאפ פון וואסער . זיינע צוויא אויגען זענען גיוועזן אזוי ליכטיג וויא צוויי לבנות אונ ער האט ארויס געשפריצט וואסער פון זיינע צווייא נאז

בריה קלה שבים. מבריות קטנים שבים: לפומיה דלויתן. שיאכלני הוא: עיזא דימא. שכל מה שיש ביבשה יש בים חוץ מן החולדה בשמעתא חולין: דבחישא. חופרת בים בקרניה לבקש אחר מזונותיה:
קרטליתא. ארגז: דמקרי בירשא. כך שמו: בר אמוראי. אדם שיודע לשוט במים:
בעא דנשמטיה לאטמא. שבקש לחתוך ירכו: זריק ליה חלא. הומן וכלה מריחו ליה: לאישתדייה ביה. לבלוע בו: והזינא ההוא אבן טבא. לתוך הים והדרא ליה תנינא. כ"ג אתא הכוא תנינא רגש וקא בעי למבלע לספינתא: אתא פושקנצא. עורב קטנה וקטעיה לרישיה דתנינא: איתהפיכו מיא והוו דמא. מרוב דם שהיה גדול הרבה: הדר קא בעי לטבועי לספינתא. אתא הכוא פושקנצא וקטליה ואזל בר

יז רב ספרא משתעי זמנא חדא הוה קא אזלינן בספינתא וחזינן ההוא כוורא דאפיק רישיה מטיא ואית ליה קרני וחקיק עלייהו אנא בריה קלה שבים והוינא ש' פרסי ואזילנא לפומיה דלויתן א"ר אשי ההוא עיזא דימא הוה דבחישא יאית לה קרני:

יח רבי (יונתן) [יוחנן] משתעי זמנא חדא הוה קאזלינן בספינתא וחזינן ההיא קרטליתא דהוו מקבעי בה אבנים טובות ומרגליות והדרי לה מיני דכוורי דמקרי (בירשא) [כרשא] נחית (ע"ג) בר אמוראי לאתויי ורגש ובעי דנשמטיה לאטמיה ושדי זיקא דחלא ונחת נפק בת קלא ואמר לן מאי אית לכו בהדי קרטליתא דדביתהו דר' חנינא בן דוסא דעתידא לשדיא תכלתא בה לצדיקי לעלמא דאתי:

יט רב יהודה הינדואה משתעי זמנא חדא הוה אזלינא בספינתא וחזינא ההוא אבן טבא דהדר ליה תנינא ונחת בר אמוראי לאתויה אתא תנינא קא בעי למיבלע לספינתא אתא (ציפרא) [פושקנצא] פסקיה לרישיה אתהפיכו מיא והוו דמא אתא תנינא חבריה שקליה ותליא לה ואחייה הדר אתא קא בעי בלעא לספינתא הדר אתא
ציפרא

---

לעבער אזו ויא די צווי טייכען וואס זענען אין סוריא:

יז רב ספרא האט דער ציילט אמאהל זענען מיר גיפארען מיט אשיף אויף דעם ים. האבען מיר גיזעהן וויא אפיש האט ארויס גישטעקט זיין קאפ פון וואסער. אונ דער פיש האט הערנער אונ אויף דיא הערנער איז גיוועזען אויס געקריצט דיא ווערטער. איך בין איינער פון דיא קליינע בשעפעניש וואס אין ים. אונ איך בין גרויס דריי הונדערט מייל. אונ איך גיי צום מויל פון לויתן ער זאל מיך היינט איין שלינגען. רב אשי זאגט דאס איז ניט גיוועזען אפיש נאר דאס איז גיוועזען אקאזע פון ים. וואס זיא האט הערנער אונ זיא גראבט מיט דיא הערנער אין די ערד וואס אויף דעם גרונד פון ים. זיא זוכט דארט איהרע שפייז:

יח רבי יוחנן האט דער ציילט אמאהל זענען מיר גיפארין מיט אשיף אויף דעם ים. האבען מיר גיזעהן אקעסטיל וואס אין איהר איז גיוועזען איין גיזעצט טייערע שטיינער אונ פעריל. אונ ארום דיא קעסטיל איז גיוועזען אגרויסער פיש וואס מען רופט אים כרשא. איז אראפ גינאנגען פון אונזער שיף אשווימער צוא נעמען דיא קעסטיל. האט דער פיש אציטער גיטאן אונ ער האט גיוואלט אפ בייסען דיא פוס פון דעם שווימער. האט דער שווימער אוואַרף גיטאן אלאגיל עסיג. אונ וויא דער פיש האט גישמעקט דעם ריח פון עסיג איז ער אנטלאפין אין ים אונטער דיא וואסער. האט דער שווימער גיוואלט נעמען דיא קעסטעל איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט צו אונז וואס האט איר צו דיא קעסטיל פון רבי חנינא בן דוסאס ווייב: ווען משיח וועט קומען וועט זיא האלטען אין דיא קעסטיל תכלת צו די ציצית פון דיא צדיקים:

יט רב יהודה הינדואה האט דער ציילט אמאהל בין איך גיפארען מיט אשיף אויף דעם ים האב איך גיזעהן אטייערין שטיין אין ים אונ אפיש איז גילעגין ארום דעם שטיין. איז אראפ גיגאנגען פון אונזער שיף אשווימער צוא נעמען דעם שטיין. איז גיקומען דער פיש אונ האט גיוואלט איין שלינגען דיא שיף. איז גיקומען אקראה אונ האט אפ גיהאקט דעם קאפ פון דעם פיש. איז ארויס גיגאנגען אזוי פיל בלוט פון דעם פיש אז דיא גאנצע וואסער איז גיווארין בלוט. איז גיקומען איין אנדער פיש אונ האט גינומען דעם שטיין אונ האט אים גילייגט אויף
דעם

ציפרא פסקיה לרישיה שקל״א להה״א אבן טבא שדייה לספינתא הוה ציפרי מליחי בהדן אותבינהו עלייהו שקלוה ופרחו להו בהדיה :

**כ ת״ר** מעשה בר׳ אליעזר ור׳ יהושע שהיו באין בספינה והיה ר׳ אליעזר ישן ור׳ יהושע נעור נזדעזע רבי יהושע וננער ר׳ אליעזר א״ל מה זה יהושע מפני מה נזדעזעת א״ל מאור גדול ראיתי בים א״ל שמא עיניו של לויתן ראית דכתיב (איוב מא) עיניו כעפעפי שחר :

**כא א״ר** אשי אמר לי הונא בר נתן זמנא חדא הוה אזלינא במדברא והואי אטמא דבשרא בהדן פתחנא ונקירנא ואנחנא אעישבי אדמייתינן ציבי חלם אטמא וטויניה, כי הדרן לבתר תריסר ירחי שתא חזינהו להנהו גומרי דהוו קא (מחממי) [מלהשי] כי אתא לקמיה דאמימר אמר לי ההוא עישבא סמתרי הוה הנהו גומרי דרתמא הוו. (בראשית א) ויברא אלהים את התנינים הגדולים הכא תרגימו אורזילי דימא רבי יוחנן אמר זה לויתן נחש בריח

אמורלאי ושקלה לההיא אבן טבא והליכהו להכאו ציפרי לגבות אם יחיו וחיו : ופרחו להן בהדי ההיא אבן :
נזדעזע. הגד תרדס : פתחנא ונקירנא. מגיה חלב וגיד הנשה : חלם. שנתחברה יחד כמתחלה :
דסמתרי. עשב שמתבר כדאמרינן בסמקבל בב״ת ובתלו טרפות דעביד ליה סמתרי וחיי : דריתמא. רותם שאין גחלין כבין מהרה :
אורזילא דימא. ראמים שבים : נחש בריח. סוף

דעם פיש . איז דער פיש לעבעדיג געווארין . איז דער פיש נאך אמאהל געקומען צוא דיא שיף אונ האט איר געוואלט איין שלינגען . איז נאך אמאהל געקומען דיא קראה אונ האט אפ געהאקט דיא קאפ פון דעם פיש . איז געגאנגען דער שווימער אונ האט גענומען דעם טייערין שטיין אונ האט אים אריין געווארפען אין דיא שיף . אונ אין דיא שיף זענען געווען פייגלאך איין געזאלצענע צום עסין . האט דער שווימער געלייגט דעם שטיין אויף דיא טויטע פייגלאך זענען די פייגלאך לעבעדיג געווארין אונ זייא האבען גענומען דעם שטיין אונ זענען מיט אים אוועק געפלויגין :

**כ** תנו רבנן . דיא רבנן האבען געלערנט אמאהל איז רבי אליעזר אונ רבי יהושע געפארען אין אשיף אויף דעם ים . איז רבי אליעזר געשלאפען . אונ רבי יהושע איז אויף געווען . האט רבי יהושע אציטער געטאהן פון שרעק . האט זיך רבי אליעזר אויף געוואכט . האט רבי אליעזר געזאגט צו רבי יהושע וואס איז דאס . פאר וואס האסטו אציטער געטאהן . האט רבי יהושע געזאגט אגרויסע בעלייכטונג האב איך געזעהן אויף דעם ים . האט רבי אליעזר געזאגט טאמער האסטו געזעהן דיא אויגען פון לויתן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא אויגען פון לויתן זענען וויא די ברעמען פון דעם מארגין שטערין :

**כא** אמר . רב אשי האט געזאגט הונא בר נתן האט מיר געזאגט אמאהל בין איך געגאנגען אין דער מדבר אונ מיר האבען געהאט מיט אונז אפאלקע פלייש פון אבהמה (אאינטערשטע פערטיל אקס) . מיר האבען געעפינט דיא פלייש אונ אוים געטרייבערט (ארוים גענומען דיא חלב מיט דיא טרפה אדערין) . אונ מיר האבען דיא פלייש געלייגט אויף דעם גראז . ביז מיר האבען געבריינגט האלץ צוא מאכען פייער . איז דיא פלייש צוריק בהעפט געווארין . עס איז ניט געווען צוא דער קענען אז מען האט געשניטען אין דיא פלייש . אונ מיר האבען דיא פלייש געבראטען . אין צוועלף חדשים ארום אז מיר זענען צוריק געקומען אויף דעם ארט . האבען מיר געזעהן דיא קוילין ברענען נאך . אז איך בין געקומען פאר אמימר אונ האב אים דאס דער ציילט . האט אמימר צוא מיר געזאגט דיא גראז וואס האט גאנץ געמאכט דיא פלייש הייסט סמתרי . אונ דיא קוילין וואס האבען געברענט אזוי . זייא זענען געווען פון דעם האלץ וואס הייסט רתמא . עס שטייט אין פסוק גאט האט בשאפען דיא גרויסע תנינים . וואס מיינט מען תנינים . אין בבל זאגט מען דאס איז אורזילא דימא . דיא ווילד טירען וואס זענען אין ים (ווילד איז אגרויסע חיה) . רבי יוחנן זאגט דאס זענען די צוויי פיש וואס הייסען לויתן . איינער איז אזכר אונ ער הייסט נחש בריח . ווייל ער שווימט גלייך וויא אריגל . אונ איינע איז אנקבה . זיא הייסט נחש עקלתון . ווייל זיא איז איין געבויגען קרום אונ זיא ריינגעלט ארום דיא גאנצע וועלט .

אזוי

. בריח ולויתן נחש עקלתון דכתיב (ישעיה כז) ביום ההוא יפקד ה' בחרבו הקשה וגו' על לויתן וגו' :

**כב** א"ר יהודה א"ר כל מה שברא הקב"ה בעולמו זכר ונקבה בראם ואף לויתן נחש בריח ולויתן נחש עקלתון זכר ונקבה בראם ואלמלי נזקקין זה לזה מחריבין את כל העולם מה עשה הקב"ה סירס את הזכר והרג את הנקבה ומלחה לצדיקים לעתיד לבא שנאמר (ישעיה כו) והרג את התנין אשר בים . ואף בהמות בה"רי אלף זכר ונקבה בראם ואלמלי נזקקין זה לזה מחריבין את כל העולם מה עשה הקב"ה סירס את הזכר וצינן את הנקבה ושמרה לצדיקים לעתיד לבא שנאמר (איוב מ) הנה נא כחו במתניו ואונו בשרירי בטנו . הנה נא כחו במתניו זה זכר ואונו בשרירי בטנו זו נקבה התם נמי לסרסיה לזכר וליצננה לנקבה דגים פריצי וליעבד איפכא אבע"א מלחא דנוקבתא עדיף אבע"א כיון דכתיב (תהלים קד) לויתן זה יצרת לשחק בו בהדי נקבה לאו אורח ארעא הכא נמי למלחה לנקבה

כוורא

**פירוש**

ויקן זכר ונקבה הוא כבריה : עקלתון לויתן נקבה המקיף את כל העולם : זכר ונקבה בראם . כדכתיב נחש בריח ונחש עקלתון : מחריבין את העולם . שיהו לכן ולדות הרבה גדולים שמחריבין את העולם : סירס את הזכר . שלא יוקק לאשה דגים א"צ דלא ליהוי ליה לער סלוס : שנאמר והרג את התנין . סיפיה דהאי קרא דיפקוד ה' בחרבו הקשה הוא ומדלא כתיב יהרוג וכתיב יפקוד קא דריש הכי והכי משמע ליה קרא יפקוד ה' בחרבו הקשה על לויתן נחש בריח לעתיד לבא כאשר עשה את לויתן נחש עקלתון שהרי הרג את התנין אשר בים מכבר ימי בראשית : בהררי אלף . פסוק הוא בספר תהלים במזמור לאסף כי לי כל חיתו יער בהמות בהררי אלף על שם שרועה אלף הרים בכל יום : כחו במתניו . שלא הטיל זרע מימיו : ואונו בשרירי בטנו . שלא ילדה מימיה ולעיל מיניה כתיב באיוב הנה נא בהמות אשר עשיתי עמך : התם נמי . גבי לויתן : וליצננה . ללויתן נקבה ולמאי הרגה . דגים פריצי . ולא מהני בהו ליצון : ה"ג אבע"א כיון דכתיב לויתן זה יצרת לשחק וכו' . כדאמרינן במס' ע"ז בשעה רביעית הקב"ה יושב ומשחק עם לויתן : הכא נמי למלחה . לבהמה

אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אין דעם צוקינפטיגען טאג וועט גאט בפעלין מיט זיין שטארקין שווערד אויף דעם לויתן וואס ער הייסט נחש בריח און אויף דעם לויתן וואס ער הייסט נחש עקלתון :

**כב** אמר רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין אלץ וואס גאט האט בשאפען אויף דער וועלט האט ער בשאפען א זכר מיט א נקבה . און דער לויתן נחש בריח און דער לויתן נחש עקלתון . איז אויך איינער א זכר און איינע א נקבה . און ווען זייא וואלטין זיך בהעפט איינער מיט דעם אנדערין זייא זאלין האבען קינדער . וואלטין זייא חרוב גימאכט די וועלט . ווס האט גאט גיטאהן . דעם זכר האט ער גימאכט א סרים (ער זאל זיך ניט קענען בהעפטין צו א נקבה . און די נקבה האט ער גיהרגעט און ער האט איר איין גיזאלצען צו די צדיקים ווען משיח וועט קומען . וואריום עס שטייט אין פסוק ער האט גיהרגעט דעם פיש וואס אין ים : און די בהמות וואס עסין אויף א טאג טויזענד בערג גראז האט אויך גאט בשאפען איינעם א זכר און איינע א נקבה און ווען זייא וואלטין זיך בהעפטין איינער מיט דעם אנדערין זייא זאלין האבען קינדער . וואלטין זייא חרוב גימאכט די וועלט . וואס האט גאט גיטאהן : דעם זכר האט ער גימאכט א סרים (ער זאל זיך ניט קענען בהעפטין צוא א נקבה) : און ער האט אפ געקילט די נקבה . זי זאל ניט גילוסטען צו א זכר . און זיא ווערט געהיט פאר די צדיקים ווען משיח וועט קומען . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זיין קראפט איז אין זיינע לענדין דאס מיינט מען דעם זכר (עס איז פון אים ניט ארויס גיגאנגען זרע) . זיין קראפט איז אין נאפיל פון זיין בויך . דאס מיינט מען די נקבה (ווייל זיא האט ניט גיהאט קיין קינדער) . פרעגט די גמרא האט מען בייא דעם לויתן אויך גידארפט אזוי טאהן . דעם זכר מאכען פר א סרס . און די נקבה זאל מען אפ קילען . פאר וואס האט מען איר גיהרגעט . ענטפערט די גמרא פיש האבען גרויסע תאוות צוא מזנה זיין ; וואלט ניט גיהאלפען וואס מען וואלט איר אפ גיקילט . פרעגט די גמרא פאר וואס האט גאט ניט גיטאהן פאר קערט . ער זאל הרגענען דעם זכר און אים איין זאלצען . ענטפערט די גמרא אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין אפיש א נקבה איין גיזאלצען . איז בעסער ווי א פיש א זכר איין גיזאלצען . און אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין ווייל עס שטייט אין פסוק דעם לויתן האסטו

בשאפען

כוורא מליחא מעלי בשרא טליהא לא מעלי:

**כג ואמר** רב יהודה אמר רב בשעה שבקש הקב"ה לברוא את העולם א"ל לשר של ים פתח פיך ובלע כל מימות שבעולם אמר לפניו רבש"ע די שאעמוד בשלי בעט בו והרגו שנאמר (איוב כו) בכחו רגע הים ובתבונתו מחץ רהב אמר רבי יצחק ש"מ שר של ים רהב שמו ואלמלא מים מכסים אותו אין כל בריה יכולה לעמוד מפני ריחו שנאמר (ישעיה יא) לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים אל תקרי לים מכסים אלא לשר של ים מכסים:

**כד אמר** רב יהודה אמר רב ירדן יוצא ממערת פמיים תניא נמי הכי ירדן יוצא ממערת פמיים ומהלך בימה של סיבכי ובימה של טבריא ומתגלגל ויורד עד שמגיע לפיו של לויתן שנאמר (איוב מ) יבטח כי יגיח ירדן אל פיהו. מתקיף לה רבא בר עולא האי בבהמות בהררי אלף כתיב אלא אמר רבא בר עולא אימתי בהמות בהררי אלף בטוחות בשעה שמגיח ירדן לפיו של לויתן. כי אתא רב דימי אמר רבי (יונתן) [יוחנן] מאי

מקנה ומה בלע לחותה ולנגסה: ובלע כל מימות. כדי שתגלה היבשה: די שאגלע. מים שלי דלגבי כתיב והים אינו מלא שבולע אותם: רוגע הים. לשון שבירה: מפני ריחו. שהוא מוסרח לפי שמת ולכך הוא מסריח: אל תקרי לים מכסים. שסרי הים עלמו מים הוא ע"כ פי' רשב"ם ז"ל: אימתי בהמות בהררי אלף בטוחות. שלא יומתו כל שעה שיגיח הירדן אל פיו של לויתן דכל זמן

---

בשאפען דוא זאלסט דיך שפילען מיט אים. ווייל גאט שפילט זיך מיט דעם לויתן. מיט אנקבה פאסט ניט גאט זאל זיך שפילען. פרעגט דיא גמרא ביי די בהמות פאר וואס האט מען ניט איין גיזאלצענע די נקבה. ענטפערט דיא גמרא פיש א'ין גיזאלצענע איז גוט. פלייש איין גיזאלצענע איז ניט גוט:

**כג** ואמר. נאך האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין ווען גאט האט גיוואלט באשאפען דיא וועלט. האט גאט גזאגט צום שר פון ים עפין דיין מויל אונ שלינג איין אלע וואסערין וואס איז דא אויף דער וועלט. האט דער שר פון ים גזאגט פאר גאט רבונו של עולם גענוג פאר מיר וואס איך דער האלט מיינע וואסער. האט גאט אטרעט גיטאהן אויף אים אונ הט אים גיהרגת. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיט זיין כח האט ער גישפאלטען דעם ים. אונ מיט זיין פאר שטאנדיקייט האט ער גישלאגין דעם רהב. רבי יצחק זאגט פון דאגען ווייסען מיר אז דער שר פון ים הייסט רהב. ווען דיא וואסער וואלט ניט צוא גידעקט דעם גישטארבינעם שר. וואלט קיין מענטש ניט גיקענט אוים האלטען פון דעם שלעכטין ריח. ווייל עס שטינקט פון אים אזו וויא פון א גישטארבינעם מענטש. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא וועלין ניט שלעכטס טאן אונ זייא וועלין ניט פאר דארבין אויף מיין גאנצען הייליגען בארג. ווייל דיא וועלט וועט פול ווערין מיט וויסענשאפט פון גאט כמים לים מכסים אזוי וויא דיא וואסער וואס דעקין צוא דעם ים. דו זאלסט ניט לייענען לים מכסים. דיא וואסער דעקין צוא דעם ים. נאר זאלסט לייענען לשר של ים מכסים. דיא וואסער דעקין צו דעם שר פון ים:

**כד** אמר. רב יהודה הט גזאגט פון רבס וועגין דער ירדן גייט ארוים פון אקעלער פון דער שטאט פמיים. זאגט דיא גמרא מיר האבען אויך אזוי גילערנט דער ירדן גייט ארוים פון אקעלער פון דער שטאט פמיים. אונ ער גייט ביז אין דעם ים פון סיבכי אונ אין דעם ים פון טבריה. דער נאך פאלט ער אריין אין דעם גרויסען ים. אונ אין דעם גרויסען ים גייען די וואסער פון ירדן ביז צו דיא מויל פון לויתן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער לויתן איז פאר זיכערט אז דער ירדן וועט זיך ציהען צו זיין מויל. הט רבא בר עולא גיפרעגט דער פסוק שטייט גאר ביי דיא בהמות וואס עסין אויף אלע טאג גראז פון טויזנט בערג. האט רבא בר עולא גיענטפערט אזוי מיינט דער פסוק ווען זענען דיא בהמות וואס עסין אויף אלע טאג גראז פון טויזנט בערג. זיכער אז זייא וועלין נאך לעבין. ווען די וואסער פון ירדן ציהען זיך צום מויל פון לויתן. ווארום אזוי

מאי דכתיב (תהלים כד) כי הוא על ימים יסדה ועל נהרות יכוננה אלו שבע ימים וארבע נהרות שמקיפין את א"י ואלו הן שבע ימים ימה של טבריא וימה של סדום וימא של חילת וימה של חילתה וימה של סבכי וים אספמיא וים הגדול ואלו הן ארבע נהרות ירדן וירמוך וקירומיון ופיגה. כי אתא רב דימי אמר רבי יונתן עתיד גבריאל לעשות (דף עה) קניגיא עם לויתן שנאמר (איוב מ) התמשוך לויתן בחכה ובחבל תשקיע לשונו ואלמלא הקדוש ב"ה עוזרו אינו יכול לו שנאמר (שם) העושו יגש חרבו. כי אתא רב דימי אמר רבי יונתן בשעה שלויתן רעב מוציא הבל מפיו ומרתיח כל מימות שבמצולה שנאמר (שם) ירתיח כסיר מצולה ואלמלא מכניס ראשו לג"ע אין כל בריה יכולה לעמוד בריחו שנאמר (שם מא) ים ישים כמרקחה. ובשעה שצמא עושה תלמים תלמים בים שנאמר (שם) אחריו יאיר נתיב. א"ר אחא בר יעקב אין תהום חוזר לאיתנו עד שבעים שנה שנא' (שם) יחשב תהום לשיבה ואין שיבה פחותה משבעים שנה:

שאלה הי נהרות הם ממו ק: כי הוא. סקב"ה על ימים יסדה לא"י: קניגיא. צידת חיות בקשת ורומח כל מיני צידה קרוי כן וכן בשחיטת חולין וכי משם רבינו קרוי היה לו בליסטרי היה: התמשוך וגו'. וכי אתה יכול לעשות קניגיא עם לויתן מכלל דעתידה לעשות: העושו יגש חרבו. בבהמות כתיב כלויב והיא בלויתן · מפני ריחו. שמתוך שיש לו הבל ומרתיחות הרבה יוצא ריח קשה: כמרקחה. כבשמים כמו רוקח מרקחת מתוך שמכניס ראשו לג"ע: תלמים תלמים. שנראין השבילים עמוקים בים כתלמים של מחרישה: אחריו. כששותה יאיר נתיב בים: לאיתנו חוזר לאיתנו. מרוב המים ששתה:



---

אזוי לאנג וויא דער לויתן לעבט, לעבין דיא בהמות אויך. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגן. עס שטייט אין פסוק גאט האט געגרינדעט ארץ ישראל אויף ימים. אונ אויף טייכען האט ער זיא גיפעסטיגט. אויף וויא פיל ימים אונ וויא פיל טייכען, דאס מיינט מען דיא זיבען ימים אונ דיא פיר טייכען וואס זייא רינגלען ארום ארץ ישראל. דאס זענען דיא זיבען ימים. דער ים פון טבריה. דער ים פון סדום. דער ים פון חלת. דער ים פון חילתה. דער ים פון סיבכי. דער ים פון אספמיא. אונ דער גרויסער ים. אונ דאס זענען דיא פיר טייכען. ירדן ירמוך קירמיון פיגה. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגן ווען משיח וועט קומען וועט דער מלאך גבריאל האבען א מלחמה מיט דעם לויתן. ער וועט וועלין פאנגען דעם לויתן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צוא איוב וועסטו קענען ציהען דעם לויתן מיט א ווענטקע. וועסטו קענען מיט א שטריק ארוים ציהען זיין צונג. זעהן מיר אז מען וועט דארפין פאנגען דעם לויתן. נאר איוב וועט אים ניט קענען פאנגען. אונ ווען גאט וואלט ניט גיהאלפען דעם מלאך גבריאל. וואלט ער אים אויך ניט גיקענט פאנגען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס האט אים בשאפען וועט גינגען צו אים מיט זיין שווערד. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין ווען דער לויתן איז הונגעריג ציהט ער אויס א היץ פון זיין מויל אז אלע וואסער פון דער טיפעניש ווערדין הייס. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער מאכט הייס דיא טיפעניש אז זייא קאכען ווי א טאפ. ווען דער לויתן וואלט ניט אריין גישטעקט זיין קאפ אין גן עדן. וואלט קיין בשעפעניש ניט גיקענט בשטיין בייא זיין שלעכטין ריח וואס גייט ארויס פון זיין מויל ווען ער איז הונגעריג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז ער נעמט ארויס דיא קאפ פון גן עדן. אונ שטעקט צוריק אריין אין וואסער פון ים. מאכט ער דעם ים ער זאל שמעקין וויא בשמים פון גן עדן. אונ ווען ער איז דארשטיג אונ ער טרינקט דיא וואסער פון ים. ווערט דער ים אזוי וויא א גיהאקערטע פעלד. מען דער קענט וויא דיא וואסער פערט אין ים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נאך זיין טרינקען ווערט א וועג אין וואסער. רבי אחא בר יעקב זאגט דער אבגרונד קומט ניט צוא זיין שטארקייט. דיא וואסער ווירט ניט דער פילט צוריק וויא זיא איז גיוועזן. ביז זיבעציג יאהר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער רעכנט דעם אבגרונד צו אלט. אונ אלט הייסט ניט ווייניגער וויא זיבעציג יאהר:

**כה אמר** רבה (בר בר חנה) אמר רבי יוחנן עתיד הקב״ה לעשות סעודה לצדיקים מבשרו של לויתן שנאמר (שם מ) יכרו עליו חברים ואין כירה אלא סעודה שנאמר (מ״ב ו) ויכרה להם כרה גדולה ויאכלו וישתו ואין חברים אלא תלמידי חכמים שנאמר (שה״ש ח) היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך והשאר חולקים אותו ועושים בו סחורה בשוקי ירושלים שנאמר (איוב מ) יחצוהו בין כנענים ואין כנענים אלא תגרים שנאמר (הושע יב) כנען בידו מאזני מרמה לעשוק אהב. ואבע״א מהכא (ישעיה כג) אשר סוחריה שרים כנעניה נכבדי ארץ:

כוכס. היינו מלמעלה גג וד׳ דפנות מד׳ רוחות: צלצל. היינו סכוך בלא מה נות: והקשרנו. היינו דבר מועט שקושרין לתלות בצוארו כמין קמיע:

**כו ואמר** רבה אמר ר׳ יוחנן עתיד הקב״ה לעשות סוכה לצדיקים מעורו של לויתן שנאמר (איוב מ) התמלא בשכות עורו זכה עושין לו סוכה לא זכה עושין לו צלצל שנאמר (שם) ובצלצל דגים ראשו זכה עושין לו צלצל לא זכה עושין לו ענק שנאמר (משלי א) וענקים לגרגרותיך זכה עושין לו ענק לא זכה עושין לו קמיע שנאמר (איוב מ) ותקשרנו לנערותיך והשאר פורסו הקב״ה על חומות ירושלים וזיוו מבהיק מסוף העולם

---

**כה** אמר. רבה בר בר חנה האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגין ווען משיח וועט קומען וועט גאט מאכען א סעודה פאר דיא צדיקים פון דיא פלייש פון לויתן. אזוי וויא עס שטייט יכרו עליו חברים. יכרו איז דער טייטש א סעודה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויכרה להם כרה גדולה. ער האט געמאכט פאר זייא א גרויסע סעודה און זייא האבען געגעסען און געטרונקען. חברים מיינט מען תלמידי חכמים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך. דיא תלמידי חכמים וואס זיצען אין דיא גערטנער נאין דיא בתי מדרשים) און פאר נעמען דעם קול פון גאט. זייא הערין זיין תורה. און דיא איבעריגע פלייש פון לויתן ווארום אין לויתן איז דא מער פלייש וויא דיא וואס מען וועט דארפין צוא דער סעודה) וועט מען צוא טיילען און מען וועט האנדלען מיט דיא פלייש אין דיא גאסען פון ירושלים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יחצוהו בין כנענים. מען וועט אים צוא טיילען צווישען כנענים. און כנענים מיינט מען כותים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כנען בידו מאזני מרמה לעשוק אהב. דער סוחר האלט אין האנט דיא פאלשע וואג ער האט ליב צוא גזלען. אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין פון דעם פסוק אשר סוחריה שרים כנעניה נכבדי ארץ. איהרע הענדלערס זענען הערין (פירשטען) און איהרע הענדלערס זענען דיא גרעסטע לייט פון דער וועלט:

**כו** ואמר. נאך האט רבה געזאגט פון רבי יוחנן וועגין אז משיח וועט קומען וועט גאט מאכען א סוכה פאר די צדיקים פון דיא פעל פון לויתן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק התמלא בשכות עורו. פון זיין פעל וועסטו מאכען דעם גאנצען ארט פול מיט סכות. דער וואס וועט זוכה זיין. וועט מען אים מאכען א סוכה (א דאך מיט פיר ווענט). און דער וואס וועט ניט זוכה זיין וועט מען אים נאר מאכען א צלצל (א דאך אן ווענט): אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ובצלצל דגים ראשו. מיט דיא הויט פון פיש וועט מען מאכען א שאטין אויף זיין קאפ. דער וואס וועט זוכה זיין וועט מען פאר אים מאכען א דאך פון דיא הויט פון לויתן. און דער וואס וועט ניט זוכה זיין וועט מען אים מאכען א האלדז באנד ארום זיין האלדז אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וענקים לגרגרותיך און א האלדז באנד צוא דיין האלדז: דער וואס וועט זוכה זיין וועט מען אים מאכען א האלדז באנד. און דער וואס וועט ניט זוכה זיין וועט מען איהם מאכען א קמיע. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא וועסט אים אן בינדען פאר א קמיע צוא דיינע קליינע קינדער. און דיא איבעריגע הויט פון לויתן וועט גאט פאר שפרייטען אויף דיא מויערין פון ירושלים. און דיא שיינקייט וועט לייכטען פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. אזוי

אמשוחיך . מאמוחיך . פליגי בה . באכניט של חומות ירושלים ממה יהיו אלו אבנים שעתידין להיות : כדין וכדין . כדברי זה וכדברי זה [והיינו כדכד] משוהם וישפה תרגום ומע"פ שמקרא זה קדם לכני רבי חייא טועה י"ל שכן נתנבא ישעיה שכדברי כל המפרשים עתידה לבנות : וחוקק עשר . של רוחב ברום עשרים והיינו אקדח לשון קודח שחוקק כסה ומשמע כמי אבן טובה שמאירה כאש קודחת כמו קודחי אש : אקדח . קרבונקלא"ש בלע"ז ובתרגום יונתן אבני גומרי : כביעתא דצלצלתא . בילת עוף קטן בשמו צלצ"ל :

העולם ועד סופו שנאמר (ישעיה ס) והלכו גוים לאורך ומלכים לנגה זרחך :

(ישעיה נד) **כו ושמתי** כדכד שמשותיך אר"ש בר נחמני פליגי בה תרי אמוראי בארעא יהודה וחזקיה בניו של ר"ח ותרי מלאכים ברקיע מיכאל וגבריאל ח"א שוהם וח"א ישפה אמר להם הקב"ה להוי כדין וכדין (שם) ושעריך לאבני אקדח כי הא דיתיב רבי יוחנן וקא דריש עתיד הקב"ה להביא אבנים טובות ומרגליות שהם שלשים על שלשים וחוקק בהן עשר ברום עשרים ומעמידם בשערי ירושלים לגלג עליו אותו תלמיד השתא כביעתא דצלצלתא לא משכחינן כולי האי משכחינן לימים הפליגה ספינתו בים חזא מלאכי השרת דקא מנסרי אבנים טובות ומרגליות שהם שלשים על שלשים וחקוק בהם עשר ברום עשרים אמר להו הני למאן אמרו ליה שעתיד הקב"ה להעמידן בשערי ירושלים אתא לקמיה דרבי יוחנן א"ל דרוש רבי ולך נאה לדרוש כאשר אמרת כן ראיתי אמר ליה ריקה אלמלא ראית לא האמנת מלגלג על דברי חכמים אתה נתן עיניו בו ונעשה

גל

---

וי עס שטייט אין פסוק די פעלקער וועלן גיין צו דיין ליכטיגקייט . אונ די קעניגען וועלן גיין צו דיא שיינונג פון דיין לייכטונג :

**כו** ושמתי . גאט האט געזאגט איך וועל מאכען דיינע מאהערין פון כדכד . וואס איז כדכד . האט רבי שמואל בר נחמני געזאגט אין דעם קריגען צוויי אמוראים אויף דער ערד . יהודה אונ חזקיה דיא קינדער פון רבי חייא . אונ צוויי מלאכים אין הימעל . מיכאל אונ גבריאל . איינער זאגט כדכד איז שהם . אונ איינער זאגט כדכד איז ישפה . ושהם אונ ישפה זענען צוויי טייערע שטיינער וואס זענען געוועזן אין חשן ואפוד . האט גאט געזאגט זאל זיין וויא דער זאגט אונ וויא דער זאגט . מען זאל מאכען דיא מאהערין פון ירושלים . פון שהם אונ פון ישפה . אין פסוק שטייט דיינע טויערין וועלן זיין פון שטיינער וואס הייסען אקדח . ווארום רבי יוחנן איז אמאהל געזעסען אונ האט גידרשעט אז משיח וועט קומען וועט גאט ברענגען טייערע שטיינער אונ פעריל וואס וועלן זיין גרוים דרייסיג איילין . אונ מען וועט אין זייא אויס שנייד'ן אלאך פון צעהן איילין דיא ברייט אונ צוואנציג איילין דיא לייאנג . אונ דאס וועלין זיין די טויערין פון ירושלים ודריבער וועט מען רופען דיא שטיינער אקדח . ווייל אקדח איז דער טייטש לעכערין . מען וועט מאכען אין יעדער שטיין אלאך פון צעהן איילין ברייט אויף צוואנציג איילין דיא לייאנג . אונ אקדח איז דער טייטש ברענען . ווייל דיא שטיינער וועלין לייכטען אזוי וויא אברענענדיגער פייער . האט א תלמיד גילאכט פון רבי יוחנן אונ האט געזאגט מאדאך מיר געפינען ניט א טייערין שטיין וואס זאל זיין גרויס וויא דיא איי פון דעם קליינעם פויגיל וואס הייסט צלצל . וועלין מיר געפינען אזוי א גרויסען שטיין וויא דוא זאגסט . אמאהל איז דער תלמיד גיפארען אין א שיף אויף דעם ים . איז דיא שיף פאר יאגט גיווארין דורך א ווינט אין א ווייטע אינזול . האט דער תלמיד גיזעהן וויא מלאכים זעגין טייערע שטיינער אונ פעריל . וואס זייא זענען גרויס דרייסיג איילין דיא לייאנג אונ דרייסיג איילין דיא ברייט . אונ זייא האבען אויס גיזעגט אין יעדער שטיין אלאך פון צעהן איילין דיא ברייט אונ צוואנציג איילין דיא לייאנג . האט דער תלמיד גיזאגט צוא דיא מלאכים צוא וואס זענען דיא טייערע שטיינער מיט דיא פעריל . האבען די מלאכים צוא אים גיזאגט דיא שטיינער אונ דיא פעריל וועלין זיין טויערין אין ירושלים . דער נאך איז דער תלמיד גיקומען פאר רבי יוחנן אונ האט גיזאגט צוא אים רבי . דרשן . פאר דיר פאסט דוא זאלסט דרשנען . אזוי וויא דוא האסט גיזאגט האב איך גיזעהן . האט רבי יוחנן גיזאגט

צום

גל של עצמות:

**כח מיתיבי** (ויקרא כו) ואולך אתכם קוממיות ר"מ אומר מאתים אמה כשתי קומות של אדם הראשון רבי יהודה אומר מאה אמה כנגד היכל וכתליו שנאמר (תהלים קמד) בנינו כנטיעים מגודלים בנותינו כזויות מחוטבות תבנית היכל כי קאמר רבי יוחנן לכוי דבי זיקא:

**כט ואמר** רבה (בר בר חנה) אמר ר"י עתיד הקב"ה לעשות שבע חופות לכל צדיק וצדיק שנאמר (ישעיה ד) וברא ה' על כל מכון הר ציון ועל מקראה ענן יומם ועשן ונגה אש להבה לילה כי על כל כבוד חפה (מאי כי על כל כבוד חפה) מלמד שכל אחד ואחד עושה לו הקב"ה חופה לפי כבודו ועשן בחופה למה א"ר חנינא כל מי שעיניו צרות בתלמידי חכמים בעה"ז מתמלאות עיניו עשן לעה"ב. ואש בחופה למה אר"ח מלמד שכל אחד ואחד נכוה מחופתו של חבירו אוי לה לאותה בושה אוי לה לאותה כלמה כיוצא בדבר אתה אומר (במדבר כז)

ונתת ה

קוממיות. ב' קומה בהי ממי"ן דהיב: ככ' קומות של אדם הראשון. שהיתה עד מאה אמה במס' חגיגה: כנגד היכל. של בית שני שהיה רומו מאה אמה ולפי קומתו צריך שערים גבוהים וקש א נר' יוחנן דאמר רום עשרים: לכוי דבי זיקא. לחלונות שעשויות לאויר והיינו שעריך דקרא חלונות בחומה: ענן יומם. א' עשן ונגה ג' א' ד' לבנה ה' כי על כבוד ו' חופה ז'. ול"ג כי על כל כבוד איש מן התבון אבל וסוכה חדיה צל יומם דסמיך ליה לכיפיה דהאי קרא הוא הו' והאי על כל כבוד לכדמפרש בסמוך אתא: שעיניו צרות. שלא להטהנות מנכסיו: נכ ה. הוא הו של קטן מחופתו של חבירו הגדול הימנו: שגאוהו גדול. שלחו משה ויהושע: אוי לאותה בושה. שבזמן מועט נתמעט הכבוד כל כך שהרי יהושע היה גבוה ונדק כמשה ולא יכול

צום תלמיד ווען דוא וואלסט ניט גיזעהן וואלסטו ניט גיגלויבט. לאבסטו דאך פון די רייד וואס דיא חכמים דרשנן: האט רבי יוחנן אקוק גיטאהן אויף דעם תלמיד איז פון אים גיווארין אבארג בייגער:

**מב** ת"ר (ויקרא יט) לא תעשו עול במשפט במדה במשקל ובמשורה במדה זו מדידת קרקע שלא ימדוד לאחד בימות החמה ולאחד בימות הגשמים. במשקל שלא יטמין משקלותיו במלח. במשורה שלא ירתיח וק"ו מה משורה שהיא א' מל"ו בלוג הקפידה עליו תורה ק"ו להין וחצי הין ושלישית ההין ורביעית ההין ולוג וחצי לוג ורביעית לוג וחצי תומן ועוכלא. אמר רב יהודה אמר רב אסור לאדם שישהה מדה חסרה או יתירה בתוך ביתו ואפילו הוא עביט של מימי רגלים. אמר רב פפא לא אמרן אלא

אמר] : אוי לי אם אומר וכו'. מכשעם שאמרתי בברייתא הכתוב למעלה שלא ילמדו הרמאים וכו' כן פירש הרב רבינו אשר ז"ל. ונפירוש הרשב"ם ז"ל יש קצת שינוי וכוא זה אבל מן יעשה על הבקף ויהלו בו הדבר אשר ימכור ויערים הרמאי שיעשה בתוכו בית קבול מעות עד שיסים שם מה שיגנוב מכסף הסחורה ולא יודע: וקנה של עני שיש בו בית קבול מים. פי' שיעשה אותה הלולה ויסים בסוף מים לשתות ממנו ויאמר לאנשים שבוא בתעניות שיתמלו עליו. בכה אלה כולה אע"פ שהם פסולי כלי עץ אשר לא יקבלו טומאה מ אורייתא כיון שנעשה להם בית קבול מ"מ הנה הם טמאים ואמר ר' יוחנן וכו': זו מדת קרקע. שהרי מדה כלי כתוב לקמיה דסיום משורה כדכתיב ומים במשורה תשתה: שלא ימדוד לאחד. מב' לקוחות שלקחו קרקע בשותפות או לאחד מב' אחין שחלקו שדה: לאחד בימות החמה. ולאחד באותו חבל עצמו בימות הגשמים בבימות החמה החבל יבש וקצר יותר מבימות הגשמים. ור"ח פירש בימות הגשמים הקרקע כווץ ובימות החמה ר"ת קמש

בפתיה ומוסיף במדה : במלח . שמכבידין : שלא ירתיח . שלא יספוק המוכר את היין בחוזק ומגביה לתוך משורתו של לוקח מפני שעולה הקצף ואיסק מלא בלע"ז וכנראה קמלא : ומה משורה . שהיא קטנה כל כך שלשים וששה יש מהן בלוג הקפידה תורה בראיתות שלא שהיא כתוב ממלה בלוג : ק"ו . בראיתות כלי גדול כגון הין כו' או אפילו שלישית הכין וכו' : והאי תומן וע כלא . גרסינן בהוב פהה. התומן (ועוכלא שהוסים הן מרביעית כלוג. התומן שמינית כלוג) [שמינית הקב חלי לוג]: עוכלא. לקמן מפרש: שישהה . דזמנין דאתי למדוד ומיהו קרא לא אזהר גדולה וקטנה אלא כשיתקנם לו על מנת למוד בהן דהאי לא חיישה הכי אמאי אצטריך ליה למימר: ואפילו הוא

---

און מיט פעריל: אז זייא ווילען גנבנן די דימאנטען און פעריל איבער די גרענעץ. גענומען זיי אויסגיהוילטען שטעקין און שיטען ארין אינוויינינג די דימאנטען מיט די פעריל און פון היבין ליינין זייא ארין אמזוזה. און זייא זאגין אז אין דעם שטעקין איז ניטא קיין אנדער זאך נאר מזוזות. די אלע כלים אז זייא רירען אן אטומאה ווערין זייא טמא: און אויף די אלע כלים האט רבי יוחנן בן זכאי גיזאגט. עס איז מיר שלעכט איך זאל זאגין. און עס איז מיר שלעכט איך זאל ניט זאגין:

**מב** תנו רבנן: די רבנן האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט טאהן קיין אומרעכט אין משפט ודער דיין זאל ניט פסקנן פאלשו. און איהר זאלט ניט טאהן אומרעכט במדה במשקל במשורה. במדה מיינט מען די מאס פון ערד. ערד פלעגט מען מעסטין מיט אשטריק. און אז צוויי ברידער אדער שותפים ווילען צו טיילען אפעלד. זאל מען נישט מעסטין צו איינעם אום זומער און צו איינעם אום ווינטער מיט דעם זעלבינגען שטריק. ווארום זומער איז דער שטריק אין געטריקנט איז ער קירצער. און ווינטער איז דער שטריק נאס קען מען איהם גוט אויס ציהען איז ער לייננגער. האט דאך איינער אגרעסערע שטיק פעלד און איינער האט איין קלענערע שטיק פעלד. במשקל מיינט מען ער זאל ניט בעהאלטין זיינע געוויכטער אין זאלץ. ווארום זייא ווערין שווערער. אז ער וועט קויפין סחורה אויף די געוויכט נארט ער דאך דעם פאו קויפער. במשורה מיינט מען ער זאל ניט מאכין אשאם. ווארום די מאס איז ניט פול. און מאראך משורה וואס די. מאס איז אזעקס און דרייסיג חלק פון אלוג וואס די שאם איז נאנץ ווייניג. האט די תורה גיזאגט מען זאל ניט געבין מיט די ביסול שאם. נאר זיינע משקה אן שאם. אז איינער מעסט מיט אעמער אדער מיט אהאלבין עמר אדער מיט אדריטעל עמער אדער מיט אפערטיל עמער אדער מיט אלוג אדער מיט אהאלבין לוג אדער מיט אפערטיל לוג אדער מיט אהאלבין תומן אדער מיט אעוכלא (תומן און עוכלא זענען אזעלכע מאסין) דארף ער גרוים מעסטין אן אשאם. רב יהודה זאגט פון רבס וועגין אמענטש טאר ניט האלטין אפאלשע מאס ביי זיך אין שטוב. סיי די מאס איז אביסול קלענער און סיי די מאס איז אביסול גרעסער. אפילו ער מיינט ניט צו מעסטין מיט איר פון דעסטוועגין טאר ער זי ניט האלטין אין שטוב. אפילו ער איז משתין אין איר. פון דעסטוועגן טאר ער זי ניט האלטין. נאר ער מוז זי צוברעכין. רב פפא זאגט ווען טאר

אלא באתרא דלא התימי אבל באתרא דהתימי אי לא חזי חותמה לא שקיל ובאתרא דלא התימי נמי לא אמרן אלא דלא מהנדסי אבל מהנדסי לית לן בה ולא היא זמנין דמתרמי בין השמשות ומקרי ושקיל:

(דף צ ע"ב) **מג** ת"ר אוצרי פירות ומלוי ברבית ומקטיני איפה ומפקיעי שערים עליהם הכתוב אומר (עמוס ח) לאמר מתי יעבור החדש ונשבירה שבר והשבת ונפתחה בר להקטין איפה ולהגדיל שקל ולעות מאזני מרמה מה כתיב אחריו (שם) נשבע ה' בגאון יעקב אם אשכח לנצח כל מעשיהם, אוצרי פירות כגון מאן א"ר יוחנן כגון שבתאי אצר פירי :



הוא סביב . דאיכא למיחש פעמים שרוחצו ומעביר טופו ומודד בו הילכך אין זו תקנה אלא בגייה : דלא התימי . שאין מומחה של מלך עומד חותם במדות הילכך אסור דהאי גרמות : לא שקיל . לוקח ומוהר נשכות : מהנדסי . הולכין ובאין ממונים של מלך לבדוק המדות : דמתרמי בין השמשות . שהכל טרודין ואין רואהו א"נ הלוקח עצמו מתוך טרדו אינו נותן אל לבו ומקרי ושקיל הילכך יצאת המוכר גרמות בו : אוצרי פירות . שקונין בשוק לאצרם למכור ביוקר וגורמין שמתייקר השער ואיכא הפסד עניים ונ"ל דבעיר ברובה יבראל מיירי : מפקיעי שערים . מוסיפין על השער: מתי יעבור החדש ונשבירה שבר. כלומר למכור ביוקר לסוף חדש אחר ימות הגורן והיינו מפקיעי שערים דלחדש אחד לא מקרי אוצרי פירות : והשבת ונפתחה בר. כלומר מתי הגיע שנת שמטה ונפתחה אוצרות בר והיינו אוצרי פירות : להקטין איפה . והיינו מקטיני איפה : להגדיל שקל . (נראה לי דהיינו מלוי ברבית שמגדיל שקלו על ידי רבית ואי משום להגדיל שקל מהם ממקטיני איפה שמעת ליה ומומאזני מרמה נמי שמעת אונאות מבקלות) וכתיב בתריה נשבע ה' בגאון יעקב וגו' : כגון שבתאי אצר פירי . כדי למכור לעניים ביוקר אבל כגון דאוצר פרי בשעת הזול ומוכרן בזול לעניים בשעת היוקר כדלקמן אע"פ שגורם יוקר השער מותר :

---

מען ניט האלטען דיא מאס נאר אין דיא שטאט וואס דיא ריכטיגע מאסין זענין ניט געחתמת מיט דיא חתימה פון מלך. דריבער דער קענט מען ניט וויסען מאס איז אריכטיגע. וועט ער קענען נארין. אבער אין דיא שטאט וואס דיא ריכטיגע מאסין זענען געחתמת מיט די חתימה פון מלך. מעג מען האלטען דיא פאלשע מאס אין שטוב. אונ מיר האבין ניט מורא טאמער וועט ער מעסטין מיט דיא פאלשע מאס. ווארום אז מען זעהט ניט דיא חתימה נעמט מען ניט דיא מאס. אונ אין דיא שטאט וואס דיא ריכטיגע מאסין זענין ניט געחתמת וועט טאר מען ניט האלטען דיא פאלשע מאסין נאר אז דיא פאליצייע קומען ניט בעקוקען דיא מאסין אויב זיא זענין ריכטיג. אבער אז דיא פאליצייע קומען בעקוקען דיא מאסין. מעג ער האלטען דיא פאלשע מאסין ביי זיך אין שטוב. אונ מיר האבען ניט מורא טאמער וועט ער מעסטין מיט דיא פאלשע מאס. ווארום ער האט מורא טאמער וועלין דיא פאליצייע דער זעהן וועלין זיא אים שטראפין. זאגט דיא גמרא אבער דער דין איז ניט אזוי. אפילו דיא פאליצייע בעקוקען די מאסין פון דעסטוועגין טאר מען ניט האלטען די פאלשע מאסין. טאמער וועט אמאל אין פרייטאג עפעס פארין נאכט ווען אלע מענשין אילין זיך גיבען זיי ניט אכטונג מיט וואס מען מעסט וועט ער דער וויל מעסטין מיט די פאלשע מאס:

**מג** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דיא מענטשין וואס קויפען תבואה אין גאס ווען עס איז וואלוויל. אונ זיא בעהאלטין דיא תבואה ביז עס וועט טייער ווערין. זייא זאלין פאר דינען. דער וייל אבער דורך זייער קויפען דיא תבואה אין גאס ווערט שוין טייער. טוהען זייא דאך שאדין דיא ארעמע לייט. אונ דיא מענטשין וואס פאר בארגין געלט אונ נעמען פראצענט. אונ דיא וואס האבען קליינע מאסין פאלשע. אונ דיא וואס מאכען טייער דיא תבואה אונ פירות אין גאס. אויף זיי זאגט דער פסוק די וואס זאגין ווען וועט שוין אריבער גיין דער חודש וועלין מיר פר קויפען די קארין פאר טייער. אונ ווען וועט שוין קומען דער יאהר פון שמטה וועלין מיר עפענען דיא שפייכלערס מיט קארין. מיר וועלין מאכן קליין די מאסין. אונ מיר וועלין גרוים מאכען דעם טאלער מיר וועלין נעמען פראצענט. פאר א טאלער וועלין מיר נעמען זיבען גילדען. אונ מיר וועלין פאר קרימען די וואג שאלין צו געבין די פאלשע וואג. וואס שטייט נאך דעם נאט האט געשווארין ביי די גרויסקייט פון יעקב אויב איך וועל פר געסין אויף אייביג אלע זייערע מעשים. וועלכע תבואה קויפערס הייסט מען פו נט. האט רבי יוחנן געזאגט אזוי ווי שבתאי דער תבואה קויפער. ער קויפט תבואה ווען עס איז וואלוויל. אונ פר קויפט בישלאבנויז צו ארעמע לייט פר טייער:

מד אבוה דשמואל מזבין להו לפירי בהרעא חריפא כי חריכא שמואל בריה משהי לפירי ומזבין להו בתרעא אפלא כתרעא חריפא שיחו מתם טבא דאבא מדברא מ"ט תרעא כיון דרווח רווח :

מה ת"ר אין מוציאין פירות מא"י דברים שיש בהם חיי נפש כגון יינות שמנים וסלתות רבי יהודה בן בתירא מתיר ביין מפני שממעט את התיפלה :

בתרעא חריפא. בשער המוקדם דהיינו בשעת הגורן : כי הריפא. בזול כדי שיתגרו גם הכל ויזלזל השער כל השנה : שמואל. מוהר להו לפירות שדותיו : ומזבין להו בהרעא אפלא. בשעה היוקר : כתרעא חריפא. כשער הזול בהפסדו : ט א דאבא מדברא. טובים מעשה אבא ממעשה בנו שאבא גורם מתחלה שלא יוקר השער כיון דרווח והזול השער רווח עוד כל השנה אבל משהוקר השער אינו יכול להזול מהרה : מפני שממעט כו'. דנכנס יין יצא סוד: אין יוצאין כו'. שמפקיע עצמו מן המצות : מתה אשתו של בועז. להשמיעך שהקב"ה מקדים רפואה למכה ויש להדס לבטוח בהקב"ה : עד דלא שכיב שכבא. קודם שימות המת : קיימי

(דף נא) מו ת"ר אין יוצאין מארץ לח"ל אא"כ עמדו סאתים בסלע א"ר שמעון אימתי בזמן שאינו מוצא ליקח אבל בזמן שמוצא ליקח אפילו עמדה סאה בסלע לא יצא :

מז היה רבי שמעון בן יוחאי אומר אלימלך מחלון וכליון גדולי הדור היו ופרנסי הדור היו ומפני מה נענשו מפני שיצאו מהארץ לח"ל שנאמר (רות א) ותהום כל העיר עליהן ותאמרנה הזאת נעמי מאי הזאת נעמי א"ר יצחק אמרו חזיתם נעמי שיצאה מהארץ לח"ל מה עלתה לה ואמר רבי יצחק אותו היום שבאתה רות המואביה לארץ ישראל מתה אשתו של בועז והיינו דאמרי אינשי עד דלא שכיב שכבא קימי מני ביתיה

---

מד אבוה. דער פאטער פון שמואל פלעגט זיין דער ערשטער צו פר קויפען תבואה אויף אוואהלוועלען מקח. אלע זאלין אזו פאר קויפען. זיין זוהן שמואל פלעגט אנדערש טאהן ער פלעגט האלטען זיינע תבואה. אז תבואה פלעגט טייער ווערין פלעגט ער פאר קויפען אויף דעם פריערדיגען מקח וויא עס איז געוועזן וואלוויל. האט מען געשיקט פון ארץ ישראל אז דער פאטער האט גיטאהן בעסער וויא דער זוהן. ווייל אז אנהייב יאהר שטעלט אוואלוועלער מקח בלייבט שוין וואלוויל אגאנץ יאהר :

מה תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט מען טאר ניט ארויס פירען פירות פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ. אזנ אלע עסענווארג וואס א מענטש לעבט פון ידעם למשל ויין אייל מעהל טאר מען ניט ארויס פירען פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ. רבי יהודה בן בתירא זאגט וויין מעג מען ארויס פירען פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ. ווייל עס וועט זיין ווייניגער נארעשקייט אין ארץ ישראל. וואראום אז א מענטש טרינקט וויין אונ ווערט שכור רעט ער נארעשקייט :

מו תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט מען טאר ניט ארויס גיין פון ארץ ישראל וואוהנען אין חוץ לארץ סיידין אין ארץ ישראל ווערט פאר קויפט צוויי סאה ווייץ פר אטאלער. רבי שמעון זאגט ווען מעג מען ארויס גיין פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ אז מען קען ניט בקומען תבואה צו קויפען פר געלט. אבער אז מען בעקומט צו קויפען תבואה אפילו מען פאר קויפט איין סאה פאר אטאלער זאל מען אויך ניט ארויס גיין פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ וואוהנען :

מז היה. רבי שמעון בן יוחאי פלעגט זאגין אלימלך אונ מחלון וכליון זענען גיוועזן דיא גרעסטע פון דעם דור. אונ זייא זענען גיוועזן דיא פירערס פון דעם דור. אונ פאר וואס זענען זייא גישטראפט גיווארין. ווייל זייא זענין ארויס גגאנגן פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען נעמי אונ רות זענין גיקומען צוריק אין בית לחם דט דיא גאנצע שטאט גיברומט אויף זיי. אונ זיי האבען גזאגט הזאת נעמי. רבי יצחק זאגט זיי האבן גזאגט דס איז נעמי. זעהט נעמי איז ארויס גיגאנגען פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ וואס איר האט אלץ גיטראפן. נאך האט רבי יצחק גזאגט דעם טאג וום רות המואביה איז גיקומען אין ארץ ישראל איז גישטארבען די ווייב פון בועז. דס איז וום מענטשין זאגן איידער דער פ ער פון

ביתיה. אמר רבה בר רב יצחק אמר רב אבצן זה בועז מאי קמ"ל כאידך דרבה בר רב יצחק דאמר רבה בר רב יצחק אמר רב ק"כ משתאות עשה בועז לבניו שנאמר (שופטים יב) ויהי לו שלשים בנים ושלשים בנות שלח החוצה ושלשים בנות הביא לבניו מן החוץ וגו' ולכל אחד ואחד עשה שני משתאות אחד בבית אביו ואחד בבית חמיו ולכולן לא זימן את מנוח אמר כודניתא עקרה במאי פרעא לי תנא וכולן מתו בחייו והיינו דאמרי אינשי בחייך דילדת שתין למה ליך דילדת איכפל ואוליד חד דמן שתין זריז. אמר רב חנן בר רבא אמר רב אלימלך ושלמון ופלוני אלמוני ואבי נעמי כילם בני נחשון בן עמינדב הם מאי קמ"ל שאפילו מי שיש לו זכות אבות אינה עומדת לו בשעה שיוצא מן הארץ לחוצה לארץ:

ואמר

מאי ביתיה. עומד ומזומן כבר הממונה על ביתו ועומד במקומו: אבצן. מן השופטים הוא בספר שופטים: מאי קא משמע לן. מה ריוח יש בדבר ומה אנו למדין שום מוסר מכאן: כדרבה בר רב יצחק. דקאמר שכל בניו של אבצן מתו בחייו ומדקאמר אבצן זה בועז וכתיב בבועז שנשא רות ואע"פ שהיו לו עדיין בנים הרבה אשמעינן דאם נשא אדם אשה בבחורותו ישא אשה בזקנותו כמו שעשה אבצן דהיינו בועז לפי שהיה ירא שמא ימותו בניו מאשה ראשונה בחייו ולא יהיה לו זכר וכתיב בבקר זרע את זרעך ולערב אל תנח ידך דמשמע נמי דרשיק ליה וכדמפרש קרא טעמא כי אינך יודע אי זה יכשר הזה או זה אבל הם לא אמר אבצן זה בועז הוה אמינא אבצן לא נשא אשה אחרת ובועז נמי לא היה לו מעולם אשה ובנים עד שלקח את רות: ק"כ משתאות. לששים בנים ובנות: לכל אחד שני סעודות. סעודת אירוסין שהוא מלוה כדאמרינן בפסחים וסעודת נשואין כל ז' ימי המשתה קרי סעודה אחת. יש לבומה אחרים ואין בהם ממש: כודניתא עקרה. פרדה עקרה: במאי פרעא לי. אין לו בנים שיזמינני לסעודתם: וכולם מתו בחייו. ול"נ חמא ומסקנא דמלתא דרבה בר רב יצחק הוא והכי הוה קים להו: בחייך דילדת שתין. ששון למות: למה ליך. מה נלע בלידתם: איכפל. ונסב אשה אחרת: ואוליד חד (דשמא) משתין זריז. וכיון עובד שהוליד בועז מרות ויצא ממנו דוד מלך ישראל. ואיכא דמפרש לה בשמשון דזריז משתין דאבצן ולא נהירא כלל: שלמון. אבי בועז דכתיב ושלמון הוליד את בועז: ופלוני אלמוני. משמע ליה שם הגואל כדכתיב סורה שבה פה פלוני אלמוני: בני נחשון. כדכתיב ונחשון הוליד את שלמה ושלמון הוליד וכו': זכות אבות. אלימלך בן נחשון שהיה נשיא והסיר:

שטוב שטארבט. שטייט שוין אן גיבריט דער אנדערער פירעד: אייער דיא ווייב שטארבט שטייט שוין אן גיבריט פר דעם מאן איין אנדער ווייב. רבה בר רב יצחק הט גזאגט פון רבס וועגין אבצן איז בועז. צו וואס דארפין מיר דס וויסען. אזו ווי די אנדערע זאך וואס רבה בר רב יצחק האט גזאגט. ווארום רבה בר רב יצחק הט גזאגט פון רבס וועגין הונדערט מיט צוואנציג סעודות הט בועז גימאכט צו זיינע קינדער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אבצן האט גיהאט דרייסיג זיהן. אונ דרייסיג טעכטער הט ער ארויס געשיקט פון שטוב צו זייערע מאנען. אונ דרייסיג טעכטער האט ער גיבראכט פון דער פרעמד זייא זאלין זיין ווייבער צוא זיינע זיהן. אונ צו יעדער קינד בזונדער ווען ער האט חתונה גימאכט האט ער גימאכט צווייא סעודות. איינע ביי דעם פאטער וואס הייסט תנאים. אונ איינע ביי דעם שווער וואס איז די חתונה. אונ אויף די אלע סעודות הט ער נ'ט גיבעטין מנוח. ווארום ער האט גזאגט מנוח איז אזוי ווי דער אייזיל וואס הייסט פרדה וואס ער הט ניט קיין קינדער. ווען וועט ער מיך בעטין אויף א סעודה. אונ מיר האבען גילערנט די אלע זעכציג קינדער זענין גישטארבען ווען אבצן הט נאך גילעבט. דס איז ווס מענטשין זאגין אז דו האסט ביי דיין לעבין גיבארין זעכציג קינדער אונ זייא זענין גישטארבן. וואס האסטו פון דיא זעכציג וואס דו האסט גיבארין. זיי דיך מטריח אונ גיבאהר נאך איין קינד וואס זאל לעבין. וועט ער זיין בעסער וויא די זעכציג גישטארבענע: אונ וואו געפינען מיר אז אבצן האט גינומען איין אנדער ווייב אונ הט גיהאט מיט איר איין זוהן דריבער זאגט רבה בר רב יצחק אז אבצן איז בועז. אונ בועז האט גינומען צו זיין עלטער רות אונ האט מיט איר גיהאט איין זוהן ווס פון אים איז גיבארין גיווארין דוד המלך: רב חנן בר רבא הט גזאגט פון רבס וועגין אלימלך אונ שלמון אונ פלוני אלמוני אונ דער פאטער פון נעמי דיא אלע זענען גיוועזן דיא קינדער פון נחשון בן עמינדב. צו וואס דארפין מיר דאס וויסען. אז אפילו דער וואס הט זכות אבות ווערט אויך גישטראפט אז ער גייט ארויס פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ. אזו ווי אלימלך וואס זיין פאטער איז גיוועזן נחשון בן עמינדב. דס ער איז גיוועזן א גרויסער צדיק. אונ ער איז ארויס גיגאנגען פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ איז ער גישטראפט גיווארין אונ איז גישטארבן:

ואמר

**מה ואמר** רב חנן בר רבא אמר רב אמיה דאברהם אמתלאי בת כרנבו אמיה דהמן אמתלאי בת עורבתא וסימניך טמא טמא טהור טהור אמיה דדוד נצבת בת עדאל שמה אמיה דשמשון צללפונית ואחתיה נשיק למאי נ"מ לתשובת האפיקורסין. וא"ר חנן בר רבא אמר רב עשר שנין נחבש אברהם אבינו שלשה בכותא ושבעה בקדרות רב דימי מנהרדעא מתני איפכא אמ' רב חסדא עיברא זעירא דכותא זה אור כשדים. וא"ר חנן בר רבא אמר רב אותו היום שנפטר אברהם אבינו מן העולם עמדו כל גדולי הדור בשורה ואמרו אוי לו לעולם שאבד (ע"כ) מנהיגו ואוי לה לספינה שאבדה קברניטה. (ד"ה א כט) והמתנשא לכל לראש א"ר חנן בר רבא אמר רב אפילו ריש גרגותא מן שמיא מוקמי ליה:

**מט** א"ר חייא בר אבין א"ר יהושע בן קרחה חס ושלום שאפילו מצאו סובין לא יצאו ואלא כפני

אמיה דאברהם. לפי שאמותן של יצחק ושל יעקב הוזכר צריכים אנו לידע שם אם אברהם ואגב גררא נקט אמיה דהמן לפי שאמותיהן שוות: כרנבו. כרים אלמן טהורים הם והיינו טהור. עורבא טמא הוא והמן נמי טמא הוא: אמיה דדוד. לפי שכל אמהו. של מלכים כתיב בנביאים הוצרך לפרש גם את דוד: ואמיה דשמשון. משום דאיירי ביה קרא טובא וכתיב נמי לאביו ולאמו לא הגיד הוצרך לפרש שכל דברים הללו שואלין האפיקורסים מ"ט אין אנו יודעים שמו זה: ואחתיה נשיק. כך שמה ואגב גררא דאמו נסבה: לתשובת האפיקורסין. ששואלין לנו כאלו יותר מכמה אמהות כדפרישית טעמא ואנו משיבין להם שמסרו לנו נביאים על פה: נחבש. שחבשו נמרוד ובהגדה כאיתא דתרח אביו חבשו בשביל שהיה מאבד צלמיו: כותא וקדרות. מקומות הם ופ"ה להודיע חיבתו של אברהם אבינו: עיברא זעירא. כך שמו: זה אור כשדים. שהושלך שם אברהם אבינו והרואה צריך לברך ברוך שעשה נסים לאבותינו במקום הזה כדאמרינן בברכות: קברניטה. מנהיגה המוליך את הספינה: ריש גרגותא. שר הממונה על הבורות מי ידלה ממנו היום להשקות שדותיו ומי למחר ושררה קטנה היא ומדכתיב לך ה' הממלכה והמתנשא יליף לה כלומר על ידך כמו נשא לכל דבר אפילו נגרגותא לנאש הוא על פיך:

---

**מה ואמר**. נאך האט רב חנן בר רבא גזאגט פון רבם וועגין די מוטער פון אברהם אבינו האט גיהייסען אמתלאי בת כרנבו. דיא מוטער פון המן האט גיהייסען אמתלאי בת עורבתא. דער סימן איז אטמא גייט צו אטמא. אעורב (אקראה) איז טמא. אונ המן איז אויך גיוועזן טמא. דריבער דיא מוטער פון המן האט גיהייסען עורבתא. אונ אטהור גייט צו אטהור. אשעפס איז טהור אונ אברהם איז גיוועזן טהור. דריבער דיא מוטער פון אברהם האט גיהייסען כרנבו. כר איז דער טייטש אשעפס. דיא מוטער פון דוד המלך האט גיהייסען נצבת בת עדאל. דיא מוטער פון שמשון האט גיהייסען צללפונית. אונ דיא שוועסטער זיינע האט גיהייסען נשיק. פרעגט די גמרא צו וואס דארף מען דאס וויסען. ענטפערט דיא גמרא טאמער וועלין דיא אפקורסים פרעגין אויף די מוטערס ווי זייא האבען גיהייסען וועט מען וויסען זייא צוא ענטפערין. נאך האט רב חנן בר רבא גזאגט פון רבם וועגין צעהן יאהר איז אברהם אבינו גיוועזן גיבונדען אין תפיסה (אין גיפענגנים). דריי יאהר אין כותא. אונ זיבען יאהר אין קדרות. רב דימי פון נהרדעא האט גילערנט פאר קערט. זיבען יאהר אין כותא אונ דריי יאהר אין קדרות: רב חסדא זאגט דער ארט עיברא זעירא דכותא דס איז אור כשדים: דארט האט מען אריין גיווארפען אברהם אבינו אין פייער. אונ ווער עס קומט צוא דעם ארט דארף מאכען אברכה שעשה נסים לאבותינו במקום הזה וגילויבט איז גאט וואס ער האט גיטאהן נסים צו אונזערע עלטערין אויף דעם ארטו. נאך האט רב חנן בר רבא גזאגט פון רבם וועגין דעם טאג וואס אברהם אבינו איז גישטארבען. האבען זיך גישטעלט דיא גרעסטע מענטשין פון דעם דור אין אשורה אונ האבען גזאגט וויי צו דער וועלט וואס זיא האט פארלארין אין פירער. אונ וויי צו די שיף וואס זי האט פארלארין איר שיף קפיטאן. אין פסוק שטייט והמתנשא לכל לראש: ווער עס ווערט דער הויבין צו זיין אעלצטער איז דאס גיקומען פון גאט. רב חנן בר רבא זאגט פון רבם וועגין אפילו דער עלצטער פון אברונען. וואס ער האט צוא שאפין ווער עס זאל שעפין וואסער היינט אונ ווער זאל שעפין מארגין. אים האט מען אויך גימאכט פר אעלצטין פון הימעל:

**מט** רבי חייא בר אבין האט גזאגט פון רבי יהושע בן קרחה וועגין אלימלך אונ נעמי מחלון וכליון אפילו זייא וואלטין נאר געפונען קלייען צו עסין וואלטין זייא ניט ארויס גיגאנגען פון ארץ ישראל. נאר זייא האבען נאר ניט גיהאט צו עסין אין ארץ ישראל דריבער זענין

כמפני מה נענשו שהיה להם לבקש רחמים על דורם ולא בקשו שנאמר (ישעיה נז) בזעקך יצילוך קבוציך. אמר רבה בר בר חנה אמר ר' יוחנן לא שנו אלא מעות בזול ופירות ביוקר אבל מעות ביוקר אפילו עמדו ארבעה סאין בסלע יוצאין דאמר רבי יוחנן נהירנא כד הוו קיימין ארבעה סאין בסלע והוו נפישי נפיחי כפן בטבריא מדלית איסר וא"ר יוחנן נהירנא כד לא הוו מתגרין פועליא למדנח קרתא מריח פתא טייתין. וא"ר יוחנן נהירנא כד הוה בצע ינוקא חרובא והוה נגיד חוטא דדובשא על תרין דרעוהי. ואמר רבי אלעזר נהירנא כד הוה נטיל עורבא בשרא ונגיד הוטא דמשחא מריש שורא ועד לארעא. ואמר ר' יוחנן נהירנא כד הוו מטילין טליא וטליתא בשוקא כבר שית עשרה וכבר שבע עשרה ולא הוו חטאין. וא"ר יוחנן נהירנא כד הוו אמרין בי מדרשא דמודי להון נפל בידיהון דמתרהיץ עליהון דיליה דילהון:

כתיב (רות א) מחלון וכליון וכתיב (ד"ה א ד) ויואש ושרף רב ושמואל ח"א מחלון וכליון שמם

בזעקך יצילוך קבוציך. ע"י שתלעק לקבץ הגדהים הללו: אבל מעות ביוקר. בהפקעתיה זוב מאד יוצאין כמדפרש טעמיה נקמיה: נהירנא. זכורני: מדלית איסר. לקנות בו להם: מריח פתא מייתין. פירות מעבירות מגבכת ומכילה ריח הפת פכות טוב מאד (כדלקמן) למזרח העיר ומייתין מתוך ריח טוב מרובה כן נראה בעיני ויש לפרש מתוך התאוה רעבון:

מטיילים. משחקים: טליא וטליתא. נער ונערה:

דמודי להון. לעכו"ם מתרצה לכם במה שאומרים נפל בידיכם אות כל דבריכם יסהור: דמתרהיץ. בוטח. שע"י שמגלה להם לוקחים כל מה שיודעים מכלו כדכתיב בתוקים וילאם את בית נכסם וגומר:

זייא גיגאנגען אין חוץ לארץ. אונ אז זיי האבען גימוזט ארויס גיין פון ארץ ישראל פאר וואס זענין זייא גישטראפט גיווארין. ווייל זייא האבען גידארפט מתפלל זיין אויף זייער דור עס זאל ניט זיין קיין הונגער. אונ זיי האבען ניט גיבעטין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בזעקך יצילוך קבוציך. אז דוא וועסט שרייען צו גאט ער זאל פאר זאמלען די פאר שטויסענע. וועסטו אויך גירעטעט ווערין. אונ אז אלימלך וואלט מתפלל גיוועזן פאר יודינס וועגין. וואלט ער אויך גיהאלפען גיווארין. רבה בר בר חנה האט גזאגט פון רבי יוחנס וועגין אז געלט איז וואלוויל (מענטשין האבען פיל געלט) נאר תבואה איז טייער. מוז מען וואוהנען אין ארץ ישראל. אבער אז געלט איז טייער ומענטשין האבען ניט קיין געלט) אפילו תבואה איז וואהלוויל עס איז פיר סאה פאר אטאלער. מעג מען ארויס גיין פון ארץ ישראל אין חוץ לארץ. ווארום רבי יוחנן האט גזאגט איך גידיינק עס איז אמאהל גיוועזן פיר סאה תבואה פאר אטאלער אונ עס איז גיוועזן פיל מענטשין וואס זענין גיוועזן גישוואלין פון הונגער אין טבריא ווייל עס איז קיין געלט ניט גיוועזן מיט וואס צו קויפען עסין. נאך האט רבי יוחנן גזאגט איך גידיינק אז ארבעטער פלעגין ניט ווערין זיך פאר דינגען צו ארבעטין אין מזרח זייט פון שטאט. ווייל דער מערב ווינט פלעגט אויף זייא בלאזין אונ פלעגט ברייינגען צו זייא דעם ריח פון דיא ברויט. אונ ווייל דער ריח איז גיוועזן צוא גוט אונ צוא פיל פלעגין זייא שטארבין פון דעם גוטען ריח. נאך האט רבי יוחנן גזאגט איך גידיינק אז אקינד פלעגט אויף ברעכין אבאקס פלעגט זיך ציהען אפאדים האניק אויף זיינע ביידע הענט. אונ רבי אלעזר האט גזאגט איך גידיינק אז אקראה פלעגט חאפען אשטיקעל פלייש אונ ארויף פליהען אויף דעם דאך פלעגט זיך ציהען אפארים פעטס פון שפיץ מאהער ביז אויף דיא ערד. נאך האט רבי יוחנן גזאגט איך ידיינק אז עס פלעגין זיך שפילען אין גאס איונגעל מיט אמיידל וואס זייא זענין שוין אלט גיוועזן צו זעכצעהן אדער זיבעצעהן יאהר. אונ זייא פלעגין ניט זינדיגען. נאך האט רבי יוחנן גזאגט איך גידיינק אז מען פלעגט זאגין אין בית המדרש. דער וואס איז מודה צוא דיא אפיקורסים. וועט ער אריין פאלען אין זייערע הענט. אונ דער וואס פאר זיכערט זיך אויף זייא. איז זיין פאר מעגין זייערער. זייא וועלין אלץ בייא אים צו נעמען:

כתיב. אמאהל רופט זייא דער פסוק מחלון וכליון. אונ אמאהל רופט זייא דער פסוק יואש ושרף. רב אונ שמואל קריגען. איינער זאגט זייער נאמען איז גיוועזן מחלון אונ כליון.

אונ

שמם ולמה נקרא שמם יואש ושרף יואש שנתיאשו מן הגאולה שרף שנתחייבו שריפה למקום . וחד אמר יואש ושרף שמם ולמה נקרא שמם מחלון וכליון מחלון שעשו גופם חולין כליון שנתחייבו כליה למקום . תניא כמ"ד מחלון וכליון שמם דתניא מ"ד (סס) ויוקים ואנשי כוזבא ויואש ושרף אשר בעלו למואב וישבי לחם והדברים עתיקים . יוקים זה יהושע שהקים שבועה לאנשי גבעון ואנשי כוזבא אלו אנשי גבעון שכזבו ביהושע ויואש ושרף אלו מחלון וכליון ולמה נקרא שמם יואש ושרף יואש שנתיאשו מן הגאולה שרף שנתחייבו שריפה למקום . אשר בעלו למואב אשר נשאו נשים מואביות . וישבי לחם זו רות המואביה ששבה ונדבקה בבית לחם יהודה . והדברים עתיקים דברים הללו עתיק יומיא אמרן דכתיב (תהלים פט) מצאתי דוד עבדי וכתיב (בראשית יט) שתי בנותיך הנמצאות (ד"ה ד ס) המה היוצרים ויושבי נטעים וגדרה עם המלך במלאכתו ישבו שם . המה היוצרים אלו

יואש ושרף : בדברי הימים : שנתחייבו כליה . על שיצאו מא"י : חולין . א"ל אדמתם שממה היא: מ"ד ויוקים ואנשי כוזבא וגו' . בני יהודה קא חשיב ואזיל בדה"י ואיכא למימר דכל הני דקא חשיב משבט יהודה היו מצד האב או מצד האם: זה יהושע. ושמא אמו מיהודה כדכתיב איש יהודי אמו מיהודה: ואנשי כוזבא . ה"ק מי שהקים שבועה לאנשי כוזבא דהיינו יהושע אבל אנשי כוזבא לאו משבט יהודה הם שהרי כנענים היו שכזבו ביהושע: אלו מחלון וכליון. שהיו משבט יהודה בני אלימלך בן נחשון: שנתייאשו מן הגאולה . שיגאלם הקב"ה מהרעב דכתיב כי פקד ה' את עמו לתת להם לחם סבורים היו שלא יפקדם : זו רות המואביה . שנקראת על שבט יהודה כלומר בבית שיצאו ממנה : דברים הללו . שיצאו מחלון וכליון לח"ל וע"י כן באה רות ונשאת לבועז ונולדו מלכי בית דוד : עתיק יומיא אמרן .

---

אונ פאר וואס רופט מען זייא יואש אונ שרף . יואש האט מען זייא גירופען ווייל זייא האבען זיך מיאש גיוועזען פון דער גאולה . זיי האבען גימיינט אז דער הונגער וועט אייביג זיין אונ גאט וועט זיי שוין קיין מאהל ניט העלפין . שרף האט מען זייא גירופען ווייל זייא זענין פאר שולדיגט גיווארין צו גאט מען זאל זייא פאר ברענגען . אונ איינער זאגט זייער נאמען איז גיוועזין יואש אונ שרף . אונ פאר וואס רופט מען זייא מחלון וכליון . מחלון האט מען זייא גירופען ווייל זייא האבען גימאכט זייער גוף חולין אונ טמא וואס זייא האבען גינומען גוישע ווייבער וואריום ערפה הט זיך ניט מגייר גיוועזען . אונ רות האט זיך מגייר גיוועזען דער נאך ווייא איר מאן איז גישטארבען . ועיין מהרש"א ׀ אונ כליון האט מען זייא גירופען ווייל זייא זענין פאר שולדיגט גיווארין צו גאט מען זאל זיי פאר לענדין . זאגט דיא גמרא מיר האבען גילערנט וויא דער וואס זאגט אז זייער נאמען איז גיוועזען מחלון אונ כליון . ווארום מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק יוקים אונ אנשי כוזבא אונ יואש אונ שרף אשר בעלו למואב וישבי לחם והדברים עתיקים . יוקים מיינט מען יהושע . וואס ער האט מקיים גיוועזען דיא שבועה וואס ער האט גישוואָרין צו דיא מענטשין פון גבעון . אנשי כוזבא מיינט מען דיא מענטשין פון גבעון וואס זייא האבען גילייקענט אונ גינארט יהושע . יואש אונ שרף דאס איז מחלון אונ כליון . אונ פאר וואס רופט מען זייא יואש אונ שרף : יואש רופט מען זייא ווייל זיי האבען זיך מיאש גיוועזען פון דער גאולה , זייא האבען גימיינט אז דער הונגער וועט אייביג זיין . אונ גאט וועט זיי שוין קיין מאהל ניט העלפין . שרף האט מען זייא גירופען ווייל זיי זענען פאר שולדיגט גיווארין צוא גאט מען זאל זייא פאר ברענגען . אשר בעלו למואב . וואס זייא זענען גיווארין מאנען צו דיא ווייבער פון מואב . וישבי לחם . דאס מיינט מען רות המואביה וואס זיא האט זיך צוריק גיקערט פון מואב אונ האט זיך בהעפט אין בית לחם יהודה . והדברים עתיקים . דיא זאכען האט גזאגט גאט וואס ער איז שוין אלט אין טעג : אזו וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט איך האב געפונען מיין קנעכט דוד . וואו האב איך איהם געפונען אין סדום . אזו וויא עס שטייט אין פסוק ביי לוט דיינע צוויי טעכטער וואס זענען גיפונען גיווארין . פון דיא טעכטער פון לוט זענין גיבארין גיווארין דיא צוויי פעלקער עמון אונ מואב . אונ פון רות וואס זיא איז גיוועזען פון מואב איז גיבארין גיווארין דוד המלך . אין פסוק שטייט המה היוצרים ויושבי נטעים וגדרה עם המלך במלאכתו ישבו שם . המה היוצרים . דיא יוצרים מיינט מען דיא קינדער פון יונדב בן רכב וואס זייא

אלו בני יונדב בן רכב שנצרו שבועת אביהם. יושבי נטעים זה שלמה שדומה לנטיעה במלכותו. וגדרה זו סנהדרין שגדרו פרצותיהן של ישראל. עם המלך במלאכתו ישבו שם זו רות המואביה שראתה מלכות שלמה בן בנו של בן בנה שנאמר (מ"א ב) וישם כסא לאם המלך וא"ר אלעזר לאמה של מלכות:

**נא** ת"ר (ויקרא כה) ואכלתם מן התבואה ישן בלא סלמנטון מאי בלא סלמנטון רב נחמן אמר בלא רצינאתא ורב ששת אמר בלא שדיפא. תניא כותיה דר"נ ואכלתם מן התבואה ישן יכול יהו ישראל מצפין לחדש מפני ישן (שיכלה) [שכלה] ת"ל עד בוא תבואתה עד שתבא תבואתה מאליה. תניא כותיה דרב ששת ואכלתם מן התבואה ישן יכול יהו ישראל מצפין לחדש מפני שישן רע ת"ל עד בוא

אלו יונדב כנושים: שבועת אביהם. שלא לשתות יין ושלא לבנות בתים כדכתיב בירמיה: נטעים. בנך וגדל כדכתיב על כסא ה' למלך: שגדרו פרצותיהם. לעשות תקנות וסייג לתורה: ה"ג מלכותו של שלמה בן בנו של בן בנה. כלומר שלמה בן דוד שהוא בנו של ישי שהוא בן עובד: כסא: לאמה של מלכות. שיצאו ממנה כל המלכים:

בלא סלמנטון. דסלמנטון אין מינות ליישן התבואה בלא מרקיבה: רציאתא. תולעת המרקיב אותה התבואה: שדיפא. תחממת התבואה ואין יכולה לישן: מצפין לחדש כו'. דה"ק קרא ואכלתם מן התבואה ישן עד קרוב לימות הקציר ולא עד בכלל: שכלה. היינו ע"י רציאתא שמרקיבה ומכלה אותה: עד שתבא מאליה. שתתבשל התבואה יפה ולא היו צריכין להקדים קציר ולעשות קליות: שישן רע. היינו שדיפה אבל בלא הוא הגרעין

---

זייא האבען געהיט דיא שבועה פון זייער פאטער ויוצרים טייטשט מען פון לשון נוצר. היטען זיי זאלין ניט טרינקען וויין און זאלין ניט באהען היזער. יושבי נטעים. זייא זיצען איין געפלאנצט. דאס איז שלמה המלך. וואס ער איז גיוועזן אין זיין קעניגרייך אזו וויא אפלאנצונג. אזוי וויא איונגער צווייג וואס וואקסט אלע טאג גרעסער. אזו איז דיא מלוכה פון שלמה אלע טאג גרעסער גיווארין. וגדרה: דיא פאר צאמונג. דס מיינט מען די סנהדרין וואס זייא פר צאמען מיט זייערע גזרות און תקנות דיא יודין זאלין ניט אויס ברעכין די היטונג פון תורה און מצות. עם המלך במלאכתו ישבו שם. זייא זענין דארט גיזעסין מיט דעם מלך אין זיין מלאכה. דאס מיינט מען רות המואביה וואס זי האט גזעהן די מלוכה פון שלמה. שלמה איז גוועזן דער זון פון דוד. דוד איז גיוועזן דער זהן פון ישי. ישי איז גיוועזן דער זון פון עובד. עובד איז גוועזן דער זון פון רות. אזו ווי עס שטייט אין פסוק וישם כסא לאם המלך. שלמה האט גיטאהן וגישטעלט אשטוהל צו דיא מוטער פון מלך. האט גידארפט שטיין ער האט גישטעלט אשטוהל צו זיין מוטער. האט רבי אלעזר גזאגט דם איז ניט גיוועזן זיין מוטער. דם איז גיוועזן זיין עלטער עלטער באבע. רות המואביה. וואס זיא איז די מוטער פון דם יודישע מלוכה:

**נא** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק איר וועט עסין דיא אלטע תבואה. עס וועט ניט זיין אין דיא תבואה סלמנטון. וואס איז סלמנטון. רב נחמן זאגט עס וועט ניט זיין אין דיא תבואה קיין ווערעם וואס זיי פר פוילען דיא תבואה. און רב ששת זאגט עס וועט ניט זיין קיין דער היצונג אין דיא תבואה. ווארום אז דיא תבואה ווערט דער היצט ווערט זיא קאלייע ליגענדיג און ווערט ניט אלט. מיר האבען גילערנט אזו ווי רב ששת. און מיר האבען גילערנט אזו ווי רב נחמן. מיר האבען גילערנט אזו וויא רב נחמן. עס שטייט אין פסוק איר וועט עסין פון דיא אלטע תבואה. איך וואלט מיינען דיא יודין וועלין ווארטען ווען וועט שוין קומען דיא נייע תבואה. וייל דיא אלטע תבואה וועט ניט זיין. זיא וועט פאר פוילט ווערין פון דיא ווערים וואס אין איר וועט זיין. דריבער וועט מען שניידין דיא תבואה פאר דער צייט. דריבער שטייט אין פסוק עד בוא תבואתה. מען וועט אזו לאנג עסין דיא אלטע תבואה. ביז דיא נייע תבואה וועט קומען פון זיך אליין. אבער מען וועט גאר ניט ווארטען אויף דיא נייע תבואה. ווארום דיא אלטע תבואה וועט נאך זיין גענוג צוא עסין פון איר. דריבער וועט מען שניידין דיא נייע תבואה אז זיא וועט שוין גוט צייטיג זיין. און מען וועט איר שוין מוזין אפ שניידין. און מיר האבען גילערנט אזו וויא רב ששת. עס שטייט אין פסוק איר וועט עסין פון דיא אלטע תבואה. איך וואלט מיינען דיא יודין וועלין ווארטען ווען וועט שוין קומען

דיא

בוא תבואתה עד שתבא מאליה. ת"ר ואכלתם ישן נושן מלמד שכל המיושן מחברו הוא מעולה מחברו ואין לי אלא דברים שדרכן לישנן אבל דברים שאין דרכן לישנן מנין ת"ל ישן נושן מ"מ. וישן מפני חדש תוציאו מלמד שהיו אוצרות מלאים ישן וגרנות מלאים חדש והיו ישראל אומרים היאך נוציא זה מפני זה א"ר פפא כל מילי מעלי עתיקא לבר מתמרי ושיכרי והרסנא:

אלא מאליהם. ס"ג ואכלתם ישן מלמד שכל המיושן כו' דמשמע שישן יאכלו ויניחו החדש להתיישן: דרכן לישן. תמר ויין: אין דרכן לישן. כגון מיני פירות שמרקיבין: ת"ל ישן נושן מ"מ. שאין הכתוב להודיע שבח ארץ ישראל שאפילו אותן שאין דרכן לייש יתיישנו ויתקיימו: היאך נוציא כו'. דהכי משמע וישן מפני חדש תוציאו בעל כרחכם שלא יהיה לכם מקום להגיע החדש ואע"פ שהישן מעלי טפי יוציאוהו מפני החדש שהחדש ראוי להתיישן טפי מן הישן שכבר נתיישן: עתיקא. ישן: הרסנא. דגים קטנים: דמי בושתו. בזמן אורחים ואין לו מה יאכילם וכ"ש

# המוכר פירות פרק ששי

(דף צ ע"ב) **א היה** רשב"ג אומר מנהג גדול היה בירושלים המוסר סעודה לחבירו וקלקלה נותן לו דמי בושתו ודמי בושת אורחיו. עוד מנהג גדול היה בירושלים מפה פרוסה על גב הפתח כל זמן שהמפה פרוסה אורחין

---

דיא נייע תבואה. ווייל דיא אלטע תבואה וועט זיין שלעכט. זייא וועלין דער היצט ווערין אונ די קערנער וועלין קאלייע ווערין. דריבער וועט מען שניידין דיא נייע תבואה פאר דער צייט. דריבער שטייט אין פסוק עד בוא תבואתה. מען וועט אזוי לאנג עסין די אלטע תבואה. ביז דיא נייע תבואה וועט קומען פון זיך אליין. אבער מען וועט גאר ניט ווארטען אויף דיא נייע תבואה. ווארום דיא אלטע תבואה וועט זיין גוט צוא עסין פון איר. דריבער וועט מען שניידין דיא נייע תבואה אז זיא וועט שוין גוט צייטיג זיין. אונ מען וועט איר שוין מוזין אפ שניידין. דיא רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק ואכלתם ישן. איר וועט עסין אלטע תבואה. איר וועט בעסער וועלין עסין דיא אלטע תבואה וויא דיא נייע תבואה. דער פסוק לערונט אונז וואס עלטער דיא תבואה וועט זיין. טאמער וועט זיא זיין. בעסער וועט זיין. וועט נאר גוט זיין אלטע. אזעלכע זאכען וואס דער שטייגער איז מען זאל זייא אוועק שטעלין אלט צו ווערין וקארין ווייץ ויין אבער אזעלכע זאכען וואס עס איז ניט דער שטייגער מען זאל זייא אוועק שטעלין אלט צו ווערין. למשל פרוכטין. וואס זייא ווערין פאר פוילט פון וואגען ווייסען מיר אז זייא ווערין ניט פאר פוילט ווערין אונ זייא ווערין נאך בעסער זיין אלטע ווי נייע. שטייט אין פסוק ישן נושן. וואס מען ווט נאר אוועק שטעלין אלט צו ווערין. וועט דאס בלייבען גאנץ אונ עס וועט נאך זיין בעסער וויא נייע. אין פסוק שטייט וישן מפני חדש תוציאו. דער פסוק לערונט אונז אז דיא שפייכלערס וועלין זיין פול מיט אלטע תבואה. אונ דיא שייערין וועלין זיין פול מיט נייע תבואה. וועלין דיא יודין זאגין וויא אזוי וועלין מיר אויס ציהען דיא אלטע תבואה אריין צוא לייגען דיא נייע תבואה. רב פפא זאגט אלע עסין ווארג אלטע זענען גוט. אויסער אלטע טייטלען אונ ביר וואס איז גימאכט פון טייטלען אונ קליינע פישלאך. די דריי זאכען זענען ניט גוט אלטע:

## פרק ששי

**א** היה. רבן שמעון בן גמליאל פלעגט זאגין אגרויסער מנהג איז גיוועין אין ירושלים. אז איינער האט גיגעבין שפייזין צו אסארווער ער זאל אן גרייטין אסעודה. אונ דער סארווער האט קאלייע גימאכט דיא סעודה. מען קען ניט עסין דיא שפייזין. דארף דער סארווער בצאהלין דעם בעל הבית פאר זיין שאנדע. אונ פאר די שאנדע פון דיא געסט. ווארום דער בעל הבית מיט דיא געסט זענען פארשעמט גיווארין. אונ פאר דעם עסין וואס ער האט קאלייע גימאכט דארף ער געווים בצאהלין: נאך אגרויסער מנהג איז גיוועין אין ירושלים. אז איינער האט גימאכט אסעודה

אורחין נכנסין נסתלקה המפה אין האורחין נכנסין :

(דף לז) **ב אמר** רב זוטרא בר טוביה אמר רב אין אומרים קדוש היום אלא על היין הראוי לנסך על גבי המזבח. למעוטי מאי אילימא למעוטי יין מגיתו וכו' (ע"ב) אי למעוטי מגולה סכנה הוא וכו' אי בעית אימא לעולם למעוטי מגולה ואף על גב דעבריה במסננת כרבי נחמיה אפ"ה (מלאכי א) הקריבהו נא לפחתך הירצך או הישא פניך בעא מיניה רב כהנא המוה דרב משרשיא מרבא חמר חורין מהו א"ל (משלי כג) אל תרא יין כי יתאדם :

(דף לח) **ג אמר** רב חייא בר יוסף חמרא מזלא דמריה גרים שנאמר (חבקוק ב) ואף כי היין בוגד

מילתא דחסריה מזלא : אורחין נכנסין . ומקום טובה היא לקבלת אורחין שידעו כי שם יאכלו וילכו שם לאכול :

כגון דעבריה : מסננת . דמותר בשתי' דאיצטריך למימר דלקדוש עליו : כרבי נחמיה דאמר אדם נותן לף במקומו ועומד ויש לו תקנה בסינון במס' סוכה בלס' פ"ד : הקריבהו נא . גבי חולה כתיב אלמא כל דבר מגונה אסור לקרבן : חמר חורין מהו . לנסכים וי"מ לקידוש ולא נהירא : אל תרא יין . לשתותו : כי יתאדם . שמשתכר יותר מדאי הלכך יין אדום קודם לנסכים דשכר כתיב בהו :

מזלא דמריה (בסוגיא של מעלה זוכר דין המוכר יין לחבירו והתנין אם האחריות על המוכר או על הלוקח ואגב הניהו מאמר רבי חייא ופירש רשב"ם) דלאו קנקנים המוכר גרמו אלא מזליה דלוקח שהיא בעניו של יין גרים : שנאמר ואף כי היין בוגד . באדם למה משום דגבר יהיר כו' גבהותו של אדם שמגיס דעתו בדבר שאין בו גורם שהיין

---

**אסעודה.** האט ער אויף גיהאנגען אטישטוך אויף דיא טיר. אזוי לאנג וויא דער טישטוך איז גיהאנגען האבין דיא געסט גימעגט אריין גיין . אז דער טישטוך איז אראפ גינומען גיווארין . האבין שוין דיא געסט ניט גידארפט אריין גיין . וייל עס איז שוין גיוועזן נאך דער סעודה :

**ב** אמר . רב זוטרא בר טוביה האט גיזאגט פון רבס וועגין מען טאר ניט זאגין קידוש נאר אויף אזעלכע וויין וואס מען מעג גיסען אויף דעם מזבח . פרעגט דיא גמרא וועלכע וויין וויל רב זוטרא זאגין אז מען טאר ניט מאכין אויף איהר קידוש . מיר וואלין זאגין אז ער מיינט וויין וואס איז גישעפט גיווארין פון קעלטער טאר מען ניט מאכין אויף דיא וויין קידוש . מיר האבין דאך גילערנט אז מען מעג יא מאכין קידוש אויף דעם וויין פון קעלטער . אונ אויב רב זוטרא מיינט וויין וואס איז גיוועזן אפ גידעקט טאר מען ניט מאכין אויף איהר קידוש . דיא וויין טאר מען דאך גאר ניט טרינקען . וייל עס איז אסכנה טאמער האט פון זייא גיטרונקען אשלאנג . ענטפערט דיא גמרא אז דוא וילסט וועל איך דיר זאגין רב זוטרא מיינט טאקי דיא וויין וואס איז גיוועזן אפ גידעקט : נאר אפילו מען האט דיא וויין גיזייט . אונ אזוי וויא רבי נחמיה זאגט אז אשלאנג טרינקט שווימט דער גיפט פון שלאנג פון אויבין . אונ אז מען זייט בלייבט דער גיפט אין דיא טוך . אונ דיא משקה מעג מען שוין טרינקען . פון דעסטוועגין טאר מען ניט מאכין קידוש אויף דיא וויין . וייל מען טאר זייא ניט גיסען אויף דעם מזבח . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אקראנקע בהמה אדער אבהמה וואס האט אפעלער טאר מען ניט מקריב זיין אקרבן . וייל אז דוא וועסט געבין אזעלכע בהמות פאר דיינעם אשרה . וועט ער דען דאס וועלין צוא נעמין פון דיר . אדער וועט ער גאר וועלין קוקען אויף דיר . זעהן מיר דאך אז אמיאוסה זאך טאר מען שוין ניט מקריב זיין פאר אקרבן . אונ דיא וויין וואס אשלאנג האט גיטרונקען פון איהר איז אויך מיאוס . טאר מען דאס ניט גיסען אויף דעם מזבח אונ מען טאר ניט מאכין אויף דעם וויין קידוש . רב כהנא דער שווער פון רב משרשיא האט גיפרעגט בייא רבא ווייסע וויין מעג מען גיסען אויף דעם מזבח אדער ניין . האט רבא גיזאגט עס שטייט אין פסוק עס זאל דיר ניט גיפעלין דיא וויין וואס ער איז רויט דוא זאלסט טרינקען אונ שכור ווערין פון איהם . זעהן מיר אז פון רויטע וויין ווערט מען בעסער שיכור וויא פון ווייסע וויין . אונ אין פסוק שטייט נסך שכר . מען זאל גיסען אזעלכע וויין וואס מען ווערט פון איהר שיכור : דארף מען גיסען רויטע וויין ניט ווייסע וויין :

**ג** אמר . רב חייא בר יוסף האט גיזאגט וויין גיהער צום מזל פון בעל הבית . עס קען זיין אז דיא וויין וואלט גיוועזן למשל בייא ראובן וואלט זיא ניט זויער גיווארין אונ אז זיא איז בייא שמעון ווערט זיא יא זויער . וייל דער מזל פון ראובן איז בעסער וויא דער מזל פון שמעון .

אזוי

בונד גבר יהיר ולא ינוה. אמר רב מרי האי מאן דיהיר אפילו אאינשי ביתיה לא מתקבל דכתיב גבר יהיר ולא ינוה מאי לא ינוה לא ינוה בנוה שלו. אמר רב יהודה אמר רב כל המתגאה בטלית של ת"ח ואינו ת"ח אין מכניסין אותו במחיצתו של הקב"ה כתיב הכא לא ינוה וכתיב התם (שמות טו) אל נוה קדשך:

(ע"ג) **ד כתוב** בספר בן סירא הכל שקלתי בכף מאזנים ולא מצאתי קל מסובין וקל מסובין חתן הדר בבית חמיו וקל מחתן אורח מכניס אורח וקל מאורח משיב דבר בטרם ישמע שנא' (משלי יח) משיב דבר בטרם ישמע אולת היא לו וכלמה:

**ה רבי** חנינא נפק לקרייתא רמו ליה קראי אהדדי כתיב (מ"א ו) והבית אשר בנה המלך שלמה לה' ששים אמה ארכו ועשרים אמה רחבו ושלשים אמה קומתו וכתיב (שם) ולפני הדביר עשרים אמה אורך ועשרים אמה רוחב ועשרים אמה קומתו. אמר

בוגד כו דסכורים שהוא יין ונמצא חומץ מדה כנגד מדה: אאינשי ביתיה. אאשתו: לא מתקבל בשמנוה יוהו: כל המתגאה בטלית של ת"ח. דשביד בני"ד כהוקת כהנים טלית של ת"ח כ"ד כל שאין חלוקו נראים גתחתיו טפח ונישיהא יחידא הוא ונסות גוא למי שאינו ת"ח: קל מסובין. לאו דוקא קלא אלא דבר גרוע ולהכי נקט סובין ולא נקט גוה דפסולת היא: אורח מכניס אורח. דיו שם מכניס אותו בעה"ב:

רמו ליה. כמי העיירות קראי אהדדי: כתיב ששים אמה ארכו. מן המזרח למערב מן פתח ההיכל עד כותל מערבי של בית קדשי הקדשים דהיינו מ' אמה דאורך ההיכל וכ' אמה דבית קה"ק ול' אמה קומתו נמלא גגם בית קה"ק רומו ל' אמה: וכתיב בספוה נתי: עשרים אמה קומתו דכתיב ולפני

אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז דער זיין פערשט. ער ווערט זייער. וויל דער מענטש דער בעל הבית איז גרוס ביי זיך. רב מרי זאגט דער וואס איז גרוס ביי זיך. ווערט ער נישט אן גינומען אפילו אויף זיינע שטוב מענטשין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גבר יהיר. דער מענטש וואס איז גרוס ביי זיך. ולא ינוה. וועט ער ניט וואוהנען אין זיין וואוהנונג: זיינע שטוב מענטשין ווערין ניט קענען ליידין וואס ער וואוהנט מיט זייא. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין דער מענטש וואס איז ניט קיין תלמיד חכם אונ ער איז גרוס ביי זיך אונ ער גייט אין אקלייד פון אתלמיד חכם. וועט מען אים ניט אריין לאזין פאר גאט. ווארום דא שטייט דער וואס איז גרוס בייא זיך ולא ינוה. וועט ער ניט וואוהנען. אונ דארט שטייט אל נוה קדשך. צו דיין היילינע וואוהנונג. מיינט דער פסוק דער וס איז גרוס ביי זיך וועט ער ניט וואוהנען אין די היילינע וואוהנונג פון גאט:

ד כתוב. אין ספר בן סירא שטייט אלץ האב איך גיוואגין אין א וואג שאל. אונ איך האב ניט גיפינען גרינגער (ערגער) וויא קלייען. אונ גרינגער (ערגער) ווי קלייען איז. אז א איידים וואוהנט ביי זיין שווער אין שטוב. אונ גרינגער (ערגער) וויא א איידים וואוהנט ביי זיין שווער אין שטוב: איז אז א גאסט ברייננט אריין א גאסט. למשל ראובן האט גיבעטין שמעון ער זאל אים געבין עסין אסעודה. אונ שמעון האט אים גיהייסען קומען עסין. איז גיגאנגען ראובן אונ האט מיט גינומען לוי אויך אונ איז מיט אים גיקומען עסין ביי שמעון. דאס איז ניט שיין. גינוג פאר ראובן וואס שמעון גיט אים עסין ברייננט ער נאך מיט א פרעמדין אויך. אונ גרינגער (ערגער) וויא א גאסט ברייננט אריין א גאסט. איז אז איינער ענטפערט אויף א זאך איידער ער הט זיא גיהערט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז איינער ענטפערט אויף א זאך איידער ער האט זי גיהערט איז דס א נארשקייט צו אים אונ א שאנד:

ה רבי חנינא איז אמאהל גיגאנגען אין דיא קליינע שטעטליך. האבען די מענטשין פון דיא קליינע שטעטליך גיפרעגט ביי אים קשיות פון פסוקים. פון איין פסוק אויף דעם אנדערין. אין איין פסוק שטייט דיא שטוב (דער בית המקדש) וואס דער מלך שלמה האט גיבאוט צו גאט. איז גיווען דיא לענג (פון דיא טיר וואס אין מזרח וואנט ביז צוא דיא מערב וואנט) פון קדשי קדשים זעכציג איילין: (פערציג איילין איז גיוועז דיא לענג פון היכל. אונ צוואנציג איילין איז גיווען דיא לענג פון קדשי קדשים). אונ צוואנציג איילין איז גיווען דיא ברייט פון צפון וואנט ביז צו דרום וואנט. אונ דרייסיג איילין איז גיווען דיא הייך. איז דאך גיווען דיא הייך פון קדשי קדשים אויך דרייסיג איילין. אונ אין אנדערין פסוק שטייט אינווייניג פון דביר (די וואנט

להו כי קא חשיב משפת כרובים ומעלה קא חשיב מאי קמ"ל (דף לס) הא קמ"ל למטה כלמעלה מה למעלה אין משמש כלום אף למטה אין משמש כלום מסייע ליה לרבי לוי דא"ר לוי ואי תימא רבי יוחנן דבר זה מסורת בידינו מאבותינו מקום ארון וכרובים אינו מן המדה . תנ"ה ארון שעשה משה יש לו עשר אמות ריוח לכל רוח ורוח :

א"ר

הדביר עשרים כלומר ולפנים ממחילת בית קה"ק וזהו אמה טרקסין שקרויה דביר כ' אמה אורך מן המזרח למערב וכ' אמה רוחב מצפון לדרום וכ' אמה קומתו : כי קא חשיב . כ' דקומת בית קה"ק: משפת כרובים ולמעלה . קא חשיב שהכרובים של שלמה שניה היו עומדים על הקרקע אחד מימין הארון אחד מכותל מערבי ואחד משמאלו ורומן עשר כדכתיב בסדיה במלכים וכנפיהם פרושות מקיר לקיר כנף האחד נוגע בקיר לפ"ג וכנף השני בקיר דרומי מצד מרחבי הכרובים ומעלה כ' אמה עד הגג והארון של משה על גבי הכפורת היו : מאי קמ"ל . ל"ל דקא חשיב קרא כי האי גוונא משפת כרובים ולמעלה לימא בלשון אמה קומתו : ומשני הא קמ"ל למטה כלמעלה . דהני י' אמות שהכרובים והארון עומדים בהם כמו שכ' של מעלה מה הכ' של מעלה כולם חלל ואין בהם דבר כך גם מעשה וגוף הכרובים בהם היו עומדין כדלקמן ומקום הארון אינו מן המדה אלא בנס היה עומד וכנפי הכרובים שהם גבוהים לא חיישי דהא למטה דידהו ולמעלה דידהו יכונן למדוד עשרים ריקניות מכותל לפני לכותל דרומי והכי משמע קרא וכ' אמה קומתו כלומר כל הכ' אמות קומה אין השובים אלא כעשרים דמשפת כרובים ולמעלה שהם פנויים מכלום העשויה כמו הכ' : ארון שעשה משה . כשניתן בבית קה"ק שעשה שלמה שהוא כ' על כ' : יש לו עשר אמות ריוח לכל רוח ורוח . לימינו ולשמאלו הרי כ' בלא ארון ולפניו כ' עד הדביר ע"כ :

אים

וואס צווישען היכל אונ קדשי קדשים הי' סט דביר) אין קדשי קדשים . איז געווען צוואנציג איילין די לייננ : אונ צוואנציג איילן דיא ברייט אונ צוואנציג איילין דיא הייך . איז דאך אקשיא דיא הייך פון דעם קדשי קדשים איז דאך אויך געווען דרייסיג איילין אזו וויא פון היכל . האט רבי חנינא דיא געענטפערט דיא צוואנציג איילין הייך רעכענט מען פון דיא כרובים ביז צום סאפיט (ווארום שלמה המלך האט געשטעלט צוויי כרובים (צוויי קינדער אויס געשניצט פון האלץ אונ בדעקט מיט גאלד . אונ פון רוקען זענען ארויס געגאנגען צוויי פליגול . איין פליגול איבער דיא האנט אונ איין פליגול איבער דיא האנט) איין כרוב איז געשטאנען אויף דיא ערד נעבין ארון פון דער זייט . אונ איין כרוב איז געשטאנען אויף די ערד נעבין ארון פון דיא אנדערע זייט : יעדער כרוב איז געווען הויך צעהן איילין : אונ פון כרוב ביז צום סאפיט איז געווען הויך צוואנציג איילין . צו זאמען איז דיא הייך געווען דרייסיג איילין) . פרעגט דיא גמרא צו וואס רעכנט דער פסוק דיא צעהן איילין פון דיא כרובים בזונדער . אונ דיא צוואנציג איילין פון דיא כרובים ביז צום סאפיט בזונדער . זאל ער זאגין דיא הייך פון קדשי קדשים איז געווען פון דיא ערד ביז צום סאפיט דרייסיג איילין . ענטפערט דיא גמרא דער פסוק דער ציילט אונז אז די אונטערשטע צעהן איילין זענען געווען וויא דיא אובערשטע צוואנציג איילין . אזו וויא אין דיא אובערשטע צוואנציג איילין איז גאר נישט נישטאנען . אזו דיא אונטערשטע צעהן איילין זענין אויך געווען גאר ליידיג . מען האט גיקענט מעסטין צוואנציג איילין פון צפון ביז דרום אן דעם גוף פון דיא כרובים אונ אן דעם ארון . דאס ווערט זיין אזוי וויא רבי לוי האט גזאגט . אדער וויא רבי יוחנן האט גזאגט דיא זאך איז איבער גיגעבין גיווארין אין אונזערע הענט פון אונזערע עלטערין (דאס האבען אונז אונזערע עלטערין גזאגט) אז דער ארט פון ארון אונ פון דיא כרובים איז נים נירעכנט אין דיא מאס פון צוואנציג איילין וואס פון צפון ביז דרום . אונ נים אין דיא צוואנציג איילין וואס פון מזרח צוא מערב : זאגט דיא גמרא מיר האבען אויך אזוי גילערנט דער ארון וואס משה האט גימאכט האט ער גיהאט ליידיגע צעהן איילין אין יעדער זייט . (דער ארון איז גישטאנען אין קדשי קדשים נעבין דיא מערב וואנט . אונ פון דיא מערב וואנט ביז צוא מזרח וואנט איז געווען צוואנציג איילין . אונ אז מען האט גימאסטען פון דעם ארון ביז צו מזרח וואנט איז אויך געווען צוואנציג איילין . אונ פון צפון וואנט ביז דרום וואנט איז געווען צוואנציג איילין . אונ דער ארון מיט דיא כרובים איז גישטאנען אין מיטען . אונ אז מען האט גימאסטען פון צפון וואנט ביז צום ארון איז געווען צעהן איילין . אונ פון דרום וואנט ביז צום ארון איז אויך געווען צעהן איילין) . אונ וואו איז געווען דער ארט פון ארון מיט די כרובים . איז דער ארון מיט די כרובים געשטאנען דורך אנס:

אמר

ובמסכת מגילה כתוב בפרק ראשון מאמר הענין זה ולאוי נסדרו במקום הזה:

ו א"ר לוי ואי תימא רב ספי דבר זה מסורת היא בידנו מאבותינו מקום ארון (מגילה י) (וכרובים) אינו מן המדה. תניא נמי הכי ארון שעשה משה יש לו ריוח עשר אמות לכל רוח ורוח. וכתיב (מ"א ו) ולפני הדביר עשרים אמה ארך ועשרים אמה רחב ועשרים אמה קומתו ויצפהו זהב. ארון גופיה היכא הוה מונח אלא לאו ש"מ בנס היה עומד:

ז אמר (רבינא) [רבניא] אמר שמואל כרובים בנס היו עומדים שנאמר (מ"א ו) וחמש אמות כנף הכרוב האחת וחמש אמות כנף הכרוב השנית עשר אמות מקצות כנפיו ועד קצות כנפיו גופיהו היכא הוו קיימי אלא ש"מ בנס היו עומדין מתקיף לה אביי

אינו מן המדה. אינו אוחז למעט מדת הקרקע לכל צדדיו כלום כדקתני יש לו י' אמות לכל רוח באמצע בית קה"ק הוה יושב ויש ריוח ביה לבין הכתלים עשר אמות לכל צד וכל הבית אינו אלא כ' על כ' נמצא שאינו ממעט כלום: לפני הדביר. אלא בית קה"ק שהוא לפנים מן הדביר היא הפתיחה המבדלת בין הקודש ובין קה"ק:
כרובים. דשלמה: בנס היו עומדין. גופן: כנף הכרוב האחת. כנף האחד של כרוב וחמש אמות כנף השנית. של אותו כרוב ולא בכרוב שני קא מיירי דהא כתיב בתריה ועשר באמה הכרוב השני וגו': עשר אמות מקצות כנפיו ועד קצות כנפיו. מהכא לא מפקינן דבנס היה עומד הגוף בין שני הכנפים שמקצה האחד עד הקצה השני לא הוי כי אם עשר אמות וא"כ הגוף שביניהם היכן לא יתכן לומר דמהכא נפקא ליה דא"כ מאי האי דקא פריך לקמן ודילמא ביתא מעילאי רווח וקושיות אחרות דלא שייכי הכא כלל אלא הכי קא מבעיא ליה אם באת לחבר שני כנפי הכרוב זה לצד זה תמצא מקצות כנפיו עד קצות כנפיו עשר אמות ומיהו טפי מעשר אמות היו שהרי רוחב הגוף בין שני הכנפים אלא מהכא פרכינן שרוחב בית קה"ק מצפון לדרום לא היה אלא כ' אמה ושני הכרובים היו בכנפיהם עשרים לבד הגופים כדכתיב ששני הכנפים עשר אמות וכתיב ויפרשו את כנפי הכרובים ותגע כנף האחד בקיר וכנף הכרוב השני נוגעת בקיר השני וכנפיהם אל תוך הבית נוגעות כנף אל כנף וא"כ אוקמא גופייהו דכרובים היכא הוו קיימי דקס"ד שהכנפים בכרוב כידי אדם א' מצד ימין וא' מצד שמאל והגוף בינתיים: מתקיף לה אביי. מי

---

ו אמר. רבי לוי האט געזאגט אנדערע זאגן רב פפי האט געזאגט. דיא זאך איז איבער געגעבין געווארין אין אונזערע הענט פון אונזערע עלטערין (דאס האבען אונז אונזערע עלטערין געזאגט) אז דער ארט פון ארון אונ פון דיא כרובים איז ניט גירעכנט אין דיא מאס פון צוואנציג איילין וואס פון צפון ביז דרום. אונ ניט אין דיא צוואנציג איילין וואס פון מזרח צוא מערב. זאגט דיא גמרא מיר האבען אויך אזו גילערנט דער ארון וואס משה האט אים גימאכט האט ער גיהאט ליידיגע צעהן איילין אין יעדער זייט. אונ עס שטייט אין פסוק איננווייניג פון דעם דביר (דיא וואנט וואס צווישען היכל אונ קדשי קדשים הייסט דביר) אין קדשי קדשים. איז גיוועזן צוואנציג איילין די לייננ. אונ צוואנציג איילין דיא ברייט אונ צוואנציג איילין די הייך. אונ ער האט איננווייניג בדעקט מיט גאלד. אונ וואו איז גישטאנען דער ארון. נאר מיר מוזין זאגן אז דער ארון איז גישטאנען דורך א נס:

ז אמר. רבנאי האט גזאגט פון שמואלס וועגין דיא כרובים זענען גישטאנען אין קדשי קדשים מיט א נס. ווארום עס שטייט אין פסוק דער פליגעל פון א כרוב איז גיוועזן לאנג פינף איילין. אונ דער אנדערער פליגעל פון דעם כרוב איז אויך גיוועזן לאנג פינף איילין. אונ אז עס וואלט גיוועזן איין פליגעל נעבין אנדערין פליגעל וואלט גיוועזן פון דעם עק פון דעם רעכטין פליגעל ביז דעם עק פון דעם לינקען פליגעל צעהן איילין דיא לייננ. אונ אזו איז גיוועזן דיא לייננ פון דיא צווייא פליגעל פון דעם אנדערין כרוב. איז דאך גיוועזן דיא לייננ פון דיא פיר פליגעל צוואנציג איילין. האט דאך אן גערירט איין פליגעל (דער רעכטער) פון איין כרוב דיא צפון וואנט. אונ איין פליגעל (דער לינקער) פון אנדערין כרוב האט אן גערירט דיא דרום וואנט. איז דאך א קשיא וואו זענען גישטאנען דיא כרובים אליין. ווארום דיא ברייט פון דיא פלייצעס פון דיא כרובים זענען דאך גיוועזן צווישען דיא פליגעל. איז דאך שוין גיוועזן פון דעם עק פון דעם רעכטין פליגעל ביז דעם עק פון דעם לינקען פליגעל מער וויא צעהן איילין. אונ אזוי איז גיוועזן בייא דעם אנדערין כרוב איז דאך גיוועזן צו זאמען מער וויא צוואנציג איילין. אונ פון צפון וואנט ביז דרום וואנט איז נאר גיוועזן צוואנציג איילין. דריבער מוזין מיר זאגן אז די כרובים זענען גישטאנען מיט א נס. האט אביי גיפרעגט טאמער איז גיוועזן דיא גאנצע פלייצעס פון דיא כרובים אונטער דיא פליגעל. אזו וויא דיא פליגעל פון דיא הענער זענען. אונ דיא פליגעל זענען גיוועזן אויף

דיא

אביי ודלמא בולטין כתרנגולים הוו קיימי מתקיף לה רבא ודלמא זה שלא כנגד זה הוו קיימי מתקיף לה רב אחא בר יעקב ודלמא באלכסונא הוו קיימי מתקיף לה רב הונא בריה דרב יהושע ודלמא ביתא מעילאי רווח מתקיף לה רב פפא ודלמא סוכף הוו כייפי ידייהו מתקיף לה רב אשי ודלמא שלחופי הוו משלחפי ודייהו). כיצד הן עומדין ר"י ור"א חד אמר

פי' יימר דבנס היו עומדים דלמא גופן של כרובים בולטין ויוצאין מתחת הכנפים כתרנגולים שהגוף שלו (יוצא) מתחת כנפיו ולא נינהו באין הרחקה והפרש בין הכנפים אלא מקורבים היו והגוף יוצא מן הכנפים שבני הכנפים יוצאים ממקום אחד בחוטם הגב וכן כל הנך קושיות דמקשי הנך אם כתי ולאלי הגוף הכרובים קיימי כל מהנך בתרתי דנרכינן בהו ידייהו בהדיא ורב פפא ורב אשי כייפו ידייהו מבלהפי ידייהו: ודילמא זה שלא כנגד זה הוו קיימי. כרובים שהאחד עומד מצד הארון מזה בסמוך לכותל והשני עומד מצד הארון מזה מבוך רחוק מן הכותל קלהו ונמלא כנף האחד נוגעת אחורי כנף חברו בין הכנף ולכותל נמלא קצת כנף הכרוב המשוך מן הכותל לפני קצת כנף הכרוב הסמוך לכותל כשיעור עומי רוחב הגופים אע"ג דלאו בולטים כתרנגולים נינהו אפ"ה לא תיקשי מידי: מתקיף לה רב אחא בר יעקב. הכי נמי דלאו בולטים כתרנגולים נינהו וגם זה כנגד זה קיימי אפ"ה לא קשי מידי דדילמא באלכסון הבית היו עומדים הכרובים זה כנגד זה דאיכא עפי מעשרים אמה כשיעור הגופים ונקצות כנפיו של זה לקצות כנפיו של זה כגון שהכרוב שבימין הארון לא היה פניו ממש כנגד ההיכל וגבו לכותל מערבי אלא מצד הלדודי כנפי ההיצון כנגד דרומית מערבית נוגע בכותל בזוית וכנף שלו במצד הארון פרוש בחלי הארון או חוצה לו דהיינו רחוק מן הכותל וכנף הכרוב השני מתחיל משם וכנפו השנית נוגעת סמוך להדביר בקרן לפונית מזרחית: מתקיף לה רב הונא בריה דרב יהושע. הכי נמי דזה כנגד זה קיימי ולא באלכסון קיימי ואפ"ה אין גופן עומד בכל הדלמא ביתא מעילאי רוח שהבנין הולך ומתקצר מלמעלה והוי רוחב יותר מעשרים אמה במקום שבולטין הכנפים מן הגופים והוי מקיר אל קיר כנגד כנפי הכרובים מקום נגיעתם בכתלים יותר מעשרים כרוחב הגופים: סוכף הוו כייפי ידייהו. הכנפים עלמן כפופים הן כאדם שכופף ידיו משום וכנגד ניכח אלא עבדים אמה מקלה כנף האחד לקלה כנף השני: ודילמא שלחופי הוו משלחפי ידייהו. כנף על כנף כאדם שמונח את ידיו כדכתיב שכל את ידיו ומתרגמינן בתרגום אונקלוס בלחפינן ניהוי כך פנ"ה ואי מבוא הכתוב ובגופים

אל

---

דיא פליגעלס איין פליגעל געגען דעם אנדערן. דארפן מיר שוין ניט זאגן אז די כרובים זענען געשטאנען מיט אנס. האט רבא געפרעגט אפילו מיר וועלען זאגן אז דיא פליגעל זענען געשטאנען ביא דער זייט פון דיא כרובים. אזו וויא דיא הענט פון א מענטשען. פון דעסטוועגען דארפן מיר ניט זאגן אז דיא כרובים זענען געשטאנען מיט אנס. ווארום טאמער זענען געשטאנען. דיא כרובים ניט איינער געגען אנדערן. נאר איינער איז געשטאנען נעבען דיא וואנט. און דער אנדערער איז געשטאנען אפ געררוקט פון דיא וואנט. איז געוועזען פאר שפרייט איין פליגעל אינטער דעם אנדערן פליגעל. לכשל אויב דיא ברייט פון די צוויי פליגעלס פון דיא כרובים איז געווען אאייל. איז געוועזען איין פליגעל אינטער דעם אנדערן פליגעל אויך אאייל. האבען שוין די כרובים געקענט שטיין אן אנס. רב אחא בר יעקב האט געפרעגט אפילו מיר וועלען זאגן אז דיא פליגעל זענען געוועזען ביא דיא זייטען פון דיא כרובים. און די כרובים זענען געשטאנען איינער געגען אנדערן. דארפן מיר אויך ניט זאגן אז דיא כרובים זענען געשטאנען מיט אנס. ווארום טאמער זענען זייא געשטאנען אין דער קרים. רב הונא בריה דרב יהושע האט געפרעגט אפילו מיר וועלען זאגן אז דיא פליגעל זענען געוועזען ביי דיא זייטען פון דיא כרובים. און דיא כרובים זענען געשטאנען איינער געגען אנדערן. און זיי זענען ניט געשטאנען אין דער קרים: דארפן מיר אויך ניט זאגן אז דיא כרובים זענען געשטאנען מיט אנס. ווארום טאמער איז געוועזען דער קדשי קדשים צוואנציג איילין דיא לייגנ און צוואנציג איילין דיא ברייט. נאר אויף דיא פאדלאגע. אבער וום העכער זענען דיא ווענט געוועזען דינער. איז דער קדשי קדשים געווארען ברייטער און לייגער ווי צוואנציג איילין. און ביז צען איילין הויך פון די ערד האבען שוין געקענט שטיין די כרובים אוים געשפרייט דיא פליגעל. רב פפא האט געפרעגט אן דעם דארפן מיר אויך ניט זאגן אז דיא כרובים זענען געשטאנען דורך אנס. ווארום טאמער זענען געוועזען דיא פליגעל אבגעבויגען אראפ גילאזט נעבען דיא זייטען. דריבער איז געוועזען די פליגעל מיט דיא כרובים צו זאמען נאר צוואנציג איילין. רב אשי האט געפרעגט טאמער איז געוועזען דיא צוויי מיטעלסטע פליגעל ארויף גילייגט א פליגעל אויף א פליגעל. דריבער איז געוועזען דיא פליגעל מיט דיא כרובים צו זאמען נאר צוואנציג איילין. פרעגט דיא גמרא וויא זענען געשטאנען דיא כרובים. ענטפערט דיא גמרא אין דעם קריגט רבי יוחנן מיט רבי אלעזר. איינער זאגט עס איז געוועזען אפנים געגען אפנים. דיא כרובים האבען

אז

אמר פניהם איש אל אחיו וח"א פניהם לבית . ולמ"ד פניהם איש אל אחיו הכתיב (ד"ה ב ג) ופניהם לבית ל"ק כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום כאן בזמן שאין ישראל עושין רש"מ . ולמ"ד פניהם לבית הכתיב (שמות כה) ופניהם איש אל אחיו דמצדדי אצדודי . תניא אונקלוס הגר אומר כרובים (ד"ה ב ג) מעשה צעצועים הם ומצודדין פניהם כתלמיד הנפטר מרבו :

(דף ק) **ח תניא** הלך בה לארכה ולרחבה קנה מקום הילוכו דברי רבי אליעזר וחכמים אומרים אין הילוך מועיל כלום עד שיחזיק א"ר אלעזר מ"ט דר"א דכתיב (בראשית יג) קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה כי לך אתננה ורבנן ההם משום חביבותא

אל תוך הבית נוגעת כנף אל כנף היינו נמי כמין נוגעות דהוי זו כנגד זו : ופניהם איש אל אחיו . בשל משה כתיב : ופניהם לבית . בכרובים של שלמה כתיב בדה"י דכתיב והם עומדים על רגליהם ופניהם לבית ולהיכל והיו כאותם של משה שהם על הכפורת ואלו על הקרקע ושל עץ שמן היו ומצופין זהב כדכתיב במלכים : הכתיב ופניהם לבית . וג"ש כרובים שעל הכפורת וא"ב בעל הך קא קאמר היו ליעשות בענין אחר : כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום הם הופכין פניהם זה לזה דוגמת חיבה זכר ונקבה המחבקין זה את זה כסימן שהקב"ה אוהב את ישראל ומתחלה כך נעשו פנים אל פנים כדי שתשרה שכינה על ישראל ויברך ישראל יעשו רצונו של מקום וכשאין ישראל עושין רש"מ הופכין פניהם לבית ע"י נס : דמצדדי אצדודי . קצת לבית וקצת זה לזה כאדם המדבר עם חבירו והופך ראשו קצת לצד אחר והכא ליכא להקשות כדלעיל כאן בזמן שישראל עושין וכו' דכיון דעיקר עשיית כרובים פניהם לבית לא היה להם לעשותם לסימן שאין ישראל עושין רצונו של מקום : מעשה צעצועים . פסוק הוא גבי כרובים בד"ה (ב' ג') והוא לשון לצנאים כלו' תינוקות כדאמרינן מאי כרוב כרביא ילד כלומר כתינוק הנפטר מרבו והיינו מצדד אצדודי דאמרן לעיל :

כדי

אן געקוקט איינער דעם אנדערין . אונ איינער זאגט זייא האבען גיקוקט מיט זייערע פנימער אויף דעם קדשי קדשים . פרעגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז דיא כרובים האבען גיקוקט איינער אויף דעם אנדערין . עס שטייט דאך אין פסוק זייא האבען גיקוקט מיט זייערע פנימער אויף דעם קדשי קדשים . ענטפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא . ווען דיא יודין פרעגין טאהן דעם ווילען פון גאט . האבען דיא כרובים גיקוקט איינער אויף דעם אנדערין . אונ ווען די יודין פרעגין ניט טאהן דעם ווילען פון גאט . זיי האבין גיזינדיגט . האבען דיא כרובים גיקוקט מיט זייערע פנימער אויף דעם קדשי קדשים . פרעגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז דיא כרובים האבען גיקוקט מיט זייערע פנימער אויף דעם קדשי קדשים . עס שטייט דאך אין פסוק דיא כרובים האבען געקוקט איינער אויף דעם אנדערין . ענטפערט דיא גמרא זייא האבען גיהאלטען דיא פנימער אויף אזייט . אביסול האבען זיי געקוקט איינער אויף דעם אנדערין : אונ אביסול האבען זיי גיקוקט אויף דעם קדשי קדשים . מיר האבען גילערונט אונקלוס הגר האט גזאגט דיא כרובים זענין גיוועזן גימאכט ווי קינדער אונ זיי זענין גישטאנען מיט דעם פנים אוף אזייט . אזו ווי א תלמיד וואס גייט אוועק פון זיין רבי :

**ח** תניא . מיר האבין גילערונט אז אין אפעלד פון א בעל הבית איז גיוועזן אוועג דורך צו גיין . וואס פיל מענטשין זענען אין איר גיגאנגען . אונ דיא וועג איז צו האקערט גיווארין מיט דיא גאנצע פעלד צו זאמען . אונ איצט ווייס מען ניט אויף וועלכין ארט דיא וועג איז גיוועזן . אז איינער איז גיגאנגען אין דיא פעלד אין דער לייגג אונ אין דער ברייט . אונ דער בעל הבית האט גיזעהן אונ האט געשוויגען . דעם ארט וואס ער איז אויף אים גיגאנגען האט ער אים שוין זוכה גיוועזן ער זאל צו מאהר אויף איהם גיין : אזוי זאגט רבי אליעזר . אונ דיא חכמים זאגין גיין העלפט גאר ניט . סיידין ער זאל טאהן א חזקה וער זאל דיא ערד פון דיא וועג פאר בעסערין העכער מאכין אביסול . אדער גידעריגער מאכין אביסולו . רבי אלעזר האט גיזאגט פאר וואס זאגט רבי אליעזר אז מיט גיין אליין איז מען זוכה : ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו אברהם שטיי אויף אונ גיי אין דר לאנד אין דר לייגג אונ אין דר ברייט ווארום צוא דיר וועל איך געבין דיא לאנד . זעהן מיר אז מיט דעם גיין אליין האט אברהם זוכה גיוועזן דיא לאנד . אונ דיא רבנן זאגין ווייל גאט האט ליב גיהאט אברהמען דריבער האט ער גיזאגט צו אים ער זאל גיין אין דיא לאנד וועט אויס זעהן אזוי וויא דיא לאנד וואלט שוין גיוועזן זיינע . דער

נאך

חביבותא דאברהם הוא דקא"ל הכי כדי שיהא נוח לכבוש לפני בניו :

(ע"ב) **ט ת"ר** אין פוחתין משבעה מעמדות ומושבות למת כנ"ד (קהלת א) הבל הבלים אמר קהלת הבל הבלים הכל הבל א"ל רב אחא בריה דרבא לרב אשי היכי עבדי א"ל כדתניא א"ר יהודה ביהודה בראשונה לא היו פוחתין מז' מעמדות ומושבות למת כגון עמדו יקרים עמדו שבו יקרים שבו אמרו לו א"כ אף בשבת מותר לעשות כן :

## יש נוחלין פרק שמיני

(דף קט ע"ב) **א ומשפחת** אב אינה קרויה משפחה והכתיב (שופטים יז) ויהי נער מבית לחם יהודה ממשפחת יהודה והוא לוי והוא גר

לדי שיהא נוח וכו'. דהוו להו כיורשין ולא כגזלנין ולא יהיה רשות לשטן לקטרג ולא פתחון פה לבעל מדת הדין :

מז' מעמדות ומושבות. כשחוזרין מן הקבר הולכין מעט ויושבין לנחם האבל או להרבות נער על המת שמת ובדרבות בכי ולהא היא אל לבו לשוב בתשובה כי תיי האדם הבל ועומדין והולכין מעט והוזרין ויושבין מעט כך עושים ז"פ כדי להזהיר לבם שהיי האדם הבל והיינו דמפרש לקמיה כנגד שבעה הבלים שכתובים בראש ספר קהלת כן נראה כשטה בעיני. ונראיתי כתוב מפני שהשדים מתלוים עם החוזרים מבית הקברות לכך תקנו מעמדות ומושבות כדי שמתוך כך יסתלקו השדים מעליהם ולא סבירא דא"כ יהא צריכין כי בכל מקום ולקמן אמרינן דכמנהגא תליא מילתא ועוד מאי כנגד הבל הבלים : היכי עבדי. היאך היו רגילים לעשות במקום שנהגו : עמדו יקרים. לאחר שישבו מעט היה הממונה אומר להם עמדו ולכו אל מקום אחר כן נראה בעיני : אמרו ליה. הכמים א"כ אף בשבת היה דקברו אז המת סמוך לחשיכה כדלקמן יהא מותר לעשות כן מאחר שלא היו עושין כי אם עמידות וישיבות ומדרב יהודה מייתי ראיה ולא מרבנן שהם לא פירשו כלום :

ויהי נער בספר. שופטים כתיב בפרשת פסלו של מיכה : וקא מהמם הגמרא. ממשפחת יהודה. אלמא קאתי מיהודה וכתיב: והוא לוי אלמא.

---

נאך וועט שוין זיין גרינג פאר זיינע קינדער זייא זאלין איין נעמען דיא לאנד אונ דער שטן וועט שוין ניט קענען מקטרג זיין אונ זאגין אז דיא יודין זענען גזלנים. ווארום זייא ווערין זאגין זיי ירשנן דיא לאנד פון אברהם :

**ט** תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערנט אז מען גייט צוריק פון דעם קבר וואס מען האט איצט בגראבין אמת. דארף מען אין וועג גייענדיג זיך זעצין זיבען מאהל אונ אויף שטעלין זיבען מאהל: ניט ווייניגער. אונ ביא יעדער מאהל זיצען ווייגט מען אויף דעם מת אונ מען טרייסט דעם אבל. אונ דאס טוהט מען צו ווייזען אז דאס לעבין פון דעם מענטשין איז נאר ניכטש. אונ פאר וואס זיבען מאהל ווייל עס שטייט אין פסוק קהלת האט גיזאגט הבל הבלים הבל הבלים הכל הבל. הבל איז איינס. הבלים איז צוויי. נאך אמאהל הבל איז איינס. אונ הבלים איז צוויי. אונ הבל איז איינס. איז זיבען מאהל הבל. רב אחא דער זוהן פון רבא האט גיזאגט צו רב אשי ווי פלעגין זייא טאהן. האט רב אשי גיזאגט צו רב אחא אזוי וויא מיר האבין גילערנט. רבי יהודה האט גיזאגט אין דער מדינה יהודה אז מען פלעגט גיין צוריק פון אמת בגראבין פלעגט זיין דער מנהג צו זיצען זיבען מאהל אונ שטעלין זיך זיבען מאהל. ניט ווייניגער. איינער פלעגט אויס רופין שטעלט אייך איר טייערע מענטשין. זעצט אייך איר טייערע מענטשין. האבין דיא חכמים גיזאגט צו רבי יהודה אויב מען פלעגט נאר אזוי טאהן ניט מער. דארף מען דאך מעגין אזוי טאהן אפילו אים שבת. אויב מען האט בגראבין אמת ערב שבת פארין נאכט. דארף מען דאך מעגין זיצען אונ שטעלין זיבען מאהל אום שבת ביא נאכט :

## פרק שמיני

**א** ומשפחת. פרעגט דיא גמרא דיא משפחה פון דיא מוטער ווערט ניט גירופין משפחה. עס שטייט דאך אין פסוק עס איז גיוועזן איינגער מענטש פון דיא שטאט בית לחם יהודה. פון דיא משפחה יהודה. אונ ער איז גיוועזן א לוי. אונ ער האט דארט גיוואוינט. איז דאך א קשיא דו זאגסט ער איז פון דיא משפחה יהודה. איז ער דאך גיבארין פון שבט יהודה. דער נאך זאגסטו ער איז א לוי. איז ער דאך גיבארין פון שבט לוי. נאר אזוי מיינט דער פסוק דער פאטער זיינער איז גיוועזן פון שבט לוי. אונ די מוטער זיינע איז גיוועזן פון שבט יהודה. אונ ער זאגט

גר שם הא גופא קשיא אמרת ממשפחת יהודה אלמא מיהודה קא אתי והוא לוי אלמא מלוי קאתי אלא לאו דאבוה מלוי ואמיה מיהודה וקאמר ממשפחת יהודה אמר רבא בר רב חנן לא גברא דשמיה ליי אי הכי היינו דקאמר מיכה (שם) עתה ידעתי כי ייטב ה׳ לי כי היה לי הלוי לכהן אין דאתרמי ליה גברא דשמיה לוי. וכי לוי שמו והלא יהונתן שמו דכתיב (שם יח) ויהונתן בן גרשום בן מנשה הוא ובניו היו כהנים לשבט הדני א״ל וליטעמיך וכי בן מנשה הוא והלא בן משה הוא דכתיב (ד״ה א כ״ג) בני משה גרשום ואליעזר אלא מתוך שעשה מעשה מנשה תלאו הכתוב במנשה ה״נ מתוך שעשה מעשה מנשה דאתי מיהודה תלאו הכתיב ביהודה אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי מכאן שתולין את הקלקלה במק לקל רבי יוסי ברבי חנינא אמר מהכא (מ״א א) תם הוא טוב

תאר

אלמא מלוי קאתי. קשיין אהדדי: אלא לאו דאביו מלוי. להכי קרי ליה לוי שהלוים למטה אבותם נקראו ליה והאי דקאמר ממשפחת יהודה על שם שאמו משבט יהודה: ומשני לא גברא דשמיה לוי הוא. והאי דכתיב והוא לוי כלומר כך שמו ולא משבט לוי הוא אלא משבט יהודה כדכתיב ממשפחת יהודה דמשפחה אב קרוי משפחה: היינו דקאמר מיכה כו. בתמיה בתיה מתנהג בעצמו על שקרה לו א״ש לוי לכהן לע״ז שלו ואי משבט יהודה הוא במה היה משתבח לעצמו אלא ודאי משום דמשבט לוי הוא שבחם בחר הקב״ה לשרת ולעולם אבוה מלוי ואמיה מיהודה והדרא קושיין לדוכתה: ומשני דאיתרמי ליה גברא דשמיה היה לוי. בכך היה משתבח כאילו הוא משבט לוי ולעולם לאו לוי הוה אלא משבט יהודה: והלא יהונתן שמו. ובע״כ האי דקרי ליה לוי היינו דמשבט לוי הוא וקרי ליה ממשפחת יהודה אלמא דמשפחת אם קרויה משפחה: בן מנשה. הנו״ן תלויה מפני שהיא יתירה דבן משה הוא ויהונתן בן גרשום כו׳ בההוא פרשה כתיב שבזמן שבט הדני פסלו של מיכה והלוי הלך עמהם להיות להם לכהן: ומשני. וכי בן מנשה הוא והלא בן משה הוא. דלכך הנו״ן תלויה וגם מדקרי ליה לוי שהיה משבט לוי וכדכתיב בדברי הימים בני משה גרשום ואליעזר: אלא מתוך שעשה מעשה מנשה. בן חזקיה מלך יהודה שעבד ע״ז ולכך תלאו הכתוב במנשה ה״נ לעולם משבט לוי הוה כדקאמרת והאי דקרי ליה ממשפחת יהודה לאו משום דאמו מיהודה לא אביו ולא אמו אלא מתוך שעשה מעשה מנשה בן חזקיה וכו׳ א׳ מלך. מדקרי ליה בן מנשה וממשפחת יהודה: הקלקלה. דבכך פרשה מיירי שנעשה כומר לע״ז: במקולקל. מנשה:

ילדה

---

פון דיא משפחה יהודה. זעהן מיר דאך אז דיא משפחה פון דיא מוטער. ווערט אויך גירופין משפחה. האט רבא בר רב חנן גיזאגט אזוי מיינט דער פסוק דער נאמען פון דעם מענטש איז גיוועזן לוי. אונ ער איז גיוועזן פון שבט יהודה. זיין פאטער איז גיוועז גיבארין פון שבט יהודה. אונ דיא משפחה פון פאטער ווערט גירופין משפחה. אונ דיא משפחה פון דיא מוטער ווערט ניט גירופין משפחה. פרעגט דיא גמרא אויב דער מענטש איז ניט גיוועזן פון שבט לוי. נאר זיין נאמען איז גיוועזן לוי. פאר וואס האט מיכה גיזאגט איצט ווייס איך אז גאט וועט מיר גוטס טאהן ווארום אלוי איז ביי מיר גיווארין אכהן. דער מענטש איז דאך נאר ניט גיוועזן קיין לוי. ענפערט דיא גמרא אזו האט מיכה גימיינט ווייל מיך האט גיטראפען אמענטש וואס הייסט לוי. זאל זיין אכהן צו מיין עבודה זרה. איז אסימן אז גאט וועט מיר גוטס טאהן. פרעגט דיא גמרא האט דען דער מענטש גיהייסען לוי. ער האט דאך גיהייסען יהונתן. ווארום עס שטייט אין פסוק יהונתן בן גרשום בן מנשה. ער מיט זיינע קינדער זענען גיוועזן כהנים צו דיא עבודה זרה פון שבט דן. האט רבא בר רב חנן גיפרעגט איז דען גרשון גיוועזן דער זוהן פון מנשה. ער איז דאך גיוועזן דער זוהן פון משה. אזו וויא עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון משה זענען גיוועזן גרשום אונ אליעזר. נאר ווייל ער האט גיטאהן אזו וויא מנשה דער זוהן פון חזקיהו האט גיטאהן. וואס ער האט גדינט עבודה זרה. דריבער רופט אים דער פסוק אויף דעם נאמען מנשה. אזו וועלין מיר דא אויך זאגין. זיין נאמען איז גיוועזן יהונתן. אונ ער איז טאקי גיוועזן פון שבט לוי. נאר פאר וואס רופט מען אים פון דיא משפחה פון יהודה. ווייל ער האט גיטאהן אזו וויא מנשה האט גיטאהן. וואס ער האט גדינט עבודה זרה. אונ מנשה איז דאך פון שבט יהודה. דריבער רופט אים אויך דער פסוק פון דיא משפחה פון יהודה. רבי יוחנן הט גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים ווענין פון דאנען לערנען מיר אז מען איינגט אן דיא עבירה אויף דעם וואס איז גיוואוהנט צו טאהן עבירות. אזוי וויא מען האט דא אן גיהאנגען דעם יהונתן אן מנשה. ווייל זייא האבען ביידע גיטאהן איין ערליי עבודה. רבי יוסי ברבי חנינא זאגט פון דעם פסוק ער ואדוניהו האט גיהאט אשיינע גשטאלט. אונ אים האט זיין מוטער גיבארין נאך

אבשלום

תאר מאד ואותו ילדה אחרי אבשלום והלא אדוניה בן הגית ואבשלום בן מעכה (בת תלמי מלך גשור) אלא מתוך שעשה מעשה אבשלום שמרד באביו תלאו הכתוב באבשלום (ה"נ מתוך שעשה מעשה מנשה דאתי מיהודה תלאו הכתוב ביהודה) (רש"ל מוחק זה):

**ב א"ר** אליעזר [אלעזר] לעולם ידבק אדם בטובים שהרי משה שנשא בת יתרו יצא ממנו יהונתן אהרן שנשא בת עמינדב יצא ממנו פנחס ופנחס לאו מיתרו אתי והכתיב (שמות ו) ואלעזר בן אהרן לקח לו מבנות פוטיאל לו לאשה מאי לאו דאתי מיתרו שפיטם עגלים לע"ז לא דאתי מיוסף שפטפט ביצרו והלא שבטים מבזין אותו ואומרים ראיתם בן פוטי זה בן שפיטם אבי אמו (די"ז) אלא אי אבוה דאימיה מיוסף איטא דאימיה מיתרו ואי אבוה דאמיה מיתרו

יצאת אחרי אבשלום. משמע שאלם אחת היו והלא אדוניה בן חגית הוה: יצא ממנו יהונתן. בן בנו של משה: פנחס. בן בנו של אהרן: ופנחס לאו מיתרו קא אתי. מכח יתרו אלמא קרוב היה ליתרו יותר מיהונתן בן גרשום ואפ"ה חסיד היה ואין ללמוד מכאן שידבק אדם בטובים שהרי אלעזר אבי פנחס לקח בת יתרו ויצא ממנה פנחס ואם אהרן דבק בטובים אלעזר בנו לא דבק בטובים: מאי לאו. מבנות יתרו כלו' בת יתרו ממש אחת מבנותיו: מבנות יוסף. כלו' מבנים יוסף: שפטפט. מתרים ונלחם כנגד יצרו כדאמרי' לקמן חין מזקן א' שהיה מפטפט כנגדו: ושרכין והלא שבטים מבזין כו'. כבנהד' פ"ט שהיו השבטים מבזין כו': שפיטם. כדכתיב כאן הון כומר לע"ז: אלא אי אבוה כו'. אלא לעולם לאו מבת יתרו ממש כ"לד פנחס שהאי גם מיוסף היה כדדרשינן לקמן פוטיאל בני פטפוטין משמע מיוסף שפטפט ביצרו ומיתרו שפיטם עגלים לע"ז והילכך ה"ק שהאם אמו בת יתרו ממש דמה ענין בת יתרו אצל שבט יוסף אלא ה"ק קרא ולאלעזר בן אהרן לקח לו מבנות פוטיאל לו לאשה כלומר שהאשה נולדה מיתרו ומיוסף ומהשתא מציגו למימר שד"ר א' או דור ס' היה פנחס לבת יתרו ולא היה קרוב ליתרו כיהונתן בן גרשום ולהכי אמרי מה שדבק אהרן בטובים ולאו זקנו של פנחס אלא האם שדבק ביתרו והעפ"כ יצא ממנו פנחס ליכא לתקבויי מיניה ממאי דבעיא לתיוף ממשה שיצא ממנו יהונתן שהרי פנחס היה רחוק מיתרו יותר מיהונתן: אי אבוה דאימיה מיוסף היינו דאימיה נפקא מיתרו. כגון מבניו של יתרו הו מבני בנו וליכא למימר אימא דאימיה מיתרו בת יתרו ממש דא"כ קרוב הוא ליתרו כיהונתן ולא ילפינן ממשה ומאהרן מידי: אבוה דאימיה מיתרו. מבנות יתרו. וגרסה

אַבְשָׁלוֹם. אִיז דָאךְ אַקְשְׁיָא וְויא קוּמְט אֲדוֹנִיָהוּ צוּ אַבְשָׁלוֹם. אֲדוֹנִיָהוּ אִיז גִיוֶוען דֶער זוּהן פוּן חַגִּית: אוּנ אַבְשָׁלוֹם אִיז גִיוֶוען דֶער זוּהן פוּן מַעֲכָה. נָאר וַוייל אֲדוֹנִיָהוּ הָט גִיטָאהן דִי זֶעלְבִּיגֶע עֲבֵירוֹת וָואס אַבְשָׁלוֹם הָאט גִיטָאהן. אַזוֹ וְויא אַבְשָׁלוֹם הָאט גֶעזִינְדִיגְט גֶעגִין זַיין פָאטֶער. אַזוֹ הָט אֲדוֹנִיָהוּ אוֹיךְ גֶעזִינְדִיגְט גֶעגִין זַיין פָאטֶער. דְרִיבֶּער הָט דֶער פָּסוּק אָן גִיהַאנְגֶען אֲדוֹנִיָהוּ אָן אַבְשָׁלוֹם:

**ב** אָמַר: רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט גִזָאגְט אֵייבִּיג זָאל זִיךְ אַמֶענְטְשׁ בַּהֶעפְטִין צוּ גוּטֶע מֶענְטְשִׁין. וָוארוּם מֹשֶׁה הָאט חֲתוּנָה גִיהַאט מִיט דִיא טָאכְטֶער פוּן יִתְרוֹ. אִיז פוּן אִים גִיבָּארִין גִיוָוארִין יְהוֹנָתָן וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַכֹּהֵן צוּ דִיא עֲבוֹדָה זָרָה. אַהֲרֹן הָאט חֲתוּנָה גִיהַאט מִיט דִי טָאכְטֶער פוּן עַמִּינָדָב. אִיז פוּן אִים גִיבָּארִין גִיוָוארִין פִּינְחָס. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אוּנ פִּינְחָס אִיז נִיט גִיבָּארֶן פוּן יִתְרוֹ. עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הָט גִינוּמֶען אַוַוייבּ פוּן פוּטִיאֵלְס טֶעכְטֶער. פַאר וָואס הָאט מֶען אִים גִירוּפֶען פוּטִיאֵל. נָאר פוּטִיאֵל אִיז יִתְרוֹ. אוּנ דָאס אִיז צְוַויי וֶוערְטֶער פוּטִי אֵל. עֶר הָאט גֶעפִּיטֶערְט קֶעלְבֶּער צוּ זַיין גָאט: צוּ דִי עֲבוֹדָה זָרָה: זֶעהְן מִיר דָאךְ אֲפִילוּ דֶער פָאטֶער פוּן פִּינְחָס הָט זִיךְ נִיט בַּהֶעפְט צוּ גוּטֶע. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין אִיז פוּן אִים גִיבָּארֶן גִיוָוארִין אַזוֹ אַצַדִּיק וְויא פִּינְחָס. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא אֶלְעָזָר הָט נִיט גִינוּמֶען דִי טָאכְטֶער פוּן יִתְרוֹ. נָאר עֶר הָאט גִנוּמֶען אַטָאכְטֶער פוּן שֵׁבֶט יוֹסֵף. אוּנ יוֹסֵף הֵייסְט פוּטִיאֵל. וַוייל עֶר הָאט מִלְחָמָה גִיהַאלְטֶען מִיט דֶעם יֵצֶר הָרָע וֶוען עֶר הָט אִים אָן גִירֶעט עֶר זָאל מְזַנֶה זַיין מִיט פוּטִיפָרְס וַוייבּ: פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אַז פִּינְחָס אִיז גִיבָּארֶן פוּן יוֹסֵף נִיט פוּן יִתְרוֹ וָואס פְלֶעגִין דִיא שְׁבָטִים אִים פַאר שֶׁעמֶען אוּנ פְלֶעגִין זָאגֶן צוּ אִים אִיר הָט גִיזֶעהְן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זַיין מוּטֶערְס פָאטֶער הָאט גֶעפִּיטֶערְט קֶעלְבֶּער צוּ דִיא עֲבוֹדָה זָרָה זָאל עֶר הַרְגֶנֶען אַנְשִׂיא פוּן אַשֵׁבֶט. הָאט דֶען דֶער שֵׁבֶט יוֹסֵף גֶעפִּיטֶערְט קֶעלְבֶּער צוּ דִיא עֲבוֹדָה זָרָה. נָאר אַזוֹ אִיז גִיוֶוען פִּינְחָס אִיז גִיבָּארֶן גִיוָוארֶן פוּן צְוַויי פָאטִילְיֶעס. פוּן שֵׁבֶט יוֹסֵף אוּנ פוּן יִתְרוֹס מִשְׁפָּחָה אוֹיךְ. אָדֶער זַיין מוּטֶערְס פָאטֶער אִיז גִיוֶוען פוּן יוֹסֵף אוּנ זַיין מוּטֶערְס מוּטֶער אִיז גִיוֶוען פוּן יִתְרוֹ. אָדֶער זַיין מוּטֶערְס פָאטֶער אִיז גִיוֶוען פוּן יִתְרוֹ אוּנ זַיין מוּטֶערְס מוּטֶער אִיז גִיוֶוען פוּן יוֹסֵף: זָאגְט דִיא גְמָרָא מֶען זֶעהְט פוּן

פסוק

מיתרו אימא דאימיה מיוסף דיקא נמי דכתיב מבנות פוטיאל תרי ש"מ. אמר רב הנושא אשה צריך שיבדוק באחיה שנאמר (שם) ויקח אהרן את אלישבע בת עמינדב אחות נחשון ממשמע שנאמר בת עמינדב איני יודע שאחות נחשון היא מה ת"ל אחות נחשון מכאן לנושא אשה שצריך שיבדוק באחיה. תנא רוב בנים דומים לאחי האם:

(שופטים יח) ג ויסורו שם ויאמרו לו מי הביאך הלום ומה אתה עושה בזה ומה לך פה. אמרו לו לאו ממשה קא אתית דכתיב ביה (שמות ג) אל תקרב הלום. לאו ממשה קאתית דכתיב ביה (שם ד) מה זה בידך. לאו ממשה קאתית דכתיב ביה (דברים ה) ואתה פה עמוד עמדי ועכשיו תעשה כומר לע"ז אמר להם כך מקובלני מבית אבי אבא לעולם ישכיר אדם עצמו לעבו"ם ולא יצטרך לבריות והוא (אינו יודע מאי ע"ז) סבר לע"ז ממש ולא היא אלא עבודה זרה שזרה היטנו כדאמר ליה רב לרב כהנא נטוש

[וכולה בשיני דה"ג אלא אי אבוה דאימה מיוסף כי' ואחימה של הם פנחס קאי וה"ק אי אבי אמה של אבת אלעזר מיוסף וכו' דהכתא הוה ליה נפנחס דור אחד כחוק מיתרו יותר מיוסף] : פוטיאל תרי משמע. מדלא כתיב פוטאל בלא יו"ד הילכך ב' פוטיים דכתיב שפטפט ובפיטם א"נ עדכתיב מבנות דמשמע תב' בנות של פיטם ופטפוט מדלא כתיב בת פוטיאל כך נלתה בעיני : שיבדוק באחיה: שהבנים דומים לאחי האם כדלקמן : מלמד שבדק באחיה. לפי שהיתה אחות נחשון שהיה נשיא למטה יהודה ומתוך היכתו לכך לקחה :

ויסורו שם וגו'. ביהונתן בן גרשום מיירי בפרשת מיכה ויאמרו לו שבט הדני שבאו שם : ישכיר אדם עצמו וכו'. אלא שלא יהיה כהן לע"ז : שהיא זרה לו. הוא השוב והמלאכה משונה ומכוערת אלא שאין

---

פסוק אז אזו איז געוועז. ווארום אין פסוק שטייט מבנות פוטיאל. אז פוטיאל וואלט מען מיינען נאר איינעם אדער יוסף אליין אדער יתרו אליין. וואלט געדארפט שטיין פוטאל. אן אי"ד. אז עס שטייט פוטיאל מיט אי"ד. מיינט מען צוויי מענטשין יוסף אונ יתרו: רבא האט גזאגט אז א יונגער נעמט אוייב דארף ער זעהן ווער איהרע ברידער זענען. ווארום עס שטייט אין פסוק אהרן האט גינומען אוייב אלישבע דיא טאכטער פון עמינדב דיא שוועסטער פון נחשון. איז דאך א קשיא אז עס שטייט זיא איז דיא טאכטער פון עמינדב ווייס איך דען ניט אז זיא איז דיא שוועסטער פון נחשון. צו וואס שטייט אין פסוק אז זיא איז דיא שוועסטער פון נחשון נאר דער פסוק לערנט אונז אז איינער נעמט אוייב דארף ער זעהן ווער איהרע ברידער זענען. מיר האבען גילערנט דאס מערסטע קינדער זענען גלייך צו דער מוטערס ברידער:

ג ויסורו. דיא מענטשין פון שבט דן זענען אריין גיגאנגען צוא דעם יהונתן בן גרשום אונ האבען גזאגט צו אים מי הביאך הלום ווער האט דיך גיבראכט אהער ומה אתה עושה בזה אונ וואס טוהסטו דא ומה לך פה אונ וואס האסטו דא. פרעגט דיא גמרא וואס האבען זייא מיט אים אזו פיל גירעט. נאר זייא האבען גזאגט צו אים ביסטו דען ניט גיבארן פון משה רבינו וואס ביי אים שטייט דער ווארט הלום. אזו וויא עס שטייט אין פסוק אל תקרב הלום. נאך האבען זייא גזאגט צו אים ביסטו דען ניט גיבארן פון משה רבינו וואס ביי אים שטייט דער ווארט זה. אזו וויא עס שטייט אין פסוק מה זה בידך. נאך האבען זיי גזאגט צו אים ביסטו דען ניט גיבארן פון משה רבינו וואס ביי אים שטייט דער ווארט פה. אזו וויא עס שטייט אין פסוק ואתה פה עמוד עמדי. אונ איצט זאלסטו ווערן אכומר צו דיא עבודה זרה. האט דער יהונתן גזאגט צו זיי אזוי האב איך גילערנט פון מיין פאטערס פאטער איביג זאל זיך אמענטש פאר דינגען אפילו צוא אעבודה זרה אונ ער זאל ניט דארפין מענטשין זאגן אים שיינקען. אונ יהונתן הט גמיינט אז עבודה זרה מיינט מען וואס מען דינט צו פרעמדע גאטער. דריבער האט ער זיך פר דונגען צוא זיין אכומר צו דעם גאט וואס מיכה האט גימאכט. עס איז אבער ניט אזו עבודה זרה מיינט מען אארבעט וואס איז פרעמד צו אים. אמענטש זאל טאהן אזוי אארבעט וואס עס פאסט ניט פאר אים אונ ער זאל פאר דינגען. אונ ער זאל ניט בעטין מען זאל אים שיינקען. אזו וויא רב האט גזאגט צוא רב כהנא אז דוא ווייסט דארפין געלט זאלסטו ניט גיין בעטין מען זאל דיר שיינקען. נאר דוא זאלסט זוכען ארבעט צו פאר דינגען אונ דו זאלסט אפ ציהען אנבלה אין גאס אונ זאלסט נעמען

נטוש גבלהא בשוקא ישקול אגרא ולא תימא (כהנא אנא) וגברא רבא אנא וזילא בי מלתא כיון שראה דוד שממון חביב עליו ביותר שמו נגיד על האוצרות שנאמר (ד"ה א כו) ושבואל בן גרשום בן מנשה נגיד על האוצרות וכי שבואל שמו והלא יהונתן שמו אמר רבי יותנן ששב לאל בכל לבו :

(דף קיא) **ד מסתמיך** ואזיל ר' ינאי אכתפא דר' שמלאי שמעיה ואתי רבי יהודה נשיאה לאפייהו א"ל בר אינש דאתא לקבלנא הוא יאי וגולתיה יאי כי מטא לגביה גששיה א"ל דין שיעוריה בשק בעא מיניה מנין לבן שקודם לבת בנכסי האם א"ל דכתיב מטות מקיש מטה האם למטה האב מה מטה האב בן קודם לבת אף מטה האם בן קודם לבת א"ל אי מה מטה האב בכור נוטל פי שנים אף מטה האם בכור נוטל פי שנים (ע"ב) א"ל לשמעיה

גוד

פירוש

נט איכור : נימוש . רפשט : וטול אגרא . כלומר פשיטא בשכר בשוק נעין כל והין כאן הלוו השם כלל ולא קרינא ביה ולמגנאי אנבו מיה דדרשינן ליה במס' שבת בפ"ח פיס רבב על בגדיו אבל נעשים מגאכה להתפרנס אין כאן גנאי : ה"ג ולא תימא גברא רבה אנא . ואית דגרסי כהנא ולא תימא כהנא אנא כהן אני והבוב וגנאי הוא לי הדבר : והלא יהונתן שמו . שלא היה לו לגרשום בנים אלא זה לבד כדכתיב בדברי הימים ובני גרשום שבואל הראש : ששב אל ה' בכל לבו . עכשיו שהיה לו ממון הרבה ואי משום דכתיב ויהונתן בן גרשם בן מנשה הוא ובניו היו כהנים לשבט הדני עד יום גלות הארץ ואמרינן בס"ע עד יום שגלה מסך דן ופסלו של מיכה עמו בן מפורש בפ' בתרא דברכות ירושלמי מתיבין ליה והכתיב עד יום גלות הארץ אמרו כיון שמת דוד עמד שלמה והחליף כל הפקידין שלו והחליפו עמהם וחזר לקלקולו כדאמרן בס"ד ונביא אחד זקן יושב בבית אל אמרינן בו א הוה וקא בעי התם כומר לע"ז והאריך ימים ואמרינן ע"י שהיה עינו רעה בע"ז שלו כילד היה כד הם נייתי ליה שור או אמר או גדי לע"ז והוא אומר ליה הייסה פלי והוא אומר מה מועלת לך לא אוכלת ולא שותה ולא מטיבה ולא מריעה . א"ל ואתה שמגיד א"ל זיל הייתי ליה הדא פיקך דבולא ועשר ביעין עלוי ואגא אפיים לה ענך וכיון דאזל ליה אכיל לון אתא חד בר פחין וא"ל כן א"ל אם היתה מועילה כלום אם לא עביד הכא א"ל בנין חיי : כיון שמלך דוד . כשבואל :

רבי ינאי . זקן היה והחלו עיניו כהות : א"ל . שמעיה דרבי ינאי : בר אינש דאתי לקבלנא הוא יאי . אדם הבא כנגדנו : וגולתיה יאי . כלומר טליתו של ת"ח א"ל: נאה ממש כדמוכח לקמיה דאמר דין שיעוריה כשק · גמשים . רבי ינאי נגולתיה דרבי יהודה נשיאה : דין שיעוריה כשק . נגד עב וגרוע ושיעורו לקבל טומאה ד' טפחים על ד' טפחים כשק דתנן השק ד' על ד' כנגד ג' על ג' במס' שבת : א"ל . ר"י נשיאה לרבי ינאי בן קודם לבת כו': א"ל. ר"י נשיאה לר' ינאי אי מה מטה האב כו' : א"ל .

---

געמען פאר דינסט אדער פאר דיין ארבעט . און זאלסט ניט זאגן איך בין א כהן און איך בין אגרויסער למדן און עס פאסט ניט פאר מיר דיא זאך צו טאהן . וויא דוד המלך האט געזעהן אז יהונתן האט זייער ליב געלט . האט ער אים געמאכט ער זאל היטען דיא אוצרות פון מלך . אזו וויא עס שטייט אין פסוק און שבואל בן גרשום בן מנשה איז געוועזן אשר אויף די אוצרות . האט ער דען געהייסן שבואל ער הט דאך געהייסן יהונתן הט רבי יוחנן געזאגט שבואל מאכט שב אל . ער האט תשובה געטאהן צוא גאט מיט זיין גאנצען הארצען :

**ד** מסתמיך . רבי ינאי איז געוועזן אאלטער מאן און די אויגען זיינע זענען געוועזן טונקעל . אמאהל איז ער געגאנגען אין גאס איז ער געוועזן אן געלענט אויף דעם אקסיל פון זיין בדינער רבי שמלאי און רבי יהודה נשיאה איז געגאנגען אנטקעגען זייא . האט רבי שמלאי געזאגט צו רבי ינאי דער מענטש וואס קעגין אונז גייט איז ער אשיינער און זיין קלייד איז אשיינע . וויא רבי יהודה איז געקומען נעבין רבי ינאי . האט רבי ינאי אן געטאפט דיא קלייד פון רבי יהודה און ער הט געזאגט אזו אקלייד איז דער שיעור טמא צו ווערין אזו וויא אזאק . דיא קלייד איז גראב וויא אזאק ואשטיקעל פון אקלייד וואס איז גרוס דריי פינגער אויף דריי פינגער קען זיא שוין טמא ווערין אז זיא רירט אן אטומאה . און אזאק קען אנדערש ניט טמא ווערין סיידין ער איז גרויס פיר טפחים אויף פיר טפחים . הט רבי יהודה געפרעגט ביי רבי ינאי אז אמוטער שטארבט און עס איז דא זיהן און טעכטער פון וואנען ווייסען מיר אז די זיהן ירשנן אין גאנצן איר פרמעגין און ניט די טעכטער . הט רבי ינאי געזאגט עס שטייט אין פסוק מטות מיינט מען צוויי משפחות . דיא משפחה פון פאטער און דיא משפחה פון דיא מוטער און מיר גלייכן דיא מוטער צום פאטער . אזו וויא ביי דעם פאטער אז ער שטארבט ירשנן אים דיא זיהן און ניט דיא טעכטער . אזוי דיא מוטער אז זיא שטארבט ירשנן איהר דיא זיהן ניט דיא טעכטער . האט רבי יהודה געזאגט צוא רבי ינאי דארפן מיר דאך זאגן אזו וויא אז דער פאטער שטארבט נעמט אבכור צוויי חלקים . אזו אז דיא מוטער שטארבט זאל אויך דער בכור נעמען

צוויי

גוד לית דין צבי למילף:

(דף קטו) ה נת"ר בן אין לי וכו' (ע"ב) הא כיצד נחלה משמשת והולכת עד ראובן ולימא עד יעקב אמר אביי גמירי לא כלה שבטא. א"ר הונא אמר רב כל האומר תירש בת עם בת הבן אפילו נשיא ש בישראל אין שומעין לו שאינן אלא מעשה צדוקין דת ניא בעשרים וארבעה בטבת תבנא לדיננא שהיו צדוקים אומרים הירש בת עם בת הבן נטפל להם ר"י בן זכאי אמר להם שוטים מנין זה לכם ולא היה בהם אדם שהחזירו דבר חוץ מזקן אחד שהיה מפטפט כנגדו ואמר ומה בת בנו הבאה מכח בנו תירשנו בתו הבאה מכחו לא כ"ש קרא עליו מקרא זה (בראשית לו) אלה בני שעיר החורי יושבי הארץ לוטן ושובל וצבעון וענה וכתי' (שם) ואלה בני צבעון ואיה וענה (הוא ענה אשר מצא) אלא מלמד שבא צבעון על אמו והוליד ענה ודלמא תרי ענה הוו אמר רבה אמינא מלתא דלא אמרה שבור מלכא

ומנו

רבי ינאי לטעמיה: גוד. משוך אותו והלך: לית דין צריך למילף. אלא להקשות דברים שאינן צריכים כלומר דדבר קל הוא לתרץ כדלקמן: כדתניא במגלת תענית דקחשיב אלין יומיא דלא להתענאה בהון ומיירי בטבת וקתני: בעשרים וארבעה ביה תבנא לדיננא. שחזרנו למשפטנו הראשון שהודו לנו הצדוקים: עם בת הבן. ומיהו עם בן הבן מודו דלא קשיא: צדוק וביתוס תלמידי אנטיגנוס איש סוכו היו והיו שונין לתלמידיהם מה שקבלו מאנטיגנוס אל תהיו כעבדים וגו' וטעו התלמידים בכך שהיו סבורים דה"ק עבדו למקום ולא תקבלו שכר ואמרו כמו שאין ממש בדבר זה כך כל דברי חכמים מיד פקרו בדברי חכמים וקראו צדוקים ע"ש צדוק וביתוסים ע"ש ביתוס כתובות דרבי נתן: קרא עליו מקרא זה. שאנו למדים ממנו שענה בנו של צבעון היה וקרי ליה בן שעיר וקאמר נמי יושבי הארץ כלומר שענה ירש ארץ שעיר אבי אביו במקום שאר בני בנים יורשים נחלת האב כבנים עצמן וה"ה לבת בנו והלכך לא תירש הבת עם בת הבן כי היכי דאינה יורשת עם הבן: וכתיב ואלה בני צבעון וגו'. אלמא בנו היה ולעיל קרי ליה אחיו: והוליד ממנה ענה. נמצא שהוא אחיו ובנו ואין לומר דבנו של צבעון היה והאי דקרי ליה בן שעיר לאו משום דהיה אחיו של צבעון אלא לאשמועינן דבני בנים הרי הם כבנים להכי הא"כ לא ניכתביה גבי צבעון אלא ודאי מדקאמר צבעון וענה תרוייהו כאחים ומינו מדכתיב יושבי הארץ שמעינן מהכא דבני בנים

צווי חלקים: האט רבי ינאי געזאגט צו זיין בדינער ציה מיך אוועק פון באגען דער מענטש וויל ניט לערנען ער וויל נאר פרעגן קשיות:

ה תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט אז איינער שטארבט און קינדער ירשנן אים זיינע עלטערן זיין פאטער. אונ אז זיין פאטער איז געשטארבען. נאר זיין זיידע לעבט. ירשת אים זיין זיידע אונ אז זיין זיידע איז אויך געשטארבען. נאר זיין עלטער זיידע לעבט. ירשת אים זיין עלטער זיידע אונ אזוי ווייטער ביז ראובן. פאר וואס זאגט מען ניט ביז יעקב אוב ראובן איז אויך געשטארבען אונ יעקב לעבט. האט אביי געזאגט מיר האבען געלערנט אז עס וועט ניט פאר לענדט ווערן א שבט. דריבער קען ניט זיין אז ראובן זאל שטארבען אונ עס זאל פעלן א קינד ביי יעקב אבינו. רב הונא האט געזאגט פון רבס וועגן דער וואס זאגט א טאכטער זאל ירשנן גלייך מיט אזוהנס טאכטער. אפילו ער איז דער נשיא פון יודען. פאלגט מען אים ניט. וואראום די אפיקורסים פסקנן אזוי אדין. וואראום מיר האבען געלערנט דעם פיר אונ צוואנציגסטען טאג אין חודש טבת האבען מיר אונז אומגיקערט צו אונזער דין. ווארום די אפיקורסים האבען געזאגט אז א טאכטער זאל ירשנן גלייך מיט א זוהנס טאכטער. האט רבי יוחנן בן זכאי זיך בהעפט צו די אפיקורסים. אונ ער האט געזאגט צו זיי נארין פון וואנען ווייסט איר דעם דין אז א טאכטער זאל נעמען א גלייכען חלק מיט א זוהנס טאכטער. איז ניט געווען צווישען די אפיקורסים איין מענטש וואס זאל אים וויסען צו ענטפערן. נאר איין אלטער מאן האט געשטריטען געגין רבי יוחנן אונ האט געזאגט מאדאך די טאכטער פון זוהן וואס זיא קומט ירשנן דעם זיידען דורך איר פאטער. פסקנט איר זיא זאל אים ירשנן. זיין אייגענע טאכטער וואס זיא קומט ירשנן איר פאטער געוויס דארף זיא אים ירשנן. האט רבי יוחנן אויף אים געלייענט דעם פסוק. דאס זענען די קינדער פון שעיר החורי די זיצער פון די לאנד לוטן אונ שובל אונ צבעון אונ ענה. איז ענה געווען א ברודער פון צבעון. אונ אין אנדערן פסוק שטייט דס זענען די קינדער פון צבעון. איה אונ ענה. איז דאך ענה געווען א זוהן פון צבעון. נאר אזוי איז געווען צבעון האט מזנה געווען מיט זיין מוטער אונ זיא האט געבארן פון אים דעם ענה. איז ענה געווען א זוהן פון צבעון אונ זיינער א ברודער. פרעגט די גמרא טאמער זענען געווען צווי ענה.

אין

ומנו שמואל וא"ר אמר רב פפא אמינא מלתא דלא אמרה שבור מלכא ומנו רבה אמר קרא הוא ענה הוא ענה דמעיקרא א"ל רבי בכך אתה פוטרני א"ל שוטה (דף קטו) ולא תהא תורה שלמה שלנו כשיחה בטלה שלכם מה לבת בנו שכן יפה כחה במקום האחים תאמר בבת שהורע כחה במקום אחים ונצחום ואותו היום עשאוהו יום טוב. (תוספות כא) ויאמרו ירושת פליטה לבנימן ולא ימחה שבט מישראל א"ר יצחק דבי ר' אמי מלמד שהתנו על שבט בנימין שלא תירש בת הבן עם האחים:

הני כל כהנים גדולה: אמר רבה אמינא כו' ומנו שמואל. ולפי שהלכה כוותיה בדינים קרי ליה הכי והוא הם של מלך ורו: א"ד אמר רב פפא כו'. רבה מני ורבי שבור מלכא משום דהלכתא נמי כוותיה למר משבח עין מנהלה דהלכתא כרב יוסף: אתה פוטרני. בתמיה הלא. וכי אני מודה לך דבן הבן יורש את זקנו ואפי' במקום הבת אבל בת הבן הוא דאמרינן שתירש הבת עמה: לא תהא תורה שלמה שלנו וכו'. איני רוצה לדחותך בקש ואינו מעיקרא לא היה תפן לגאות לו טעמו של דבר שאסור לגלות להם טעמי התורה: כשיחה בטלה שלכם. קל וחומר שאתם דנים מעצמכם שיש עליו תשובה: מה לבת בנו שיפה כחה במקום אחים. שיורשת במקום אביה כגון בנות צלפחד שירשו בנכסי חפר אבי אביהם עם בני חפר שנאמר נתון תתן להם אחוזת נחלה בתוך אחי אביהם: תאמר בבתו שהורע כחה אצל האחים. כשם שאינה יורשת עם אחיה בנכסי אביה כך אינה יורשת עם בת אחיה בנו ורואה שבנות צלפחד ירשו בנכסי חפר ולא נודי בני חפר ובנות חפר כל נכסי חפר נמצא בת הבן קודמת לבת דהיינו בנות צלפחד שקדמו לבנות חפר: ואותו היום. שנאמרו כ"ד בטבת היה: שלא תירש בת הבן עם האחים. של בן אלא האחים ירשו כל נכסי האב ואפילו חלק שהיה ראוי לאחיהם מאת לפי שבאותה שעה דפלגש בגבעה מתו במלחמה כל שבט בנימין ואפילו הנשים כדכתיב מה נעשה לנותרים לנשים כי נשמדה מבנימין אשה

א"ר

---

איין ענה איז געוועז אברודער פון צבעון: אונ איין ענה איז געוועז אזוהן פון צבעון. הט רבה געזאגט איך האב געזאגט אזאך וואס אפילו שבור מלכא דאס איז שמואל האט דאס אויך ניט געזאגט. אנדערע זאגן רב פפא האט דאס געזאגט איך האב געזאגט אזאך וואס אפילו שבור מלכא דאס איז רבה האט דס אויך ניט געזאגט. עס שטייט אין פסוק הוא ענה. איז דר ווארט הוא איבעריג. צו זאגן הוא ענה דאס איז דער זעלביגער ענה וואס שטייט פריער: עס איז נאר געוועז איין ענה. אונ דער ענה איז געוועז אזוהן פון צבעון אונ זיינער אברודער. ווייל צבעון הט מונה געוועז מיט זיין מוטער. איז דאך ענה געוועז אאייניקעל פון שעיר החורי. פר וואס רעכענט אים דער פסוק צווישען די קינדער פון שעיר החורי. געוויס צוא ווייזן אז אאייניקעל איז גלייך וויא אזוהן. אונ עס שטייט יושבי הארץ זיי זענען געוועז די זיצער פון דעם לאנד. זיי האבן געירשט די לאנד פון דעם שעיר החורי: אונ ענה האט אויך געירשט גלייך מיט די זיהן פון שעיר החורי: זעהן מיר דאך אז אאייניקעל ירשט זיין זיידין גלייך וויא ער וואלט געוועזן אזוהן. הט דער אלטער געזאגט צו רבי יוחנן. רבי מיט דעם פסוק מאכסטו דיך שוין פטור פון מיר. אז דער אייניקעל איז אזוהן פון אזוהן. זאגן מיר אויך וויא דו. אז דער אייניקעל זאל ירשנן דעם זיידין אונ ניט דיא טאכטער פון זיידין. מיר זאגן נאר אויב דער אייניקעל איז אטאכטער פון אזוהן. זאל זיא ניט ירשנן דעם זיידין נאר דעם זיידינס טאכטער זאל אים ירשנן. הט רבי יוחנן געזאגט צום אלטען. דוא נאר. איך וועל דיר זאגן דעם טעם פון דער זאך: עס זאל ניט זיין אונזער גאנצע תורה גלייך צו אייערע ליידיגע רייד. איר זאגט אדין אונ איר ווייסט ניט צוא זאגן אטעם אויף דער זאך. אבער צו דעם דין פון דער תורה ווייסען מיר אטעם. ווייסטו פאר וואס דיא טאכטער פון אזוהן ירשת דעם זיידין אפילו דער זיידע הט אטאכטער. ווייל דעם זוהנס טאכטער האט אכח צו ירשנן דעם זיידין אפילו וואו דער פאטער האט ברידער נאר וויא מיר געפינען דיא טעכטער פון צלפחד האבען געירשט זייער פאטערס פאטער חפר גלייך מיט חפרס זיהן. זעהן מיר אז אטאכטער שטייט אויף איר פאטערס ארט. אבער אטאכטער קען ניט ירשנן איר פאטער וואו זיא האט ברידער ודעם פאטערס זיהן. האבען דיא חכמים איין גענומען דיא אפקורסים. אונ דעם טאג האבען די חכמים געמאכט יום טוב. אין פסוק שטייט ויאמרו ירושת פליטה לבנימן דיא יודין האבען געזאגט דיא ירושה זאל זיין צום איבער בלייבונג פון דעם שבט בנימין אונ עס זאל ניט אפ געמעקט ווערין אשבט פון דיא יודין. רבי יצחק דבי רבי אמי האט געזאגט דער פסוק לערנט אונז זיא האבען אויס גענומען אתנאי אויף דעם שבט בנימין אז דיא טאכטער פון אזוהן

זאל

ו א"ר יוחנן משום רשב"י כל מי שאינו מניח בן ליורשו הקב"ה מלא עליו עברה כתיב הכא (במדבר כז) והעברתם את נחלתו וכתיב התם (צפניה א) יום עברה היום ההוא. (תהלים נה) אשר אין חליפות למו ולא יראו אלהים רבי יוחנן ורבי יהושע בן לוי חד אמר כל שאינו מניח בן וחד אמר כל מי שאינו מניח תלמיד. תסתיים דרבי יוחנן דאמר תלמיד דא"ר יוחנן דין גרמא דעשיר אה ביר תכתיים וכדר' יוחנן אמר

אשה ולא ניחר מהם אוש פי אם שם מאות אוש שנפלו נשים ד' מאות מבנות יבש גלעד ומאתים נחטפו מבנות שילה ונמצאת כל ארץ בנימין לשש מאות איש לפיכך כאותו השת מגיע ברכה מאחד מן הנחלה לאשר אחת שנאה לירש ואם תנשא לשבט אחר נמצאת נגרעת נחלת שבט בנימין לפיכך התקינו דהיכא דיש בנים יורשים את אביהם דלא מיעקרא נחלת בני השבט החנו שלא תירש בת הבן עמהם דספקא ב"ד הפקר אבל אם לא נמית בנים אלא בנות גם בת הבן תירש עמהן דלא ניחא ליה למת שהעקר נחלתו מזרעו אי נמי היכא דליכא בנות ובת הבן תירש בת הבן את כל הנכסים ומסתמא מוהרים שלא תנשא לשבט אחר פן תסוב נחלה למטה אחר וכדי משמע קרא ויאמרו לאת הירושה לפליטת בנימין כלומר לבנים שנקראים על שבט בנימין ולא לבת הבן שיכולה לינשא לשבט אחר ונעקרה הנחלה משבט בנימין:

מלא עליו עברה. פי' ר"ה כלומר שונא אותו: חליפות. חליפין ממלא מקומו: דין גרמא דעשירהא ביר. כשא אלו שן של אחד מבניו וכן היה נוהג לנחם בו לאבלים שמת כל מה היה ממנו בגבורה לבשר אבל כנה של זכר כל אדם שכמו שהוא טמא וכן שאיכא טמא הון מן השיכים והשכר והלשון וכבעת מכוון כל טמא וכיון דרבי יוחנן לא הניח בן אם אותה דס"ל דמי שלא הניח בן נקרא לא ירא אלהים לא היה אומר גבורות דין גרמא דעשיראה ביר דלמריק בעלמא הגיף איבו מאן דמפרסס הטאיה דכתיב אשרי כסוי פשע כסוי חטאה

זאָל ניט ירשנן איר זיידן צו זאַמען מיט איר פֿאָטערס ברידער. נאָר דיא ברידער פֿון איר פֿאָטער זאָלין נעמען דיא גאַנצע ירושה. אַפֿילו זייער געשטאָרבענעם ברודערס חלק זאָלין זיי אויך נעמען. דיא ירושה זאָל בלייבען ביי דעם שבט בנימין. וואָרום אַז אַטאָכטער ירשנט אונ זיא נעמט אַמאַן פֿון איין אַנדער שבט. דער נאָך אַז דיא אשה שטאַרבט אונ דער מאַן אָדער אירע קינדער ירשנן איר. וועט דאָך צו גינומען איר חלק צו אַאַנדער שבט. אונ ווייל ביי דער צייט פֿון פּלגש בגבעה וויא עס שטייט אין ספֿר שופֿטים קאַפּיטל כא) איז געבליבען דער חלק ארץ ישראל פֿון שבט בנימין אין גאַנצען צו זעקס הונדערט מענטשן. אונ אַז אַטאָכטער וואָלט ירשנן וואָלט זיא גיהאַט זייער אַגרויסען חלק. אונ אַז זיא וואָלט נעמען אַמאַן פֿון אַאַנדער שבט וואָלט דאָך געבליבען אַגרויסער חלק פֿון בנימין צו אַפֿרעמדן שבט. דריבער האָט מען גזאָגט אַז אַטאָכטער זאָל ניט ירשנן. נאָר דעם דין האָט מען גזאָגט וואו עס איז דאָ זיהן לעבעדיגע צו ירשנן זייער פֿאָטער. אונ די טאָכטער איז פֿון אַגישטאָרבענעם זוהן. ירשנת זי ניט איר זיידן. אָבער אַז צו דער ירושה איז נאָר דאָ טעכטער. אָדער עס איז דאָ אַטאָכטער פֿון אַגישטאָרבענעם זוהן. אונ איר פֿאָטער האָט ניט גיהאַט קיין ברידער נאָר שוועסטער. נעמט די טאָכטער די גאַנצע ירושה:

ו אמר. רבי יוחנן האָט גיזאָגט פֿון רבי שמעון בן יוחאים וועגין דער וואָס שטאַרבט אונ לאָזט ניט אַזוהן ער זאָל איהם ירשנן. ווערט גאָט אויף איהם פֿול מיט כעס. וואָרום דאָ שטייט והעברתם את נחלתו. אונ דאָרטין שטייט יום עברה היום ההוא. דער טאָג וואָס אַמענטש שטאַרבט אונ זיין פֿאַרמעגין דאַרף איבער גיגעבין ווערין צו זיין טאָכטער. ווייל ער האָט ניט גילאָזין אַזוהן. דער טאָג איז אַצאָרענדיגער. וואָס גאָט צערינט אויף דעם מת. אין פּסוק שטייט אשר אין חליפות למו. זייא האָבין ניט ווער עס זאָל זיין אויף זייער אָרט. ווייל זייא האָבין ניט מורא פֿאַר גאָט. ווער איז דער אומטאַהשונג. אין דעם קריגט רבי יוחנן מיט רבי יהושע בן לוי. איינער זאָגט דער מענטש וואָס ער האָט ניט מורא פֿאַר גאָט וועט ניט לאָזין קיין זוהן אויף זיין אָרט. אונ איינער זאָגט ער וועט ניט לאָזין קיין תלמיד אויף זיין אָרט. זאָגט דיא גמרא איך וועל דיר ברייגגען אַראיה אַז רבי יוחנן זאָגט דער וואָס האָט ניט מורא פֿאַר גאָט וועט ער ניט לאָזין אַתלמיד אויף זיין אָרט. אָבער דער וואָס לאָזט ניט אַזוהן אויף זיין אָרט קען פֿון דעסטוועגין זיין אַז ער האָט יאָ מורא פֿאַר גאָט. וואָרום רבי יוחנן האָט דאָך געווים מורא גיהאַט פֿאַר גאָט. פֿון דעסטוועגין וועגען בייא רבי יוחנן אוים גישטאָרבין אַלע קינדער. וואָרום רבי יוחנן האָט געוויזען אַביינדיל אונ ער האָט גיזאָגט דאָס איז דער ביינדיל פֿון מיין צעהנטין זוהן וואָס איז גישטאָרבין. פֿרעגט דיא גמרא אונ אַז רבי יוחנן האָט גיזאָגט

דער

תמהא: לא הוה עייל לבי טמיא. לבית המת להסתכל עליו כדתנן כית מלא טמיא מלא מתים לפי שלא היה רוצה להסתכל מתלמודו: הא דידיה. דין גרמא וכו׳ דס״ל כריב״ל דלאמר זה שלא הניח תלמיד: הא דרביה. מאי דלאמר זה שלא הניח בן דרביה וליה לא ס״ל:

אמר תלמיד ר׳ יהושע בן לוי אמר בן והא רבי יהושע בן לוי לא אזיל לבי טמיא אלא למאן דשכיב בלא בני דכתיב (ירמיה כב) בכו בכה להולך ואמר רב יהודה אמר רב להולך בלא בן זכר אלא ר׳ יהושע בן לוי הוא דאמר תלמיד ומדר׳ יהושע בן לוי אמר תלמיד ר׳ יוחנן אמר בן קשיא דר׳ יוחנן אדר׳ יוחנן לא קשיא הא דידיה הא דרביה: דרש רבי פנחס בר חמא מ״ד (מ״א יא) והדד שמע במצרים כי שכב דוד עם אבותיו וכי מת יואב שר הצבא מפני מה בדוד נאמרה שכיבה וביואב נאמרה בו מיתה דוד שהניח בן נאמרה בו שכיבה יואב שלא הניח בן נאמרה בו מיתה ויואב לא הניח בן והכתיב (עזרא ח) מבני יואב עובדיה בן יחיאל אלא דוד שהניח בן כמותו נאמרה בו שכיבה יואב שלא הניח בן כמותו נאמרה בו מיתה:

דרש

---

דער וואס לאזט ניט א תלמיד איז א סימן אז ער האט ניט מורא פאר גאט. האט דאך רבי יהושע בן לוי געזאגט דער וואס לאזט ניט אזוהן איז א סימן אז ער האט ניט מורא פאר גאט. איז דאך אקשיא רבי יהושע בן לוי פלעגט ניט גיין צו א מת טרויערן אויף איהם. נאר דער וואס איז געשטארבן אן קינדער. פלעגט רבי יהושע בן לוי יא גיין טרויערן אויף איהם. ווייל עס שטייט אין פסוק בכו בכה להולך. איהר זאלט וויינען צו דעם וואס גייט. האט רב יהודה געזאגט פון רבם ווענין מען מיינט צו דעם וואס גייט אוועק פון דער וועלט אן אזוהן אז מיר וועלין זאגין רבי יהושע בן לוי האלט דער וואס גייט אוועק פון דער וועלט אן אזוהן איז א סימן אז ער האט ניט מורא פאר גאט; וויא אזוי איז רבי יהושע געגאנגען טרויערן אויף אזוי א מענטשין וואס האט ניט מורא פאר גאט. נאר פארקערט איז רבי יהושע בן לוי האט געזאגט דער וואס האט ניט מורא פאר גאט ווען ער ניט לאזין א תלמיד אויף זיין ארט. פרעגט די גמרא אז רבי יהושע בן לוי האט געזאגט דער וואס לאזט ניט א תלמיד איז א סימן אז ער האט ניט מורא פאר גאט. האט דאך רבי יוחנן געזאגט דער וואס לאזט ניט אזוהן איז א סימן אז ער האט ניט מורא פאר גאט. איז דאך א קשיא פון רבי יוחנן אויף רבי יוחנן. פאר וואס זעגען ביי רבי יוחנן אויס געשטארבען אלע קינדער. רבי יוחנן האט דאך געוויס מורא געהאט פאר גאט. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. רבי יוחנן אליין האלט וויא רבי יהושע בן לוי אז דער וואס האט ניט מורא פאר גאט לאזט ניט א תלמיד אויף דער וועלט. אבער דער וואס לאזט ניט קיין קינדער קען פון דעסטוועגין זיין אז ער האט יא מורא פאר גאט. אזו וויא ביי רבי יוחנן אליין איז געוועזן. ער האט דאך געוויס מורא געהאט פאר גאט. פון דעסטוועגין זעגען ביי איהם אויס געשטארבען אלע קינדער. און דער רבי פון רבי יוחנן האלט אז דער וואס שטארבט אן קינדער איז א סימן אז ער האט ניט מורא געהאט פאר גאט. און דער רבי פון רבי יוחנן קריגט מיט רבי יהושע בן לוי. רבי פינחס בר חמא האט גידרש׳ת עס שטייט אין פסוק הדד האט געהערט אין מצרים כי שכב דוד עם אבותיו וכי מת יואב שר הצבא. אז דוד איז געשטארבען מיט זיינע עלטערין און יואב דער שר פון דעם חיל איז אויך געשטארבען. פאר וואס דעם שטארבן פון דוד רופט דער פסוק שכיבה. און דעם שטארבען פון יואב רופט דער פסוק מיתה. ווייל דוד האט געלאזין אזוהן רופט מען זיין שטארבן שכיבה. ליגען. מען האט אים געלייגט נעבין זיינע עלטערין. אבער יואב האט ניט געלאזין אזוהן. רופט מען זיין שטארבן מיתה: פרעגט די גמרא האט דען יואב ניט געלאזין אזוהן. עס שטייט דאך אין פסוק די קינדער פון יואב זענען געוועזן עובדיה בן יחיאל. נאר אזו מיינט מען ווייל דוד האט געלאזין אזוהן אזו וויא ער איז געוועזן. רופט מען זיין שטארבן שכיבה. ליגען. מען האט אים געלייגט נעבין זיינע עלטערין. און יואב וואס ער האט ניט געלאזין אזוהן אזו וויא ער איז געוועזן. רופט מען זיין שטארבן מיתה:

דרש

ז דריש ר' פנחס בן חמא קשה עניות בתוך ביתו של אדם יותר מחמשים מכות שנא' (איוב יט) חנוני חנוני אתם רעי כי יד אלוה נגעה בי וקאמר' ליה [חבריו] (שם לו) השמר אל תפן אל און כי על זה בחרת מעוני:

ח דריש ר' פנחס בן חמא כל מי שיש לו (צער או) חולה בתוך ביתו ילך אצל חכם ויבקש עליו רחמים שנאמר (משלי טז) חמת מלך מלאכי מות ואיש חכם יכפרנה:

(דף קיז) ט תניא ר' יאשיה אומר ליוצאי מצרים נתחלקה הארץ שנאמר (במדבר כו) לשמות מטות אבותם ינחלו אלא מה אני מקיים (שם) לאלה

קשה עניות וכו'. ולריך למיבעי רחמי ולגב גררא דדרשות דרבי פנחס נקטי ליה הכא: כי יד אלוה וגו'. היינו נ' מכות שהרי במצרים דכתיב אצבע אלהים היא לק עשר מכות נמצא לו ד' שיש בה ה' אצבעות נ' מכות: אל תפן אל און. אל תצטער אחר מדה הדין כי יש מצרים יותר ממך כי טוב לך כנ' מכות מעוני והרי יש לך כסף וזהב וקרקעות הרבה ועדיין הקב"ה מרחם עליך יותר מהרבה בני אדם שהם עניים: חמת מלך. היינו צער שבאה לו חמה מאת המקום מלאכי מות. היינו חולה שנוטה למות: יכפרנה. יקנחנה:

ליוצאי מצרים. כלומר לבאי הארץ נתחלקה כפי חשבון של יוצאי מצרים שנטלוה בתורת ירושה מאבותיהם דלפי חשבון הראשון שמנו בבנה שנים לצאתם ממצרים נתחלקה הארץ כאילו ירשוה הם עצמם ומי שהיה לו עתה בביאת הארץ בן אחד נטל כל חלקו ומי שהיו לו י' בנים כמי נטל נ' בין כולם אלא חלק אחד: שנא'. בפנחס בבאי הארץ כלוהו מנין דער כות מואב דכתיב בהו ובאלה לא היה איש מפקודי משה ואהרן וגו': לשמות מטות אבותם

ז דרש. רבי פנחס בן חמא הט גידרשת אז ביי אמענטשין אין שטוב איז דא ארעמקייט איז דאס ביי אים ערגער ווי מען וואלט אים גישלאגן פופציג מלקות. אזו ווי עס שטייט אין פסוק איוב דאט גזאגט איר גוטע פריינד מיינע האט רחמנות אויף מיר ווארום די האנט פון גאט האט אן גערירט אין מיר. אונ דיא מצריים זענען גישלאגן גיווארן מיט איין פינגער פון גאט צעהן מכות מיט די האנט פון גאט ווערט מען גישלאגן פופציג מכות. איז איוב גישלאגן גיווארן פופציג מכות. האבן די חברים פון איוב גזאגט צו איוב דו זאלסט דיך היטען צו רייזן נעגין גאט. דו זאלסט דיך ניט קערין צו אונרעכט ווארום דס האסטו אויס דער ווילט פון ארעמקייט. ווייל דיר איז נאך בעסער ווי אנדערע מענטשין. ווס גאט הט זיי גישטראפט מער ווי דיר. ווייל דוא ביסט רייך אונ זיי זענין ארעם. זעהן מיר אז ארעמקייט איז ערגער ווי די פופציג מכות וואס איוב הט גיהאט:

ח דרש. רבי פינחס בן חמא הט גידרשת דער וואס האט אקראנקען ביי זיך אין שטוב. זאל ער גיין צו אחכם ווערט ער בעטין צו גאט פון זיינעט וועגין ער זאל גיזונד ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק חמת מלך מלאכי מות. דער כעס פון מלך ופון גאטו וועגען די שלוחים פון טויט. אז גאט איז אין כעס אויף אמענטשין שיקט ער אויף אים אקראנקייט אונ ער איז נאנט צום טויט: אבער דער חכם ווישט אפ דעם כעס פון גאט מיט זיין תפלה. אונ דער מענטש ווערט גיזונד:

ט תניא. מיר האבען גילערינט רבי יאשיה זאגט ארץ ישראל איז צו טיילט גיווארין נאך דעם חשבון פון דיא מענטשין וואס זענען ארוים גיגאנגען פון מצרים. ווייל ארץ ישראל איז גיגעבין גיווארין צו דיא מענטשין וואס זענין ארוים גיגאנגען פון מצרים. אונ דיא מענטשין וואס זענין אריין גיקומען אין ארץ ישראל האבען גירשת ארץ ישראל פון דיא מענטשין וואס זענין ארוים גיגאנגען פון מצרים. אונ אז איינער איז ארוים גיגאנגען פון מצרים אונ ער האט גיהאט אין זוהן וואס ער איז אריין גיקומען אין ארץ ישראל. האט דער זוהן גירשת דעם פאטערס חלק. אונ אז נאך איינער וואס איז ארוים גיגאנגען פון מצרים. האט גיהאט צעהן זיהן אונ זייא זענען אלע אריין גיקומען אין ארץ ישראל. האבען זייא אויך גירשת זייער פאטערס חלק. אונ מיט דעם איין חלק האבען זיך צו טיילט אלע צעהן זיהן. האט דאך יענער איין זוהן גיהאט אזוי אגרויסען חלק וויא דיא אלע צעהן זיהן צו זאמען. ווארום עס שטייט אין פסוק לשמות מטות אבותם ינחלו. מען זאל צו טיילען ארץ ישראל צו די נעמען פון דיא שבטים ווס

לאלה תחלק הארץ בנחלה לאלה כאלה להוציא את הטפלים ר' יונתן אומר לבאי הארץ נתחלקה הארץ שנאמר לאלה תחלק הארץ בנחלה אלא מה אני מקיים לשמות מטות אבותם ינחלו משונה נחלה זו מכל נחלות שבעולם שכל נחלות שבעולם חיים יורשים מתים וכאן מתים יורשים חיים . אמר רבי אמשול לך משל למה הדבר דומה לשני אחים כהנים שהיו בעיר אחת לאחד יש לו בן אחד ולאחד יש לו

שני

לאבותם של אלו כשמתו בי"מ ינחלו אלו דלאותן יחלקו הנחלה ואלו אשר קנו שתהיו יורשים: לאלה תחלק. דכתיב לעיל אלה פקודי בני ישראל שש מאות אלף ואלף שבע מאות ושלשים וסמיך ליה וידבר ה' אל משה לאמר לאלה תחלק הארץ אלמא לבאי הארץ נתחלקה : כאלה . שהם בני כ' דלבני כ' שיצאו ממצרים נתחלקה הארץ אבל לא לטפלים שיצאו פחות מבן כ' שלא נטלו חלק בארץ לא הם ולא בניהם אלא בזכות מורישיהם ואם לא היה להם שום מוריש שיצא ממצרים כגון שלא היה להם אב ולא דוד ואח שמתו במדבר בלא בנים אז לא נטלו חלק בארץ וכו': לבאי הארץ נתחלקה . לא ליוצאי מצרים דאין הולכין אחר יוצאין אלא אחר הנכנסים דראובן ושמעון שיצאו ממצרים והולידו בנים במדבר זה י' וזה א' אי הוה אזלינן בתר יוצאי מצרים היה נוטל הא' כנגד כולם אבל עכשיו היו נוטלים י' חלקים והא' נוטל חלק אחד: אלא מה אני מקיים לשמות מטות אבותם . דמשמע דאחר יוצאי מצרים נמי יש לנו לחלק הנחלה . ומפרש ואזיל דלהכי מהני לשמות מטות אבותם ינחלו דלאחר שנטלו בני ראובן ושמעון י"א חלקים בארץ מחלקין אותם ביניהם לפי חשבון מטות אבותם כאילו ליוצאי מצרים דהיינו ראובן ושמעון אבותם נתחלקו הני י"א חלקים וכגון דהכא יוצאי מצרים היו בני עשרים דומיא דבאי הארץ דקפיד קרא לענין נחלה א"י אבני כ' דכתיב לאלה והבנים אינן כי אם שלוחים בעלמא להביא לשניהן י"א חלקים ואז חוזרים ראובן ושמעון ומורישין לבניהם בכה"ג של ראובן נוטלין מחצה מי"א חלקים ובנו של שמעון נוטל מחצה וכו': שני אחים כהנים . והשוו ביניהם לחלק כל התרומות הניתנות לשניהם בשוה:

פלא

---

זענין ארויס גיגאנגען פון מצרים . וואס זייא זענין גיוועזן דיא עלטערין פון דיא וואס גייען אריין אין ארץ ישראל . אונ דיא וואס גייען אריין אין ארץ ישראל זאלין זייא ירשנן ארץ ישראל פון זייערע עלטערין וואס זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים . פרעגט דיא גמרא ווי אזו וועלין מיר מקיים זיין דעם פסוק לאלה תחלק הארץ בנחלה . צוא דיא מענטשין זאלסטו צוא טיילען דיא לאנד פאר א ירושה . זעהן מיר דאך אז דיא לאנד איז צו טיילט גיווארין צו דיא מענטשין וואס זענען אריין גיקומען אין ארץ ישראל . ענטפערט דיא גמרא לאלה מיינט מען כאלה . דיא לאנד איז טאקי צו טיילט גיווארין צו דיא מענטשין וואס זענין ארויס גיגאנגען פון מצרים : אבער ניט צו דיא קליינע קינדער וואס זענין ארויס גיגאנגען פון מצרים איז ארץ ישראל גיגעבין גיווארין . נאר צו אזעלכע מענטשין וואס זענען וויא דיא וואס קומען אריין אין ארץ ישראל דאס מיינט מען צו אזעלכע וואס זענין שוין אלט גיוועזן פון צוואנציג יאהר אונ ווייטער . רבי יונתן זאגט ארץ ישראל איז צו טיילט גיווארין צו דיא מענטשין וואס זענין אריין גיקומען אין ארץ ישראל . ווארום עס שטייט אין פסוק לאלה תחלק הארץ בנחלה . צו דיא מענטשין וואס קומען אריין אין ארץ ישראל זאלסטו צו טיילן דיא לאנד זייא זאלין זיא ירשנן . פרעגט דיא גמרא וויא אזו וועלין מיר מקיים זיין דעם פסוק לשמות מטות אבותם ינחלו . צו דיא נעמען פון די שבטים וואס זייא זענען גיוועזן זייערע עלטערין זאלין זייא ירשנן . זעהן מיר דאך אז ארץ ישראל דארף צו טיילט ווערין צו דיא מענטשין וואס זענין ארויס גיגאנגען פון מצרים . ענטפערט דיא גמרא דיא ירושה פון ארץ ישראל איז גיענדערט פון אלע ירושות פון דער וועלט . ווארום אלע ירושות פון דער וועלט דיא לעבעדיגע ירשנן דיא טויטע . אונ דא דיא טויטע ירשנן דיא לעבעדיגע . רבי זאגט איך וועל דיר זאגין א משל צו וואס דאס איז גלייך . צווייא ברידער כהנים זענען גיוועזן אין איין שטאט . אונ זייא האבען צווישען זיך אפ גישמועסט אלע תרומות וואס מען וועט זייא געבין . זאלין זייא זיך גלייך צו טיילען . איין כהן האט גיהאט איין זוהן אונ דער אנדערער האט גיהאט צוויי זיהן . אונ דיא דריי זיהן זענין גיגאנגען צו דיא שייערס מען זאל זייא געבין תרומה . דער וואס האט גיהאט איין זוהן . האט דער זוהן גינומען איין חלק . אונ דער וואס האט גיהאט צוויי זיהן . האבען דיא צוויי זיהן גינומען צוויי חלקים . אונ זיי האבען גיבריינגט דיא גאנצע תרומה צו זייערע פאטערס . אונ דיא פאטערס האבען צווישען זיך צוא טיילט דיא תרומה אויף צוויי גלייכע טיילען . איז אויס גיקומען דער וואס האט גיהאט איין זוהן הט גיהאט אזו פיל ת וטה וויא דער וואס האט גיהאט צוויי זיהן . דא איז אויך אזו גיוועזן . למשל ראובן

אונ

שני בנים והלכו לגור, זה שיש לו בן אחד נוטל חלק אחד וזה שיש לו שני בנים נוטל ב' חלקים ומחזירין אצל אביהם וחוזרין וחולקין בשוה. ר' שמעון בן אלעזר אומר (ע"ב) לאלה ולאלה נתחלקה הארץ וכו' יהושע וכלב נטלו חלקם של מרגלים מתלוננים ועדת קרח לא היה להם חלק בארץ:

(דף קיח) ׳ וידברו בני יוסף את יהושע לאמר מדוע נתתה לי נהלה גורל אחד וחבל אחד ואני עם רב עד אשר עד כה ברכני ה' (יהושע יז) עצה טובה קמשמע לן דאיבעי ליה לאינש לאזדהורי מעינא בישא והיינו דקאמר להו יהושע דכתיב (שם) ויאמר אלהם יהושע אם עם רב אתה עלה לך היערה אמר להו לכו והחביאו עצמכם ביערים שלא תשלוט בכם עין רעה (ע"ב) אמרו ליה אנן מזרעא דיוסף דלא שלטא ביה עינא בישא דכתיב (בראשית מט) בן פורת יוסף בן פורת עלי עין וא"ר אבהו אל תקרי עלי עין אלא עולי עין

רבי

עצה טובה קמ"ל. בשביל שלמדין אנו ממה שהשיב להם יהושע דמיבעי ליה לאינש להזמין עצמו לאזדהורי מעינא בישא להכי כתבו קרא לתוכחת בני יוסף: ויאמר אלהם יהושע. לתוסיף כאלה אם אך עלה טובה אני נותן להם שאם אתם עם רב עלה לך היערה ובראת וכו' כרות סיער והכנה לך שם בית מושבות כדכתיב ובראת אותה בקרדומות: אמרו ליה אנן מזרעא דיוסף וכו'. והיינו דכתיב ויאמרו בני יוסף לא ימצא לנו ההר כלו' אין אנו חוששין לאותו הר דהיינו יער דכתיב ההם כי הר יהיה לך כי יער הוא: עולי עין. כם עולים ומעלים על העין · ואין העין עולה עליהם:

---

אונ שמעון זענין ביידע ארויס גינאנגען פון מצרים. אונ זיא זענין גישטארבען אין דער מדבר. ראובן האט גילאזין איין זוהן אונ שמעון האט גילאזין צעהן זיהן. דיא עלף קינדער זענין אריין גיקומען אין ארץ ישראל. אונ זיא האבען גינומען עלף חלקים. דער נאך ירשת ראובן אונ שמעון (דיא צוויי מתים) די עלף חלקים פון זייערע קינדער. אונ ראובן מיט שמעון צו טיילען צווישען זיך דיא עלף חלקים אויף צוויי גלייכע העלפטין. ראובן נעמט פינף מיט אהאלבין חלק אונ גיט אוועק זיין זוהן. אונ שמעון נעמט פינף מיט אהאלבין חלק אונ גיט אוועק זייגע צעהן זיהן: האט דער איין זוהן פון ראובן אזו פיל וויא דיא צעהן זיהן פון שמעון. רבי שמעון בן אלעזר זאגט צו ביידע איז צו טיילט גיווארין דיא לאנד. צוא דיא וואס זענין ארויס גינאנגען פון מצרים אונ צוא דיא וואס זענין אריין גיקומען אין ארץ ישראל ועיין בגמרא. יהושע אונ כלב האבען גענומען דעם חלק פון דיא מרגלים: דיא קריגערס וואס זענען גיוועזן צווישען דיא יודין: אונ דיא מענטשין פון קרח (אזוי האט מען איצט גיערונט) האבען ניט גיהאט קיין חלק אין ארץ ישראל:

׳ וידברו. דער פסוק זאגט דיא קינדער פון יוסף האבען גירעט צו יהושע אונ האבען גיזאגט צו אים פאר וואס האסטו מיר גיגעבין איין גורל אונ איין חלק אונ איך בין דאך אגרויסע פאלק ביז אזו פיל האט מיך גאט גיבענשט. פרעגט דיא גמרא צו וואס דער ציילט אונז דער פסוק וואס דער שבט יוסף האט גירעט צוא יהושע. אונ וואס יהושע האט זיא גיענטפערט. נאר פון דעם וועט יעדער מענטש וויסען אגוטע עצה. אז אמענטש זאל זיך היטען פון אשלעכטע אויג. אז אמענטש איז רייך אדער ער האט פיל קינדער שיינע. זאל ער ניט ווייזין אונ ניט דער ציילען פאר מענטשין. נאר וואס ער קען בעהאלטען פון מענטשין. זאל ער בעהאלטען. ווארום מען קען געבין איין הרע. דאס האט יהושע זיא גיענטפערט. אזו וויא עס שטייט אין פסוק יהושע האט גיזאגט צוא זיא פאר גרעסערין אייער לאנד קען איך ניט. נאר אעצה וועל איך אייך געבין. אויב דוא ביסט פיל פאלק. גיי אריין אין וואלד. גייט בעהאלט אייך אין די וועלדער אונ האקט אויס דיא וועלדער אונ דארט זאלט איר באהען הייזער אונ וואהנען. עס זאל אויף אייך ניט גיוועלטיגען אשלעכטע אויג. האבען זיא גיזאגט צו יהושע מיר זענען דיא קינדער פון יוסף. אונ אויף יוסף גיוועלטיגט ניט אשלעכטע אויג. אזו וויא עס שטייט אין פסוק בן פורת יוסף בן פורת עלי עין. יוסף איז אקינד מיט חן. ער איז אקינד מיט חן אויף יעדער אויג. האט רבי אבהו גיזאגט דוא זאלסט ניט לייענען עלי עין. אויף דעם אויג. נאר זאלסט לייענען עולי עין. ער גייט ארויף אויף דיא אויג. ער גיוועלטיגט אויף יענעמס אויג. זיא זאל ניט קענען אים

שלעכטס

ר' יוסי בר חנינא אמר מהכא (שם מח) וידגו לרוב בקרב הארץ מה דגים שבים מים מכסים עליהם ואין העין שולטת בהם אף זרעו של יוסף אין העין שולטת בהם:

**יא מרגלים** יהושע וכלב נטלו חלקם מנא ה"מ אמר עולא דאמר קרא (במדבר יד) ויהושע בן נון וכלב בן יפנה היו מן האנשים ההם מאי חיו אילימא חיו ממש והא כתיב קרא אחרינא (שם כו) ולא נותר מהם איש כי אם כלב בן יפנה ויהושע בן נון אלא מאי חיו שחיו מחלקם. מתלוננים ועדת קרח לא היה להם חלק בארץ והתניא מרגלים מתלוננים ועדת קרח יהושע וכלב נטלו חלקם ל"ק מר מקיש מתלוננים למרגלים מר לא מקיש מתלוננים למרגלים דתניא (שם כז) אבינו מת במדבר זה צלפחד והוא לא היה בתוך העדה זו עדת מרגלים הנועדים על ה' אלו מתלוננים בעדת קרח כמשמעו מר מקיש מתלוננים למרגלים ומר לא מקיש מתלוננים למרגלים וא"ל רב פפא לאביי ולמאן דמקיש מתלוננים למרגלים איכפול

יהושע

כתיב קרא אחרינא. ותרי קראי למה לי כדאמר במילי דה"ג: ל"ק מר מקיש מתלוננים למרגלים וכו' דתניא וכו'. ולקמן מפרש ליה: זה צלפחד. מלתא דפשיטא הוא דהא כתיב לעיל בפרשת צלפחד אלא אגב גררא דרך קאמר לה. והכא בעיני נתבר מן הספרים דהכי קתני ברישא דהך ברייתא בספרי אבינו מת במדבר ר"ע אומר נאמר כאן מדבר וכו' להלן מדבר מה מדבר האמור כאן צלפחד אף מדבר האמור להלן צלפחד דמינה שמעינן דהיינו מקושש והוא לא היה בתוך העדה וגו' כי הכא: זו עדת מרגלים. דכתיב בהו עד מתי לעדה הרעה הזאת אשר המה מלינים עלי את הכאור: אלו מתלוננים. כדמפרש לקמן מתלוננים שבעדת קרח דהיינו נמי לכן אתה וכל עדתך הנועדים על ה' והאי דקאמר עדת קרח כמשמעו מסקנא דמלתא היא: מר מקיש. הואיל וכתבו בפסוק א' וכי היכי דירשו את המרגלים ירשו נמי את המתלוננים: ומר לא מקיש. לא חשיב להו כיון דלא כתיב ביה

---

שלעכטס מאהן. רבי יוסי בר חנינא זאגט פון דעם פסוק וידגו לרוב בקרב הארץ. זייא זאלין זיין אין דעם לאנד אזו פיל וויא פיש. אזוי וויא דיא פיש וואס זענען אין ים בדעקט אויף זייא דיא וואסער אונ קיינער זעהט ניט וויא פיל זייא זענין. קען דאך דיא אויג פון אמענטשין ניט גיוועלטיגען אויף זיי. צו מינערין זיי. אזו די קינדער פון יוסף קען ניט גיוועלטיגען אויף זיי די אויג פון אמענטשין זיי צו מינערין:

**יא** מרגלים. פון וואנען ווייסען מיר אז יהושע אונ כלב האבען גינומען דעם חלק פון דיא מרגלים. עולא זאגט עס שטייט אין פסוק יהושע בן נון אונ כלב בן יפנה האבען גילעבט פון דיא מענטשין (פון דיא מרגלים). וואס מיינט מען זייא האבען גילעבט. מיר זאלין זאגין מען מיינט זייא האבין גילעבט אונ זענען ניט גישטארבן אזו וויא דיא מרגלים. דס שטייט דאך שוין אין איין אנדער פסוק. עס איז ניט געבליבען איין מענטש פון דיא מרגלים אלע זענען גישטארבען נאר כלב בן יפנה אונ יהושע בן נון זענען געבליבען לעבין. נאר וואס דען מיינט מען זייא האבען גילעבט פון זייער חלק. יהושע אונ כלב האבען צוא גינומען דעם חלק פון די מרגלים. פריער איז גישטאנען דיא קריגערס וואס זענין גיוועזן צווישען די יודין אונ די מענטשין פון קרח האבען ניט גיהאט קיין חלק אין ארץ ישראל. מיר האבען דאך גילערנט אז יהושע אונ כלב האבען גינומען דעם חלק פון דיא מרגלים אונ פון דיא קריגערס אונ פון די מענטשין פון קרח. ענטפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא דער איינציגער תנא גלייכט דיא קריגערס צו דיא מרגלים. אזו וויא דיא מרגלים האבען גיהאט אחלק אין ארץ ישראל נאר יהושע מיט כלב האבען צו גינומען זייער חלק. אזו דיא קריגערס אונ דיא מענטשין פון קרח האבען אויך גיהאט אחלק אין ארץ ישראל. אונ יהושע מיט כלב האבען צו גינומען זייער חלק. אונ דר פריערדיגער תנא גלייכט ניט די קריגרס צו די מרגלים די מרגלים האבן גהאט אחלק אין ארץ ישראל אונ די קריגרס מיט דיא מענטשין פון קרח האבען ניט גיהאט קיין חלק אין ארץ ישראל. וואריום מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דיא טעכטער פון צלפחד האבען גיזאגט אונזער פאטער איז גישטארבען אין דער מדבר. אונזער פאטער איז גיוועזן צלפחד. אונ ער איז ניט גיוועזן אין דר עדה. דאס מיינט מען ער איז ניט גיוועזן פון דיא מרגלים. אונ ער איז ניט גיוועזן פון דיא מענטשין וואס האבען זיך פאר זאמולט אויף גאט. דאס מיינט מען ער איז ניט גיוועזן פון דיא

קריגערס

יהושע וכלב וירתי לכולה א"י א"ל מתלוננים שבעדת קרח קאמרינן :

(דף קיט) יב א"ר הדקא שמעון השקמוני היה לי חבר מתלמידי ר' עקיבא וכך היה ר' שמעון השקמוני אומר יודע היה משה רבינו שבנות צלפחד יורשות הן אבל לא היה יודע אם נוטלות חלק בכורה אם לא וראויה היתה פרשת נחלות ליכתב ע"י משה אלא שזכו בנות צלפחד ונכתבה על ידן ויודע היה משה רבינו שהמקושש במיתה שנא' (שמות לא) מחלליה מות יומת אבל לא היה יודע באיזו מיתה הוא מת וראויה היתה פרשת מקושש שתכתב ע"י משה אלא שנתחייב מקושש ונכתבה על ידו ללמד (ע"ב) שמגלגלין זכות ע"י זכאי וחובה ע"י חייב :

תבאמו

ואי"נ בתוך העדה והנועדים: לכולה ארעא דישראל. לאו דוקא כולה אלא רובה כדכתיב וילונו העם על משה לאמר מה נשתה דבשלמא למ"ד דלא מקיש בין כל שבט ושבט נהלו חלק קרוביהם מתלוננים שבשבטן אלא למ"ד דמקיש נגרעה נחלת כל שבט ושבט טובא ואנן קיימא לן ומקראי איכא למילף דאפילו חלק א' מאלף לא נטלו: יודע היה משה רבינו שבנות צלפחד יורשות הן. כמו בן שהרי דינים נצטוו במרה כדאמרינן בסנהדרין וכתיב שם שם לו חק ומשפט ומעשה דבנות צלפחד בערבות מואב היה בסוף מ' שנה ועוד דאיכא למילף מפרשת יבמין שהבת כבן כדכתיב ומת אחד מהם ובן אין לו עיין עליו דהא בנות צלפחד מהם למדו כדלקמן אם כבן אמי ניבם כבן ואם לאו תתיבם אמנו: וראויה היתה כו'. ולא תאמר אם לא דברו בנות צלפחד ולא נתחייב מקושש היו ב' פרשיות הללו חסרות מן התורה וה"נ איכא למימר שהרבה מצות חסרות מן התורה לפי שלא אירעו המעשים: שהמקושש במיתה. דהא"צ דכתיב כי לא פורש מה יעשה לו היינו שלא היה יודע אם בסקילה החמורה אם בחנק הקל: מגלגלין זכות. שהבנים והקרובים יזכו את קרוביהם ע"י זכאי. בנות צלפחד: וחובה. היינו הקילה שחמורה דמה לו. לאדם לידון בחנק: ע"י חייב. מקושש:

---

קריגערם . אונ ער איז ניט גיוועז פון דיא מענטשין פון קרח ווען זייא האבען געקריגט אויף משה . איין תנא גלייכט דיא קריגערם צוא דיא מרגלים . ווייל זייא שטייען אין איין פסוק אונ אזו וויא יהושע מיט כלב האבען גערשט דיא מרגלים אזוי האבען זייא גערשת דיא קריגערם אויך . אונ איין תנא גלייכט ניט דיא קריגערם צו דיא מרגלים (וויא פריער שטייט) . רב פפא האט גזאגט צו אביי דער וואס גלייכט דיא קריגערם צו די מרגלים . אז אלע האבען גיהאט חלקים אין ארץ ישראל . אונ יהושע מיט כלב האבען צוא גינומען זייערע חלקים . האבען דען יהושע מיט כלב גערשת גאנץ ארץ ישראל . ווארום דיא יודין וואס פלעגין אלע מאהל קריגען אויף משה זענען גיוועז זייער פיל . גאנץ ווייניג זענען גיוועז דיא וואס האבען ניט געקריגט אויף משה . האט אביי גזאגט מען מיינט ניט אלע קריגערם . מען מיינט נאר דיא צוויי הונדערט מיט פופציג מענטשין וואס זענין גיוועז מיט קרח אונ זייא האבען געקריגט אויף משה . זייערע חלקים האבען צו גינומען יהושע מיט כלב :

יב אמר . רבי חדקא האט גזאגט שמעון השקמוני איז גיוועז מיין חבר . אונ דער שמעון איז גיוועז אתלמיד פון רבי עקיבא . אונ אזו האט רבי שמעון השקמוני גזאגט משה רבינו הט גיוואוסט אז דיא טעכטער פון צלפחד דארפן ירשנן . זייער פאטערס חלק פון זייער זיידין חפר . נאר צלפחד איז גיוועז אבכור האט משה רבינו ניט געוואוסט אויב זייא נעמען צווייא חלקים . דעם חלק בכורה אויך . אדער דעם חלק בכורה נעמען זייא ניט . זייא נעמען נאר איין חלק . אונ דיא פרשה פון ירשנן האט גידארפט געשריבען ווערין דורך משה . נאר דיא טעכטער פון צלפחד האבען זוכה גיוועז דיא פרשה זאל געשריבען ווערין דורך זייא . אונ משה רבינו האט גיוואוסט אז דער וואס האט געקליבען דיא האלץ אום שבת דארף מען אים הרגנן . ווארום עס שטייט אין פסוק דער וואס איז מחלל שבת זאל מען אים הרגנן . נאר משה הט ניט גיוואוסט מיט וועלכין טויט זאל מען אים הרגנן . אונ דיא פרשה פון דעם וואס האט געקליבען די האלץ אום שבת . האט גידארפט געשריבען ווערין דורך משה . נאר ווייל דער קלויבער האט פאר שולדיגט דריבער איז דיא פרשה געשריבען גיווארין דורך אים . די תורה לערונט אונז אזאגוטע זאך ווערט גיטאהן דורך אגוטען מענטשין ודריבער דיא פרשה פון ירשנן איז געשריבען גיווארין דורך די טעכטער פון צלפחד) אונ אשלעכטע זאך ווערט גטאהן דורך אשלעכטין מענטשין ודריבער דיא פרשה פון הרגנן אז מען איז מחלל שבת . איז געשריבען גיווארין דורך דעם וואס הט געקליבע דיא האלץ אום שבת) :

תבאמו

(שתיה טו) יג תבאמו ותטעו בהר נחלתך תביאנו לא נאמר אלא תבאמו מלמד שמתנבאים ואינם יודעים מה מתנבאים. (במדבר כז) ותעמדנה לפני משה ולפני אלעזר הכהן ולפני הנשיאים וכל העדה אפשר עמדו לפני משה רבינו ולא אמר כלום לפני אלעזר הכהן ולא אמר כלום ועמדו לפני הנשיאים וכל העדה אלא סרס המקרא ודרשהו דברי ר' יאשיה אבא חנן אומר משום רבי אלעזר בבהמ"ד היו יושבים והלכו ועמדו לפני כולם במאי קא מיפלגי מר סבר חולקין כבוד לתלמיד במקום הרב ומר סבר אין חולקין. והלכתא חולקין והלכתא אין חולקין קשיא הלכתא אהלכתא לא קשיא הא

תבאמו . לאחרים משמע : אפשר עמדו לפני משה. והוא לא אמר כלום והלכו אח"כ לפני אלעזר משה לא שמא אלעזר מבין לו . ואפשר שאלעזר לא אמר כלום והלכו אח"כ לפני הנשיאים ואח"כ לפני העדה : ה"ג והלכו לפני הנשיאים וכל העדה אלא סרס המקרא . וכו' ול"ג הכא ולא אמרו כלום : ודרשהו . כלו' דרשהו כאילו כתוב למפרע ותעמודנה לפני משה ומקמי משה עמדו לפני אלעזר וכו' והאי דלא כתיב ותעמודנה לפני העדה ולפני הנשיאים ולפני אלעזר ולפני משה היינו לפי שאינו רוצה להקדים בפסוק תלמיד לרב אלא א' ראשון חשוב : בבית המדרש היו יושבין . משה ואלעזר ונשיאי העדה : ועמדו לפני כולם . שאלו לכולן ביחד וחלקו כבוד לתלמידים במקום רבותיהם : אבא חנן סבר חולקין . דכל זה תשובתו של רב הוא שניחא ליה : ור' יאשיה סבר אין חולקין. הלכך

---

יג תבאמו . משה מיט דיא יודין ווען זייא האבען געזונגען דיא שירה פון אז ישיר האבען זייא געזאגט תבאמו ותטעמו בהר נחלתך . זייא האבען נישט געזאגט תביאנו ותטענו . דוא זאלסט אונז ברייננגען אונ זאלסט אונז איין פלאנצען . נאר זייא האבען געזאגט תבאמו ותטעמו . דוא זאלסט אים ברייננגען אונ זאלסט אים איין פלאנצין . נאר זייא האבען נביאות געזאגט אונ זייא האבען ניט געוואוסט וואס זייערע נביאות איז . ווארום זייא זענען ניט אריין געקומען אין ארץ ישראל . נאר זייערע קינדער זענין אריין געקומען אין ארץ ישראל . אין פסוק שטייט די טעכטער פון צלפחד האבען זיך געשטעלט פאר משה אונ פאר אלעזר הכהן אונ פאר דיא נשיאים אונ פאר דיא גאנצע עדה . איז דאך אקשיא אז זייא זענין געשטאנען פר משה אונ ער הט ניט געוואוסט צוא זאגן : צוא וואס זענין זייא געגאנגען פאר אלעזר . אז משה האט ניט געוואוסט פון וואנען וועט אלעזר וויסען . אונ אז זייא זענין געשטאנען פאר אלעזר אונ אלעזר האט ניט געוואוסט צוא וואס זענין זייא געגאנגען פאר דיא נשיאים . אז משה מיט אלעזר ווייסן ניט פון וואנען וועלין דיא נשיאים וויסען . אונ אז זייא זענין געשטאנען פאר דיא נשיאים אונ דיא נשיאים האבען ניט געוואוסט . צו וואס זענין זייא געגאנגען פאר דיא גאנצע עדה . אז משה אונ אלעזר אונ דיא נשיאים האבען ניט געוואוסט פון וואנען זאלן דיא יודין וויסען : נאר זאלסט אום דרייען דעם פסוק אונ זאלסט אים דרשנן . פריער זענין זייא געשטאנען פאר דיא עדה . אונ אז די עדה האט ניט געוואוסט . זענין זייא געגאנגען צו דיא נשיאים . אונ אז דיא נשיאים האבען ניט געוואוסט זענין זיי געגאנגען פאר אלעזר . אונ אז אלעזר הט ניט געוואוסט זענין זיי געגאנגען פאר משה . אזו זאגט רבי יאשיה . אבא חנן זאגט פון רבי אלעזרס וועגין אלע זענין געזעסין אין בית המדרש אונ זיי זענין געשטאנען פר אלע מיט איין מאהל . אונ זיי האבען געפרעגט זייער שאלה פר אלע מיט איין מאהל . אין וואס קריגט רבי יאשיה מיט אבא חנן . אבא חנן האלט מען מעג געבין כבוד צו א תלמיד אפילו דער רבי זיצט נעבין אים . דריבער האבען דיא טעכטער פון צלפחד געמעגט פרעגין זייער שאלה פאר דיא יודין אונ פאר דיא נשיאים , אונ פאר אלעזר אונ פאר משה . פאר אלע מיט איין מאהל . אונ רבי יאשיה זאגט מען טאר ניט געבין כבוד צו א תלמיד ווען דער רבי זיצט נעבין אים . דריבער ווען אלע וואלטין געזעסין צו זאמען אין בית המדרש . וואלטין זייא ניט געטארט פרעגין דיא שאלה נאר פאר משה אליין . נאר מיר מוזין זאגין אז יעדער איז געוועזן אויף אבעזונדער ארט . האבען זיי געפרעגט פריער פר די עדה . דער נאך פר דיא נשיאים . דער נאך פר אלעזר . דער נאך פר משה . אונ דער דין איז מען מעג געבין כבוד צו א תלמיד ווען דער רבי זיצט נעבין אים . אונ דער דין איז מען טאר ניט געבין כבוד צו א תלמיד ווען דער רבי זיצט נעבין אים . איז דאך אקשיא איין דין אויף דעם אנדערין דין . זאגט דיא

הא דפליג ליה רביה יקרא הא דלא פליג ליה רביה יקרא. תנא בנות צלפחד חכמניות היו דרשניות היו צדקניות היו חכמניות היו שלפי שעה דברו דא"ר שמואל בר רב יצחק אותו היום היה משה רבינו יושב ודורש בפרשת יבמין אמרו לו אם כבן אנו תשובים נירש כבן ואם לאו התיבם אמנו מיד (במדבר כז) ויקרב משה את משפטן לפני ה'. דרשניות היו שהיו אומרות אילו היה לו בן לא דברנו והתניא בת א"ר ירמיה כסי מכאן בת אביי אמר אפילו היה בת לבן לא דברנו. צדקניות היו שלא נשאו אלא להגון להם:

יד תניא ר' אליעזר בן יעקב אומר אפילו קטנה שבהן לא נישאת פחותה מארבעים שנה

איני

מסרה במקרא: הא דפליג ליה רביה. לתלמיד יקרא ודאי ניחא ליה שיחלקו לו גם אחרים כבוד ומשה רבינו ודאי הוה פליג יקרא לכל ישראל וכן זה לזה: חכמניות. כדרך ארץ: לפי השעה דברו. כשיצא פרשה לדבר ריצה בהן בעיל׳ ובטענה מעליותא לע"ד כדמפרש ואזיל: בפרשת יבמין. וכן אין לו עיין עליו: אם כבן אנו. לפטור את אמנו מן היבום: נירש. שהרי היבם קם תחת אחיו לנחלה כדדרשינן ביבמות והבן מוציא מליבם ומלירש את אחיו ויורש הוא את אביו ואף הבת כבן וסברה בעלמא היא: אילו היה לו בן. כדכתיב כי אין לו בן ובכור היו יודעים שהבן יורש את אביו שהרי כבר ניתנה פרשת נחלות במרה כדאמרינן לעיל ולא הוה מספקא להו אלא אם נוטלות חלק בכורה אם לאו נמצא שהיו יודעות לדרוש דהא דכתיב ובן אין לו והעברתם הא יש בן בן קודם לבת ולא כדה"ל רב פפא לאביי לעיל בפירקין: והתניא אילו היתה בת לא בינו לא דברנו. והמקשה עצמו אינו יודע לפרש: שאפילו בת לבן לא דברנו. שהיו יודעות לדרוש שבת הבן קודמת לבת: שלא נשאו אלא להגון להם. דאע"ג דהותרו לינשא לכל מי שירצו כדאמרינן לקמן דכתיב לטוב בעיניהם תהיינה לנשים ומה אני מקיים אך למשפחת מטה וגו׳ עצה טובה השיאן הכתוב שלא ינשאו אלא למשפחת מטה אביהן שהיו הגונים וכן עשו דאשכחן שנשאו להם דכתיב ותהיינה מחלה ונועה וגו׳ לבני דודיהן לנשים: לא נשאת פחותה מא׳. שהיו מצפות להגון להם:



גמרא. עס איז ניט קיין קשיא. אז דער רבי אליין גיט אויך כבוד צום תלמיד. מעג איין אנדערער אויך געבן כבוד צום תלמיד. אפילו דער רבי זיצט נעבן אים: און אויב דער רבי אליין גיט ניט קיין כבוד צום תלמיד. טאר איין אנדערער אויך ניט געבן כבוד צום חבר ווען דער רבי זיצט נעבן אים. און משה רבינו פלעגט געבן כבוד צו אלע זיינע תלמידים. דריבער האבען די טעכטער פון צלפחד אויך גימעגט געבן כבוד צו אלע יודין אפילו משה איז גיזעסן נעבן זיי: מיר האבען גילערנט די טעכטער פון צלפחד זענען גיוועזען קלוגע. און האבען גיקענט דרשנן. און זענען גיוועזען פרומע. פון וואנען ווייסען מיר אז זייא זענען גיוועזען קלוגע. ווייל זיי האבען גירעדט זייערע רייד צו דער צייט. ווארום רב שמואל בר רב יצחק האט גזאגט דעם טאג איז משה רבנו גיזעסן און האט גידרשת די פרשה פון יבמין: האבען זייא גזאגט צו משה אויב מיר זענען גירעכענט ווי אזוהן: זאלען מיר ירשנן ווי אזוהן. און אויב מיר זענען ניט גירעכענט וויא אזוהן. זאל אונזער מוטער דארפין מיובם ווערין צוא אונזער פאטערם ברודער. האט משה באלד גיבראכט זייערע רייד פאר גאט. פון וואנען ווייסען מיר אז זיי האבען גיקענט דרשנן. ווארום זייא האבען גזאגט ווען אונזער פאטער וואלט גילאזין אזוהן. וואלטין מיר גאר ניט גירעט. ווייל מיר ווייסען אז זיהן דארפין ירשנן ניט טעכטער. אבער אז קיין זיהן איז ניטא דארפין מיר טעכטער ירשנן. פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך גילערנט בת. אז זיי האבען גזאגט ווען אונזער פאטער וואלט גיהאט אטאכטער וואלטין מיר ניט פאר לאנגט צו ירשנן. האט רבי ירמיה גזאגט נעם צו פון דאנען דעם ווארט בת. זיי האבען גאר ניט גזאגט ווען אונזער פאטער וואלט גיהאט אטאכטער וואלטין מיר ניט פר לאנגט צו ירשנן. אביי זאגט אזו האבען זיי גזאגט אפילו אונזער פאטער וואלט גיהאט אגישטארבענעם זוהן און דער זוהן וואלט גילאזין אטאכטער וואלטין מיר גאר ניט גירעט מיר זאלן ירשנן. ווייל מיר ווייסען אז דעם זוהנס טאכטער דארף ירשנן אין גאנצין און מיר דארפין גאר ניט ירשנן. פון וואנען ווייסען מיר אז זייא זענען גיוועזען פרומע. ווייל זייא זענען ניט גינומען גיווארין פר ווייבער נאר צוא אזעלכע וואס האט גיפאסט צוא זייער יחוס. זייא האבען חתונה גיהאט מיט זייער פעטערס קינדער:

יד תניא: מיר האבין גילערנט רבי אליעזר בן יעקב זאגט אפילו דיא יינגסטע פון זיי האט ניט חתונה גיהאט פריער פאר פערציג יאהר. פרעגט דיא גמרא רב חסדא האט

דאך

אינ‍י והאמר רב חסדא נשאת פחותה מעשרים יולדת עד ששים בת עשרים יולדת עד ארבעים בת ארבעים שוב אינה יולדת אלא מתוך שצדקניות היו נעשה להן נס כיוכבד דכתיב (שמות ב) וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי (דף קכ) אפשר בת מאה ושלשים שנה היתה וקרי לה בת דא"ר חמא ברבי חנינא זו יוכבד שהורתה בדרך ולידתה בין החומות דכתיב (במדבר כו) אשר ילדה אותה ללוי במצרים לידתה במצרים והורתה שלא במצרים ואמאי קרי לה בת

אמר

שוב אינה יולדת. ואם נתעכבו עד מ' שנה לא היה אדם נושא אותן והם למה נתעכבו עד מ' שנה מאחר שלא ילדו עוד: ומשני מתוך שצדקניות היו. באותו שצדקתן שיעשה להם נס כיוכבד ולכך נתעכבו עד מ' שנה לינשא להגון כיוכבד שילדה אחר מ' ועיקר נשואיה איכא למימר דהיה קודם מ': אפשר בת מאה ול'. כדלקמן: וקרי לה בת. אשה הוה ליה למכתב ומנא לן דבת ק"ל היתה: דא"ר חמא בר חנינא לקמן בפירקין דמיבעיא לן דבכללן אתה מוצא ע' ובפרטן אי אתה מוצא אלא ע' חסר א' וע"ז א"ר חמא בר חנינא זו יוכבד וכו' ובת לוי דקאמר קרא בת לוי ממש בתו של לוי והאי דלא קא חשיב לה בהדייהו שלא באה למצרים אלא בבטן אמה: לידתה בין החומות. כלומר בתוך מצרים ומשום דקאמר בדרך גבי הורתה קאמר נמי בין החומות גבי לידתה: אשר ילדה. קרא יתירא דהא כתיב כבר בת לוי וישראל עמדו במצרים ר"י שנים שכן רמז יעקב לבניו רד"ו כמנין ובכתו וכמ"ע יליף לה מקראי נאמר לאברהם בברית בין הבתרים ידוע תדע כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם איזה זרע זה יצחק שנאמר כי ביצחק יקרא לך זרע וביצחק הוא אומר ויצחק בן ששים שנה בלדת אותם ויעקב אמר לפרעה ימי שני מגורי שלשים ומאת שנה הרי ק"ץ וכד"ו שעמדו במצרים הרי ת' מלידת יצחק ואי אפשר לומר שכל ת' היו במצרים שהרי קהת היה

מיורדי

---

דאך געזאגט דיא אשה וואס האט חתונה פאר צוואנציג יאהר. קען זיא האבען קינדער ביז זעכציג יאהר. דיא וואס האט חתונה צו צוואנציג יאהר. קען זיא האבען קינדער ביז פערציג יאהר. דיא וואס האט חתונה צו פערציג יאהר. וועט זיא שוין ניט האבען קיין קינדער. צוא וואס האבען דיא טעכטער פון צלפחד געווארט ביז פערציג יאהר. ענטפערט דיא גמרא ווייל זיי זענען געוועזען פרומע האבען זייא געוואוסט אז צו זייא וועט געשאהן ווערין אנס אזוי וויא צוא יוכבד. אונ זייא וועלין האבען קינדער אפילו זייא וועלין חתונה האבען צו פערציג יאהר. ווארום עס שטייט אין פסוק אמענטש איז געגאנגען פון לוים שטוב. אונ ער האט חתונה געהאט מיט דיא טאכטער פון לוי (דאס מיינט מען עמרם וואס ער האט חתונה געהאט מיט יוכבד). פרעגט דיא גמרא דער שטייגער איז ביי דער וועלט אאשה ווען זיא איז יונג אונ קיינער קען איהר ניט. רופט מען איהר ניט מיט איהר נאמען נאר מען רופט איהר מיט דעם פאטערס נאמען. זיא איז דעם מענטשינס טאכטער. אבער אז זיא ווערט עלטער אונ איהר נאמען אליין ווערט אוך בעקאנט. רופט מען איהר ניט מיט איהר פאטערס נאמען נאר מיט איהר אייגענעם נאמען. אונ יוכבד איז בייא דער צייט אלט געוועזען הונדערט מיט דרייסיג יאהר. איז דאך שוין איהר אייגענער נאמען געוועזען בעקאנט. האט דער פסוק בעדארפט זאגען ער האט חתונה געהאט מיט יוכבד. פאר וואס רופט מען זיא ניט יוכבד נאר מען רופט איהר דיא טאכטער פון לוי. אונ פון וואנען ווייסין מיר אז זיא איז אלט געוועזען ביי דער צייט הונדערט מיט דרייסיג יאהר. ווארום רבי חמא ברבי חנינא האט געזאגט דאס איז יוכבד וואס איהר מוטער איז מיט איהר מעוברת געוועזען ווען זייא זענען געגאנגען אין וועג פון כנען צו מצרים. אונ ווען זייא זענען געקומען צווישען דיא מאהערין פון מצרים איז זיא געבאהרין געווארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיא איז געבאהרין געווארין צו לוי אין מצרים. געבאהרין איז זיא געווארין אין מצרים. אבער מעוברת איז דיא מוטער מיט איהר געוועזען איידער זייא זענען אריין געקומען אין מצרים. אונ אין מצרים איז זיא מיט איהר נאר ניט געוועזען מעוברת. ווארום באלד וויא מען קומט אריין אין מצרים צווישען דיא מאהערין וואס ארום שטאט. איז זיא געבאהרין געווארין. אונ דיא יודין זענען געוועזען אין מצרים צוויי הונדערט מיט צעהן יאהר. איז דאך געוועזען פון דער צייט וואס יוכבד איז געבאהרין געווארין ביז דיא יודין זענען ארויס געגאנגען פון מצרים. צוויא הונדערט מיט צעהן יאהר. אונ משה דער זוהן פון יוכבד איז אלט געוועזען אכציג יאהר ווען די יודען זענען ארויס געגאנגען פון מצרים. אונ אכציג צוריק פון צוויא הונדערט מיט צעהן. בלייבט הונדערט מיט דרייסיג. איז דאך זיין מוטער יוכבד אלט געוועזען הונדערט מיט דרייסיג יאהר ווען ער איז געבאהרין געווארין. אונ באלד נאך דיא חתונה איז משה

געבארין

אמר רב יהודה בר (זב יוא) [זבידא] שנולדו לה סימני נערות נתעדן הבשר ונתפשטו הקמטים וחזר היופי למקומו . ויקח ויחזיר מיבעי ליה א"ר יהודה בר (זב נא) [זבידא] שעשה לה מעשה לקוחין הושיבה באפריון ואהרן ומרים משוררין לפניה ומלאכי השרת אומרים (תהלים קיג) אם הבנים שמחה להלן מנאן הכתוב דרך גדילתן וכאן דרך חכמתן מסייע ליה לר' אמי דא"ר אמי בישיבה הלך אחר חכמה במסיבה הלך

מיורדי מצרים כדכתיב ובני לוי גרשון קהת ומררי ושני חיי קהת קל"ג שנה ושני חיי עמרם קל"ז שנה ופ' של משה הרי ש"נ ה"כ מה ס"ל ועבדום וענו אותם ת' שנה אלא כל זמן שזרעך בארץ לא להם ת' שנה נמצא יוכבד בת ק' שנה שהרי כתחלת ביאתם מצרים נולדה ומשה בן שמונים שנה היה בצאתם ממצרים כשתיירו ק"ל מר"י : נתעדן הבשר . כתינוק כנער קטן : ויחזיר מבעי ליה . שהרי עברו ימים רבים מסלקתה שהרי כבר נולדו להם אהרן ומרים אלא שפירש עמרם ממנה מפני הגזרה שהיו משליכין זכוריהם ליאור ועכשיו החזירה מפני מרים שנתנבאה עו שעתיד בן לצאת ממנה שיושיע את ישראל וכו' כדנפקא לן מדכתיב מרים הנביאה אחות אהרן בעוד שהיתה אחות אהרן ולא אחות משה שעדיין לא נולד היתה נביאה שנתנבאה על משה שעתיד להולד : משוררין . מתוך שמחה שעתיד משה לצאת מהם והיינו דכתיב לדעת מה יעשה לו מה יהיה בסוף נביאותה כדאיתא בסוטה : להלן . בבנות צלפחד : מכאן הכתוב דרך גדילתן . דכתיב ותהיינה מחלה תרצה וחגלה ומלכה ונועה וגו' ומסתברא דכך נולדו כדכתיב לא יעשה כן במקומנו לתת הצעירה לפני הבכירה : וכאן . כשעמדו לפני משה : דרך חכמתן . כסדר שהן חכמות זו יותר מזו הקדימן הכתוב מחלה נועה חגלה מלכה ותרצה ומסברא אמרינן הכי דלא ליקשו קראי אהדדי : בישיבה . בין לדין בין לבאר ישיבות של תורה מושיבין את החכם למעלה מן הזקן וכדמפ' טעמיה לקמן שהחכם מופלג מכל חביריו בחכמה שהכם הוא אחד בשביל הכל שחכם כזה מעט הן הזקן אין מכבדין אותו יותר מן הזקן החכם קנה ומבנות צלפחד איכא למילף דגבי שאלת הדין מקדים הכתוב חכמה החכם

---

גיבארין גיווארין. איז דאך יוכבד אלט גיוועזן צו דיא חתונה הונדערט מיט דרייסיג יאהר : איז זיא דאך שוין גיוועזן בעקאנט צווישען אלע יודין. האט מען דאך איהר שוין גיקענט רופען ביי איהר אייגענעם נאמען . אונ דער פסוק רופט איהר דיא טאכטער פון לוי. האט רב יהודה בר זבידא גיזאגט עס איז ביי איהר גיבארין גיווארין צייכונס פון איונגע מיידיל. דאס לייב איהרע איז גלאט גיווארין . דיא קנייטשין זענען אויסגיגלייכט גיווארין . אונ איהר שיינקייט איז צוריק גיקומען . דריבער האט מען איהר גירופען דיא טאכטער פון לוי (אונ ניט יוכבד) אזוי וויא מען האט איהר גירופען אין איהר אמתער יוגענד . עס שטייט אין פסוק ויקח. ער האט איר גינומען אונ האט מיט איהר חתונה גיהאט . עס האט דאך גידארפט שטיין ער האט איהר צוריק גינומען . ווארום ער האט דאך שוין מיט איהר אמאהל חתונה גיהאט. אונ זיא איז שוין גיוועזן זיין ווייב אונ ער האט מיט איהר גיהאט צוויי קינדער אהרן אונ מרים. נאר ווייל פרעה האט גוזר גיוועזן אז אלע קינדער זכרים וואס וועלין גיבארין ווערין זאל מען ווארפין אין וואסער . דריבער האט ער זיך אפ גישיידט פון איהר אונ האט איהר גיגט : נאר ווייל מרים האט נביאות גיזאגט אז דיא מוטער וועט גיבארין אזוהן וואס ער וועט אויסלייזין דיא יודין פון מצרים דאס איז משה. דריבער האט דער פאטער מיט איהר צוריק חתונה גיהאט! . האט רבי יהודה בר זבידא גיזאגט ווייל עמרם האט איצט גיטאהן אזוי וויא צו אערשטע חתונה . ער האט איהר גיזעצט אונטער אחופה . אונ אהרן מיט מרים האבין גיזונגען פאר איהר. אונ דיא מלאכים האבין גיזאגט דעם פסוק אם הבנים שמחה. דיא מוטער פרייט זיך מיט איהרע קינדער . זאגט דיא גמרא דארטין ווען דיא טעכטער פון צלפחד האבין חתונה גיהאט רעכענט זייא דער פסוק נאך זייער עלטער . וועלכע עס איז גיוועזן עלטער דיא שטייט פריער . מחלה תרצה חגלה מלכה נועה. אונ דא ווען זייא זענען גישטאנען פאר משה רעכענט דער פסוק נאך זייער חכמה . וועלכע עס איז קליגער גיוועזן שטייט פריער . מחלה נועה חגלה מלכה תרצה. פון דאנען וועט זיין אראיה צו רבי אמי . ווארום רבי אמי האט גיזאגט ווען דיינים זיצען ביי אדין תורה אדער תלמידים זיצען אונ לערנען פאר זייער רבי. דארפין זיי זיצען נאך זייער חכמה. איינגער מאן אחכם דארף זיצען העכער פאר אאלטין מאן וואס איז ניט קיין חכם : אונ אז מען זיצט בייא אסעודה דארף מען זיצען נאך דעם עלטער . פריער זאל זיצען דער עלטערער דער נאך דער יינגערער . אפילו דער יינגערער איז מער חכם וויא דער עלטערער . רב אשי זאגט ווען זאל מען ביי אישיבה זיצען דער יינגערער פאר דעם עלטערין. אז דער יינגערער איז אגאנץ גרויסער

חכם

הלך אחר זקנה אמר רב אשי והוא דמופלג בחכמה והוא דמופלג בזקנה. תנא דבי רבי ישמעאל בנות צלפחד שקולות היו שנאמר (במדבר לו) ותהיינה הויה אחת לכולן:

(דף קכא) **טו תנן** התם אמר רשב"ג לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים שבהן בנות ישראל יוצאות בכלי לבן שאולים שלא לבייש את מי שאין לה בשלמא יוה"כ יום

הלכה: במסי"ס, של מסכת ופ"כ לנשואים: והוא דמופלג. החכם בחכמ' אז הע' אחר החכמה ולא אחר זקנה: והוא דמופלג בזקנה. בזקן מהד אז חולקין לו כבוד בבית המשתה יותר מן החכם אע"ג דמופלג שהוא חכם בהכמה כגון שהזקן חכם קצת אבל אם אינו מופלג בזקנה חכם שהוא מופלג קודם לכבודו במעין מהכא דחכם מופלג וזקן מופלג שאינו חכם כ"כ כבחור בישיבה הלך אחר חכמה להושיב החכם ברלש ולדבר תחלה ובמסיבה הלך אחר זקנה והיכא דהחכם הוי מופלג בחכמה והזקן אינו מופלג בזקנה בכל מקום הלך אחר החכמה אפי' במסיבה והיכא דהזקן הוי מופלג בזקנה וחכם אינו מופלג בחכמה בכ"מ הלך אחר הזקנה ואפי' בישיבה הואיל והזקן חכם קצת אע"פ שהבחור חכם יותר ממנו והיכא דלא מופלג לא האי בחכמה ולא האי בזקנה נראה בעיני דבכ"מ הלך אחר זקנה אפי' בישיבה מדאמר רב אשי והוא דמופלג בחכמה והוא דמופלג בזקנה דהיכא דהוו תרווייהו מופלגין הולכין בישיבה אחר החכמה ובמסיבה אחר הזקנה מכלל דהיכא דלא הוי תרווייהו מופלגין לא האי ולא האי הולכין בכ"מ אחר אחד מהם ומדלא פירש היכא למימר דמסתמא הולכין אחר הזקן דבשביל שהבחור חכם קצת יותר ממנו אין לנו לבייש את הזקן והחכם אינו בוש בדבר דיודע הוא שבשביל זקנתו חולקין לו כבוד: שקולות היו. ולכך פעמים שהקדים זו לזו ופעמים איפכא כדדרשינן הוא אהרן ומשה הוא משה ואהרן לומר ששקולין היו ולא הכייעיה לרב אמי:

תנן התם. במס' תענית ומשום דאמריקן לקמן יום שהותרו בשטיה כו' נקט ליה: בשאולים. שאפילו מי שיש לה היתה שואלת בלא לבייש את השואלת מחמת שאין לה כדמפרש במסכת תענית בת מלך שואלת

---

חכם. אבער אז דער יינגערע איז ניט אגאנץ גרויסער חכם. אפילו ער איז מער חכם פר דעם עלטערין. זאל דער עלטערער זיצען פריער. אונ ווען זאל ביי אסעודה זיצען דער עלטערער פריער פר דעם יונגערין אפילו דער יינגערער איז מער חכם פאר דעם עלטערין. נאר אז דער עלטערער איז גאנץ אלט. אבער אז דער עלטערער איז ניט גאנץ אלט. ער איז נאר עלטער פאר דעם יינגערין. אויב דער יינגערער איז מער חכם פר דעם אלטען. זאל ער זיצען פריער פאר דעם אלטען: דער דין בלייבט אזו וואו עס איז דא איונגער מאן אגאנץ גרויסער חכם: אונ אאלטער מאן וואס ער איז שוין גאנץ אלט אונ ער איז ניט אזו אחכם וויא דער יונגער מאן. אז זייא קומען ביידע צו אזיצונג פון תורה. דארף דער יונגער מאן זיצען דער ערשטער ביי דעם טיש אונ זיין דער ערשטער צום ריידין. אונ אז זייא קומען ביידע צו אסעודה. דארף דער אלטער מאן זיצען דער ערשטער ביי דעם טיש אונ אנהייבין דער ערשטער צו עסין. אונ אז דער יונגער מאן איז אגאנץ גרויסער חכם אונ דער אלטער מאן איז ניט אזו שטארק אלט. זאל אלע מאהל זיצען דער חכם דער ערשטער ביי דעם טיש. אפילו ביי אסעודה אויך. אונ אז דער אלטער מאן איז גאנץ אלט. אונ דער יונגער מאן איז ניט אגאנץ גרויסער חכם. אפילו ער איז מער חכם פאר דעם אלטען (נאר דער אלטער איז אויך אביסול אחכם). זאל אלע מאהל זיצען דער אלטער דער ערשטער ביי דעם טיש. אפילו ביי אזיצונג פון תורה אויך. אונ אז דער אלטער איז ניט גאנץ אלט. אונ דער יונגער איז ניט אגאנץ גרויסער חכם. אפילו ער איז מער חכם פארין אלטען. זאל אלע מאל זיצן דר אלטר דר ערשטר ביי דעם טיש. אפילו ביי אזיצונג פון תורה דבי רבי ישמעאל האט געלערנט די טעכטר פון צלפחד זענין געוועז גלייכע חכמות. עס איז ניט געוועז איינע קלוגער וויא די אנדערע. דריבער אמאהל שטייט די פריער אונ אמאהל שטייט די פריער. אזו ווי עס שטייט אין פסוק ותהיינה. זיי זענין געוועז אלע גלייך ווי איינס:

**טו** תנן התם: מיר האבען דארטען געלערנט אין דער מסכת תענית: רבן שמעון בן גמליאל האט געזאגט עס איז ניט געוועז ביי יודין קיין גרעסערע ימים טובים ווי א דער פופצעהנטער טאג אין אב אונ יום כפור. אין די צווי טעג פלעגין די יודישע טעכטער ארויס גיין גיקליידעט אין ווייסע קליידער גיבארגטע. אלע האבען גיבארגט קליידער איינע ביי די אנדערע. אפילו די וואס האט גיהאט אייגענע קליידער האט אויך גיבארגט. מען זאל ניט וויסען ווער עס האט אונ ווער עס האט ניט. אונ די וואס האט ניט קיין אייגענע קליידער וועט ניט פר שעמט ווערין. פרעגט די גמרא יום כפור איז געוועזן איום טוב וויל דעם טאג איז מען מוחל ד עבירות. אונ אין דעם טאג זענען גיגעבין געווארין צו משה רבינו די אנדערע לוחות. אבער וואס פאר איום

יום סליחה ומחילה ויום שנתנו בו לוחות האחרונות אלא ט"ו באב מאי היא אמר רב יהודה אמר שמואל יום שהותרו שבטים לבוא זה בזה מאי דרוש (במדבר לו) זה הדבר דבר זה לא יהא נוהג אלא בדור זה רבה בר בר חנה א"ר יוחנן יום שהותר שבט בנימין לבוא בקהל דכתיב (שופטים כא) ואיש ישראל נשבע במצפה לאמר איש ממנו לא יתן בתו לבנימין לאשה מאי דרוש ממנו ולא מבנינו . רב דימי בר יוסף אמר רב נחמן יום שכלו בו מתי מדבר דאמר מר עד שלא כלו מתי מדבר (ע"ב) לא היה דבור עם משה שנאמר (דברים ב) ויהי כאשר תמו כל אנשי המלחמה למות מקרב העם וסמיך ליה וידבר ה' אלי לאמר אלי היה הדבור

שולחת מכת כהן גדול כו' : יום שניתנו לוחות האחרונות . כדתניא בס"ע משה עלה כו' בכיון לקבל לוחות הראשונות וירד בי"ז בתמוז דהיינו סוף מ' יום ע"ה בי"ח ובקש עליהם רחמים בשביל עון העגל שנאמר ואתנפל לפני ה' כראשונה ארבעים יום וארבעים לילה וגו' בכ"ט באב נתרצה המקום לישראל ואמר לו פסל לך שני לוחות וגו' עשה עוד מ' יום מל' באב עד י' בתשרי שנאמר ואנכי עמדתי בהר כימים הראשונים ארבעים וגו' ואז נתרצה המקום לישראל בשמחה והוריד משה לוחות האחרונות : יום שהותרו שבטים . הכי הוה קים להו : לבוא זה בזה . שהותרו להם הבאת נחלה שפסק אותו דור של באי הארץ שנאמר להם הבאת נחלה ושמא מיכא אם נתייבו עדיין בני אדם שהיו באותו הדור הכי באיסור ייהו קיימי אבל שאר כ"א שלא היו באותו דור מותרים וי"מ יום שהותרו שבטים שהרי בט"ו באב כלו מתי מדבר כדלקמן וטעות הוא בידם שהרי לא לדור המדבר נאמר אלא לבאי הארץ בערבו . מותב בסוף המ' שנה : יום שהותר שבט בנימין . כל הנך אמוראי לא פליגי אלא מר גמיר הא מרביה ומר גמיר הא מרביה : שכלו בו מתי מדבר . במדרש איכה א"ר אבין יום שבטל בו החפר דא"ר לוי כל ערב תשעה באב היה כרוז יוצא כל השנה יצאו לחפור ויוצאין וחופרין קברין וישנין בהם ובשחרית הכרוז יוצא הבדלו החיים מתוך המתים ובודקין עצמן והחסרים ט"ו אלף ופרוטרוט בכל שנה כך עשו מ' שנה יום לשנה הרי מ' שנה בשנה האחרונה עשו כן בדקו עצמן ומצאו שלמים אמרו שמא טעינו בחשבון וכן בי' בו וכן בי"א ובי"ב ובי"ג ובי"ד עד דאתמלא סיהרא כיון דאתמלא סיהרא אמרו בטל הקב"ה אותה גזרה מעלינו ועשו משתה ושמחה וי"ט : דאמר מ' וכו' . ולכך עשו ימי משתה ושמחה על הדבור בחזר למשה : לא היה דבור עם משה . פא"פ כבתחלה אבל אם הוצרכו לדבור כגון במעשה דקרח שהיה אחר מעשה המרגלים היה מדבר ע"י מלאך או באורים ותומים א"נ לא היה מדבר עמו אלא ע"י מעשה הצריך להם : אלי היה הדבור . דמשמע למכתב ויאמר ה' אלי כדכתיב לעיל מיניה במוהב ויאמר ה' אלי אל

---

טוב איז דער פופֿצעהנטער טאָג אין אָב . האָט רב יְהוּדָה גזאָגט פון שְׁמוּאֵל וועגן ווייל אין דעם טאָג האָט מען מַתִּיר געוועזן אַז אַ טאָכטער האָט גענומען אַ יְרוּשָׁה פון איר פאָטער וואָס ער איז געוועזן (לְמָשָׁל) פון שֵׁבֶט רְאוּבֵן . זיא זאָל נעמען אַ מאַן פון איין אַנדער שֵׁבֶט (לְמָשָׁל) פון שֵׁבֶט שִׁמְעוֹן . וואָרום דער דור וואָס איז אַריין געגאַנגען אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל און אַ טאָכטער האָט גענומען אַ יְרוּשָׁה האָט זיא ניט געטאָרט נעמען אַ מאַן פון איין אַנדער שֵׁבֶט . עס זאָל ניט איבער גיין אַ שטיק לאַנד פון איין שֵׁבֶט צום אַנדערן שֵׁבֶט . האָבען דיא חֲכָמִים געדַרְשָׁנְט ווייל ביא דעם דין שטייט זֶה הַדָּבָר . צו ווייזען אַז דער דין איז נאָר ביי דיא מענטשען וואָס זענען אַריין געגאַנגען אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . אָבער דיא שפּעטערדיגע דורות האָט מען מַתִּיר געוועזן דיא טאָכטער וואָס יַרְשָׁנְט זאָל נעמען אַ מאַן פון איין אַנדער שֵׁבֶט און דאָס ערשטע מאָהל וואָס מען האָט מַתִּיר געוועזן איז געוועזן דער פופֿצעהנטער טאָג אין אָב . האָט מען געמאַכט דעם טאָג אַ יוֹם טוֹב . רַבָּה בַּר בַּר חָנָה האָט געזאָגט פון רַבִּי יוֹחָנָן וועגן דער פופֿצעהנטער טאָג אין אָב איז געוועזן דריבער אַ יוֹם טוֹב ווייל אין דעם טאָג האָט מען מַתִּיר געוועזן דעם שֵׁבֶט בִּנְיָמִין ער זאָל נעמען ווייבער פון אַנדערע יודישע שְׁבָטִים . וואָרום עס שטייט אין פָּסוּק דיא יודען האָבען געשוואָרען אין דעם אָרט מִצְפָּה אַז איין מענטש פון אונז זאָל ניט געבען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב צו דיא מענטשען פון שֵׁבֶט בִּנְיָמִין . האָבען דיא יודען געדַרְשָׁנְט נאָר דער דור וואָס האָט געשוואָרען האָבען ניט געטאָרט געבען זייערע טעכטער צום שֵׁבֶט בִּנְיָמִין . אָבער דיא קינדער זייערע מעגען געבען זייערע טעכטער צום שֵׁבֶט בִּנְיָמִין פאַר ווייבער . און דאָס ערשטע מאָהל וואָס מען האָט מַתִּיר געוועזן איז געוועזן דער פופֿצעהנטער טאָג אין אָב . האָט מען געמאַכט דעם טאָג יוֹם טוֹב . רַב דִּימִי בַּר יוֹסֵף האָט געזאָגט פון רַב נַחְמָן וועגן דעם פופֿצעהנטען טאָג אין אָב האָבען אויף געהערט צו שטאַרבען אין דער מִדְבָּר דיא מענטשען וואָס זענען אַרויס געגאַנגען פון מִצְרַיִם (אַזוֹ וויא עס שטייט אין דיא סֶדְרָה שְׁלַח לְךָ) . וואָרום עס שטייט אין פָּסוּק און עס איז געוועזן אַז דיא אַלע שטרייט מענטשען וואָס זענען אַרויס געגאַנגען פון מִצְרַיִם) האָבען אויף געהערט צו שטאַרבען פון דעם פאָלק . באַלד דער נאָך האָט מֹשֶׁה געזאָגט גאָט האָט גערעדט צו מיר . מֹשֶׁה האָט געמיינט גאָט האָט

גירעט

הדבור . עולא אמר יום שביטל בו הושע בן אלה פרדסאות שהושיב ירבעם בן נבט על הדרכים שלא יעלו ישראל לרגל רב מתנה אמר יום שניתנו הרוגי ביתר לקבורה דאמר רב מתנה אותו היום שנתנו הרוגי ביתר לקבורה תקנו ביבנה הטוב והמטיב הטוב שלא הסריחו והמטיב שניתנו לקבורה רבה ורב יוסף דאמרי תרווייהו יום שפוסקים בו מלכרות עצים למערכה דתניא ר' אליעזר הגדול אומר כיון שהגיע ט"ו באב תשש כחה של חמה ולא היו כורתים עצים למערכה אמר רב מנשה וקרו ליה יום תבר מגל מכאן ואילך דמוסיף יוסיף ושאינו מוסיף יסיף . מאי יסיף תני רב יוסף תקבריה אמיה :

אל הגר את מואב וגו' א"נ מדכתיב ויהי כאשר תמו קא דריש הכי ולאו ממשמעותא דקרא אלא מיתורא דויהי כאשר תמו כל דקרא יתירה הוא : יום שבטל הושע בן אלה פרדסאות . שומרים כדתניא בב"ע שפרקה הושע בן אלה שגלו מגלי השומרים עמד והעביר פרדסאות שהושיב ירבעם בן נבט שלא יעלו ישראל לרגל שבכל מלכי ישראל הוא אומר וילך בחטאת ירבעם בן נבט וגו' אבל בהושע בן אלה כתיב רק לא כמלכי ישראל אשר היו לפניו : הרוגי ביתר . במס' גיטין : דאמר רב מתנה כו' . ולכך שמחו שזכו לקבורה ולא הסריחו : ברכת הטוב והמטיב . שבברכות המזון תקנו אותו היום דמן התורה אינו אלא ג' ראשונות כדמפקינן מהאי קרא וברכת את ה' אלהיך וגו' : מניסן ועד ט"ו באב . היו כורתים עצים לצורך המערכה לכל השנה אבל מכאן ואילך תשש כחה של חמה ויש בעצים לחלוחית ומעלים עשן ומגדלים תולעת וכדאמרינן במדרש איכה רבי יעקב בר אחא בשם ר' יוסי אומר שנו כלה זמן קצירת עצים שכל עץ שמצא בו תולעת פסול למזבח וכל עץ שבות נקצץ אינו עושה מאכולת ואותו היום שפסקו בו שמחים לפי שגמרו ביום היו משלימין ומסיימין מצוה גדולה כזאת : יום תבר מגל . שנשברו הקרדומות שאין צורך כאן לחטוב עצים : מט"ו באב ואילך דמוסיף . מן הלילה על היום לשנות יוסיף ימים כדכתיב כי הוא חייך ואורך ימיך וגו' וכתיב כי אורך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך שמתוך שלילות מתארכין והימים מתקצרין צריך לעסוק בתלמודו גם בלילות ודלא מוסיף יסיף : מאי יסיף תני רב יוסף תקבריה אימיה . שימות בחצי ימיו כמו וזכרם את ימיו מזרעם לשון כליה ולא גרסינן יאסף דא"כ מאי קא בעי הגמרא הא מגהא נפשטא היא דיאסף לשון מיתה כדכתיב יאסף אהרן אל עמיו :

ה"ר

---

גירעט צו אים אזו וויא פריער איידער דיא יודין האבען געזינדיגט . צו וויזען אז דער בעס פון גאט אויף דיא יודין האט שוין אויף געהערט דריבער האט מען געמאכט דעם טאג יום טוב . עולא זאגט דעם פופצעהנטען טאג אין אב האט הושע בן אלה צו גענומען דיא וועכטערס וואס ירבעם בן נבט האט געשטעלט אויף דיא וועגין מען זאל ניט לאזין די יודין אויף גיין אין ירושלים אויף יום טוב . דריבער האט מען געמאכט דעם טאג א יום טוב . רב מתנה זאגט דעם פופצעהנטען טאג אין אב האט דער קיסר פון רוים געגעבען ערלויבניס אז מען מעג בגראבען די אלע מענטשין וואס זענין געהרגת געווארין אין דיא שטאט ביתר . ווארום רב מתנה האט געזאגט דעם טאג וואס איז געגעבען געווארין דיא ערלויבניס צו בגראבען דיא מענטשין וואס זענין געהרגת געווארין אין דיא שטאט ביתר . האבען דיא חכמים געזאגט אין יבנה אז אין בענטשין זאל מען לויבען גאט אונ מען זאל זאגין הטוב והמטיב . הטוב . גאט איז גוט וואס די מתים זענין ניט פר שטונקען געווארין . והמטיב . אונ גאט האט געטאהן גוטס מיט די מתים וואס מען האט געגעבען ערלויבניס מען זאל זייא בגראבען . דריבער האט מען געמאכט דעם פופצעהנטען טאג אין אב א יום טוב . רבה אונ רב יוסף זאגין ביידע דעם פופצעהנטען טאג אין אב האט מען אויף געהערט צו שניידין האלץ אין וואלד צום מזבח . ווארום מיר האבען געלערנט רבי אליעזר הגדול האט געזאגט ווי עס איז געקומען דער פופצעהנטער טאג אין אב איז שוואך געווארין דיא היץ פון דיא זוהן אונ זיא האט שוין ניט שטארק געטריקנט דריבער האט מען שוין אויף געהערט צו שניידין האלץ אין וואלד צום מזבח . רב מנשה זאגט דעם טאג האט מען גירופען יום תבר מגל . מען האט צו בראכען דיא העק ווייל מען האט שוין ניט געהאקט קיין האלץ אין וואלד צום מזבח . אונ ווייל מען האט אוים גילאזין אזו א גרויסע מצוה האט מען געמאכט דעם טאג יום טוב . פון דעם פופצעהנטען טאג אין אב אונ ווייטער ווייל דיא טעג ווערין קלענער אונ דיא נעכט ווערין גרעסער דער וואס מערט צו לערנען ביי נאכט וועט גימערט ווערין זיינע טעג אונ יאהרין אונ ער וועט לאנג לעבין . אונ דער וואס מערט ניט צו לערנען ביי נאכט . וועט ער ניט לאנג לעבין . וואס מיינט מען ער וועט ניט לאנג לעבין . רב יוסף הט גילערנט עס וואלט בעסער גיוועזען אז די מוטער זיינע וואלט אים בגראבען ווען ער איז נאך קליין גיוועזען :

מז ת"ר ז' קפלו את כל העולם כולו מתושלח ראה את אדם שם ראה את מתושלח . יעקב ראה את שם עמרם ראה את יעקב . אחיה השילוני ראה את עמרם. אליהו ראה אחיה השילוני ועדיין הוא קיים . ואחיה השילוני ראה את עמרם. והכתיב (במדבר כו) ולא נותר מהם איש כי אם כלב בן יפונה ויהושע בן נון אמר רב המנונא לא נגזרה גזרה על שבטו של לוי דכתי' (שם יד) במדבר הזה יפלו פגריכם וכל פקודיכם לכל מספרכם מבן עשרים שנה ומעלה מי שפקודיו מבן עשרים (שנה ומעלה) יצא שבטו של לוי שפקודיו מבן שלשים . ומשאר שבטים לא עייל והתניא יאיר בן מנשה ומכיר בן

ת"ר כו' נקייתא היא בס"ע ומשום דמיירי בכלב ויהושע לקמיה נקט ליה א"נ משום דאמרינן לעיל דמוסיף יוסיף וקא להודיענו שאלו שבעה מתוך צדיקים הן ועסקו בתורה חיו כל כך : קפלו את כל העולם . כלומר כבכוהו והקיפוהו שנתקפל העולם בימיהם וכל אלו השבעה שמשו זה את זה כדקתני לעיל מיניה בס"ע נמצאת אומר שבימי יעקב את שם כ' שנה שם שמש את מתושלח נ"ח שנה מתושלח שמש את אדם הראשון רמ"ג שנה ומחשבון שנות הדורות הכתובים בפר' דור אחר דור יש ללמוד כל זה מתושלח לא מת עד תיקף למבול כדאמרינן בחלק אהי לשבעת הימים גו' אלו שבעה ימי אבלו של מתושלח וכבר היה שם בן צ"ח שנה כדכתיב שם בן מאת שנה ויולד את ארפכשד שנתים אחר המבול ולמך נמי ראה את אדם הראשון ואת שם אלא לדיקים גמורים קא חשיב שמשו זה את זה כדפי' לעיל והאי תנא לא כבירא ליה האיך זה מעטרון דהוא"ל שניה קפלו את כל העולם דהאי תנא דס"ע

מת וס"ל דהאי ואיננו כי לקח. אותו אלהים היינו שמת ותלי ימיו וכדקתני התם הנוך קבר את אדם הראשון והוה ופס מיס אחריו נ"ו שנה מתושלח הוליא בנותיו עד המבול : עמרם ראה את יעקב . כברא היא שהרי קהת אביו מיורדי מצרים הוה דכתיב ובני לוי גרשון קהת ומררי ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה ובאותן י"ז נולד עמרם לקהת שהרי בנו הראשון היה דכתיב ובני קהת עמרם ויצהר : ואחיה השילוני ראה את עמרם ואליהו ראה את אחיה . גמרא האי תנא נא ס"ל אליהו זה פנחס דאם איתא לימא משה ראה את עמרם פנחס ראה את משה ועדיין הוא קיים ולא איצטריך לאחיה כלל : והכתיב ולא נותר מהם איש . ואחיה השילוני הנבא בימי ירבעם ואם היתה דראה את עמרם במצרים היאך יצא ממדבר ובא נו לארץ והלא כל ימי יעקב במצרים י"ז שנה ועמרם ראה את יעקב לכל הפחות יום אחד ושני חיי עמרם קל"ז הרי קנ"ד שנים ואחיה ראה את עמרם כמה שני לאו ממותים ועבר אחרי מות עמרם נ"ו שנה הרי לכל הפחות היה אחיה השילוני בן נ"ו שנה בצאתם ממצרים ובמאה יותר כגון שנולד בימות עמרם הרבה : אחיה השילוני לוי היה . כדכתיב בדברי הימים והלוים אחיה על אוצרות בית האלהים : שפקודיו מבן שלשים יום. שהרי הלוים נמנים מבן חדש ומעלה לפדות עליהם הבכורות כדכתיב מבן חדש ומעלה הפקדם ולא הוה לי דאם כן הוי ליה למימר יצא שבטו של לוי שפקודיו מבן חדש אלא האי ל' היינו שלשים שנה כדכתיב בני גרשון קהת ומררי מבן שלשים אנה ועד בן ל' שנה וכהות האכין נקט שאותו חשבון כנגד חשבון של ישראל הוא דבישראלי נמי קפיד כהמנא דביצבאל כתיב כל יוצאי צבא ובלוים כתיב מבן שלשים שנה וגו' כל הבא לצבא וגו' : ומשאר שבטים לא עייל . מיוצאי מצרים לארץ
בהמיה

---

מז תנו רבנן · דיא רבנן האבען גילערנט זיבען מענטשין האבען ארום גענומען דיא גאנצע וועלט . אדם איז גיוועזן דער ערשטער אונ אליהו דער לעצטער . אונ פון אדם ביז אליהו זענין גיוועזן זיבען מענטשין וואס האבען גיזעהן איינער דעם אנדערין . מתושלח האט גיזעהן אדם . שם האט גיזעהן מתושלח . יעקב האט גיזעהן שם . עמרם האט גיזעהן יעקב . אחיה השלוני האט גיזעהן עמרם . אליהו הנביא האט גיזעהן אחיה השלוני . אונ אליהו הנביא לעבט נאך . האט אדם הראשון גיזעהן דעם אנהייב וועלט אונ אליהו הנביא וועט זעהן דעם סוף וועלט . פרעגט די גמרא וויא אזו האט אחיה השלוני גיזעהן עמרם . עס שטייט דאך אין פסוק עס איז ניט געבליבען איין מענטש פון דיא מענטשין וואס זענין ארויס גיגאנגען פון מצרים נאר אלע זענין גישטארבען אין דער מדבר נאר כלב בן יפנה אונ יהושע בן נון זענין געבליבען : איז דאך עמרם אויך גישטארבען אין דער מדבר . וויא אזו האט אחיה השלוני גיזעהן עמרם . האט רב המנונא גזאגט אויף דעם שבט לוי איז ניט גיוועזן דיא גזרה זייא זאלין שטארבען אין דער מדבר . אונ עמרם איז גיוועזן פון שבט לוי איז ער נישט גישטארבין אין דער מדבר : וואָרום עס שטייט אין פסוק אין דעם מדבר זאלין פאלען אייערע פגרים . אונ אלע וואס זענין גיציילט גיווארין פון צוואנציג יאהר זענין גישטארבין אין דער מדבר . אבער דער שבט לוי וואס ער איז גיציילט גיווארין פון דרייסיג יאהר איז ער נישט גישטארבן אין דער מדבר . ווייבער אדער עמרם איז ארויס גיגאנגען פון מצרים אונ האט גילעבט אזו אלאנגע צייט ביז ער האט גיזעהן אחיה השלוני . אדער אחיה השלוני האט גיזעהן עמרם אין מצרים אונ ער איז אויך ארויס גיגאנגען פון מצרים . אונ ער איז ניט גישטארבין אין דער מדבר . ווארום ער איז אויך גיוועזן א לוי . פרעגט דיא גמרא אונ פון אנדערע שבטים וואס זענין ארויס גיגאנגען פון מצרים זענין ניט גיוועזן מענטשין וואס זענין אריין גיגאנגען אין ארץ ישראל . מיר האבען דאך גילערנט יאיר דער זוהן פון מנשה אונ
מכיר

בן מנשה נולדו בימי יעקב ולא מתו עד שנכנסו ישראל לארץ שנאמר (יהושע ז) ויכו מהם אנשי העי כשלשים וששה איש ותניא ל"ו איש כמש דברי רבי יהודה א"ל ר"נ וכי נאמר שלשים וששה והלא לא נאמר אלא כשלשים וששה אלא זה יאיר בן מנשה ששקול כרובה של סנהדרין אלא אמר רב אחא בר יעקב לא נגזרה גזרה לא על פחות מבן עשרים ולא על יתר מבן ששים לא על פחות מבן עשרים דכתיב מבן עשרים שנה ומעלה ולא על יותר מבן ששים גמר ומעלה ומעלה מערכין מה להלן יותר מבן ס' כפחות מבן כ' אף כאן יתר מבן ס' כפחות מבן כ':

**יז איבעיא** להו ארץ ישראל לשבטים איפלוג או דילמא לקרקף גברי איפלוג (דף קכב) **תא שמע**

בתמי' ואמאי דחקא לאתויי מכוש דלוי היה אחיה לכך לא נקט : בימי יעקב . גמרא : ולא מתו . לא יליף מקרא אלא חד מינייהו : סנהדרין . הוו שבעים ואחד כנגד רובן ל"ו : ולא על יתר מבן ששים . וכי כמי דאתיה ישראל היה הרי לא אם עמרם המש שנים והוה ליה בן ששים ואחד כשאתו ממצרים : יתר על בן ששים . בערכין אינו בזה לבן עשרים שנה ומעלה שהרי ערכו מועט יותר כדכתיב בפרשת ערכין : כפחות מעשרים . שמועט ערכו מבן עשרים שנה ומעלה דאע"ג דאין ערך פחות מבן עשרים ויותר על בן ששים שוין זה לזה מיהו בזה שוין בערך שניהם מועט מערך יתר מבן עשרים והנוקים מדינו של יותר מבן ששים וה"נ כי היכי דמחולק פחות מבן עשרים לענין הגזירה ליתר מבן עשרים ה"ה ליותר על בן כ' ואיכא למימר דלא נמנו בההוא חשבון :

**לשבטים איפלוג.** שנחלקה לי"ב חלקים שוים ואח"כ כל שבט ושבט מחלק לפי אנשיו בהון מיוצאי מצרים או לפי באי הארץ למר כדאית ליה ולמר כדאית ליה: לקרקף גברי . גולגלות אנשים שכל אחד (ואחד מישראל) מיוצאי מצרים לר' יאשיה או לבאי הארץ לר' יונתן היה נוטל חלקו בארץ בפני עצמו והיו כולן שוים בחלוקה : ת"ש בין רב למעט . על

---

**מכיר** דער זוהן פון מנשה זענען געבארין געווארין ווען יעקב האט נאך געלעבט אונ זענין ניט געשטארבין ביז דיא יודין זענין אריין געגאנגען אין ארץ ישראל . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא מענטשין פון עי האבען געשלאגן דיא יודין אזוי וויא זעקס אונ דרייסיג מענטשין . אונ מיר האבען געלערונט וויא האבען געשלאגען טאקי זעקס אונ דרייסיג מענטשין . אזו זאגט רבי יהודה . האט רבי נחמיה געזאגט צו רבי יהודה שטייט דען אין פסוק זעקס אונ דרייסיג מענטשין . עס שטייט דאך אזו וויא זעקס אונ דרייסיג מענטשין . נאר דאס מיינט מען יאיר בן מנשה וואס ער איז געווען גלייך וויא דאס מערסטע מענטשין פון דיא סנהדרין ודיא סנהדרין זענין געווען איין אונ זיבעציג מער וויא העלפט איז זעקס אונ דרייסיגו . זעהן מיר דאך אז יאיר איז ארוס געגאנגען פון מצרים אונ איז אריין געגאנגען אין ארץ ישראל . האט רב אחא בר יעקב געזאגט דיא גזרה צו שטארבין אין דער מדבר איז ניט געווען אויף דיא מענטשין וואס זענין געווען אלט וויניגער וויא צוואנציג יאהר . אונ ניט אויף דיא מענטשין וואס זענין געווען עלטער ווי זעכציג יאהר . פון וואנען ווייסען מיר אז דיא גזרה איז ניט געווען אויף דיא מענטשין וואס זענין אלט וויניגער וויא צוואנציג יאהר . ווארום עס שטייט אין פסוק פון צוואנציג יאהר אונ ווייטער זאלין שטארבן אין דער מדבר . אבער דיא מענטשין וואס זענען אלט פאר צוואנציג יאהר זאלין ניט שטארבן אין דער מדבר . אונ פון וואנען ווייסען מיר אז דיא גזרה איז ניט געווען אויף דיא מענטשין וואס זענין עלטער וויא זעכציג יאהר . ווארום מיר לערנען אגזרה שוה ומעלה ומעלה פון ערכין . דא שטייט מבן עשרים שנה ומעלה . אונ ביי ערכין שטייט אויך מבן עשרים שנה ומעלה . אזו וויא ביי ערכין דער וואס איז אלט געווען העכער וויא זעכציג יאר . האט דעם דין וויא דער וואס איז אלט וויניגער ווי צוואנציג יאהר . אזו דא איז אויך דער וואס איז אלט געווען העכער ווי זעכציג יאהר . האט גיהאט דעם דין וויא דער וואס איז אלט געווען וויניגער וויא צוואנציג יאהר :

**יז איבעיא להו** . האט מען געפרעגט ארץ ישראל איז צו טיילט געווארין צו שבטים . עס איז געווען צוועלף שבטים . איז ארץ ישראל צו טיילט געווארין אויף צוועלף טייל . אונ אז אין איין שבט איז געווען טויזענד מענטשין אונ אין אנדערין שבט איז געווען צוויי טויזענד מענטשין . האבען דיא טויזענד געהאט אזוי פיל וויא דיא צוויי טויזענד . אדער ארץ ישראל איז צוא טיילט געווארין צוא דיא קעפ פון דיא מענטשין . יודין זענין געווען זעקס מאהל הונדערט

טויזענד

בריא קצת. מאשתו ראשונה: יקנה כחד ברא כאחד מן הבנים העתידים להולד מאשה זו: אית חולק לטליא במקום בניא. דאף ע"ג דבניא לא קני בכת מהנה זו וכו' ורואין כמה בנים יהיו לה אם הן ג' בנים מלבד הקטנים חולקין בד' חלקים ויטול זה חלק אחד מהם והנותרים חולקין ג' חלקים הנותרים בד' ויטול כל אחד חלק א' בתורת ירושה: טליא. תינוק גדול כדאמרינן פרק המפקיד דאר"י נבירנא כי הוו מטיילי טליא וטליתא כבר שבסרי בפוקא ולא הוו חטאי: במקום בניא. כשירשו הבנים את אביהם אית חולק לטלי' עמהם לגבי יתומתו כפשיטות: וכרכיש. והודה לדבני:

---

גיפעלט. אבער אז אטאכטער איז בעסער ווייא אזוהן. דאס האבען מיר ניט גיהערט אז רבי יהודה זאל זאגין. נאר דיא משנה איז וויא דער רבי יהודה. ווארום מיר האבען גילערונט עס איז אמצוה אפאטער זאל שפייזין זיינע טעכטער אונ זיינע זיהן איז געווים אמצוה ער זאל שפייזין. וויל זייא לערנען תורה. אזו זאגט רבי מאיר. רבי יהודה זאגט עס איז אמצוה אפאטער זאל שפייזין זיינע זיהן. אונ זיינע טעכטער איז געווים אמצוה ער זאל שפייזין. זייא זאלין ניט פר שעמט ווערין צו זוכען פר דינען:

ג הלכתא. דער דין איז אז איינער זאגט צו זיין חבר זיי זוכה דיא זאך פאר דעם קינד וואס איז אין זיין מוטערס בויך. האט דער קינד ניט זוכה גיוועזן. איינער האט אמאהל גזאגט צו זיין וויב מיין פאר מעגין זאל זיין צו מיין זוהן וואס איך וועל האבען פון דיר. איז גיקומען זיין עלטערער זוהן וואס ער האט גיהאט פון זיין ערשטע וויב. אונ האט גזאגט צום פאטער וואס וועט זיין מיט דעם מענטשין וואס וועט זיין מיט מירו. האט דער פאטער גזאגט צום זוהן דוא וועסט נעמען אגלייכען חלק אזו וויא איינער פון דיא קינדער וואס וועלין גיבארין ווערין צו מיר פון דיא וויב מיינע. דיא קינדער וואס וועלין גיבארין ווערין האבען געווים ניט זוכה גוועזן אין זייער פאטערס פרמעגין. ווארום זיי זענין דאך נאך ניטא. נאר אבער דער עלטערער זוהן הט אחלק אין זיין פאטערס פימעגין אפילו יענע קינדר האבן ניט קיין חלק. אדר אזו ווי יענע קינדר האבן ניט קיין חלק אין זייער פאטערס פרמעגין. אזו הט דער עלטערער זוהן אויך ניט זוכה גיוועזן אין פאטערס פאר מעגין. ווארום דער פאטער האט דאך גזאגט צום עלטערין זוהן דו זאלסט זוכה זיין מיט דיא קינדער וואס וועלין גיבארין ווערין צו זאמען. אונ אז זייא זענען ניט זוכה איז ער אויך ניט זוכה. רבי אבין אונ רבי מיישא אונ רבי ירמיה זאגן אז דער עלטערער זוהן הט יא אחלק. רבי אבהו אונ רבי חנינא בר פפי אונ רבי יצחק נפחא זאגן אז דער עלטערער זוהן האט ניט קיין חלק. האט רבי אבהו גזאגט צו רבי ירמיה דער דין איז וויא מיר זאגין. אדער דער דין איז וויא איר זאגט. הט רבי ירמיה גזאגט צו רבי אבהו געווים איז דער דין וויא מיר זאגן ווארום מיר זענען עלטער פון אייך. אונ עס איז ניט דער דין וויא איר זאגט וויל איר זענט נאך יונגע לייט. האט רבי אבהו גזאגט צו רבי ירמיה ווענדט זיך דען די זאך אן עלטער. די זאך ווענדט זיך אן שכל. אונ וואס איז דער שכל. גיי צו רבי אבין איך האב אים גיגעבין צו פר שטיין דעם שכל פון דער זאך. הט ער אשאקיל גיגעבין מיטן קאפ אין בית המדרש. אונ ער האט מודה גיוועזן אז איך בין גירעכט:

(ע"ב) (בראשית מו) **ד ובני** דן חושים תנא דבי חזקיה כלמר שהיו בניו מרובים כחושים של קנה :

**ה ההוא** דא"ל נכסי לבנאי ה"ל ברא ובר ברא מי קרו אינשי לבר ברא ברא או לא רב חביבא אמר קרו אינשי לבר ברא ברא מר בר רב אשי אמר לא קרו אינשי לבר ברא ברא תניא כוותיה דמר בר רב אשי המודר הנאה מבנים מותר בבני בנים :

(דף קמד ע"ב) **ו משנה** אחין השותפין שנפל אחד מהן לאומנות נפל לאמצע חלה ונתרפא נתרפא משל עצמו : **גמ'** שלח רבין משמיה דרבי אלעאי ל"ש אלא שחלה בפשיעה אבל באונס מתרפא מן האמצע היכי דמי בפשיעה כדרבי חנינא דאמר

כחושים של קנה . שגדלין הרבה ביחד או נמי פלי קנים או קשרי הקנים קרוי כן :

לבר ברא . בן של אחיו בן או של אחר במת : מי קרו אינשי לבר ברא ברא . ולפיכך אמר נכסי לבנאי לשון רבים ויחלקו ביניהם או לא קרו להו ברא והאי דקאמר לשון רבים היינו כדאמר לעיל ובני פלוא אליאב : מותר בבני בנים . אלא לענין פרים ורביה חשיבי כבנים בפרק הבא על יבמתו :

שנפל אחד מהן לאומנות . אומנות המלך שמתמנה אביו נפל לאומנות זו שכן היה מנהג המלך מעמיד מבית זו מוכס חדש אחד ומבית זו חדש אחד וכן מכל בתי העיר : נפל לאמצע . פריוס

---

ד ובני . די קינדער פון דן האבען געהייסען חושים . איז דאך אקשיא דן האט דאך נאר געהאט איין זוהן . האט בעדארפט שטיין דער זוהן פון דן האט געהייסען חוש . דבי חזקיה האבען געלערנט ווייל די קינדער פון חוש זענין געוועזען אזו וויא אזוארציל וואס פון איהם וואקסט ארויס פיל שטעקלאך . זענען אלע שטעקלאך בעזאמען אונ עס ווערט ניט אפ געשיידט איינער פון אנדערין . אזו איז געוועזען ביי דעם שבט דן . ער האט געהאט איין זוהן אונ פון דעם איין זוהן איז געווארין אשבט פון זיבעציג טויזענד אונ זענין אלע געוועזען בעזאמען . זיי זענען ניט געוועזען אפ געשיידט איינער פון אנדערין :

ה ההוא . איינער האט אמאהל געזאגט מיין פאר מעגין זאל געהערין צו מיינע זיהן : אונ ער האט געהאט אזוהן אונ אזוהנס אזוהן . ווייסען מיר ניט אויב מענטשין רופען אויף אזוהנס אזוהן . מיין זוהן . האט ער געמיינט אז זיין זוהן מיט דעם זוהנס זוהן זאלין זיך ביידע צו טיילן מיט דעם פאר מעגין . אדער מענטשין רופען ניט דעם זוהנס זוהן מיין זוהן . האט ער געמיינט אז נאר זיין זוהן זאל נעמען דאס גאנצע פר מעגין . אונ דעם זוהנס זוהן זאל גאר ניט נעמען . נאר פר וואס האט ער געזאגט מיינע זיהן . ווייל דער איין זוהן איז ביי איהם ליב אזוי וויא פיל זיהן : רב חביבא זאגט מענטשין רופען דעם זוהנס זוהן מיין זוהן . מר בר רב אשי זאגט מענטשין רופען ניט דעם זוהנס זוהן מיין זוהן : זאגט די גמרא מיר האבען געלערנט ווי מר בר רב אשי זאגט אז איינער טוהט אנדר ער זאגט איך זאל ניט הנאה האבען פון מיינע זיהן . מעג ער הנאה האבען פון זיינע זיהנס זיהן :

ו משנה . אחין . ברידער וואס זייא זענען שותפים . זייא האבען זיך נאך ניט צוא טיילט מיט די ירושה . אונ איין ברודער האט מען גינומען צו די ארבעט פון מלך ודער מנהג איז געוועזען יעדער בעל הבית המ גידארפט גיין אליין אדער געבין אמענטשין וואס זאל גיין איין מאנען די פאראטעקעס פון מלך אונ דער מענטש האט געהאט זיין גיצאהרט פון מלך פאר זיין ארבעט . זאל ער צו טיילען דעם פאר דינסט שותפות מיט די איבעריגע ברידער . אונ אז איין ברודער איז קראנק געווארין אונ ער בדארף זיך היילין . זאל ער זיך היילין פון זיין חלק . ניט פון שותפות . זאגט די גמרא רבין האט געשיקט זאגן פון רבי אלעאים וועגין ווען זאגין מיר אז ער דארף זיך היילין פון זיין חלק . נאר אז ער האט אליין געבראכט די קראנקייט אויף זיך . אבער אז ער איז ניט שולדיג אין זיין קראנקייט . די קראנקייט איז פון זיך אליין גיקומען אויף איהם . זאל ער זיך היילין פון שותפות געלט . פרעגט די גמרא וועלכע קראנקייט ברייגגט אמענטש אויף זיך אליין . ענטפערט די גמרא אזו וויא רבי חנינא האט געזאגט אלץ איז ביי גאט אין די הענט . אלץ וואס עס קומט אויף דעם מענטשין איז געשיקט געווארין פון גאט גלייך

אויף

דאמר רבי חנינא הכל בידי שמים חוץ מצנים פחים שנאמר (משלי כב) צנים פחים בדרך עקש שומר נפשו ירחק מהם:

(דף קמה ע"ב) ז תנא עתיר נכסין עתיר פיכבי זה בעל הגדות עתיר סלעין עתיר תקוע זה בעל פלפול. עתיר משח עתיר כמס זהו בעל שמועות. הכל צריכין למרי חיטי (ומאי ניהו) גמרא:

א"ר

שהרויח זה באומנותו: צנים פחים. לישנא דקרא צנים פחים בדרך עקש. הצינה והקור פח ומוקש בדרך עקש כי בידו הדבר תלוי להשמר מן הצינה ויש מפרשים צנים פחים קור וחום:

עתיר נכסין. עתיר מכרעיה ויודע ובקי בהלכות לבריות וגב: עתיר פומבי. שומר הגלוי כגון בהמות שהכל יודעים בהם: זה בעל הגדות. שדורש דרכים בכל מקום נכתי מפתחות (ליום טוב) [שדורש בימים טובים] והכל נאספין לשמוע ויש לו קול חכמה ובא להשמיענו מתוך שאין הגדות צריכות עיון יכול לדרוש בכ"מ: עתיר סלעין. שולחני שמסתכל תמיד בתיני מטבעות: עתיר תקוע. י"מ שיש לו בתים הרבה ומסתכל בהן תדיר ומקרי הכי על שם ויעקב תקע אהלו. ולי נראה כדאמרינן במנחות תקוע אלפא לשמן עיר הוא ומשם היו מביאין שמן למנחות ודימה למטבעות ולשמן את הפלפול על שם במנחות המיד בפלפולו: עתיר משח. אלפי מדות מהרגמיגן איכבין דמבחן עפיר בדבר הכלוי למדוד כגון הבוא: שאין מסתכרין בה תמיד אלא מכניסין אותה לאוצר וכשיגיע עת מכירה אז ימכרנה ויסתכל והיינו נמי: עתיר כמס. כמו כמוס עמדי דבר שמכניסין לאוצר: זהו בעל שמועות. ביודע הלכות ומימרות ולכשיגיע עת הוראה יגלה שמועותיו: גמרא. סוגיות התלמוד ותירוצי משניות וברייתות והוא עיקר התלמוד שאם לא היה התלמוד אין מלמדין הלכה מתוך משנה כדאמרינן התנאים מבלי עולם:

זה

---

אויף דעם מענטש. נאר אז א מענטש ווערט קראנק פון קעלטיאדער פון היץ. דאס קען א מאהל זיין אז דער מענטש אליין איז שולדיג אין זיין קראנקייט ווארום דיא היץ אונ דיא קעלט מוז זיין אויף דער וועלט יעדעס אין זיין צייט. פר וואס איז דער מענטש גישטאנען אזו א לאנגע צייט אויף דיא קעלט ביז ער זאל קראנק ווערין. אדער פאר וואס איז ער גישטאנען אזוי א לאנגע צייט אויף דיא היץ ביז ער זאל קראנק ווערין. איז ער אליין שולדיג אין זיין קראנקייט. דריבער דארף ער זיך היטין פון זיין געלט. אזו וויא עס שטייט אין פסוק דיא קעלט אונ די היץ שאדען נאר דעם מענטש וואס גייט אין קרומען וועג. אבער דער וואס היט זיין נפש קען זיך דער ווייטערין פון זייא:

ז תנא. מיר האבען גילערנט אזו וויא איינער איז רייך מיט פיל פעלדער אונ ווייןגערטנער. אדער ער איז רייך מיט פיל בהמות וואס אלע ווייסען פון זיין רייכקייט. אזו איז דער דרשן וואס ער איז רייך מיט זיינע דרשות. אלע ווייסען פון זיין חכמה. אונ אזו וויא איינער איז רייך מיט בארע געלט אונ ער טאהשט דאס געלט פון קליינע אויף גרויסע אונ פון גרויסע אויף קליינע אונ פאר דינט אלע רגע. אדער איינער איז רייך מיט פיל הייזר אונ זיי זענען פר דונגען. וואס ער ווערט רייכער אלע טאג. אזו איז דער חכם וואס איז רייך מיט זיין חכמה אויף צו קלערין נייע זאכען אונ דינים פון דער תורה. ער פאר דינט מיט זיין חכמה. אלע רגע וואס ער לערונט ווייס ער נייע זאכען. אונ ווערט אלע מנוט א גרעסערער חכם. אונ אזו וויא איינער איז רייך אין אוועלכע זאכען וואס מען מעסט. למשל ער האט א שפייכלער תבואה. וואס פון דעם פר דינט מען ניט אלע מנוט. נאר ווען עס קומט די צייט פון פאר קויפען. פר קויפט מען אונ מען פאר דינט. אדער ער איז רייך מיט אנדערע זאכען וואס מען פאר קויפט ניט אלע ווייליע. נאר עס ליגט אין א שפייכלער ביז צו דער צייט פון פר קויפען. פר קויפט מען אונ מען פר דינט. אזוי איז דר מענטש וואס ער אליין איז ניט קיין חכם אויף צו קלערין דינים פון דיא תורה. נאר ער הט גיהערט פיל דינים פון זיין רבי אונ ער גידיינקט זיי. אונ די דינים ליגען אין אים באהאלטין אזו וויא עס ליגט א זאך אין א שפייכלער. אונ אז עס קומט דיא צייט וואס ער דארף דעם דין נעמט ער ארויס דעם דין פון זיין הארצען אונ פון זיין מוח אונ זאגט אים. למשל דיא דינים פון פסח ליגען ביי אים פון איין יאהר צום אנדערין יאהר. דיא דינים פון סוכות אויך אזו. אונ אזו אלע דינים. אלע מענטשין דארפען אן קומען צו דעם מענטש וואס הט צו פר קויפען ווייץ. דאס מיינט מען אלע לערנערס דארפין אן קומען צו דעם למדן וואס קען גמרא:

אמר

**א"ר** זירא אמר רב מ"ד (משלי טו) כל ימי עני רעים זה בעל תלמוד וטוב לב משתה תמיד זה בעל משנה. רבא אמר איפכא והיינו דאמר רב משרשיא משמיה דרבא מ"ד (קהלת י) מסיע אבנים יעצב בהם בוקע עצים יסכן בם מסיע אבנים יעצב בהם אלו בעלי משנה בוקע עצים יסכן בם אלו בעלי תלמוד רבי חנינא אמר כל ימי עני רעים זה שיש לו אשה רעה וטוב לב משתה תמיד זה שיש לו אשה טובה ר' ינאי אמר כל ימי עני רעים זה איסטנים וטוב לב משתה תמיד זה שדעתו יפה. ר' יוחנן אמר כל ימי עני רעים זה רחמן וטוב לב משתה תמיד זה אכזרי ורבי יהושע בן לוי אמר כל ימי עני רעים זה שדעתו קצרה וטוב לב משתה תמיד זה שדעתו רחבה. (דף קמו) ואמר רבי יהושע בן לוי כל ימי עני רעים והאיכא

**פירוש** — זה בעל תלמוד. שממית עצמו לכוון הלכות ולתרץ הוויות: רבא אמר איפכא. כל ימי עני רעים זה בעל משנה שאינו יכול להורות הלכה מתוך משנתו וגם כשחולקות זו על זו אינו יודע לתרץ וטוב לב זה בעל תלמוד שיודע משניות על העיקר ונקי בטעמיהם ויש בידו כח להורות הלכה למעשה: יעצב. לשון בעצבון תאכלנה: זה בעל משנה. ששונה משניות כל היום ואין לו אלא צער שמתקשה בטעמיהם ואינו יודע לפרש: יסכן. לשון חמימות כמו ותהי למלך סוכנת כלומר שנהנה מהם: זה איסטנים. מי שדעתו קצה ולבו מואס בכל דבר מגונה שהוא רואה: יפה. שסובל הכל ואין מזיק לו שום דבר מאוס: קצרה. כמו עלגן וקפדן עינו רעה בשלו ובשל אחרים: זה רחמני. כמה עניים הוא רואה שבוכה עליהם תדיר: כל ימי עני רעים והא איכא שבתות

**ח** אמר. רבי זירא האט געזאגט פון רבס וועגן עס שטייט אין פסוק אלע טעג פון ארעם מאן זענין שלעכט. דאס מיינט מען דעם למדן וואס לערונט גמרא. ער מאטערט זיך טאג און נאכט צו פארענטפערן קשיות און אויס צו גלייכען דיא דינים עס זאל ניט זיין קיין קשיא פון איין משנה אויף די אנדערע. און דער וואס הט אגוט הארץ האט ער אייביג אבאל. דס מיינט מען דעם למדן וואס לערונט משניות. ער מאטערט זיך גאר ניט ער לערונט דיא משנה אזוי וויא זיא שטייט. רבא זאגט פארקערט. אלע טעג פון ארעם מאן זענין שלעכט דאס מיינט מען דער וואס לערונט משניות. ער לערונט און זיין לערנען האט קיין טעם ניט. ווארום ער קען ניט פסקנען קיין דין פון דער משנה. און אז עס איז אקשיא פון איין משנה אויף די אנדערע משנה ווייס ער ניט צו ענפערין. און דער וואס הט אגוט הארץ הט ער אייביג אבאל דס מיינט מען דער וום לערונט גמרא. ער וויים דיא טעמים פון די משניות. און וויים צו ענפערין אתירוץ אוף אקשיא. און וויים צו פסקנען אדין. דאס איז וואס רב משרשיא הט געזאגט פון רבאס וועגין עס שטייט אין פסוק מסיע אבנים יעצב בהם בוקע עצים יסכן בם. דער וואס ציהט שטיינער וועט ער טרויריג זיין דורך זייא. דאס מיינט מען דיא מענטשין וואס לערנען משניות. ער לערונט דיא משניות אגאנצן טאג און ער בלייבט טרויריג. ווייל ער וויים ניט דעם טעם פון דער משנה. און ער וויים ניט צו ענפערין תירוצים אויף זיינע קשיות. אבער דער וואס שפאלט האלץ וועט ער זיך דער ווארעמען דורך זייא. דס מיינט מען דער וואס לערונט גמרא האט ער פאר געניגען פון זיין לערנען. און ער לערונט אזוי שטארק ביז ער דער ווארעמט זיך פון דעם לערנען. רבי חנינא זאגט אלע טעג פון ארעם מאן זענען שלעכטע דאס מיינט מען דער וואס הט אשלעכטע ווייב. און דער וום הט אגוט הארץ ביי דעם איז אייביג אבאל דס מיינט מען דער וואס הט אגוטע ווייב. רבי ינאי זאגט אלע טעג פון ארעם מאן זענין שלעכטע דאס מיינט מען דער מענטש וואס איז אידיל. און וואס נאר עפעס אמיאוסע זאך קען ער ניט ליידין. אים איז אייביג שלעכט. ווארום מיאוסע זאכען קומען פיל פאר דעם מענטשין. און דער וואס האט אגוט הארץ ביי דעם איז אייביג אבאל דס מיינט מען דער מענטש וואס מיאוסט זיך ניט און ער קען אלץ ליידין. רבי יוחנן זאגט אלע טעג פון ארעם מאן זענען שלעכטע דאס מיינט מען דער מענטש וואס הט פיל רחמנות. און עס זענען דא פיל זאכען וואס מען דארף אויף זייא רחמנות האבען. האט ער אייביג צו וויינען. און דער וואס הט אגוט הארץ ביי דעם איז איי ביג אבאל דס מיינט מען דר מענטש וום איז אשלעכטער און הט ניט רחמנות אוף קיינם. דר מענטש הט אגיזונטע הארץ און איז אייביג פריילאך. רבי יהושע בן לוי זאגט אלע טעג פון ארעם מאן זענען שלעכטע. דס מיינט מען דער מענטש וואס ער גינט זיך און פאר גינט איין אנדערין אוי ך. נאך האט רבי יהושע בן לוי געזאגט שלמה המלך הט געזאגט אלע טעג פון ארעם מאן זענען שלעכטע. עס איז דאך דא

שבתים

שבתות וימים טובים כדשמואל דאמר שמואל שנוי וסת תחלת חולי (מעים) כתוב בספר בן סירא כל ימי עני רעים וכו' (כדאיתא בכתובות פ' אחרון דף ק"י) :

**ט משנה** השולח סבלונות לבית חמיו שלח שם מאה מנה ואכל שם סעודת חתן אפילו בדינר אינן נגבין וכו' : **גמ'** אמר רבא דוקא דינר וכו' אבל תנן שתה מאי וכו' ת"ש דאמר רב יהודה אמר שמואל מעשה באדם אחד ששגר לבית חמיו מאה קרונות של כדי יין ושל כדי שמן ושל כלי כסף וכלי זהב ושל כלי מילת ורכב בשמחתו והלך ועמד על פתח בית חמיו והוציאו כוס של חמין ושתה ומת ווו הלכה וכו' ש"מ אפילו שתה שמעת מינה אפילו פחות מדינר א"ר אשי מאן לימא לן דלא שחקי ליה מרגליתא

וימים טובים. שיש לו מנוה ומזומת שהיו מחלקים לעניים בכל ע"ש : אלא כדשמואל. אתא קרא לאשמעינן וכולה רבי יהושע קאמר לה : שינוי וסת. חוק כגון עני שכל ימות החול אוכל פת חריבה ובשבת אוכל בשר: ה"ג תחלת חולי. מתוך כך מתחיל לחלות ואית דגרסי חולי מעים :

[סבלונות כבלומות. מנהג התנים לאחר קדושין למחרת שולח לבית חמיו לכבוד אשתו סבסיטין ומיני סירות וכדי יין ושמן וטעמים ואוכל שם עמה : אינה נגבין. אם מת הוא או שמחה היא וכו'] : ורכב בשמחתו. מתוך הון רב ששלח לבית חמיו ששש על סוכו : ומת. אח"כ קודם נשואין : ש"מ אפילו פחות מדינר. והיקשי לרבא : מאן לימא לן דלא שחקי ליה מרגליתא. בכוס החמין שכן דרך עשירים שותין אותו לרפואה :

---

שבתים און ימים טובים. וואס מען העלפט דעם ארעם מאן ער זאל האבען אויף שבת און אויף יום טוב. נאר דאס איז וויא שמואל האט גזאגט אז אמענטש ענדערט זיין געוואונהייט דאס איז אנהייב קראנקהייט. אארעם מאן וואס עסט אגאנצע וואך טרוקען ברויט אז עס קומט שבת און ער עסט אשטיקול פלייש. וויל ער איז ניט געוואוהנט צו פלייש. ווערט אים קראנק דער מאגען :

ט משנה. השולח. אז איינער הט געשיקט מתנות צו דיא כלה ביי זיין שווער אין שטוב פאר צייטען איז געוועזען דער מנהג צו די תנאים פלעגט דער חתן שיקען צו דיא כלה מתנות און גוטע שפייזען און וויין און אייל. און אמאהל פלעגט דער חתן אויך מיט קומען און פלעגט דארט עסין מיט זייא אסעודה. דיא סעודה הייסט סעודת חתן. אויב נאך דיא תנאים איז געשטארבען דער חתן אדער דיא כלה. אפילו דיא מתנות וואס דער חתן האט געשיקט וועגען ווערט הונדערט מאהל הונדערט גילדין. אויב דער חתן האט גיגעסין דארט ביי די כלה דיא סעודת חתן. אפילו וואס ער האט גיגעסן איז ניט מער ווערט גיוועזען נאר איין גילדין. פון דעסטוועגין קען מען ניט אפ נעמען צוריק דיא מתנות. ווארום דורך דיא שמחה פון דער סעודה הט ער געשיינקט דיא מתנות. רבא זאגט דאס איז נאר אז זיין עסין איז ווערט גיוועזען אגילדין. אבער אז זיין עסין איז אגילדין אויך ניט ווערט גיוועזען. קען ער אפ נעמען צוריק די מתנות: פרעגט דיא גמרא וויא איז אז ער האט ניט גיגעסין ביי דיא כלה. נאר ער האט דארט גיטרונקען. קען ער אפ נעמען דיא מתנות אדער ניין. זאגט דיא גמרא רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין עס האט אמאהל גיטראפען אמענטש האט געשיקט צו זיין שווער ואמתנה פר דיא כלה הונדערט פורען בעלאדען מיט פעסער וויין און מיט פעסער אייל און מיט זילבערנע כלים און מיט גאלדענע כלים און מיט זיידענע קליידער. און ער הט גריטען אויף אפערד מיט גרויס שמחה. און אזוי וויא ער איז גיוועסן אויף דעם פערד הט ער זיך גישטעלט ביי דיא טיר פון זיין שווער. און מען הט אים ארויס גיטראגן אגלאז מיטווארעמס וטעה אדער קאווע און ער האט אויס געטרונקען און איז גישטארבען. הט מען גיפסקנת אז דיא כלה דארף ניט צוריק געבין דיא מתנות צו זיינע יורשים. זעהן מיר פון דאנען אפילו דער חתן הט ניט גיגעסין ביי דיא כלה ער האט נאר גיטרונקען. קער ער שוין ניט אפ נעמען דיא מתנות. פרעגט דיא גמרא זעהן מיר דאך פון דאנען אפילו עס איז ניט ווערט גיוועזען אגילדין זיין עסין אדער זיין טרינקען פון דעסטוועגין קען ער אויך ניט אפ נעמען צוריק די מתנות. ווארום אגלאז ווארעמס איז דאך ניט ווערט אגילדין איז דאך אקשיא אויף רבא. הט רב אשי גזאגט ווער וועט דס אונז זאגן אז מען האט ניט צו שטויסען אפעריל וואס איז ווערט טויזנד גילדין און מען הט גישאטין

מרגליתא דשויא אלפא זוזי ואשקיה:

י ת"ר שלשה דברים צוה אחיתופל את בניו אל תהיו במחלוקת ואל תמרדו במלכות בית דוד ויום טוב של עצרת ברור זרעו חטים מר זוטרא אמר בלול אתמר אמרי נהרדעי משמיה דר' יעקב לא ברור ברור ממש ולא בלול בלול ממש אלא אפילו בלול ורוח צפונית מנשבתו זה הוא ברור א"ל רבי אבא לרב אשי אנן אדרב יצחק בר אבדימי מתנינן לה דאמר רב יצחק בר אבדימי מוצאי יום טוב האחרון של חג הכל צופים לעשן המערכה נטה כלפי צפון עניים שמחים ובעלי בתים עצבים מפני שגשמי שנה מרובים ופירות מרקיבים נטה כלפי דרום עניים עצבים ובעלי בתים שמחים מפני שגשמי שנה מועטים ופירות משתמרין. נטה כלפי מזרח הכל שמחים. נטה כלפי מערב הכל עצבים. ורמינהו מזרחית לעולם יפה. מערבית

שלשה דברים צוה אחיתופל. הכי הוה קים ליה: אל תמרדו במלכות בית דוד. שלא הצליח לו יפה: ויום טוב של עצרת. דהיינו שבועות אם הבהירו ברור זה ולא יום המעונן זרעו חטים שמצליחין באותה שנה. כעצם השמים לטוהר מתרגמינן לבירו: בלול. מעורב יום מעונן: ורוח צפונית מנשבת. שמפזרת העבים כדכתיב מצפון זהב יאתה רוח צפוני מטהר את היום כזהב: אנן אדרב יצחק וכו'. סימני השנה לדעת אם יצליחו אם לאו אדרב יצחק סמכינן ולאו אסימני עצרת: (של חג. שמיני עצרת) ובשביל שבחג נידונים על המים: נטה כלפי צפון. רוח דרומית מנשבת בו ומטהו כלפי צפון ופירותיהן מרקיבין. ומתוך שאין יכולין להשתמר נמכרין בזול: כלפי דרום. רוח צפון מנשבת בו: מפני שגשמי שנה מועטין. ובאותן הגשמים פירות הזרעים מתברכין ובאותה שנה משתמרין ונמכרים ביוקר הרי ריוח לעשירים ופגע לעניים: למזרח הכל שמחים. שמערבית ממטרת במדה ופירות אינו ביוקר: הכל עצבים. שמזרחית מונעת מטר ומביאה בצורת ויוקר גדול ופירות אינן נמצאין אלמא מזרחית קשה ומערבית יפה: ורמינהו.

---

אריין געשאטן אין די ווארעמס. טאמער האט מען יא צו שטויסען אטייערן פעריל אונ אריין געשאטן אין דיא ווארעמס ודאס איז ארפואהו: איז שוין דיא גאנצע ווארעמס ווערט געוועזן מער וויא אגילדין:

י תנו רבנן: דיא רבנן האבען גילערונט דריי זאכען האט אחיתופל פאר באטין זיינע קינדער. איר זאלט אייך נים קריגען מיט קינעם. אונ איר זאלט נים אראפ ווארפען פון זיך דיא מלוכה פון דוד מיט זיינע קינדער וואס ווערין זיין מלכים נאך אים: אונ אז דער יום טוב שבועות וועט זיין אשיינער טאג נים פער וואלקינט. זאלט איר זייען ווייץ. מר זוטרא זאגט פאר קערט האט מען גילערונט. אז דער יום טוב שבועות וועט זיין פער וואלקינט זאל מען זייען ווייץ. דיא מענטשין פון נהרדעי זאגן פון רבי יעקבס וועגין נישט מען מיינט דער יום טוב שבועות זאל זיין גאנץ קלאר. אונ נישט מען מיינט עס זאל זיין גאנץ פאר וואלקינט. נאר אז עס איז פער וואלקינט אונ אצפון ווינט בלאזט. דאס הייסט קלאר. ווארום דער צפון ווינט פער טרייבט דיא וואלקינס אונ ער מאכט שיין דעם טאג. רבי אבא האט גזאגט צו רב אשי מיר פר לאזין אונז מיט תבואה פר זייען אויף דיא סימנים פון רב יצחק בר אבדימי. ווארום רבי יצחק בר אבדימי האט גזאגט וויא עס גייט אוועק דער לעצטער טאג סוכות. ודאס מיינט מען די נאכט וואס נאך שמיני עצרת האבען אלע גיקוקט אויף דעם רויך וואס גייט פון מזבח. אויב עס האט גיבלאזין אווינט פון דרום זייט אונ ער האט גיבויגען דעם רויך צו צפון זייט. האבען זיך דיא ארעמע לייט גיפרייט אונ דיא בעלי בתים וואס האנדלען מיט תבואה זענען געוועזן טרויריג. ווייל אין דעם יאהר וועט זיין פיל רעגין. וועלין דיא תבואה פר פוילט ווערין. וועט מען מוזין דיא תבואה וואלוויל פר קויפען. אונ אז דער ווינט האט גיבלאזין פון צפון זייט. אונ ער האט גיבויגען דעם רויך צו דרום זייט: זענין דיא ארעמע לייט געוועזן טרויריג. אונ די בעלי בתים וואס האנדלען מיט תבואה זענין געוועזן פרייליך ווייל אין דעם יאהר וועט זיין ווייניג רעגן. וועט די תבואה זיין טרוקען. וועט מען זיי קענען בעהאלטין אין דיא שפייכלערס: וועט תבואה טייער ווערין. אונ אז דער ווינט איז פון מערב זייט. אונ ער האט גיבויגען דעם רויך צו מזרח זייט. האבען זיך אלע גיפרייט ווייל דער רעגין פון דעם יאהר איז מיטעל. אונ תבואה איז ניט טייער. אונ אז דער ווינט איז פון מזרח זייט. אונ ער האט גיבויגען דעם רויך צו מערב זייט. זענין אלע געוועזן טרויריג. ווארום אין דעם יאהר וועט קיין רעגין נים זיין. אונ תבואה וועט נים וואקסן:

מערבית לעולם קשה . רוח צפונית יפה לחטים בשעה שהביא שליש וקשה לזיתים בשעה שיניצו . ורוח דרומית קשה לחטים בשעה שהביאו שליש ויפה לזיתים בשעה שיניצו וא״ר יוסף ואי תימא מר זוט־א ואית־מא רב נחמן בר יצחק וסימנך שלחן בצפון ומנורה בדרום האי מרבי דידיה והאי מרבי דידיה לא קשיא הא לן הא להו . תניא אבא שאול אומר יום טוב של עצרת ברור סימן יפה לכל השנה אמר רב זביד האי יומא קמא דריש שתא אי חמימא כולא שתא חמימא אי קרירא כולא שתא קרירא למאי נ״מ (ע״ב) להפלתו של כהן גדול ׃

(דף קנה ע״ב) **יא ההוא** פחות מבן עשרים דאזיל זבין נכסיה (דאבוה) אתא לקמיה דרבא אמרי ליה קרובי׳ זיל אכיל תמרי ושדי ביה

מכל ברייתא דקתני אוסכא : בשעה שהביאו שליש . אין צריכין למטר : שלחן בצפון . כדכתיב ואת השלחן תתן על צלע צפון : ומנורה בדרום . כדכתיב ואת המנורה נוכח השלחן : והאי מרבי כו׳ כל אחד מגדל את שלו לחם חטים על השלחן בצפון וצפונית יפה להטים שמן זית מדליקין במנורה שבדרום ודרומית יפה לזיתים : הא לן לבני בבל השוכנים במצולה וארצו מגודלת ואינה צריכה למטר כ״כ : לדידן מיהנייא ברייתא בתרייתא שמערבים קשה לפי שממטרת יותר מדאי : לדידי בבל מזרחית יפה . וברייתא קמייתא דקתני אוסכא : להו . לבני ארץ ישראל שהיא גבוהה וצריכה למטר הרבה : בשביל המימות כל ימי רוב שנה : לתפלתו של כהן גדול . שיהא מתפלל ביוה״כ שתהא השנה כולה גשומה ושחונה ומספרת גשומה אם בחורף ועתה לפי הענין שיהא בשנה יתפלל ביוה״כ :

ההא לקמיה דרבא . כדי לחזור בו ולומר שאינו יודע בטיב משא ומתן : אמרי ליה קרובים . לאותו יתום : זיל אכיל תמרי . והפסד נכסיך לפני כלת

---

וואקסן . וועט זיין אהונגער . פרעגט דיא גמרא פון דאנען זעהן מיר אז אמזרח ווינט איז שלעכט אונ אמערב ווינט איז גוט מיר האבען דאך געלערנט פאר קערט אמזרח ווינט איז אייביג גוט אונ אמערב ווינט איז אייביג שלעכט . אצפון ווינט איז גוט צו ווייץ ווען זייא האבען שון אוף געוואקסען אדריטעל . אונ ער איז שלעכט צו איילבירטען ווען זייא בליהען . אונ אדרום ווינט איז שלעכט צו ווייץ ווען זייא האבען שוין אויף געוואקסען אדריטעל . אונ ער איז גוט צו איילבירטען ווען זייא בליהען ׃ אונ רב יוסף האט געזאגט . אנדערע זאגין מר זוטרא האט געזאגט . אונ אנדערע זאגן רב נחמן בר יצחק הט געזאגט דער סימן איז דער טיש מיט דעט לחם הפנים איז געשטאנען אין בית המקדש אין צפון זייט . אונ דיא מנורה איז געשטאנען אין דרום זייט . דער צפון ווינט מאכט וואקסען פר זיך . ער מאכט וואקסען דיא ווייץ צום לחם הפנים . אונ דער דרום ווינט מאכט וואקסען פר זיך . ער מאכט וואקסען דיא בוימאייל צו דיא מנורה איז דאך אבער אקשיא פון מזרח ווינט מיט מערב ווינט . אמאהל שטייט אז מזרח ווינט איז גוט אונ מערב ווינט איז שלעכט . אונ אמאהל שטייט פר קערט מזרח ווינט איז שלעכט אונ מערב ווינט איז גוט . זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא . ביי אונז וואס מיר וואהנען אין בבל וואס דיא ערד איז נאס פון זיך אליין איז אמזרח ווינט גוט ווייל ער האלט אויף דעם רעגין אונ אמערב ווינט איז שלעכט . ווייל ער ברייננט רעגין צו די נאסע ערד . ווערט דיא ערד צו פיל נאס ווערין די פרות פר פוילט . אבער ביי זיי אין ארץ ישראל ווס די א ערד איז טרוקען אונ זיא דארף רעגין . איז אמערב ווינט גוט ווייל ער ברייננט רעגין . אונ אמזרה ווינט איז שלעכט ווייל ער האלט אויף די רעגין . מיר האבן געלערנט אבא שאול זאגט אז דער יום טוב שבועות איז קלאר . דער הימעל איז ניט פאר וואלקינט . איז אגוטער סימן צום גאנצין יאר . רב זביד זאגט אז דער ערשטער טאג ראש השנה איז ווארעם וועט זיין דס מערסטע צייט פון יאהר ווארעם . אונ אויב דער ערשטער טאג ראש השנה איז קאלט וועט זיין דאס מערסטע צייט פון יאהר קאלט . צו וואס דארפין מיר וויסען פריער ווי דער יאהר וועט זיין זאגט דיא גמרא צו דער תפלה פון כהן גדול אום יום כפור אז דער כהן גדול זעהט דער ערשטער טאג ראש השנה איז קאלט . בעט ער אום יום כפור דער יאהר זאל זיין ווארעם . אונ אז ער זעהט דער ערשטער טאג ראש השנה איז ווארעם . בעט ער אום יום כפור דער יאהר זאל ניט זיין צוא פיל היים נאר עס זאל גיין רעגין צוא דער צייט ווען מען וועט דארפין ׃

**יא** ההוא . איונגער מענטש וואס ער איז געווען איתום אונ ער איז אלט געווען ווייניגער

וויא

ביה קשייתא בי רבא עבד הכי אמר להו זבניה לאו זביני כי כתבו ליה שטרא אמרי ליה יקוה"ת זיל אימא ליה לרבא מגלת אסתר בזוזא שטרא דבר בזוזא אזל א"ל אמר להו זבינה זבינא א"ל קרוביה לקוחות אגמרוה א"ל מסברי ליה וסבר כיון דמסברי ליה וכבר מידע ידע והא דעביד הכי חוצפא יתירה הוא דהוה ביה:

(דף קנח ע"ב) **יא א"ר** שמלאי עדא אמרה בן עזאי תלמיד חבר דר"ע הוה דקאמר ליה שבאת:

(דף קנט) **יב איתמר** בן שמכר בנכסי אביו בחיי אביו ומת בנו מוציא מיד הלקיחות

ויהיה כבור שאתה בוטה ויחזיר לך נכסיך : כי כתבו ליה שטרא. פסק דין שיחזירו לו נכסיו : א"ל לקוחות כו'. הורוהו דבר הכמה שיאמר בפני רבא ויחשב חכם בעיניו ויודע בטיב מ"מ ומתן ולא יחזירו לקוחות מקחם : מגלת אסתר. שהוא דבר גדול רגיל סופר לכתוב בזוזא ובשביל שטר קטן שכותב לי בואל לי זוז בתמיה : א"ל קרובים. לרבא : לקוחות לגמרוהו. לומר כן לבא יוכן אינו יודע כלום : א"ל כיון דמסברי ליה דבר הכמה ויודע להבין הכם הוא וממכרו ממכר והאי דהדי קביותא הוצפא בעלמא הוא דעביד לא מתוך שטות :

א"ר שמלאי עדא. כמו זאת אומרת מדקאמר ליה בן עזאי לר"ע במשנהנו שבאת בלשון היתוח ולא א"ל בלשון כבוד שבא רבינו ש"מ דבן עזאי תלמיד חבר של ר"ע היה מהום הכי לא הלך לו כבוד כ"כ שהלכו שניהם ללמוד תורה לפני רבי אליעזר הגדול ולפי שה יש בן עזאי בחור לא היה יכול לסבור סברא כר"ע בתלמוד וגמר גמרא והדר הלך בן עזאי לפני ר"ע להסביר סברא עכ"ל רשב"ם

למדנו מזה כי ימי הזקנה מחייבים סבלת ישרה וכימי הבחרות יאות להרבות בלמוד על פה כמאמרם במקום אחר כם ואה"כ כתת : בן שמכר בנכסי אביו בחיי אביו ומת. הבן בחיי אביו ואח"כ מת אביו והחזיק הלוקח במה שמכר לו

---

וויא צוואנציג יאהר איז ער געגאנגען און האט פאר קויפט זיינע פעלדער. דער נאך איז ער געקומען פאר רבא זאגען אז ער וויס נאך ניט וויא מען האנדעלט איז זיין פאר קויפען גאר ניט וויל ער צוריק געבין דס געלט און מען זאל אים צוריק געבין די פעלדער: האבען די גוטע פריינד פון דעם יתום געזאגט צום יתום אז דו וועסט אריין קומען צו רבא אין שטוב זאלסטו עסין טייטלען און דו זאלסט ווארפען די קערנער פר רבא. וועט רבא מיינען אז דו ביסט א נאר. וועט ער פסקנ'ן אז דיין פר קופען איז גאר ניט. הט דער יתום אזוי געטאהן. האט רבא געזאגט צו דיא קויפערס זיין פר קויפין איז גאר ניט. אז מען הט געשריבען דעם פסק דין ער זאל אפ נעמען די פעלדער צוריק. האבען דיא קויפערס געזאגט צום יתום גיי זאג צו רבא די מגלת אסתר וואס זי איז גרוס שרייבט דער סופר פאר א גילדין. פר דעם פסק דין ווס דם איז א קליין שטיקל פאפיר זאל איך אויך געבין דעם סופר א גילדין ודי קויפערס האבען אויס געלערנט דעם יתום א חכמה אין האנדיל שאפט. ער זאל דם זאגין פר רבא. און רבא וועט ניט וויסען אז מען הט דם אים אויס געלערנט ער וועט מיינען דער יתום זאגט דם מיט זיין שכל. איז ער דאך קלוג אין האנדיל. וועט רבא ניט הייסען צוריק געבין דיא פעלדער. איז דער יתום געגאנגען צו רבא און הט געזאגט וויא די קויפערס האבען אים אויס געלערנט. הט רבא געזאגט זיין פר קויפונג איז גוט. און ער קען ניט חרטה האבין. האבין דיא גוטע פריינד פון יתום געזאגט צו רבא דיא קויפערס האבין אים אויס געלערנט ער זאל דאס זאגין. הט רבא געזאגט אז מען לערנט אים א חכמה און ער פר שטייט אז דאס איז א חכמה. איז ער ניט קיין נאר. האט ער געוואוסט די פעלדער אויך וויא אזוי צו פר קויפין. און דם ווס ער האט געווארפין פאר מיר דיא קערנער איז ניט געוועז דורך נארעשקייט נאר ווייל ער איז א גרויסער עזות פנים:

**יב** אמר. רבי שמלאי האט געזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז בן עזאי איז געוועז א תלמיד פון רבי עקיבא און ער איז געוועז זיינער א חבר אויך. ווארום בן עזאי הט געזאגט צו רבי עקיבא דו ביסט געקומען. און ער הט ניט געזאגט דער רבי איז געקומען:

**יג** איתמר. מיר האבען געלערנט אז אזוהן הט פאר קויפט דעם פאטערס פעלדער. און דער פאטער האט נאך געלעבט. נאר זייא האבין געקויפט אז דער פאטער וועט שטארבין זאלין זייא נעמען וואס דער זוהן דארף ירשנן. און דער זוהן איז געשטארבין ווען דער פאטער האט נאך געלעבט. דער נאך איז געשטארבין דער פאטער. איז געגאנגען דער קויפער און האט צו גינומען דעם פאטערס פר מעגין. קען קומען דעם זוהנס זיהן און אוועק נעמען פון דעם

קויפער

הלקוחות וזו היא שקשה בדיני ממונות ולימדו לית אבוך מזבין את מפיק מאי קושיא מצי אמר מכח אבוה דאבא קאתינא תדע דכתיב (תהלים מה) תחת אבותיך יהיו בניך תשיתמו לשרים בכל הארץ לא לעולם כדאמרינן מעיקרא ודקא קשיא לך תחת אבותיך יהיו בניך ההוא בברכה כתיב :

## גט פשוט פרק עשירי

(דף קסד ע"ב) **א ההוא** שטרא דהוה כתוב ביה בשנת פלוני ארכן א"ר חנינא יבדק אימתי עבד ארכן בארכנותיה ודילמא דאריך

**פירוש**

אם הבן כמו כל בן/מולית מיד . בלקוחות : וזו היא שקשה . בדבר פשוט הוא אבוה מזבין והיינו אמאי אבי מפיק : מאי קושיא . להכי מוליא מיד הלקוחות דמצי למימר אבל כשמכר נכסים הללו לא היה עדיין מוחזק בהן לפי שאביו היה קיים והוא מת קודם לאביו ולא באו נכסים לידו ואנו יורשים מכח אבי אביו להכי מוליא מיד הלקוחות דאבוה לא מזבין . וממאי דמצי למימר הכי דמכח אבוה דאבא אתינא תדע דהכי כתיב קרא תחת אבותיך יהיו בניך אלמא דבמקום אבי אביו מצי למיקם דכי היכי דאבי אביו מוליא מיד לקוחות ה"נ מצי הבן . לעולם כדאמרינן מעיקרא . בן שמכר בחיי אביו ומת במולית מיד הלקוחות וזו היא קשה בדיני ממונות ודקא קשיא לך מאי קשיא וכו' ומתרצת תחת אבותיך יהיו בניך התם בברכה הוא דכתיב תשיתמו לשרים אבל לענין ירושה לא דיינינן הכי :

פשוט שטר פשוט . דהוה כתיב ביה בשנת פלוני ארכן לשם פלוני מפלוני ולא היה כתוב ביה כמה שנים למלכות של אותו מלך ראשונה או שניה או שלישית : ארכן זה מלך ובשביל חשיבה קורין לו ארכן כדלקמן לפי שפשוט הוא כמו אריך או לא אריך כמו וערות מלכא לא אריך - לנא למיחזי לא נאה לנו לראות ערותו של מלך והכפתו : יבדק אימתי עמד ארכן במלכותו . כי בשנה ראשונה במלכותו נכתב שטר זה ומהבינא שעתא טריפי בעלי חובה ללקוחות

---

קויפער . דער דין איז דער שווערסטער פון דיא דינים וואס זענין ביי געלט זאכען . ווארום דער קויפער קען זאגין צום דעם זוהנס זוהן . דיין פאטער האט אונז פר קויפט וואס ער וועט ירשענען פון דיין זיידין . וויא אזוי קענסטו דאס וועלין אפ נעמען פון מיר : פרעגט די גמרא פר וואס איז דער דין אזוי שווער . דער אייניקול קען דאך זאגין ווען מיין פאטער האט פאר קויפט די פעלדער זענען זייא דאך נאך ניט גיוועזן זיינע . ווארום דער זיידע האט דאך גילעבט . אונ מיין פאטער איז גישטארבין ווען דער זיידע האט נאך גילעבט . זענען דיא פעלדער קיין מאהל ניט גיוועזן מיין פאטערס . אונ איצט אז מיין זיידע איז גישטארבין קום איך ירשענען מיין זיידען אונ איך וועל דיר ווייזין אז עס איז אזוי , ווארום עס שטייט אין פסוק אן שטאט דיינע עלטערין וועלין זיין דיינע קינדער (דוא וועסט זיי מאכען פר פירשטען אין דער גאנצער וועלט . למשל ראובנ'ס זוהן וועט זיין אן שטאט ראובנ'ס פאטער . זעהן מיר אז דער אייניקול קען אמאהל זיין אויף דעם זיידינס ארט . אונ אזוי ווי עס וואלט גיוועזן אז דער זיידע וואלט גילעבט . וואלטין דאך דיא קויפערס ניט גיקענט צו נעמען פון אים וואס זיין זוהן האט פאר קויפט . אזוי קענען ניט דיא קויפערס צו נעמען פון דעם אייניקול וואס זיין פאטער האט פאר קויפט ענטפערט דיא גמ'א עס איז טאקי וויא מיר האבען פריהער גיזאגט . אז דער דין איז דער שווערסטער פון די דינים וואס זענען ביי געלט זאכען . אונ וואס דוא פרעגסט עס שטייט דאך אין פסוק אן שטאט דיינע עלטערין וועלין זיין דיינע קינדער . זעהן מיר דאך אז דער אייניקל קומט אויף דעם זיידנס ארט . דס איז ניט צו ווייזין אויף אדין . דס איז נאר א ברכה . דיינע קינדער וועלין האבין זייער גרויסקייט ניט פון דיר נאר פון דיינע עלטערין : אונ דו מיט דיינע קינדער וועלין גיווערטיגט צו זאמען . דוא וועסט זיין א מלך אונ דיינע קינדער וועסטו מאכען פאר שרים אין דעם גאנצן לאנד :

## פרק עשירי

**א** ההוא . אין א וועקסיל איז אמאל גיוועזן געשריבען אין דעם יאהר ארכן (אין דעם יאהר פון מלך) האט ראובן גיבארגט ביי שמעון הונדערט גילדין (עס איז אבער ניט גישטאנען אין דעם וויפילטען יאהר פון מלך דאס איז גיוועזן) . האט רבי חנינא גזאגט מען דארף זעהן וועלכען טאג אין יאהר איז דער מלך גיווארין א מלך . פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסטו אז דער וועקסיל איז געשריבען גיווארין דעם ערשטין יאהר פון דער מלוכה . אונ דוא פרעגסט נאר

אויף

דאריך מ' כותיה א"ר אושעיא כך מנהגה של אומה זו שנה ראשונה קורין לו ארכן שניה קורין לו דיגון: **בהה"א** מקישר דאתא לקמיה דרבי אמר רבי אין זמן בזה א"ל רבי שמעון ברבי לרבי שמא בין קשריו הוא מובלע פליה והזייה הדר חזא ביה רבי בבישות א"ל לאו אנא כתביה אלא יהודה חייטא כתביה א"ל כלך מלשון הרע כזה זימנא חדא הוה יתיב ר' שמעון בר רבי וקפסיק סדרא בספר תהלים קמיה דרבי ואמר רבי כמה מיושר כתב זה אמר ליה לאו אנא כתבתיה אלא יהודה חייטא כתביה א"ל כלך מלה"ר כזה בשלמא התם איכא לה"ר אלא הכא מאי לה"ר איכא משום דרב דימי דתני רב דימי אחוה דרב ספרא לעולם אל יספר אדם בטובתו של חבירו שמתוך טובתו בא לידי רעתו. אמר רב עמרם אמר רב שלשה עבירות אין אדם ניצול מהם בכל יום הרהור עבירה ועיון תפלה ולה"ר. לה"ר ס"ד (דף קסה) אלא אימא אבק

אנקוהות: דאריך במלכוהו. כלומר לאחר שמאריך ומלך כמה שנים לזה פלוני זה מפ.וני ולא ישרפו נקוהות אלא מכאן ולהבא: שנה ראשונה. קורין לו ארכן. מתוקן למלכותו מחדש: דיגון. לאחר שנים וקרוב ללעז שלם:

אין זמן בזה. בתמיה: חזא ביה בישות. סיה סבור שהוא כתבו ונראנו לא היו עושין מקושר אלא פסול לפי שטועין בו א"נ שהיה מובלע בין קשריו יותר מדאי שרבי עצמו טעה בו: יהודה חייטא. כך שמו: כלך מלה"ר כזה. כלומר לא היה לך להטיל אשמה עליו אלא היה לך לומר לא כתבתיו: וקפיק פסיק סדרא. היה גומר אחד מה' ספרים שבתהלים: כמה מיושר כתב זה. הרבה כתב בדקדוק: מאי לה"ר איכא. והלא בשבחו כפר: בא לידי רעתו. מתוך שמרבין לדבר בשבחו מזכירין שום גנות שבו: עיון תפלה. יש מפרש"ם שלאחר שהתפלל קושב בלבו שיעשה הקב"ה בקשתו לפי שהתפלל כהוגן:

---

אויף דעם-טאג. וועלכען טאג אין יאהר. טאמער ווען דער וועקסיל איז געשריבען געוואָרען אין שוין דער מלך געוועזען עטליבע יאהר אין דער מלוכה. דארף מען דאך וויסען דער וויפילטער יאהר דאס איז געוועזען. האט רבי אושעיא געזאגט אזוי איז דער מנהג פון דעם פאָלק דעם ערשטען יאהר רופט מען דעם מלך ארכן: דעם אנדערין יאהר רופט מען אים דיגון. אונ אז אין וועקסיל שטייט ארכן ווייס מען אז דער וועקסיל איז געשריבען געוואָרען אין דעם ערשטען יאהר ווייא ער איז געוואָרען א מלך:

**ב** ההוא. אמאהל איז געבראכט געוואָרען פאר רבי א געקנייטשטער גט. האט רבי געזאגט אין גט שטייט גאר נים ווען ער איז געשריבען געוואָרען. האט רבי שמעון ברבי געזאגט צוא רבי טאמער איז דער טאג געשריבען צווישען דיא קנייטשין. האט רבי געעפינט דיא קנייטשין אונד האט געזעהן עם שטייט געשריבען דער טאג ווען דער גט איז געשריבען געוואָרען. דער נאך האט רבי שלעכט געקוקט אויף זיין זוהן רבי שמעון. וואָרום רבי האט געמיינט אז רבי שמעון האט געשריבען דעם גט. האט רבי שמעון געזאגט ניט איך האב געשריבען דעם גט נאר יהודה חייטא האט אים געשריבען. האט רבי געזאגט צו רבי שמעון גיי אוועק פון דיא לשון הרע. דו האסט ניט גידארפט זאגען ווער עס האט געשריבען. דוא האסט נאר גידארפט זאגען איך האב ניט געשריבען. אמאהל איז געזעסין רבי שמעון ברבי אונ ער האט אויס געלערנט א ספר תהלים פאר רבי. האט רבי געזאגט וויא גלייך איז געשריבען דאס געשריפט. האט רבי שמעון געזאגט ניט איך האב דאס געשריבען נאר יהודה חייטא האט דאס געשריבען. האט רבי געזאגט צו רבי שמעון גיי אוועק פון אזוי א לשון הרע. פרעגט דיא גמרא פריער איז רעכט עס איז געוועזען לשון הרע. אבער דא איצט וואס פאר א לשון הרע איז געוועזען. ער האט דאך געלויבט דעם יהודה חייטא אז ער שרייבט שיין. ענטפערט דיא גמרא אזוי ווי רב דימי דער ברודער פון רב ספרא האט געלערנט א מענטש זאל ניט לויבען זיין חבר. וואָרום פון דעם לויבען קומט מען צו שענדין. נאר מען דארף גאר ניט ריידין פון אנדערן מענטשין. ניט גוט ניט שלעכט. רב עמרם האט געזאגט פון רבם וועגין דריי עבירות טוהט יעדער מענטש אלע טאג. ער טראכט פון זנות. אונ אוב ער האט גוט געדאווינט. טראכט ער איך בין ווערט גאט זאל מיר געבין וואס איך פערלאנג ווייל איך האב גוט געדאווינט. אונ מען רעט לשון הרע. פרעגט דיא גמרא ריידין דען אלע לשון הרע. ענטפערט דיא גמרא אפשר לשון הרע ריידין ניט אלע. אבער שטויב פון לשון הרע ריידין אלע. רב יהודה האט געזאגט פון

אבק לה"ר. אמר רב יהודה אמר רב רובן בגזל ומיעוטן בעריות והכל בלה"ר לה"ר ס"ד אלא באבק לשון הרע:

(ד ף קסז) ג׳ אמר אביי האי מאן דבעי למחוי חתימת ידיה בבי דינא לא לחוי בסוף מגילתא דלמא משכח לה אחד וכתב דכסיק ביה זוזי ותנן הוציא עליו כתב ידו שהוא חייב לו גובה מנכסים בני חורין. ההוא בזבינא דאתא לקמיה דאביי א"ל נחזי לי מר חתימת ידיה דכי אתו רבנן אחוי ליה בריש מגילתא דוה קא נגיד ביה א"ל כבר קדמוך רבנן:

אבק לה"ר. כגון דאמר נורא בי פלניא בערכין: רובן בגזל. רוב בני אדם תשודים על הגזל כעין גזל שמורין להיתרא במשא ומתן לעבב מריות כראוי לנוכריכם:

למחוי חתימת ידיה בבי דינא. הוה צריך לכתוב חתימה ידו על קלף ונהשליך לב"ד כדי שיכירו ב"ר תהימתו כי ההיא דאמרינן פרק האשה שנתארמנה והו: בזבינא. מוכס ישראל הוה: ״י הלפי רבנן והבלר כתב ידך נחוי המכה אמתול להם הוה קא נגיד מושך נקלף כדי שיחתום לאפיי מלמטה:

אין חתימת ידי כיא שהיתה דומה לכתיבתו: בשלמא.

ד׳ ההוא שטרא דהוה חתים עליה רבא ורב אחא בר אדא אתא לקמיה דרבא א"ל אין חתימת ידא דידי היא מיהו קמיה דרב אחא בר אדא לא חתימי לי מעולם

מחוו לי מעברנא להו בלא מבכא כפתיה

---

פון רבם וועגן דאס מערסטע מענטשן האבן די עבירה פון גזלה. און אביסל מענטשן האבן די עבירה פון זנות. און אלע מענטשן האבן די עבירה פון לשון הרע. פרעגט די גמרא ריידן דען אלע לשון הרע. ענטפערט די גמרא אמתה לשון הרע ריידן ניט אלע. אבער שטויב פון לשון הרע ריידן אלע ולמשל איינער פרעגט ביים זיין חבר וואו קען איך בעקומען פייער. ענטפערט זיין חבר גיי אהין אין דיא שטוב דארט וועסטו באקומען פייער. ווייל דארט קאכט מען גאנצע טעג. דס הייסט שטויב פון לשון הרע:

ג׳ אמר אביי האט גזאגט אז א מענטש דארף שרייבן זיין נאמען און ווייזן ביי בית דין זיין אונטער שריפט. זאל ער ניט שרייבן א ויף דעם פאפיר אונטען אדער אין מיטען. טאמער וועט דיא שטיקל פאפיר פאר לוירן ווערן און איינער וועט דאס געפינען און ער וועט אויף שרייבן הויבן איבער זיין נאמען אז דער מענטש האט גיבארגט ביי אים געלט. און מיר האבן גילערונט אז איינער ברענגט צו בית דין א וועקסיל אז זיין חבר איז אים שולדיג הונדערט גילדין. און דער חבר האט אליין אונטער געשריבן זיין נאמען אויף דעם וועקסיל. נעמט ער אפ פון דעם פאר מעגין וואס ער האט פרייע ניט פאר קויפטע. נאר ער זאל שרייבן זיין נאמען אויף דעם פאפיר כון הויבן. אז איבער זיין נאמען זאל מען גאר ניט קענען שרייבן. איינר וואס איז גיוועסין נעבין א בריק אפ צו נעמען בריק געלט. איז ער אמאהל גיקומען צו אביי און האט גזאגט צו אים שרייב אויף דיין אונטער שריפט. און איך וועל דעם פאפיר מיט דיין אונטער שריפט נעמען צו זיך. אז דיא רבנן וועלין קומען אריבער גיין דעם בריק וועלין זיי מיר ווייזין דיין אונטער שריפט אז זייא זענין דיינע תלמידים וועל איך זעהן אז דיין אונטער שריפט וואס זיי וועלין האבן וועט זיין גלייך צוא דעם אונטער שריפט דיינעם וואס איך וועל האבין ביייא זיך וועל איך זייא לאזין אריבער גיין דעם בריק אן געלט. האט אביי גינומען א פאפיר און האט גיוואלט הויבין אויף שרייבין זיין נאמען. האט דער בריקער גיצויגין דעם פאפיר אז אביי זאל ניט שרייבין הויבין נאר אונטען ווארום ער האט גיוואלט אויף שרייבין א וועקסיל אויף אביין. האט אביי גזאגט צום בריקער דיא רבנן האבין שוין פריער פאר זארגט מען זאל ניט קענען מאכין פאלשע וועקסלין. האבין זייא גיהייסין שרייבין א חתימה הויבין ניט אונטען:

ד׳ ההוא. אויף א וועקסיל איז אמאהל גיוועזן גיחתמת צוויי עדות. רבא און רב אחא בר אדא. איז דער וועקסיל גקומען פר רבא. הט רבא גזאגט צו דעם מענטש דער אונטער שריפט איז טאקי מיינער. נאר איך האב מיך קיין מאהל ניט אונטער גע שריבען פריער פר רב אחא בר אדא. האט רבא גיהייסין מען זאל דעם מענטש בינדען. האט ער מודה גיוועזן אז דיא

כפתיה ואודי א"ל בשלמא דידי זייפת אלא דרב אחא בר אדא דרתית ידיה היכי עבדת אמר ליה אנחי ידאי אמצרא ואמרי לה קם אזרונקא וכתב :

(דף קעג ע"ב) **ה א"ר** הונא מנין לערב דמשתעבד דכתיב (בראשית מג) אנכי אערבנו מידי תבקשנו מתקיף לה רב חסדא הא קבלנות הוא דכתיב (שם מג) תנה אותו על ידי ואני אשיבנו אלא א"ר יצחק מהכא (משלי כז) קח בגדו כי ערב

תמות ידי מגית לזיופי שפיר משום דכהוד הא וכוונת כתיבתי : דרתית ידיה . מחמת שהיה זקן היתה ידו מרתתת : היכי . מגית לכוון כתיבתו : אמר ליה אנחי ידאי אמיצרא . בעבר האחד היה נסר קצר כמו גשר ובכפת הנהר מזה קבוע יתד ובעבר הנהר יתד אחד וקשור חבל מזה לזה וסומכין שם ידיהם כשעוברים על גבי אותו נסר צר ומרתת מכח המים ועל אותו נסר הנחתי ידי והיה מירתת כיד של זקן וזייפתי :
זרניקא . שקורין ציגול"א שדולין בו מים מן הבור (והוא מילתא ועליו הנהו ידי) : קם אזרונקא . עלה עליו ותפס וכל גופו נע ונד וידיו רותתות : מנין לערב דמשתעבד . במילוה בעלמא בלא קנין :

קבלנות. לקמן מפרש חן לו ולוי קבלן בהמירה בעלמא הוי קבלן והכי מוכח לקמן כשמעתין אבל הם כ"א ומן ביד אמרינן לקמן דאין למלוה על הלוה כלום : הנה אותו על ידי . כלומר כאילו מקבלו בידי ולהחזירו לך : קח בגדו . למלוה קאמר קח קח בגדו

---

חתימה איז אפאלשע . האט רבא גזאגט צוא דעם מענטש . מיין אונטער שריפט האסטו גיקענט נאך שרייבין . ווייל איך בין אויגער מענטש אונ דוא ביסט איונגער מענטש . אבער דעם אונטער שריפט פון רב אחא בר אדא וויא אזו האסטו נאך גישריבען . אים ציטערט דאך דיא האנט אונ דיר ניט . האט דער מענטש גזאגט אויף דעם טייך ליגט אשמאלע ברעטיל אריבער צוא גיין פון איין זייט טייך אויף דיא אנדערע זייט . אונ ווייל דיא ברעטל איז שמאל איז אויף דעם זייט טייך אריין גישטעקט אהאלץ אין דיא ערד . אונ אויף דיא אנדערע זייט טייך איז אריין גישטעקט אהאלץ אין דיא ערד . אונ פון איין האלץ ביז צום אנדערין האלץ איז אן גיבונדען אשטריק . אז מען גייט איבער דעם וואסער אויף דיא שמאלע ברעטיל . האלט מען צוא מיט דיא הענט דעם שטריק מען זאל ניט אריין פאלין . אונ דאס ברעטיל שאקלט זיך פון דיא וואסער . אונ אויף דעם ברעטיל האב איך גילייגט די האנט ווען איך האב געשריבען דעם אונטער שריפט פון רב אחא . האט מיר די האנט געציטערט . האב איך גוט נאך געשריבען זיין אונטער שריפט . אנדערע זאגין אזוי האט דער מענטש גזאגט צו רבא . איך האב מיך גישטעלט אויף דעם העקער וואס מען שעפט מיט אים וואסער פון ברונען . אונ דער העמער האט זיך גישאקילט האב איך מיך אויך גישאקילט האבין דיא הענט מיינע געציטערט ווען איך האב געשריבען דעם אונטער שריפט פון רב אחא בר אדא :

**ה אמר** . רב הונא האט גזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז א ערב מוז בצאהלין ולמשל ראובן האט גזאגט צו שמעון בארג געלט צו לוי . אונ אויב לוי וועט דיר ניט בצאהלין וועל איך דיר בצאהלין . אונ שמעון האט גיגעבין דאס געלט צו לוי . אונ לוי האט ניט בצאהלט . פון וואנען ווייסען מיר אז ראובן דארף בצאהלין . ווארום עס שטייט אין פסוק יהודה האט גזאגט צום פאטער איך בין ערב פאר בנימין פון מיין האנט וועסטו אים פאר לאנגען . איך זאל דיר אים צוריק געבין . האט רב חסדא גיפרעגט יהודה איז דאך גיווען א ערב קבלן . ווארום יהודה האט גינומען בנימין פון יעקבס האנט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יהודה האט גזאגט צו יעקב גיב בנימין אויף מיין האנט אונ איך וועל דיר אים צוריק געבין . דריבער איז געווים אז יהודה דארף צוריק שטעלין בנימין צום פאטער . אונ למשל אז ראובן וואלט גינומען געלט פון שמעון אונ ווארט גיגעבין צו לוי . ווייסין מיר געווים אז ראובן דארף דיא געלט צוריק געבין צו שמעון . ווארום וואס האט שמעון מיט לוי . אבער אז ראובן האט ניט גינומען דאס געלט פון שמעון . ער האט נאר גזאגט צו שמעון בארג דאס געלט צו לוי אונ אויב לוי וועט ניט בצאהלין וועל איך בצאהלין אונ שמעון אליין האט גיגעבין דם געלט צוא לוי אונ לוי האט ניט בצאהלט פון וואנען ווייסען מיר אז ראובן דארף בצאהלין . האט רבי יצחק גזאגט פון דעם פסוק ווייסין מיר . דער פסוק זאגט צום מלוה נעם דיא קלייד פון ערב . ווייל ער האט ערב גיווען פאר אפרעמדין אונ פאר דעם פרעמדין וואס ער האט פאר אים

ערב זר ובעד נכריה חבלהו ואומר (שם ו) בני אם ערבת לרעך תקעת לזר כפך נוקשת באמרי פיך נלכדת באמרי פיך עשה זאת אפוא בני והנצל כי באת בכף רעך לך התרפס ורהב רעך אם ממון יש לו בידך התר לו פסת יד ואם לאו הרבה עליו רעים :

(דף קעו ע"ב) ין משנה אמר רבי ישמעאל הרוצה שיחכים יותר יעסוק בדיני ממונות שאין לך מקצוע בתורה יותר מהם והם כמעין הנובע והרוצה שיעסוק בדיני ממונות ישמש את שמעון בן ננס :

בגדו של ערב כי ערב בשביל איש זר דהיינו אמירס בשלמא דלא כתיב הכא קבלנות : בני אם ערבת לרעך . ממון אם תקעת באמרי פיך שחרפתו וגדפתו : עשה זאת אפוא בני והנצל . משני דברים כאלו : על כי באת בכף רעך . דהיינו ממון פיש לו עליך : לך התרפס התר לו פסת ידך ותן לו מעותיו ורהב רעך על הגאלפיט הרבה עליו רעים ובקש מחילה :

# הדרן עלך מסכת בבא בתרא

ערב געווען זאלסטו געמען ביי אים משכנות . נאך זאגט דער פסוק מיין זוהן אויב דוא האסט ערב געוועזן פאר דיין חבר . דוא האסט גיגעבין דיין האנט פאר אפרעמדין . אדער דוא ביסט גישטרויכלט גיווארין מיט דיא זאג פון דיין מויל . דוא ביסט בצוואנגען גיווארין מיט דיא זאג פון דיין מויל (דאס מיינט מען דוא האסט איינעם גיפלוכט אונ געזידלט) . איצט מיין זוהן זאלסטו אזוי טאהן וועסטו גירעטעט ווערין . אויב דוא ביסט גיקומען אין דיא האנט פון דיין חבר . דוא האסט גיגעבין דיין חבר דיא האנט דוא זאלסט בצאהלין אפרעמדין חוב . לך התרפס . העפין אויף דיא האנט דיינע אונ בצאהל דאס געלט . אונ אויב דוא האסט דיין חבר גיפלוכט אדער געזידלט : רהב רעך . זאלסטו גרויס מאכען דיין חבר אונ זאלסט שיקען צו אים פיל גוטע פריינד אים איבער בעטין . דאס מיינט דיא גמרא אז ממון יש לו בידך . אויב דיין חבר מאנט ביי דיר געלט . התר לו פסת יד . העפין אויף דיין האנט אונ בצאהל איהם זיין געלט . ואם לאו . אונ אויב ער מאנט ניט ביי דיר קיין געלט . נאר ער איז בייז אויף דיר וייל דו האסט איהם גירעט שלעכטע רייד . הרבה עליו רעים . זאלסטו שיקען צו אים פיל גוטע פריינד איהם איבער בעטין :

ין משנה . אמר . רבי ישמעאל האט גזאגט ווער עס וויל קלוג ווערין זאל ער לערנען די דינים פון געלט האנדיל : וואורום עס איז ניטא קיין גרעסערע חכמה אין דיא תורה וויא אין דינים פון געלט האנדיל . דאס איז אזוי וויא אקוואל וואס מער וואסער מען שעפט פון איהם קומט אלץ צוא פרישערע וואסער בעסערע . אזוי וואס מער מען לערנט דיא דינים פון געלט האנדיל קומט אלץ צוא נייע דינים מיט מער חכמה . אונ ווער עס וויל לערנען דיא דינים פון געלט האנדיל . זאל ער בדינען (לערנען) ביא רבי שמעון בן ננס . ער האט אין דיא דינים גרויס חכמה :